STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02590

ALE VERK

Sholem Aleichem

*Permanent preservation of this book was made possible
by David Bern
in memory of
Israel Bernbaum*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק
פון
שלום עליכם

פאַרלאַג איקוף
בוענאס איירעס

1955

OBRAS COMPLETAS DE

SCHOLEM ALEIJEM

TOMO VIII

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
EDITORIAL "ICUF"
BUENOS AIRES, 1955

Queda hecho el depósito que marca la ley.

Copyright by the
Estate of Olga Rabinowitz
New York

אַלע ווערק

פון

שלום עליכם

★

באַנד VIII

ערשטע בוך

לכבוד יום-טוב

צווייט בוך

לכבוד יום-טוב

לכבוד יום-טוב

ערשט בוך

אינהאַלט:

אַרבע כוסות	11
בחפזון	18
אַף פּסח אַהיים	29
כל נדרי	48
שמחת־תורה	74
די ערשטע נאַכט פּסח אַף דער מילחמה	82
אַקדמות	91
דער סדר	100
נישטאָ קיין נײַעס	103
אַ פרײַער פּסח	110
בלינצעס	125
קנאַרטן	147
המן און מרדכי	166

אַרבע כוסות

איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ ווײַנשענקער. איך בין אַ ווײַנשענקער פון כמה וכמה יאָרן. בײַ מיר אין קעלער קאָנט איר געפינען אַלטע ווײַנען, וואָס זײַנען שוין אַלט... שאַ, אָט וועל איך אײַך זאָגן. אויב איר געדענקט — נאָר איר קערט אוודאי געדענקען — פאַר דעם ערשטן טערקישן קריג בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אײַנגעלאָזט קיין אַקערמאַן און קיין פעאָדאָסיע אײַנקויפן אַ ראַמשל מיט ווײַן. מילא, די חידושים פונעם דאָזיקן לאַנד, וואָס איז באמת אַן „ארץ זבת חלב ודבש‟, און דער פחד מיט דער מורא פון דער מלחמה, — דאָס איז אַליין כדאי, כלעבן, באַשרײַבן צו ווערן אין אַ ייִדיש בלאַט; נאָר אַזוי ווי עס איז צום ערב יום־טוב, און די הויפּט־לייזונג איז בײַ מיר פאַר פּסח, מחמת — איר ווייסט דאָך — ווען דאַרף אַ ייִד ווײַן? — פּסח אױף אַרבע כוסות; לכן, בין איך אַצינד שטאַרק פאַרנומען מיט די קונים און קאָן זיך נישט אָפּגעבן מיט אַזעלכע זאַכן, ווי אַ פעליעטאָן צו שרײַבן, וואָס בײַ מיר איז דאָס, אייגנטלעך, גאָר אַ דבר־שיבוש, גאָר אַ קלייניקייט, אַ שפּילכעלע. וואָרעם, באמת, למאי זאָלן מיר זיך נאַרן? אַ ייִדישן פעליעטאָן, אַ פעליעטאָן אױף פּשוט ייִדיש, — אויך מיר אַן עסק! וועלכער ייִד קאָן נישט אָנשרײַבן אַ ייִדיש בריוול? מע נעמט אַ פּען, מע שרײַבט — שרײַבט זיך...

בקיצור, בין איך געווען איין מאָל אין מײַן לעבן אין אַקערמאַן און האָב געבראַכט פון דאָרט אַ ראַמשל מיט ווײַן, זאָג איך אײַך, אַז עס איז געווען אַ דבר פלא; און איבערהויפּט האָב איך געבראַכט פון דאָרט אַ „ווימאָראָזיג‟, וואָס עס שטייט נאָך עד היום פון אים אַ פעסל ווימאָראָזיג, שוין אַ געמישטער, פאַרשטייט איר מיך, מיט אַ „באַרדיטשעווער טענעדאָס‟, שוין עטלעכע מאָל געמישט, דערגאָסן, פאַרפּראַוועט, איבערגעמאַכט און

צוגעזעצט מיט א „בעסאראביער־ריין־ווײַן" — און האלט זיך נאָך עד היום הזה מיט זײַן שטאָלץ, מיט זײַן לויטערקייט, מיט זײַן מתיקות, מיט זײַן גלאַטקייט, מיט זײַן געשמאַק, מיט זײַן וואסער... דאָס הייסט מיט זײַן וואסערקייט... מיט זײַן... מיט... מיט... מיט..

פון דעמאָלט אָן, דאָס הייסט, פון דער ערשטער מלחמה אָן, בין איך שוין קיין קרים מער ניט געפאָרן, מחמת ווײַן האָב איך געבראַכט דער־מאָלט זייער א סך, א גוזמא ווײַן, אזוי אז ס'איז געווען גענוג פאר מיר אַף עטלעכע יאָר — און דאָס שטעטל, ווייסט איר דאָך, איז א קליין שטעטל — און נאָכדעם, אַז אייניקע סאָרטן ווײַן האָבן בא מיר אָנגעהויבן אויסצוגיין, האָב איך שוין מסתמא אָנגעהויבן צו באַציִען ווײַן פון... דאָס הייסט, איך באַצי אים שוין דאָרטן; איך האָב שוין ווײַן אַלע יאָר, לאָז איך אײַך דאכטן, ניט קיין גאָר שלעכטער ווײַן, וואָרעם קיין אקער־מאַן פאָר איך שוין ניט — דאָס איז אמת, אָבער א מבין בין איך, ברוך השם, גלײַך מיט אַלע באַרדיטשעווער ווײַנשענקערס, און די קונים, וואָס איך האָב, וועלן די באַרדיטשעווער ווײַנשענקערס ניט האָבן צײַט זיי וועלן לעבן, דען מײַנע קונים אַליין זײַנען אויך גרויסע מבינים אַף ווײַן. מײַנע קונים זײַנען פאַרשיידענע קונים: ס'איז דאָ אַזעלכע קונים בא מיר, וואָס זיי קומען־אַרײַן צו מיר אין קעלער „פאַרזוכן ארבע־כוסות־ווײַן" תיכף נאָך שושן־פורים; און ס'איז דאָ קונים, וואָס קומען צו מיר „אויסקלויבן ארבע־כוסות־ווײַן" א צוויי־דרײַ טעג פאַר פּסח; און ס'איז דאָ בא מיר ווידער אַזעלכע קונים, וואָס טרעטן ניט אַרײַן צו מיר ביזן ערב פּסח אַרײַן, און די מחיה גייט כמעט ביז ליכטבענטשן. אַזעלכע „כאַפּערס" האָב איך פײַנט; איך קאָן זיי ניט סובל זײַן; זיי גיב איך שוין איבער מײַן פּלוניתטע, און זי רעכנט זיך שוין מיט זיי אָפּ, ווי זי פאַר־שטייט — און זי איז גאַנץ גערעכט, כלעבן: למאי זאָל א ייִד אָפּלייגן „ארבע כוסות" אַף לעצט? וואָס איז? פאַר וואָס איז דאָס א קלענערע מצווה פון אַלע אַנדערע מצוות?

דער בעסטער, דער לײַטישער פון אַלע מײַנע קונים, וואָס איך האָב ליב — איז מיכאל־מנשה דער שטילער, א גאַנץ לײַטישער ייִד, א שטי־לער מענטש, א באַרוטער מענטש.

— זײַט זשע מוחל, — זאָגט ער צו מיר, אַרײַנקומענדיק תיכף נאָך שושן־פורים מיט צוויי גרויסע גרינע סלאָיעס, מיט דרײַ פלעשער און מיט

א קליין פלעשעלע — און מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין קעלער אַרײַן מיט צוויי גלעזלעך אַף צו פאַרזוכן. די גלעזלעך צאַפּ איך אָן פול, און מיר טראָגן זיי ביידע צו צום מויל. דעם ערשטן זופּ שלינגט מיכאל־מנשה נישט אַראָפּ; ער האַלט אים עטלעכע מינוט אַף די ציין און דרייט מיט דער צונג אין מויל אַ היפּשע ווײַלע, און ערשט נאָכדעם נעמט ער אים אַרויף אַף די ליפּן. זאָגן זאָגט ער גאָרנישט — ער איז, בכלל, אַ גרויסער שווײַגער, — ער טוט נאָר אַ מאַך מיטן קאָפּ, און איך פאַרשטיי שוין, וואָס דאָס הייסט.

— דאָס איז דער אַקערמאַנער, רב מיכאל־מנשה! — זאָג איך אים.

— אַצינד וועלן מיר זיך נעמען צום „זמירער ווײַן"... נו, וואָס זאָגט איר עפּעס אַף דעם „זמירער", רב מיכאל־מנשה?

— גוט! — ענטפערט ער מיר.

— נו, און ווי געפעלט אייך דער „ליסאַבאָנער באָרדאָ", רב מיכאל־מנשה?

— גוט!

— נו, וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, רב מיכאל־מנשה, אַפּן „טער־קישן פּאָרט־ווײַן"?

— גוט!

אָט דער דאָזיקער „קאַוועשאַנער פראַנצווײַן" איז מײַן אַרבעט, רב מיכאל־מנשה, נישקשה? האַ?

— גוט!

— איר ווילט אָט דעם, רב מיכאל־מנשה? דאָס איז אַ „היימישער פּאָרטוגאַל". ווי געפינט איר אים?

— גוט!

הכלל, מיכאל־מנשה ווייס, אַז קיין שלעכטן ווײַן האָב איך נישט, און ווען איך זאָל אַפילו יאָ האָבן אַ שלעכטן (ס'איז גאָר נישטאָ קיין ש ל ע כ ט ע ר ווײַן; וואָס הייסט ש ל ע כ ט ע ר ווײַן?), וואָלט איך אים אויך נישט געגעבן. דערפאַר איז ער צופרידן פון מיר, און איך פון אים.

דער צווייטער מבין בײַ מיר איז — גדליה־לייזער דער הויכער. ער איז אַפילו אַ ביסל אַן אויסטראַכטער, — סע מאַכט זיך אַמאָל אַ מפונק, — דאָך קאָן מען אַף אים נית זאָגן, אַז ער איז חלילה נית קיין מבין.

— אנו, קום נאָר, קום! — מאַכט ער צו מיר און שלעפּט מיך אַראָפּ פֿאַר אַ האַנט אין קעלער אַרײַן. מיר „אירצן" זיך ניט, מיר האָבן אין איין חדר געלערנט אַמאָל, חברים געווען. — אנו, ווײַז נאָר, ווײַז אַקאָרשט דעם אַקערמאַן! ער הייסט נאָך אַלץ באַ דיר „אַקערמאַן?" ס'וואָלט שוין צײַט געווען, ער זאָל הייסן באַ דיר „באַרדיטשעווּ", ניט „אַקערמאַן".

— וואָס עפּעס „באַרדיטשעווּ"?

— וואָס עפּעס „באַרדיטשעווּ", פֿרעגסטו? שוין דאָ, דאַכט זיך, אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, אַז דו ביסט געווען אין אַקערמאַן, און פֿון דעמאָלט אָן הייסן באַ דיר נאָך אַלץ ווײַנען „אַקערמאַן"... נו, ווײַז שוין, ווײַז אַהער דײַן פּראַנצוווײַן פֿון צימוקים.

— פֿון וואָסערע צימוקים?

— פֿון די ראָזינקעס, וואָס דו מאַכסט דעם פּראַנצוווײַן. קוק אים אָן, ווי ער מאַכט זיך עס אַ ביסל געפֿגרט! פֿאַר מיר האָסטו זיך ניט וואָס צו באַהאַלטן, ברודער! הײַנט גיב מיר נאָך אַ צוויי קוואַרט פֿונעם „זמי־רער"; נאָר איך בעט דיך, ס'זאָל זײַן אַ ביסל ווינציקער צוקער אין אים, מחמת ביז איך וועל אים דערטראָגן אַהיים, וועט ווערן פֿון אים אָדער ספּירט, אָדער עסיק.

— ביסט משוגע, צי חסר־דעה, גדליה־לייזער?!

— נו־נו־נו! ווייסט דאָך, אַז איך האָב פֿײַנט אָט די אָנשטעלן! הײַנט גיב מיר אַ קוואַרט ווײַן אַ ריינעם, אַ כשרן, ניט קיין געשמדטן, אָן וואַסער, אָן סיראָפּ, אָן ראָזינקעס און אָן די אַלע דײַנע צוזעצעכצן. איך קען דאָך דיך: צו דיר אַז סע קומט אַרײַן אָן עמער ווײַן, קאָנסטו זיך נישט אײַנהאַלטן און פּראַוועסט אים אַזוי לאַנג, ביז סע ווערט פֿון אים אַ גאַנצע פּאַס, און דו טראַכסט אים צו משונה־ווילדע, משוגענע נעמען, און דער עולם לעקט פֿון אים די פֿינגער, גלײַך ווי פֿון עפּעס רעכטס.

— גיי שוין, גיי, גדליה־לייזער, דו ביסט אַ גוטער לץ...

דער דריטער קונה, פֿון די מבינים, איז באַ מיר דווקא אַ געמיינער ייִד, אַ ייִד אַ שוחט, רב וואָליקע דער שוחט. רב וואָליקע האָט אַפֿילו ליב אויסקאָכן דאָס וואַסער און הייסט זיך אָפּטמאָל געבן אַזאַ ווײַן, וואָס ניט נאָר אין אַקערמאַן, אַפֿילו אין שפּאַניען וואַקסט נישט אַזעלכער; דאָך איז רב וואָליקע דער שוחט אַ מבין אױף אַ גלעזל ווײַן, און וויבאַלד אַ מבין,

אזוי איז ער מיר שוין איינגעבאקן אין הארצן.

— אייער „זמירער" — זאָגט רב וואָליקע דער שוחט און קנייטשט מיט דער נאָז — אייער „זמירער" איז היינטיקס יאָר עפּעס ניט געראָטן.

— דהיינו, רב וואָליקע, מיט וואָס?

— דהיינו, מיט דעם, וואָס ער האָט נישט אין זיך די ווייניקייט, די מאָסטקעקייט מיטן גלאַטקייט, וואָס ער האָט געהאַט פאַראיאָרן.

— ווייסט איר זשע, רב וואָליקע, פאַר וואָס דאָס איז אזוי?

— פאַרוואָס? אדרבה?

— דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נאָך באַדאַרפט א קאָפּ אויסשטיין; פאַראיאָרן איז געוועזן אַן עבור־יאָר, איז ער מער אויסגעשטאַנען...

— סקאָן זיין, — ענטפערט רב וואָליקע דער שוחט, פאַרזוכט דעם רויטן וויין און מאַכט מיט די ליפּן.

— נו, וואָס וועט איר זאָגן, רב וואָליקע, אפן „פּוילישן באָרדאָ" עפּעס? איאָ, סע נעמט?

— נעמען נעמט עס; ס'האָט אָבער נישט אין זיך דאָס „שפּיצל", וואָס פאַראיאָרן.

— וואָסער שפּיצל?

— דאָס שפּיצל, וואָס עס שפּיצלט אפן שפּיץ צונג.

— אָ? דאָס מיינט איר? דאָס קאָן ניט זיין, רב וואָליקע. איך מוז עס אייך מסביר זיין, געבן צו פאַרשטיין. די מעשה דערפון איז אזוי: יעדער וויין, בשעת ער איז נאָך ווייַן, האָט ער אין זיך אי א מתיקות, אי א זיסקייט, אי א ווייניקייט. די מתיקות גופא האָט אויך אין זיך א ווייניקייט און די ווייניקייט האָט אין זיך א זיסקייט... יאָ, איז אַז עס קומט זיך צונויף די זיסקייט פונעם ווייניקייט און די ווייניקייט פונעם זיסקייט, קומט שוין דערפון אַרויס א זיס־ווייניקייט, אָדער א ווייניק־זיסקייט. דערפאַר קאָן עס שוין ניט האָבן אין זיך דאָס... דאָס... ממשות, דעם רעכטן, דעם שאַרפן שפּיץ פונעם... איר פאַרשטייט?

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי! — זאָגט רב וואָליקע דער שוחט, און דערפאַר האָב איך אים ליב, וואָס ער פאַרשטייט א זאַך, אַז מען גיט זי אים צו פאַרשטיין.

די איבעריקע קונים מיינע, פון די מבינים, האָט דאָך נישט קיין

שיעור און קיין ערך צו באשרייבן, דען יעדערער האט זיך זיינע מעלות מיט זיינע הסרונות, זיינע קאפריזן מיט זיינע משוגעתן, און דער וויינ־שענקער מוז עס אלעמען אויסשטיין און איבערטראגן.

נאר דאס איז נאך אלץ גערעדט געווארן עטלעכע טעג פאר פסח; אבער דעם טאג פון ערב פסח דארף מען זיין טאקע ממש פון אייזן, אז מע זאל עס קאנען איבערטראגן; דעמאלט מיש איך זיך שוין מער ניט, און לאז איבער דעם גאנצן פדיון אף מיין זוגתי, וועלכע איז, ניט צו פארזינדיקן, דערצו א בריה נפלאה, א געשליפטע זאך.

— גיט מיר פונעם רויטן, שרה־דבורה, פונעם רויטן! — שרייט מען צו איר פון אלע זייטן.

— ווי טייער איז בא אייך וויין, שרה־דבורה?

— גיט מיר פון דעם, וואס פאראיארן!

— איך וויל נישט פונעם פאראיאריקן; פאראיארן האט איר מיר געגעבן בארשטש, ניט קיין וויין!

— איך האב בא אייך געבעטן רויטן, און איר האט מיר געגעבן ווייסן!

— וואס פאר א ביסל עסיק האט איר מיר געגעבן, שרה־דבורה?

— גיט מיר פון דעם, וואס מיין טאטע האט ליב!

— גיט מיר פון דער גרויסער פאס, שרה־דבורה, פון דער גרויסער פאס איז בעסער!

— גיט מיר א האלבע קווארט רויטן און א האלבע ווייסן.

— גיט מיר וואסערע איר וועט מיר געבן, אבי וואלוול.

— גיט מיר גיכער, שרה־דבורה. שוין צייט אין שול אריין.

— אין שול אריין! מען גייט שוין אין שול אריין! דער עולם לויפט שוין אין שול אריין!...

* * *

אמת, אמת. דער עולם לויפט שוין אין שול אריין... אך, ווי שיין דאס איז! ווי גרויסארטיק! מלכים בני מלכים!... אנגעטאן גייט מען אין בגדי־

מלכות. די נײַע קאַפּאָטקעלעך בײַ די קלײנע קינדער, בײַ די װײַסע־חברה־ניקעס, קנאַקן. די שטיװועלעך סקריפּען. די היטעלעך גלאַנצן. און אױפן הארצן? — אַך, אױפן הארצן איז עפּעס אַזױ אױפגעלײגט, אַזױ גוט, אַזױ פרײַ!

— שרה־דבורה! פאַרשלים שױן דעם קעלער! שרה־דבורה, אַן עק! אױס פּדיון! געגנוג! אױס װײַנשענק! שױן יום־טוב! יום־טוב!...

געשריבן אין יאָר 1888

בחפזון

(כאפנדיק)

א בריוו פון מנחם־מענדלען צו
שלום עליכם

כי בחפזון יצאת מארץ מצרים — ווארעם כאפנדיק ביסטו ארויסגעגאנגען פונעם לאנד מצרים.

(דברים ט״ז, ג׳)

שלום לכבוד ידידי היקר וכו׳ וכו׳ מוהר״ר שלום־עליכם נ״י.

ר א ש י ת באתי להודיעכם, אז איך בין, ברוך השם, בקו החיים והשלום; השם יתברך זאל העלפן, מע זאל תמיד הערן איינס פונעם אנדערן נאר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות, אמן. ו ה ש נ י ת, הנה זייט וויסן, אז איך בין מיט גאטס הילף א „מלך", דאס הייסט, איך בין געקומען בשלום אף פסח אהיים קיין כתרילעווקע צו מיין ווייב און קינדער, צו מיין שווער און שוויגער און צו אלע מיינע ליבע און געטרייע, און איך אייל מיך, מיין ליבער טייערער פריינט, אייך מודיע זיין וועגן דעם כאטש אין קורצן, מחמת לאנג מאריך זיין קאן איך נישט, ס׳איז ערב פסח, און ערב פסח באדארף א ייד טאן אלצדינג ב ח פ ז ו ן , אף איין פוס, ווי אין פסוק שטייט געשריבן: „כי — ווארעם, בחפזון — אייַלנדיק, יצאת — ביסטו ארויסגעגאנגען, מארץ מצרים — פונעם לאנד מצרים". נאר פון וואס זאל איך אייך שרייבן פריער — ווייס איך אליין נישט. מיר דאכט, אז איידער עפעס־וואס בין איך מחויב אייך צו געבן א שיינעם דאנק און א גרויסן שבח פאר אייער קלוגער עצה, וואס איר

האָט מיר געגעבן, אַז איך זאָל ווערן אַ שדכן. איך וועל אײַך, גלייבט מיר, אייביק און אייביק נישט פאַרגעסן, וואָס איר האָט מיט מיר געטאָן: איר האָט מיך אַרויסגעצויגן מעבדות לחירות, איר האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פונעם גיהנם פון יעהופּעץ, און איר האָט מיך אויסגעלייזט פון דער ווײַטער פינצטערער פּרנסה, פונעם מעקלערײַ, און איר האָט מיר געגעבן אין האַנט אַרײַן אַ שיינע פּרנסה, אַ לײַטישע, אַ בכבודע, — לפיכך דערפאַר בין איך מחויב אײַך צו לויבן און צו רימען, צו בענטשן און באַשיינען אײַער נאָמען, אַזוי ווי איר האָט דאָס באַ מיר ערלעך פאַרדינט, און לאָז אײַך גאָט באַצאָלן בכפל כפלים, אָמן! אמת, איך האָב נאָך אַפילו קיין שידוכים ביז אַהער נישט אויסגעפירט, נאָר עס פירט זיך באַ מיר, עס דרייט זיך, און וויבאַלד עס דרייט זיך, איז אַ האָפענונג, אַז עס וועט זיך מסתמא, מיטן אייבערשטנס הילף, עפּעס אויסדרייען. ובפרט, איך אַרבעט נישט אַליין. איך אַרבעט בשותפות מיט נאָך שדכנים, מיט די גרעסטע שדכנים פון דער וועלט: מיט רב אליקום דעם לאַנד־שדכן, מיט רב מענדל בראָדער, מיטן שמאַרגאָנער שדכן, מיט מאָטל שאַפּראַן, און מיט יענטיסן, און מיט רב שלום שדכן, און מיט נאָך אַ סך אַנדערע, — און געלויבט איז השם יתברך, איך האָב אַ נאָמען אויף דער וועלט. ווּהין איך קום און שטעל מיך פאָר „מנחם־מענדל פון יעהופּעץ“, בעט מען מיך זיצן, מע דערלאַנגט טיי מיט אײַנגעמאַכטס און מע פאַרנעמט זיך מיט מיר„ ווי מיט אַ ליבן גאַסט, און מע באַווײַזט מיר די כלה, און די כלה באַווײַזט מיר וואָס זי קאָן, זי צערעדט זיך מיט דער גובערנאַנטקע אויף פראַנצויזיש, שיט ווי פון אַ זאַק, און די מחותנתטע זיצט אַקעגן און אויסגעשלייערטע און לאָזט נישט אַראָפּ פון מיר קיין אויג, ווי איינער רעדט: „נו, ווי געפעלט זי אײַך? איאַ, זי קאָן?“... איך אַליין האָב אויך געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער אויף פראַנצויזיש און פאַרשטיי שוין אַ ביסל די שפּראַך; למשל, אַז מע זאָגט מיר: „פּאַרלייו ווּ פראַנזי?“ (וואָס מאַכט איר עפּעס אין געזונט?), זאָג איך: „מערסי באָנדזשור“ (געלויבט איז השם יתברך). נאָכדעם זעצט מען אַוועק די כלה, זי זאָל מיר אַ ביסל שפּילן אויפן פּערדעפּיאַן שטיקלעך פון „גאָלדאַוני“ און פון „שולמית“ — מחיה נפשות, ממש עס צעגייט זיך אין יעדן אבר! און דער מחותן מיט דער מחותנתטע דערוויילע פאַרבעטן מיך, איך זאָל בלײַבן אויף וואַרעמס.

מהכתיתי, פאַרוואָס נישט? באַם טיש רוקט מען מיר אונטער דאָס שענ־סטע שטיקל פלייש און מע האָדעוועט מיך מיט צימעסן אין דער וואָכן. נאָכן עסן מאַך איך אַ שמועס מיט דער כלה: „וואָס, זאָג איך, איז אײַער באַגער — אַ יוריסט, אַ הינדזשיניר, צי אַ דאָקטער?" — „געוויינטלעך, זאָגט זי, אַ דאָקטער". און זי הייבט־אָן ווידער שיטן אַף פראַנצויזיש מיט דער גובערנאַנטקע, און דערווײַלע קומט־אונטער די מחותנתטע און באַ־ווײַזט מיר דער טאָכטערס האַנטאַרבעט. „איר אויסנייעכץ מיט איר שטי־קעכץ פאַרנעמט אַן אויג, זאָגט זי; הײַנט איר גוטסקייט פאַרמאָגט נישט קיינער; שטיל, זאָגט זי, ווי אַ טויב, און קלוג, ווי דער טאָג!" אויך דער מחותן פון זײַן זײַט מאָלט מיר אויס דעם יחוס זײַנעם, פון וואַנען ער שטאַמט און וועמענס איידעם ער איז, ווער איז געווען זײַן זיידע און זײַן עלטערזיידע, און ווער זײַנען זײַנע מחותנים — אַלץ פײַנע מענטשן, גבירים, אדירים, און מיוחסים, די שענסטע אין דער וועלט! „נישטאָ באַ אונדז, זאָגט ער, קיין פּראָסטער מענטש אין דער משפּחה"... „און קיין אָרעמעלייט, זאָגט זי, אויך נישט"... „נישטאָ קיין איינציקער בעל־מלאכה", זאָגט ער... „נישט קיין שנײַדער, זאָגט זי, נישט קיין שוסטער"... „קיין שאַרלאַטאַנעס, זאָגט ער, איז באַ אונדז נישט פאַראַן"... „און קיין משומדים, זאָגט זי, אַוודאי ניט"... און נאָכדעם, באַם געזעגענען שוין, טו איך אַ זאָג דעם מחותן, אַז די הוצאות, וואָס קאָסט הײַנט אין וועג, איז נישט אויסצושטיין... און אויב ער איז נישט קיין גראָבער נאַר, שטויסט ער זיך, וואָס מע מיינט, און קערט־אום פאַר הוצאות... איך זאָג אײַך, ידידי יקירי, דאָס שדכנות איז גאָר נישט קיין שלעכטע פּרנסה, און ווער שמועסט, אַז גאָט העלפט, מע פּירט נאָך אויס אַ שידוך! באַ מיר האָט זיך דערווײַלע, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, נאָך נישט אויסגע־פירט גאָרנישט, עס קלעפּט זיך עפּעס נישט! תחילת באַווײַזט זיך דאָס, דאַכט מיר, גאָר גלײַך, וואָס גלײַכער קאָן שוין ניט זײַן, אָנגעמאָסטן משׁשת ימי בראשית, צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז סע הייבט זיך גאָרנישט אָן: דעם געפעלט ניט די מויד, דאָרט איז צו אַלט דער בחור, דאָ איז צופיל יחוס, דאָרט איז ווינציק געלט, דער וויל דאָס טעלערל פונעם הימל, און דער ווייס אַליין נישט וואָס ער וויל, — וואָס זאָלט איר קלערן, ס'איז פאַראַן דערבײַ גענוג צרות, מיט יסורים, מיט בויכווייטיק,

מיט וואָס איר ווילט! אָט שטיי איך איצט אין אַ פּאָר שידוכים, געוויינט־לעך, מיט נאָך שדכנים, וואָס אַז דער אייבערשטער זאָל רחמנות האָבן און זיי פירן זיך אויס, וואָלט מיט זיי געקלונגען די וועלט.ביידע צדדים זיינען גבירים אדירים, און מיוחסים — איינע אין דער וועלט, און זייערע טעכטער זיינען ביידע יפת־תוארס, וואָס מע קריגט זיי ניט, פּלאַי־פּלאַים, ביידע העכסט־געבילדעט, ביידע גראַמטענע, גוטע, קלוגע, שטילע, און מיט אַלע מעלות, און איך האָב דווקא געגוג סחורה פון זייערטוועגן. אָט האָב איך, למשל, אַ דאָקטער פון אַ ד ע ס , וויל ער נישט ווינציקער פון למ"ד אלפים קארבן נדן, און ער מעג וועלן, וואָרעם וועדליק די פּראַק־טיקע, וואָס ער האָט, איז ער ווערט, זאָגט ער, אַ סך מער; און איינעם האָב איך פון שדה־לבן, אַן אַנטיקל, אַ קאַרעפּירער אתרוגל, ער איז אַ מציאה צוואַנציק טויזנט. און נאָך איינעם האָב איך אין יעהופּעץ, וויל ער נישט חתונה האָבן. און נאָך אַ סך דאָקטוירימלעך האָב איך, וואָס גייען־אויס חתונה האָבן. היינט האָב איך יוריסטן אַ גאַנצן פּאַק, פון פופצן טויזנט און פון צען טויזנט, און קליינע יוריסטלעך, אַזעלכע, וואָס מע וועט באַ זיי פּועלן פאַר זעקס טויזנט און פאַר פינף טויזנט, און אפשר פאַר ווינציקער אויך. היינט האָב איך הינדזשינירן אַ פּאָר, וואָס פּאַרדינען שוין אַליין געלט, און עטלעכע הינדזשינירלעך, וואָס זוכן זיך שטעלעס. היינט האָב איך אַ מיש־מאַש פון חתנים, אויסגעשפּילטע, אַנטיקן שבאַנטיקן, פון טעטרעוויץ, פון מאַקאַרעווקע, פון יאַמפּעלע און פון סטרישטש, ניט קיין שטודירטע, נאָר גלאַט אַזוי פיינע, אויסגעצייכנטע בחורימלעך, משכילים, ציוניסטן — הקיצור, ס'איז פאַראַן באַ מיר, קיין עין־הרע, פון וואָס אויסצוקלייבן. דער חסרון איז נאָר, וואָס דער חתן, וואָס וויל יענע כלה, וויל אים יענע כלה דווקא ניט; און יענע כלה, וואָס וויל דווקא יענעם חתן, וויל זי דער חתן ניט. וועט איר דאָך מסתמא פרעגן אַ קשיה: פאַר וואָס זאָל יענער חתן ניט נעמען יענע כלה, וואָס יענער חתן וויל זי נישט, און פאַרוואָס זאָל יענע כלה ניט נעמען יענעם חתן, וואָס יענע כלה וויל אים ניט? בין איך שוין אָבער אַליין אויך געפאַלן אַף דער עצה, נאָר סע גייט נישט. ווייסט איר, פאַר וואָס? עס מישן זיך אַריין אין מיטן פרעמדע מענטשן, גוטע פריינט, מיינען נישט דערבײַ חלילה קיין שום זאַך, און ריידן־אָן אַף ביידע חתנים

מיטביידע כלות; ווערט קאַליע דאָס גאַנצע שפּיל. דערווײַלע לויפן ברייוולעך הין און צוריק, מיט דעפּעשן — עס קערט זיך די וועלט! און דאָ איז אונטערגעשפּרונגען דער פּסח אין מיטן, האָט זיך געשטעלט ווי אַ ביין אין האַלדז און האָט אָנגעמאַכט אַ שטיקל איבערשלאָג. האָב איך מיך מיישב געווען: מײַנס וועט פון מיר נישט אַנטלויפן, ס'איז אַזאַ סחורה, וואָס ליגט זיך אויס, — פאַר וואָס זאָל איך מיך נישט אַראָפּ־כאַפּן אהיים אויף יום־טוב קיין כתרילעווקע, איך בין דאָרט אַזאַ צײַט נישט געוועזן? ס'איז נישט קיין יושר פאַר ווײַב און קינדער, נישט שיין פאַר לײַטן, און זיך אַליין איז דאָס שוין אויך אַ ביסל פריקרע. בקיצור, איך בין געקומען אויף פּסח אהיים און שרײַב אײַך פון דאַנען דעם דאָזיקן בריוו. וועט איר דאָך מיך פרעגן, למאי האָב איך אײַך נישט געשריבן ביז אהער? איז דער תירוץ: אַ ייִד איז פאַרמאַטערט, אַ ייִד האָט קיינמאָל קיין צײַט ניט, תמיד ב ח פ ז ו ן , נאָר געכאַפּט און נאָר געלאָפן; איך האָב אַלץ גערעכנט, ניט הײַנט איז מאָרגן, אָט־אָט פיר איך אויס מיט גאָטס הילף עפּעס אַ שידוך אַ רעכטן, וועל איך אײַך שוין אויסשרײַבן אַלצדינג אין פריידן. נאָר אַז עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז מײַנע אַלע שידוכים האָבן זיך אַ ביסל פאַרצויגן און געבליבן הענגען אין דער לופטן, ניט אַהין, ניט אַהער, האָב איך שוין אָפּגעלייגט מײַן שרײַבן צו אײַך אויף שפּעטער, ביז גאָט וועט מיך ברענגען בשלום אהיים.

אַצינד באַדאַרף מען אײַך באַשרײַבן, ווי אַזוי איז געווען מײַן קומען אהיים צו מײַן ווײַב און קינדער, באַשרײַבן אַלצדינג, אַזוי ווי איר האָט ליב; נאָר טאָמער וועט די באַשרײַבונג אויסקומען נישט אַזוי קײַלעכיק, ווי בײַ אײַך, זאָלט איר קײַן פאַריבל נישט האָבן; איטלעכער דרשנט אַזוי ווי ער קאָן.

אָנגעקומען אַהער בין איך, הייסט דאָס, מיט דער באַן נאָך געכטן, נאָר מחמת די בלאָטעס זײַנען דאָ זייער גרויס האָב איך מיך געשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט מיט דער פור, שיער ניט געבליבן דאָרטן פּסח האַלטן מיטן בעל־עגלה מיט די פערדלעך אינאיינעם. אײַך באַדאַרף זײַן באַקאַנט די היגע בלאָטע נאָך פון אַמאָל; נאָר פון זינט מע האָט פאַרקלערט אויספלאַסטערן די שטאָט מיט שטיינער, איז די בלאָטע, ווי אויף צו־להכעיס, געוואָרן נאָך גרעסער. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז מע גייט

שוין בײַ אונדז גאָר אַן קאַלאָשן, הפקר אַ וועלט, און ווײַבער זײַנען געפֿאַלן נאָך אַף אַ שענערער עצה: זיי גייען גאָר אין די זאָקן, אַ ברכה אַף זייערע קעפּ! געקומען אין דער פֿרי אין שטאָט אַרײַן, האָבן מיר, אַלע פֿאַרשווינען, געמוזט אַרויס פֿון דער בויד און גיין מחילה צופֿוס איבער אַלע גאַסן און איבערן גאַנצן מאַרק. עס האָט מיר געפֿלאַמט דאָס פּנים. באַקאַנטע האָבן מיך אָפּגעשטעלט אין מיטן דער בלאָטע, אָפּגעשטעקט שלום־עליכם איטלעכער מיט אַן אַנדער חכמהלע: „אַ, וואָס מאַכט אַ ייִד?"... „וואָס הערט זיך עפּעס אין יעהופּעץ אַפֿן יריד?"... „זעט נאָר זעט, ער גייט שוין אין אַ קאַפּעלוש מיט גומענע קאַלאָשן!"... — „לאַכט, לאַכט, — זאָג איך, און קוים־קוים וואָס איך שלעפּ די פֿיס פֿון דער בלאָטע, — איר מעגט טאַקע לאַכן; אַף דער גאַנצער וועלט באַדאַרף מען נאָך קאַלאָשן, און דאָ איז מען פּטור; בײַ אײַך איז טאַקע ארץ־ישראל"... בקיצור, מיר האָבן זיך יאַקאָש דערשלעפּט אַהיים. אין דער היים האָב איך געטראָפֿן אַ גיהנום. פֿונעם כשרן מיטן ראַמען, מיטן בראָטן, מיטן ברענען, שטייט אַ רויך, און פֿונעם געשריי מיטן געפּילדער פֿון די בעל־הביתטעם מיט די דינסטן איז אַ טאַרעראַם, אַ גוואַלד, מע קאָן טויב ווערן — אַ קלייניקייט, ערב פּסח! די ערשטע וואָס איז מיר געקומען אַקעגן, איז געווען די שוויגער זאָל לעבן, די אייגענע וואָס געווען, נישט געמינערט אַף אַ האָר. געשטאַנען איז זי אין דרויסן פֿון פֿאָרנט איבער עפּעס אַ הילצערן בעטל, דאָס טיכל פֿאַרבונדן אַרונטער מיט צוויי שפּיצן, אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שערבל מיט קאַרעסין, אין דער אַנדערער האַנט אַ פֿלעדערוויש, און געפּרעגלט די וואַנצן. מיך דערזען, איז זי ווינציק־וואָס נתפּעל געוואָרן, זיך געטאָן איר אַרבעט ווײַטער און גערעדט גלײַך ווי צו זיך אַליין, געשאָטן ווי פֿון אַ ראָזשעק:

— סקאָצל קומט, מע זאָל דערמאָנען משיחן... אָט איז ער דאָ, דער גענייִדעם... אַז עס גייט ניט אין היזק, זוכט זיך עס אָפּ... אַ ציג אַנטלויפֿט, אַ הון ווערט פֿאַרפֿאַלן, און אַ מאַן קומט צו פֿאָרן... צוריק קומט מען נישט נאָר פֿון יענער וועלט... סע זאָל ניט זײַן ערב פּסח, וואָלט איך צעוואָרפֿן דעם אויוון... ניט אומזיסט האָט זיך נעכטן די קאַץ געוואַשן, און דער הונט האָט אויפֿגעגעסן די קישקעלעך... שיינע־שיינדל טאָכטער, אַנו, קום נאָר אַהער, אָט איז דער תכשיט דײַנער, די גילדענע

קרוין פונעם קאָפּ, דאָס אָרון־קודשל אונדזערס, נעם גיס אוים די פּאָמעניצע!...

אַף די ווערטער לויפט־אַרוים מײַן ווײַב א דערשראָקענע.

— טפו זאָלסטו ווערן! — מאַכט זי צו מיר. — אָפּגעזוכט אַ צײַט ווען צו קומען אַהיים — דערויף טאַקע באַדאַרפט כאַליען דאָרטן אין דער קרענק ימים ושנים, אויסוואַלגערן זיך אַף אַלע בוידעמס, דינען אַלע עבודה־זרהס, און אויסקראַצן זיך קומען אַהיים פּונקט ערב פּסח, ווען מע רייניקט־אַרוים דאָס לעצטע ביסל חמץ, און נישט קאָנען ריידן אַ וואָרט אַפילו, אָדער נעמען אַף זיך אַן אַנדער קליידל, נישט גיין ווי אַ שלעפּערן, אַזאַ יאָר אַף דײַנע יעהופּעצער דאַמען, ברענען זאָלן זיי, ווי זיי האָבן דיך צוגעהאַלטן דאָרטן מיט קלעשטשעס, זיי זאָלן גאָר נישט דערלעבן די אַנדערע טעג פּסח, רבונו של עולם! ער זאָל דאָס אַפילו פרעגן, אַ מכה אים, וואָס מאַכסטו גוטס, אָדער די קינדער וואָס טוען? שרהלע, פייגעלע, יאָסעלע, נחמהניו, משה־הערשעלע! דער טאַטע איז געקומען צו פאָרן, קוים מיט צרות דערמאָנט זיך, אַזאַ יאָר אַף מײַנע שונאים, וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט באַ מיר מיט דעם שיינעם קאָפּע־לוש! וואָס זאָגסטו אַף דעם קינד, מיר זאָל זײַן פאַר זײַנע ביינער, לאָזט זיך נישט אויסצוואָגן דאָס קעפּל, אַ מיתה משונה, געגוג מע מוטשעט זיך מיט זיי אַ גאַנץ יאָר, נאַ דיר אַן ערב פּסח, גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד!...

דעם אמת מוז איך אײַך זאָגן, ליבער פרײַנט, אַז איך האָב מײַנע קינדער כמעט ניט דערקענט, און זיי מיך — אוודאי ניט, און כאָטש מײַן ווײַב האָט מיר געמאַכט ניט אַזאַ שיינעם ברוך־הבא, ווי איך האָב געמיינט, פונדעסטוועגן האָב איך אַרויסגעזען, אַז זי איז צופרידן, וואָ־רעם אַז איך האָב מיך צעקושט מיט די קינדער, איז זי אָפּגעטראָטן אַף אַ זײַט, מע זאָל ניט זען, ווי זי וויינט... בעסער און פרײַנטלעכער פון אַלע האָט מיך באַגעגנט דער שווער. ער האָט זיך דערפרייט טאַקע ווי אַן אייגענער טאַטע, אָדער ווי אַ קינד, אָדער ווי אַ מענטש, וואָס זיצט לאַנג־לאַנג אין געפענקעניש, און פּלוצעם דערזעט ער נאָך איינעם אַ געפאַנגענעם... מײַן שווער, זייער אַ שיינער ייִד מיט שיינע שוואַרצע אויגן און מיט אַ שיינער באָרד, האָט זיך אין די עטלעכע יאָר אַ שטאַרקן

רוק געטאָן, געוואָרן ווײַס ווי אַ טויב. ער האָט מיר אָפּגעגעבן שלום, מיך אַ פּרעג געטאָן „וואָס מאַכסטו”, און מיט אַ ווונק האָט ער מיך פאַררופן צו זיך אין אַלקער, און ערשט דאָרטן האָט ער זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר קושן.

— ווייסטו, מענדל, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — מאַכט ער צו מיר מיט אַ זיפץ. — מע ווערט אַלט! איך בין דערגאַנגען, אַז וואָס אַ יאָר, וואָס אַ יאָר ווערט מען עלטער. זעץ זיך קאָרשט אַנידער און דערצייל מיר, וואָס האָרכט זיך עפּעס נײַעס? ביסט אויסגעווען אַ וועלט. וואָס טוט זיך עפּעס מיט ייִדן, ווי אַזוי איז געווען די אמתע מעשה מיט דרייפוסן, וואָס זאָגט מען מכּח מלחמה, און וואָס שמועסט עפּעס דער עולם וועגן פּליסטינע? דאָ ווייסט מען נישט אַ לעק, גאָלע בהמות!

דער שווער האָט זיך ערשט פאַרקאַטשעט מיט אַ לאַנגן אַ ברייטן שמועס. נאָר פּלוצעם לאָזט זיך הערן פון דרויסן אַ קול־נגינה פון דער שוויגער:

— ברוך! ברוך! (דער ערשטער „ברוך” גייט מיט אַן אויסגעשריי, און דער אַנדערער „ברוך” שוין מיט אַן איבערפרעג, מיט אַ לשון בתמיה: ברוך! ברוך?).

— אָט באַלד, תיכף ומיד, אָטאָ גיי איך, איך גיי, איך גיי!

אַזוי זאָגט דער שווער, און עס טוט אים אַ טראָג אין דער לופטן. עטלעכע מאָל האָט ער זיך פאַרקאַטשעט אָפּ צו ריידן מיט מיר, און אַלע מאָל האָט זיך געלאָזט הערן אַ קול־נגינה פון דער שוויגער: „ברוך! ברוך?” און אַלע מאָל האָט דאָס אים אויפגעטראָגן אין דער לופטן: „אָט באַלד, תיכף ומיד, אָט גיי איך, איך גיי, איך גיי, איך גיי!”... אַ נײַע נשמה האָט מען אין דעם דאָזיקן מענטשן אַרײַנגעזעצט, אַז מען האָט אים נאָכן אָפּכאַפּן דעם ערב־פּסחדיקן אָנבײַסן און נאָכן „בעור חמץ” געגעבן אַ העמד און געזאָגט אים, אַז מיר קאָנען גיין אין מרחץ. דאָרטן, האָט ער זיך געטראַכט, וועט מען כאָטש קאָנען ריידן אַ וואָרט. צום סוף האָט ער־נעבעך געהאַט אַ טעות, און אַ גרויסן. אין מרחץ האָט מען מיך באַפאַלן, ווי די בינען, ווי די הײשעריקן אין אַ הונגער־יאָר. מע האָט מיך שיער ניט אויפגעגעסן אַ לעבעדיקן. איטלעכער האָט נאָר געוואָלט, איך זאָל אים דערציילן, וואָס טוט זיך אין יעהופּעץ, צי ס'איז

אמת מיט די דאַרטיקע אַנזעצן, וואָס מע זאָגט, און צי בראַצקי האָט נאָך עפּעס געלט, און וואָס וועט זײַן דער סוף מיט דרייפוסן, למאי איז דאָס אַנשווינן געוואָרן, און ווי קומט דאָס, וואָס ענגלאַנד זאָל זיך אַזוי לאַנג פּאַטשקען מיט די בויערן? און נאָך אַ סך אַזעלכע שאלות האָט מען מיר פאַרגעבן פון אַלע זײַטן, מיך צעריסן אַף שטיקלעך, נישט געלאָזט מיך מיטן שוועה אַליין אַף אַ מינוט, נישט געגעבן אונדז אַ וואָרט אויסריידן. דאָס אייגענע איז געווען אויך באַ די „ארבע כוסות אײַנקויפן. געקומען מיטן שווער צו ר ב י ו ד ל ו ו ײַ נ ש ע נ ק ע ר אין קעלער אַרײַן, האָט מען מיר גענומען שטעקן שלום-עליכמס פון אַלע זײַטן, און ס'איז געוואָרן אַ שמועס וועגן „ארץ-ישראל-ווײַן". יודל ווײַנשענקער (שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, אָן ציין) האָט געשריגן אין איין קול, אַז ס'איז גאָר נישטאָ אין ערגעץ קיין ארץ-ישראל-ווײַן, לא היה ולא נברא, ס'איז ניט געווען און סע וועט ניט זײַן! און איינער עפּעס אַ יונגערמאַן פון הײַנ-טיקער וועלט האָט געטענהט, אַז ער האָט אַליין געלייענט אַף די בלעטער...

— וואָס מיר בלעטער, ווער מיר בלעטער? — שרײַט יודל ווײַנ-שענקער. — שקרים וכזבים! — הולטאַיעס האָבן אויסגעטראַכט, הײַנ-טיקע ציוניסטן!...

— איך זאָל אַזוי זען באַ זיך אַלדאָס גוטס, — טענהט נעבעך יע-נער יונגערמאַן — ווי איך האָב אַליין געזען ארץ-ישראל-ווײַן; אַ סימן, ער הייסט „כרמל" און פאַרקויפט זיך אין אַלע קלייטן אין יעהופּעץ.

— אין יעהופּעץ, זאָגט איר? — מישן זיך אַרײַן עטלעכע מיט אַ מאָל. — אָט האָט איר אַ ייִדן פון יעהופּעץ, מנחם-מענדל ברוך-הערש לאה-דוואָסעס! לאָז מען פרעגן מנחם-מענדלען, ער ווייס!

איך וויל אָנהייבן ריידן, לאָזט מען מיך ניט; אַף איטלעכס וואָרט פאַרגיט מען מיר צען שאלות, און איידער איך ענטפער-אָפּ איינעם אַף איין שאלה, פרעגט מיך שוין דער אַנדערער פרישע צען שאלות: „פאַר וואָס הייסט דער ארץ-ישראל-ווײַן „כרמל"?... דער ווײַן איז טאַקע פון ארץ-ישראל, צי פון כרמל?... ווי אַזוי גייט ער פון ארץ-ישראל אַהער און וויפל קאָסט ער?... ווער מאַכט אים דאָרטן?... ייִדישע קאָלאָניסטן, טאַקע „אונדזערע" קאָלאָניסטן הייסט עס?... וויפל קאָלאָניעס האָבן מיר

אין ארץ־ישראל, ווי אזוי הייסן זיי און וואָס פאַר אַ שייַכות האָבן זיי צום באַראָן רויטשילד?... רויטשילד? וויפל שאַצט מען אים?... ווער האָט מער געלט — בראָצקי, צי רויטשילד?... פאַר וואָס איז רויטשילד אַ ציוניסט און בראָצקי ניט?... ס'איז טאַקע אמת, וואָס מע זאָגט, אַז הערצל דער דאָקטער קויפט אָפּ ארץ־ישראל באַם טערק פון די ציוניסטנס וועגן?... ווי אזוי האָבן געהייסן יענע אָקציעס אין יעהופּעץ, וואָס שלום־עליכם באַשרייַבט זיי אין די ביכלעך? ווער איז ער, אָט דער שלום־עליכם? טאַקע אמת, אַז ער איז אונדזערער אַ כתרילעווקער?"...

— קוים, — זאָגט צו מיר דער שווער, — מע לאָזט ניט ריידן אַ וואָרט אין ערגעץ נים!

ערשט העט־שפּעטער, באַם חרוסת רייַבן, קאָן דער שווער קוים כאַפּן מיט מיר אַ פּאָר ווערטער, אָבער טאַקע נישט מער ווי אַ פּאָר, מחמת די שוויגער לאָזט זיך אַלע מאָל הערן מיט איר קול־נגינה:

— ברוך! ברוך?

— אָט באַלד, תיכּף ומיד, אָטאָ גיי איך, איך גיי, איך גיי...

דערווייַל האָבן זיך די ווייַבער אָנגעטאָן יום־טובדיק, אויסגעפּוצט און אויסגעצירט, ווי מלכות. די שוויגער האָט אָנגעטאָן אַ טונקל־גרין־פּאָפּעליאַטע זייַדן קלייד מיט אַ געלער קוויטשנדיקער זייַדענער פּע־טשיילע אָפן קאָפּ, און שיינע־שיינדל — אַ געל זייַדן קלייד מיט קווייטן אין אַ טונקל־גרין־פּאָפּעליאַטע זייַדענע פּעטשיילע אָפן קאָפּ. און אויך איך האָב מיך אַרייַנגעכאַפּט צו זיך אין אַלקער אַרייַן, זיך איבערגעטאָן יום־טובדיק, ווי עס פּאַסט פּאַר אַ „מלך", און דערווייַל האָב איך גע־כאַפּט אַ בויגן פּאַפּיר און שרייַב אייַך דעם דאָזיקן בריוו, און איך בעט אייַך, ליבער פרייַנט, איר זאָלט קיין פּאַריבל ניט האָבן, וואָס דער בריוו איז אויסגעקומען אַזוי בחפזונדיק — ס'איז ערב פּסח! אם ירצה השם, חול־המועד, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן און איך וועל קאָנען, וועל איך אייַך אַרויסשרייַבן אַלצדינג באַריכות.

פון מיר אייַער בעסטער פרייַנט

מנחם־מענדל.

ע י ק ר ש כ ח ת י . נישט באַשערט אַ ייִדן הנאה האָבן פון דער וועלט. געווען, דאַכט זיך, גאָר שיין און פיין און יום־טובדיק אַרום און אַרום, באַדאַרף זיך טרעפן אַן אומגליק — אַ הונט האָט זיך אַרײַנ־געכאַפּט אין קיך, מע ווייס ניט ווי אַזוי, און האָט אויפגעגעסן די „זרוע" מיטן „גערגעלע" מיט די איבעריקע שאַלעמויזן, וואָס מע האָט צוגעגרייט צום סדר. עס איז געוואָרן פּלוצעם אַ גוואַלד, אַ געשריי — הימל עפן זיך! איך האָב נאָר געמיינט, אַז מע קוילעט זיך, אָדער ס'איז אַ שׂרפה, אָדער מע האָט חלילה אָפּגעקאָכט עמעצן מיט זודיק וואַסער פונעם אויוון. איינער האָט געשריגן אָפן אַנדערן, אין אַלע געשרייען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין געשריי. שיינע־שיינדל האָט געשריגן אָף דער דינסט, די דינסט האָט געשריגן אָפן בעל־הבית: „דער בעל־הבית, זאָגט זי, איז אינגאַנצן שולדיק, וואָרעם דער בעל־הבית אַז ער גייט, זאָגט זי, גייט ער אַן הענט, מאַכט קיינמאָל נישט צו די טיר, ווי עס געהער צו זײַן"... נאָר מער פון אַלע האָט זיך געלאָזט הערן די שוויגער:

— אוי, אַ צרה, אַ שלאַק, אַ דונער! אַז די וועלט זאָגט משוגע, זאָל מען גלייבן... אַ נאַר איז אַ גזר, אַן אייביקער צאַר, און ערגער פון אַ הולטאַי... גיי זײַ אַ נביאטע און טרעף, אַז ער וועט לאָזן אָפן די טיר, און עס וועט זיך פּלוצעם ערב פּסח אַרײַנכאַפּן אַ הונט אין קיך... פאַר וואָס האָט ער עפּעס געטראָפן גראָד צו די גערגעלעך?... אַז סע גייט, לויפט דאָס... דאָס איז יאָ, ווי מע זאָגט: דעם בעסטן ביסן כאַפּט אוים דער הונט, און דער קוגל געראָט נאָך די געסט (דאָס מיינט זי מיך)... נו, וואָס טוט מען, אַשטייגער, איצט? ברוך?

— אַט באַלד, תּיכּף ומיד, אָטאָ גיי איך, איך גיי, איך גיי...

איך טו אַ קוק אָפן שווערס פּנים און טראַכט מיר בשעת מעשה: אַז אָך און וויי איז דיר, שלים־מזלדיקער „מלך", און אַז אָך און וויי איז צו דײַן „מלוכה"!!...

זײַט געזונט און האָט אַ כשרן פּסח!

ה נ " ל .

געשריבן אין יאָר 1900

אַף פּסח אַהיים

אַ מעשה, ווי אַזוי פישל דער מלמד איז געפאָרן
פון באַלטע קיין כאַשטשעוואַטע אַף פסח אַהיים
און וואָס מיט אים האָט זיך געטראָפן.

א.

צוויי מאָל אין יאָר, פּינקטלעך ווי אַ זייגער, ראש־חודש ניסן און ראש־חודש אלול, פאָרט פישל דער מלמד פון באַלטע קיין כאַשטשע־וואַטע אַהיים צו זײַן ווײַב און קינדער — אַף פּסח און אַף סוכות. כמעט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס איז אים באַשערט צו זײַן אַ גאַסט באַ זײַן ווײַב און קינדער אפילו זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אָבער אַף אַ קור־צער צײַט, אַף יום־טוב; און אַוועקגעגאַנגען דער יום־טוב — איז מאַרש צוריק קיין באַלטע, צוריק צו דער קנעלונג, צוריק צום קאַנטשיק, צו דער גמרא, צו די גראָבע פאַרשטאָפּטע קעפּ, צום נע־ונד זײַן, צום וואַל־גערן זיך אין דער פרעמד און צום בענקען שטילערהייט אַהיים.

דערפאַר אָבער, אַז פישל קומט אַהיים, איז ער אַ קיסר! בת־שבע זײַן ווײַב גייט אים אַרום אַקעגן, רוקט־אָן דאָס טיכל, ווערט רויט ווי פײַער, טוט אים אַ פרעג פאַרבײַגייענדיק, נישט געקוקט, חלילה. גלײַך אין די אויגן: „וואָס מאַכסטו?" און ער ענטפערט איר: „וואָס מאַכסטו?" און פרויקע זײַן זון, אַ בר־מצווה־יִינגל, גיט אים אָפּ שלום, און דער טאַטע טוט אַ פרעג דעם זון: „ווו האַלסטו, אפרים, אין לערנען?"... און רייזל זײַן טאָכטער, נישט קיין מיאוס מיידל, מיט אַ קליין פאַרפלאָכטן צעפּל, כאַפּט אים אַרום קושן.

— טאַטע, וואָס האָסטו מיר געבראַכט אַ מתנה אַף יום־טוב?

— סיז אַף אַ קליידל, און דער מאַמען אַ זײַדענע פעטשיילע. נאַ, גיב דער מאַמען די פעטשיילע.

און פישל נעמט־אַרויס פון טלית־זאַק אַ נײַע אַ זײַדענע (מאָלט אײַך — אַ האַלב־זײַדענע) פּעטשיילע, און בת־שבע ווערט נאָך רויטער, רוקט־אָן דאָס טיכל איבער די אויגן, כאַפּט זיך צו בעל־הביתישקייט, דרייט זיך אַרום איבערן שטוב און שטייט אױף איין אָרט.

— ווײַז נאָר, אפרים, די גמרא, לאָס איך דיך פאַרהערן, ווו האַלסטו אין לערנען?

און פרויקע איז דאָך דאָס ווילע יינגל, דער גרויסער מתמיד, די שיינע תפיסה מיטן גוטן זכרון, און וויל לערנען! און פישל הערט אים, ווי ער זאָגט די גמרא, פאַרריכט אים, און דאָס האַרץ וואַקסט, קוועלט, די נשמה פרייט זיך — אַ ווויל יינגל פרויקע! אַ צאַצקע!

— אויב דו ווילסט גיין אין מרחץ, ליגט אָט דאָ אָנגעגרייט אַ העמד!

אַזוי זאָגט אים בת־שבע פאַרבײַגייענדיק, ניט געקוקט, חלילה, גלײַך אין די אויגן אַרײַן, און פישל פילט זיך עפּעס משונה גוט, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון געפענקעניש אױף דער פרײַער ליכטיקער וועלט, צווישן אייגענע, נאָענטע און געטרײַע. און עס שטעלט זיך אים פאָר אַ שטאַרק אָנגעהייצטע באָד מיט אַ סך היץ; ער ליגט שוין גאַנץ הויך אױף דער אייבערשטער באַנק מיט נאָך ייִדן און שוויצט, און בעזעמט זיך, און שמײַסט זיך, און וויל נאָך.

— אוי, נאָך, נאָך! גוואַלד, ייִדן, נאָך!...

און געקומען פון באָד אַ פרישער, אַ צאַפּלדיקער, כמעט אַ נײַגעבוי־רענער, נעמט ער זיך קודם צו דער יום־טובדיקער קריאה, טוט אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע מיטן נײַעם גאַרטל, כאַפּט אַ קוק פאַרבײַגייענדיק אױף בת־שבען אינעם נײַעם קליידל מיט דער זײַדענער פּעטשיילע: נאָך גאָר אַ היפּש ווײַבל, כלעבן, אַ צנועה און אַ צדיקית, און ער גייט מיט פרוי־קען אין שול אַרײַן. געקומען אין שול אַרײַן, פליען שלום־עליכמס פון אַלע זײַטן: „ברוך־הבא, אַ ייִד רב פישל, וואָס מאַכט אַ ייִד אַ מלמד?" — „אַ ייִד אַ מלמד קנעלט". — „וואָס הערט זיך עפּעס אױף דער וועלט?" — „וואָס זאָל זיך הערן אױף דער וועלט? די וועלט איז אַ וועלט". — „וואָס הערט זיך אין באַלטע?" — „באַלטע איז באַלטע"... אַלע מאָל, אַלע האַלבע יאָר דער אייגענער נוסח, נישט געמינערט אַ וואָרט. און ניסל

דער חזן שטעלט זיך אוועק דאַווענען מעריב, צעלאָזט זיך אױף זײַן שטימע, וואָס גייט וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און אַז עס קומט צו „וידבר משה את מועדי ה׳ אל בני ישראל” — דערלאַנגט ער הויך, כמעט ביזן הימל. און פּרויקע שטייט בײַ דער זײַט און דאַוונט, דאַוונט געשמאַק, און פישלס האַרץ וואַקסט, קוועלט, די נשמה פרייט זיך — אַן ערלעך קינד, פּרויקע, אַ כשרס!

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

— גוט יום־טוב! גוט יאָר!

פּאַרטיק דער גאַנצער סדר אױפן טיש: די אַרבע כוסות, דער מרור, די זרוע מיט די ביצים מיטן חרוסת מיט אַלע זיבעצן זאַכן. פּאַרטיק דאָס „הסב־בעט”, צוויי בענקלעך מיט אַ גרויסן קישן. אַט באַלד ווערט פישל אַ מלך, אַט באַלד זעצט זיך פישל „על כסא מלכותו”, מיטן ווייסן קיטל אױפן טראָן, און בת־שבע די מלכה מיט דער נײַער זײַדענער פּע־טשיילע נעבן אים, אפרים דער פּרינץ מיטן נײַעם קאַשקעט און די פּרינ־צעסן רייזל מיטן צעפּל אַקעגן זיי — דרך־ארץ, ייִדן, רעספּעקט! פישל דער מלמד האָט זיך געזעצט אױף דער שטול געוועלטיקן!

ב.

די קאַשטשעוואַטער ווילע יונגען, די וואָס האָבן ליב חוזק צו מאַכן אָפּלצעוועןן פון דער גאַנצער וועלט, און ווער שמועסט פון אַ ייִדן אַ מלמד, האָבן אויסגעקלערט אױף אונדזער פישלען, אַז ער האָט איינמאָל ערב פּסח אַרײַנגעשיקט צו זײַן בת־שבען אַ דעפּעש בזה הלשון: „רעביאַ־טאַ סאָבראַני. דענגי וועזו. פּריגאָטאָוו פּולי. יעדו צאַרסטוואָוואַט”. דער פּשט פון דער דעפּעש איז אַזוי: „אַ קנעלונג צונויפגעשטעלט. שכר־לימוד פיר איך. מאַך קניידלעך. איך פאָר געוועלטיקן”... די דעפּעש, זאָגן די לצים, האָט מען אין באַלטע איבערגעכאַפּט אױף דער סטאַנציע, בת־שבען האָט מען באַזוכט און גישט געפונען גאָרנישט. און פישלען האָט מען געבראַכט צו פירן, מחילה, מיטן עטאַפּ אַ היים. נאָר איך קען אײַך זאָגן בהן שלי, אַז עס איז שקר וכזב. פישל האָט קיינמאָל אױף זײַן לעבן קיין דעפּעש נישט געשיקט, בת־שבען האָט קיינער נישט

באַזוכט, און פישלען האָט מען מיטן עטאַפּ קיינמאָל נישט געפירט. דאָס הייסט, פירן האָט מען אים אַמאָל געפירט מיטן עטאַפּ, נאָר נישט פאַר קיין דעפּעש — פאַר אַ פּאַס גאָר האָט מען אים געפירט! אי דאָס — נישט פון באַלטע, נאָר פון יעהופּעץ, און נישט ערב פּסח, נאָר אין מיטן זומער איז דאָס געווען. עס האָט זיך אים פאַרגלוסט, פאַרשטייט איר מיך, אוועקלאָזן זיך קיין יעהופּעץ זוכן אַ קנעלונג, און האָט פאַרגעסן נעמען מיט זיך אַ פּאַס: ער האָט געמיינט, ס'איז אין באַלטע. האָט ער זיך מיאוס אַרייַנגעכאַפּט, און האָט שוין פאַרזאָגט קינדס קינדער, אַז זיי זאָלן אין יעהופּעץ קיין קנעלונג נישט זוכן...

פון דעמאָלט־אָן פאָרט ער קנעלן קיין באַלטע, און קומט ערב פּסח, ווערט ער פאַרטיק מיט אַ פּאָר וואָכן פריִער און הייבט זיך אָן באַצייַטנס שנייַדן אהיים כאָטש אויף שבת־הגדול. ווען זשע איז דאָס גערעדט געווען? אַז עס שנייַדט זיך, דאָס הייסט, אַז דער וועג איז אַ וועג, און מע קאָן קריגן אַ פור, און מע קאָן אַריבערפאָרן דעם בוג אָדער איבערן אייַז, אָדער מיטן פּאַראָם. ווי זשע איז אָבער דער דין, למשל, אַז דער שניי לאָזט זיך, די בלאָטע איז גרויס, קיין פור איז נישט צו קריגן, דער בוג האָט זיך נאָר־וואָס אָפּגעריסן, דער פּאַראָם גייט נאָך נישט, און מיט אַ שיפל איז מסוכן־נפש, און דער יום־טוב איז אָט־אָט אויף דער נאָז, — וואָס טוט מען דעמאָלט? איז דער תירוץ: למאי וואָס טוט מען, אַז מע פאָרט ערב־שבת פון מאַכניווקע קיין באַרדיטשעוו, אָדער פון סאָכאַטשאָוו קיין וואַרשאַ, ארויף אַ באַרג, באַנאַכט אין דער פינצטער, אין אַ שלאַקס־רעגן, מע איז טויט הונגעריק, און סע לאָפּנעט אָן אַקס אויך? — איז טאַקע נישט גוט, וואָס זאָלט איר קלערן?

פישל דער מלמד ווייס שוין דעם טעם פון „נישט גוט". ער האָט שוין געהאַט אויף זייַן לעבן, פון זינט ער איז אַ מלמד און פאָרט פון כאַשטשעוואַטע קיין באַלטע און פון באַלטע קיין כאַשטשעוואַטע, אַלער־ליי נסיונות און טרעפעניש! ער האָט שוין געפּרווט גיין העכער האַלב וועג צופוס, און נאָך העלפן אונטערשטופּן דעם וואָגן אויך. ער האָט שוין געפּרווט ליגן מיט אַ גלח אין בלאָטע, דער גלח פון אויבן און ער פון אונטן. ער האָט שוין געפּרווט אַנטלויפן פון אַ טיטשקע וועלף, וואָס זייַנען נאָכגעלאָפן נאָכן וואָגן פון כאַשטשעוואַטע ביז פּעטשאַני, און

נאָכדעם האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ס'איז גאָר געווען הינט, נישט קיין וועלף... נאָר אַזאַ צרה, ווי די, וואָס איז פאָרגעקומען דעם ערב פּסח, האָט זיך אים נאָך נישט געטראָפן קיינמאָל.

די צרה האָט זיך גענומען פונעם בוג, דאָס הייסט, פון דעם, וואָס דער בוג האָט זיך געעפנט אַ ביסל צו שפּעט און צעשפּילט זיך סאַמע אין דער צײַט, ווען פישל דער מלמד האָט זיך געאײַלט אַהיים. און געאײַלט האָט ער זיך שטאַרק, ווײַל ס'איז געווען פרײַטיק ערב־שבת און ערב־פּסח, דאָס הייסט יענם יאָר איז געפאַלן פּונקט שבת ערב־פּסח.

ג.

געקומען צום בוג איז פישל מיט אַ גויִישער פור דאָנערשטיק פאַר־נאַכט. דאָס הייסט, לויט זײַן חשבון נאָך, האָט ער באַדאַרפט קומען דינ־סטיק אין דער פרי, וואָרעם פון באַלטע איז ער אַרויסגעפאָרן זונטיק נאָכן מאַרק. דער רוח האָט אים געטראָגן, ער זאָל אַרויסגיין אַפן מאַרק נאָכפרעגן זיך אַף אַן איבערגעכאַפּטער פור! נעכאַי וואָלט ער בעסער געפאָרן מיט יענקל־שייגעץ (אַ באַלטער בעל־עגלה) אַף דער „רעשטעוואַ־ניע", מחילה פון הינטן הייסט עס, מיטן פּנים צוריק, און די פיס זאָלן אים קליאַקנען, און ס'זאָל אים אַרויסנודן די נשמה אפילו, — אַליין וואָלט ער שוין ביז אַהער לאַנג געווען אין דער היים און וואָלט פאַרגעסן פון דער גוטער נסיעה! האָט זיך אים אָבער געוואָלט אַ וואָלוועלע פור — און דאָס איז דאָך אַן אַלטער כּלל, אַז וואָס וואָלוול קאָסט טײַער. יונה דער שכּור, דער וואָס רייעט פורן אין באַלטע, האָט אים אָבער געזאָגט: „פאָלגט מיך, פעטער, גיט בעסער צוויי קאַרבוינים, וועט איר זיצן, ווי אַ שררה, באַ יענקלען אין דער עגלה פאַריטש, פון הינטן אין בויד; געדענקט זשע, איר שפּילט זיך מיט פײַער, ס'איז ערב יום־טוב!" באַשערט אַן אומגליק, האָט אָבער דער שוואַרץ־יאָר אונטערגעטראָגן אַ באַקאַנטן ערל פון כּאַשטשעוואַטע.

— ע, טשאָיעש, ראַבין! טשי נע פּאָיידעמאָ טשאַסאָם דאָ כּאַשטשע־וואַטע * ?

---

*) עי, הער גאָר, רבי, אפשר פאָרן מיר קיין כּאַשטשעוואַטע.

— דאָברע, אַ סקילקאָ, למשל, קאָשטאָוואַטעמע?*)

וויפֿל סע וועט קאָסטן — דאָס האָט ער געפֿונען פֿאַר נייטיק צו פֿרעגן, און צי וועט ער אים ברענגען אַף פּסח אַהיים — איז פֿישלען אַף די געדאַנקען נישט געקומען; וואָרעם מע זאָל אַפֿילו, דאַכט זיך, גיין צופֿוס נאָכן וואָגן פֿון באַלטע ביז כּאַשטשעוואַטע און מאַכן קליינע טריט, ווי בשעת מע שטייט־אויס שמונה־עשׂרה, קאָן מען אויך אין אַ וואָך צײַט אָנקומען אַף יום־טובֿ אַהיים.

אַרויסגעפֿאָרן פֿון שטאָט, האָט פֿישל שוין באַלד חרטה געקריגן אַף דער פֿור, כאָטש ס'איז געווען גראָם, איינער אַליין אַפֿן גאַנצן וואָגן, ווי אַ גראַף. ער האָט אַרויסגעזען באַשײַנפּערלעך, אַז מיט אַזאַ שלעפּן זיך ווי דעם ערלס פֿערדל שלעפּט זיך, וועט ער ווײַט נישט אײַנפֿאָרן, וואָרעם ער איז געפֿאָרן און געפֿאָרן אַ גאַנצן טאָג, און איז נאָך געווען גאָר פֿון פֿאָרנט. און וויפֿל ער האָט נישט געמוטשעט דעם ערל, ער זאָל אים זאָגן, צי ס'איז נאָך ווײַט, האָט אים דער ערל נישט געענטפֿערט קיין האַלב וואָרט, אַ חוץ: „אַ כטאָ יאָהאָ זנאַ?**) ערשט העט־העט, שוין אַרום פֿאַרנאַכט, האָט אים אָנגעיאָגט מיט אַ הוק און מיט אַ פֿײַף און מיט אַ קנאַק יענקל־שייגעץ מיט זײַנע פֿיר ברענענדיקע אָדלערס, באַהאַנגען מיט גלעקלעך, און מיט דער גרויסער בויד, אָנגעפּאַקט מיט פֿאַרשוינען אינעווייניק, פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן אַף דער רעשטאָוואַניע. דערזען דעם מלמד זיצן באַם ערל אין וואָגן, האָט יענקל־שייגעץ געגעבן אַ קנאַק מיט דער בײַטש אין דער לופֿטן און האָט אויסגעשאָלטן ביידן, דעם בעל־עגלה מיטן פֿאַרשוין אַף אַלע זײַטן, אויסגעלאַכט זיי מיטן פֿערדל, ווי יענקל־שייגעץ קאָן, און אַז ער איז אָפּגעפֿאָרן אַ ביסל ווײַטער, האָט ער באַוויזן דעם ערל אַף איינע פֿון זייערע רעדער.

— עי, טשעלאָוויטשע, דיווויס! אָן אַ טעבע קאָלעסע דרייט זיך!***)

— טפּררררו! — האָט זיך דער ערל אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעקראָכן אינאיינעם מיטן מלמד פֿון וואָגן, גענומען קוקן אַף די רעדער, אַף די פֿלעקלעך, אַרונטערגעקראָכן אונטערן וואָגן, געזוכט, און נישט געפֿונען גאָרנישט.

---

*) גוט, וויפֿל, למשל, וועט דאָס קאָסטן

**) ווער ווייס דאָס?

***) עי מענטשל, זע נאָר! אַ ראָד דרייט זיך בײַ דיר!

פֿאַרשטאַנען, אַז יענקל האָט אים געפֿירט אין באָד אַרײַן, האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער פּאָטיליצע פֿון הינטן, אונטערן קאָלנער, און האָט אָנגעהויבן שילטן יענקלען און אַלע ייִדן מיט אַזעלכע קללות, וואָס פּישל האָט נאָך אױף זײַן לעבן אַזעלכעס נישט געהערט; דאָס קול איז געגאַנגען אַלע מאָל העכער, דער כעס איז געוואָרן אַלע מאָל שטאַרקער:

— אָ, שאָב טובי דאָבראַ נע בולאָ! שאָב טי נע דאָזשדאַוו! שאָב טובי ליכאַ האָדינאַ! שאָב טי נע דאָייכאַוו! שאָב טי פּראָפּאַוו! טי! אי טוואָיאַ סקאָטינאַ! אי טוואָיאַ זשינקאַ! אי טוואָיאַ דאָטשקאַ! אי טיטקי! אי דיאַדקי! אי קומי! אי־אי־אי וסי וואַשי זשידי נעווירענע, נעכריסטי פּראָקלאַטיע!!!*)

עס האָט לאַנג געדויערט, ביז דער ערל האָט זיך געזעצט אױפֿן וואָגן און האָט זיך אַלץ נישט באַרויִקט, אַלץ נישט אויפֿגעהערט לייגן די תּוכחה אױף יענקל בעל־עגלה און אױף אַלע ייִדן, ביז מע איז געקומען מיט גאָטס הילף אין אַ דאָרף אױף נאַכט־לעגער.

אין דאָרף האָבן זיי אונטערגענעכטיקט, און אױף מאָרגן האָט זיך פּישל געפֿעדערט כאור הבוקר, אָפּגעדאַוונט, אָפּגעזאָגט אַ פּאַרציע „חוק־לישראל", אַ ביסל תּהלים, איבערגעביסן מיט אַ בייגל און איז פֿאַרטיק געווען צו פֿאָרן ווײַטער. איז אָבער דער חסרון, וואָס כוועדאָר (אַזוי האָט מען גערופֿן דעם בעל־עגלה זײַנעם) איז נישט געווען פֿאַרטיק; כוועדאָר האָט זיך פֿאַרזעסן מיט זײַנעם אַ מחותּן (אַ „קום"), פֿאַרטרונקען און פֿאַרהוליעט זיך, און איבערגעשלאָפֿן דעם טאָג מיט אַ שטיק נאַכט, און ערשט דעמאָלט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

— סטײַיטש — האָט אים פּישל געזאָגט מוסר, שוין זיצנדיק אױפֿן וואָגן — סטײַיטש, כוועדאָר! טשאָרטבע טוואָיאַ מאַמע, היתּכן? יאַ טובי נאַימאַיעט בפירוש נאַ פּראַזניק!.. דע באָג? דע יושר?**)

---

*) אָ, קיין גוטס זאָלסטו נישט האָבן! זאָלסט נישט דערלעבן! זאָל דיר זיין אַ שלעכט יאָר! זאָלסט נישט דערפֿאָרן! זאָלסט די כּפּרה ווערן! דו, און דיינע פֿערד, און דיין ווייב, און דיי טאָכטער, און דיינע מומעס, און דיינע פֿעטערס, און דיינע מחותּנים און—און—און— און אַלע אייערע ייִדן די פֿאַרשאָלטענע!!!

**) סטייטש, כוועדאָר! דער רוח דער מאַמע דיינער, היתּכן? איך האָב דיך באַשטעלט בפירוש אױף יום־טוב! וווּ איז גאָט? וווּ איז יושר?

און נאָך מוסר־ווערטער האָט אים פישל אַרײַנגעזעצט, נישט אויפגע־הערט אים צו זעגן און צו פּײַלן אַף זײַן שפּראַך, ווי ווײַט ער קאָן, האַלב אַף גוייִש, האַלב אַף לשון־קודש, דאָס איבעריקע אים מסביר געווען מיט די הענט. כוועדאָר האָט, נישקשה, גוט פאַרשטאַנען וואָס פישל מיינט, נאָר געענטפערט האָט ער אים גאָרניט, קיין האַלב וואָרט אַפילו. מסתמא האָט ער געפילט, אַז פישל איז גערעכט, האָט ער געשטומט, ווי אַ קעצעלע, ביז ער האָט זיך אָפּן פערטן טאָג באַגעגנט אַף יענער זײַט פּעטשאַני מיט יענקל־שייגעץ, וואָס איז געפאָרן שוין צוריק פון כאַשטשעוואַטע מיט אַ הוק און מיט אַ קנאַק און האָט אָנגעזאָגט אונדזער פישלען מיט זײַן בעל־עגלה אַ גוטע בשורה:

— איר מעגט זיך שוין איבערקערן צוריק קיין באַלטע — דער בוג האָט זיך אָפּגעריסן!

באַ פישלען האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרצן פונעם וואָרט „אָפּגע־ריסן". און כוועדאָר האָט גערעכנט, אַז יענקל מאַכט ווידער אַ מאָל פון אים אַ בער, האָט ער איבערגעחזרט די קללות מיט די חרמות, אויסגע־בטלט אַלע בייזע חלומות אַף יענקלס קאָפּ און אַף זײַנע הענט און פּיס, און עס האָט זיך אים נישט צוגעמאַכט דאָס מויל, ביז ער איז דאָנער־שטיק פאַרנאַכט געקומען צום בוג. צוגעפאָרן איז ער גלײַך צו פּראָקאָפּ באַראַניוק דעם פּאַראָמשטשיק, פרעגן, ווען לאָזט ער דעם פּאַראָם, און דערווײַל האָבן ביידע ערלים, כוועדאָר און פּראָקאָפּ, גענומען צו ביסלעך בראָנפן, און פישל האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה.

ד.

די זון האָט געהאַלטן באַ זעצן זיך און האָט באַגאָסן מיט אירע רויטע שטראַלן די הויכע בערג, וואָס פון ביידע זײַטן טײַך, ערטערווײַז נאָך באַדעקט מיט שניי און ערטערווײַז שוין געגרינט, דורכגעשניטן מיט קליינע ריטשקעלעך, וואָס האָבן זיך געשלענגלט באַרג־אַראָפּ און מיט אַ זשומען זיך אַרײַנגעגאָסן אין טײַך אַרײַן, באַגעגנט זיך מיט רינענדיקע וואַסערן פונעם נאַר־וואָס צעשפּאָלטענעם אײַז און פון דער גייענדיקער קרִיע. ווי אַף טעלער איז געלעגן גאַנץ כאַשטשעוואַטע מיטן שפּיץ

קלויסטער, וואָס האָט פון דער פאַרגייענדיקער זון אויסגעזען, ווי אַן אָנ־געצונדן ליכט. געשטעלט זיך שמונה־עשרה מיטן פּנים צו כּאַשטשעוואַטע, האָט פישל פאַרשטעלט די אויגן, געטריבן פון זיך די מחשבות זרות, וואָס זיינען אים געקראָכן אין קאָפּ אַריין: בת־שבע מיט דער נייער זיידע־נער פעטשיילע, פּרויקע מיט דער גמרא, רייזל מיטן צעפּל און די הייסע באָד מיט דער אייבערשטער פּאָליצע, און פרישע מצה מיט גוטע געפּעפּערטע פיש, מיט הארבן כריין, וואָס פאַרגייט אין נאָז אַריין, מיט פּסחיקן באָרשט מיט מצה, וואָס איז טעם גן־עדן, מיט נאָך גוטע זאַכן, וואָס דעם מענטשנס יצר־הרע קאָן אויסטראַכטן... און וויפל פישל האָט זיי נישט געטריבן, די מחשבות זרות, זיינען זיי אַלץ מער געקראָכן אין מח אַריין, ווי זומער־פליגן, נישט געלאָזט אים דאַוונען, ווי סע געהער צו זיין.

אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה און אויסגעשפּיגן צו „עלינו", האָט זיך פישל אַוועקגעלאָזט צו פּראָקאָפּן און האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט אים אין אַ שמועס מכּח פּאַראָם און מכּח ערב־יום־טוב, געגעבן אים צו פאַר־שטיין, האַלב אויף גוייִש, האַלב אויף לשון־קודש, און דאָס איבעריקע מסביר געווען אים מיט די הענט, וואָס פאַר אַ יום־טוב פּסח איז בײַ ייִדן און וואָס הייסט שבת ערב־פּסח: אַז טאָמער, חלילה, פאָרט ער נישט אַרי־בער ביז מאָרגן אין דער צייט דעם בוג, איז ער אַ פאַרפאַלענער; וואָרום אַ חוץ, וואָס מע קוקט אויף אים אַרויס אין דער היים, זיין ווייב און קינ־דער (דערביי האָט פישל געטאָן אַ טיפן זיפץ, אַז עס האָט אויסגעריסן אַ שטיק האַרץ), וועט ער, חלילה, אַכט טאָג כּסדר נישט טאָרן נישט עסן, נישט טרינקען, כאָטש נעם וואַרף זיך אַריין אַ לעבעדיקער אין טייַך אַריין! (דאָ האָט זיך פישל אָפּגעקערעוועט אָן אַ זייט, מע זאָל נישט זען, ווי עס שטייען אים טרערן אין די אויגן).

פּראָקאָפּ באַראַניוק האָט פאַרשטאַנען, אין וואָס פאַר אַ לאַגע נעבעך פישל איז, און האָט אים דערויף געענטפערט, אַז ער ווייס, אַז מאָרגן איז בײַ זיי אַ יום־טוב; ער ווייס אַפילו, ווי אַזוי דער יום־טוב הייסט בײַם נאָמען; ער ווייס אַפילו, אַז מע טרינקט בײַ ייִדן וויין און שטאַרקן בראָנפן, אַז סע קומט דער דאָזיקער יום־טוב; ער ווייס אַפילו, אַז עס איז פאַראַן נאָך אַ יום־טוב בײַ ייִדן, וואָס מע דאַרף טרינקען בראָנפן, און ער הייסט „האָמאַנע אוכאַ"; ער ווייס, אַז ס'איז פאַראַן נאָך אַ יום־טוב,

וואָס אַלע ייִדן דאַרפֿן זײַן שכּור, נאָר ווי אַזוי מע רופֿט אים, דעם דאָזיקן יום־טובֿ, האָט ער שוין פֿאַרגעסן...

— דאָברע, האַרנע! — האָט אים פֿישל איבערגעשלאָגן אין מיטן די רייד מיט אַ וויינענדיקער שטימע. — אַלע שאָ בודע איז נאַשע פּראַזניק? טאַמער זאַווטראַ, חלילה, אַל תּפֿתּח פּה לשטן, שאָב טאָי טשאַס נעבולאָ * ?...

דערויף האָט אים פּראָקאָפּ גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט אים נאָר אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַפֿן טײַך, ווי איינער רעדט: „נאַ, זע, וואָס עס טוט זיך!"

און פֿישל האָט אויפֿגעהויבן די אויגן אַפֿן טײַך און האָט דערזען דאָס, וואָס זײַנע אויגן האָבן נאָך קיינמאָל אַף זײַן לעבן נישט געזען, און ער האָט דערהערט דאָס, וואָס זײַנע אויערן האָבן נאָך קיינמאָל אַף זײַן לעבן נישט געהערט. וואָרעם כּמעט קאָן מען זאָגן, אַז פֿישל דער מלמד האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען דעם אמתן „אינדרויסן", און אַז ער האָט אים געזען, האָט ער אים געזען נאָר בדרך הלוכו, דורכלויפֿנדיק פֿאַרבײַ פֿון חדר אין בית־המדרש און פֿון בית־המדרש אין חדר אַרײַן. דער שיינער בלויער בוג צווישן די צוויי גרויסאַרטיקע בערג, דאָס זשומען פֿון די שלענגלדיקע ריטשקעלעך, וואָס קאַטשען זיך אַראָפּ פֿון באַרג, דאָס רוישן פֿון דער גייענדיקער קריִע, דאָס באַלײַכטן פֿון דער פֿײַעריקער פֿאַרגייענדיקער זון, דער ברענענדיקער קלויסטער, דער פֿרישער געזונטער ריח פֿונעם ערבֿ־פּסחדיקן אינדרויסן, און ועל־כּולם דאָס זײַן אַזוי נאָענט צו דער היים און נישט קאָנען גרייכן, — די אַלע זאַכן אינאיינעם האָבן אונטערגעכאַפּט אונדזער פֿישלען, ווי אַף פֿליגלען, און האָבן אים אַוועקגעטראָגן אין אַ נײַער וועלט אַרײַן, אין אַ „עולם־הדמיון", און עס האָט זיך אים פֿאַרגעשטעלט, אַז אַריבער דעם בוג איז אַזוי גרינג, ווי אַ שמעק טאַבאַקע, אַבי דער אייבערשטער וויל נאָר טאָן אַ שטיקל נס, מצליח זײַן...

אַזעלכע און כּדומה אַזעלכע מחשבֿות האָבן געווידמעט זיך אויף און אָפּ בײַ פֿישלען אין קאָפּ, אים געטראָגן אין דער לופֿטן און פֿאַרטראָגן אים אַזוי ווײַט פֿונעם ברעג טײַך, אַז ער האָט זיך גאָרנישט אַרומ־

---

*) גוט און פֿיין! וואָס וועט אָבער זיין מיט אונדזער יום־טובֿ? טאָמער מאָרגן, חלילה, אַל תּפֿתּח פּה לשטן, די שעה זאָל נישט זיין?

געקוקט, אז ס'איז שטאָק־נאַכט, און דער הימל האָט זיך אויסגעשטערנט, און אַ קיל ווינטל האָט זיך פאַרגנבעט צו אים אונטער דער קאַפּאָטע און פון דאָרט ביזן טלית־קטן, — און פישל האָט זיך פאַרטראַכט אין אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן זיך אים נאָך קיינמאָל נישט געחלומט: אין הויות העולם, אין הימל־זאַכן, אין דער גרויסקייט פון דער שיינער וועלט, אינעם בורא שמים וארץ, וכדומה...

ח.

א שווערע נאַכט האָט פישל דער מלמד איבערגעלעבט באַ פּראָקאָפּ דעם פּאַראָממשטשיק אין שטיבל — אַזאַ נאַכט זאָל זיך שוין נישט אומ־קערן! און ס'איז געקומען דער פרימאָרגן מיט אַ פריַינטלעך שמייכל פון דער ליכטיקער פריילעכער זון. אַ שיינער, אַ זעלטענער טאָג האָט זיך געשטעלט, מיט אַ זיסער וואַרעמקייט, וואָס דורך דעם איז פונעם איבע־ריקן ביסל שניי געוואָרן קאַשע, און פון דער קאַשע — וואַסער, און דאָס וואַסער האָט זיך פון אַלע זיַיטן אַריַינגעגאָסן אין בוג אַריַין, און דער בוג איז געוואָרן לויטער, העל־בלוי, הויך און משופּעדיק, און נאָר זעלטן האָט מען באַגעגנט יענע גרויסע שטיקער אַיִז, וואָס זעען אויס, ווי לעבעדיקע מוראדיקע חיות, וויַיסע עלעפאַנטן, וואָס יאָגן, לויפן, איַילן זיך, האָבן מורא, זיי זאָלן נישט פאַרשפּעטיקן. פישל דער מלמד האָט אָפּגעדאַוונט, פאַרביסן מיטן לעצטן ביסל חמץ, וואָס האָט זיך געפונען באַ אים אין טלית־זאַק, און איז אַרויסגעגאַנגען צום טיַיך אַ קוק טאָן, וואָס הערט זיך מיטן פּאַראָם, — און ווי נבהל ונשתומם איז ער געוואָרן, אז ער האָט דערהערט פון פּראָקאָפּן, אַז דעם פּאַראָם וועט מען קאָנען לאָזן גיין ערשט הלוואי זונטיק נאָך האַלבן טאָג! פישל האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט באַם קאָפּ, געמאַכט מיט אַלע איברים, געבייזערט זיך אַף פּראָקאָפּן און געזידלט אים אַף זיַין לשון, האַלב אַף גויִיש, האַלב אַף לשון־קודש, דאָס איבעריקע מיט די הענט: למאי האָט ער אים נעכטן געגעבן האָפע־נונג, אַז מע וועט היַינט קאָנען אַריבער דעם טיַיך מיטן פּאַראָם? דערויף האָט אים פּראָקאָפּ גאַנץ קאַלטבלוטיק געענטפערט, אַז ער האָט אים נישט אָנגעהויבן צוזאָגן איבערפירן מיטן פּאַראָם; ער האָט אים נאָר צוגעזאָגט אַ ר י ב ע ר פ י ר ן , און אַריבערפירן קאָן ער אים, אויב ער וויל,

מיט א שיפֿל, אַף א לאָדקע, אַף א מולטער, און קאַסטן וועט דאָס אים נישט ווייניקער ווי א פֿאַלטינעק (א חצי רו״כ).

— נעכאַי בודע לאָדקע, נעכאַי בודע מולטער, אבי נע פּראַזנעקאָוואַטע, חלילה, נאַ דוויר*!

אַזוי האָט אים פּישל געזאָגט און איז גרייט געווען אין דער מינוט באַצאָלן אים צוויי קאַרבוינים, אָדער גאָר זיך לאָזן איבערשווימען דעם טײַך, זיך מוסר־נפש זײַן צוליב דעם הייליקן יום־טוב. און ער האָט גענומען אונטערטרײַבן פּראָקאָפּן, ער זאָל שוין גיכער נעמען די לאָדקע אָדער דעם מולטער און אַריבערפירן אים שוין אַף יענער זײַט בוג קיין כאַשטשעוואַטע, ווּ בת־שבע, פּרויקע און רייזל קוקן שוין אַרויס אַף אים. סע קאָן זײַן, אַז זיי שטייען אַף יענער זײַט בוג, דאָרט אַף יענעם באַרג, און זעען אים, ווינקען צו אים, מאַכן צו אים מיט די הענט, רופֿן צו אים, נאָר מע זעט זיי נישט און מע הערט נישט זייער קול, ווײַל דער טײַך איז ברייט, מוראדיק ברייט, ברייטער ווי תמיד!

די זון האָט שוין געהאַלטן העכער האַלב וועג אין טיפֿן, לויטערן, בלויען הימל, בשעת פּראָקאָפּ האָט געהייסן פּישלען, ער זאָל שפּרינגען אין מולטער אַרײַן. און אַז פּישל האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט ער מיט א מאָל אָפּגעלאָזט הענט און פֿיס און האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן. זינט ער לעבט איז ער נאָך נישט געפֿאָרן אַף קיין מולטער; זינט ער לעבט האָט ער זיך נאָך נישט געשיפֿט אין א שיפֿל. און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט: אָט־אָט טוט זיך עס א בויג אין א זײַט — איז מען דאָך א קדוש!

— שפּרינג אין מולטער אַרײַן, ווען מיר שווימען! — האָט אים פּראָקאָפּ נאָך א מאָל געזאָגט און מיט איין מאַך מיט דער האַנט איז ער צוגעשווומען צום ברעג נאָך נעענטער און צוגענומען בא פּישלען דאָס פּעקל פֿון די הענט.

פּישל דער מלמד האָט גאַנץ פֿײַן פּאַרקאַטשעט די פּאָלעס, אָנגעהויבן דרייען זיך אַף איין אָרט, זיך געישובֿט, צי זאָל ער שפּרינגען, צי זאָל ער נישט שפּרינגען? פֿון איין זײַט שבת ערב־פּסח, בת־שבע, פּרויקע,

---

*) לאָז זיין א לאָדקע, לאָז זיין א מולטער, אבי נישט יום־טוב האַלטן, חלילה, אין דרויסן!

רייזל, מרחץ, סדר, מלך... פֿון דער אַנדערער זײַט — סכנת־נפֿשות, מלאך־המות, „המאבד עצמו לדעת״ — זיך אַליין גענומען דאָס לעבן; וואָרעם טאָמער, חלילה, איין בויג — איז דאָך עליו השלום, אוים פֿישל! פֿישל האָט זיך מיט די פֿאַרקאַטשעטע פֿאָלעס אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט אויף איין אָרט, ביז פֿראָקאָפּ האָט זיך צעשריגן אויף אים, געזאָגט, אַז אָט טוט ער אַ שפּײַ און פֿאָרט אַליין אַריבער אויף יענער זײַט קיין כאַשטשעוואַטע. דער־הערט דאָס ליבע וואָרט „כאַש־טשע־וואַ־טע״, דערמאָנט זיך פֿישל אָן זײַנע אייגענע און געטרײַע, נעמט זיך אָן מיט אַלע כוחות און פֿאַלט אַרײַן אין מולטער אַרײַן. איך זאָג „ער פֿאַלט־אַרײַן״, ווײַל פֿונעם ערשטן שטעל מיטן פֿוס טוט זיך דאָס שיפֿל אַ בויג אויף איין זײַט, מיינט ער, אַז ער פֿאַלט, טוט ער זיך אַ כאַפּ צוריק, און פֿון דעם כאַפּ צוריק טוט ער אַ פֿאַל מיטן פּנים אַראָפּ, ציט זיך אויס אויפֿן דנאָ, און סע געדויערט עטלעכע מינוט, ביז ער קומט צו זיך, און דאָס פּנים איז אים טויט, הענט און פֿיס ציטערן, און דאָס האַרץ — ווי אַ זייגערל: טיק־טיק־טאַק! טיק־טיק־טאַק!

ו.

ווי באַ זיך אין דער היים אויפֿן בענקל, זיצט פּראָקאָפּ אויפֿן שפּיץ מולטער, אַ מאַך מיט דער וועסלע פֿון איין זײַט, אַ מאַך מיט דער וועסלע פֿון דער אַנדערער זײַט — דאָס שיפֿל גליטשט זיך איבערן שפּיגלדיקן וואַסער, און באַ פֿישלען דרייט זיך דער קאָפּ, קוים וואָס ער זיצט. ער זיצט? ניין, ער הענגט, ער הענגט אין דער לופֿטן; אָט־אָט טוט ער זיך אַ שלעכט ריר, אָט־אָט רײַסט ער זיך אָפּ, איין בויג אויף אַ זײַט — און פֿליווּך אין וואַסער אַרײַן, אוים פֿישל!... און באַ דעם געדאַנק קומט אים אויפֿן זינען דער פּסוק פֿון דער שירה: „צללו כעופרת במים אדירים״ — פֿאַרזונקען ווי בלײַ אין די שטאַרקסטע וואַסערן. און עס שטעלן זיך אים די האָר קאַפּויר פֿון אַזאַ מין טויט: סטײַטש, נישט קומען אַפֿילו צו קבר ישראל! און ער איז מנדר... וואָס זאָל ער מנדר זײַן? צדקה? האָט ער נישט וואָס; ער איז נעבעך אַ גרויסער, גרויסער אָרעמאַן! איז ער מנדר, אַז באַם גאָט וועט אים ברענגען בשלום אהיים, וועט ער זיצן גאַנצע נעכט און

לערנען, און וועט דורכגיין דורכן יאָר גאַנץ ש״ס, אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף...

פישל וואָלט א בעלן זײַן וויסן, צי ס'איז נאָך ווײַט ביז צו יענעם ברעג. און ווי אַף צו להכעיס, האָט ער זיך געזעצט מיטן פּנים צו פּראָ־קאָפּן און מיטן הינטן צו כאַשטשעוואַטע. פרעגן פּראָקאָפּן — האָט ער מורא אַרויסלאָזן א וואָרט פונעם מויל; עס ווײַזט זיך אים אויס, אַז פון נעם קול אליין וועט זיך דאָס שיפל געבן א הוידע, און לאָז זיך דאָס שיפל געבן א הוידע — איז אויס פישל! נאָר פּראָקאָפּ אַליין עפנט דאָס מויל און הייבט אָן ריידן. ער זאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין ערגערע נסיעה אַפן וואַסער, ווי בשעת קריַע גייט נאָך; מע קאָן, זאָגט ער, נישט פאָרן גלײַך, מע מוז זיך קליגן, דרייען זיך אַרום און אַרום, אומקערן זיך אַלע מאָל צוריק.

— אָט גייט א שטיק אײַז גלײַך אַף אונדז.

אַזוי זאָגט פּראָקאָפּ און טוט זיך א נעם צוריק און לאָזט דורך פאַרבײַ א גאַנצע מאַכינע, וואָס שווימט דורך פאַרבײַ מיט א משונה־מאָדנע הילך, וואָס פישל האָט נאָך אַזעלכעס קיינמאָל נישט געזען און נישט געהערט, און ער הייבט ערשט אָן פאַרשטיין, ווי ווײַט די דאָזיקע נסיעה איז א משונהדיקע זאַך! ער וואָלט אַוועקגעגעבן מי יודע וואָס, אַבי ער זאָל שוין גיכער קומען צום ברעג, אָדער אומקערן זיך צוריק.

— אָ! דו זעסט? — מאַכט צו אים פּראָקאָפּ און ווײַזט אים אָן אַהין, אַרויף.

פישל הייבט אויף די אויגן פּאַוואָלינקע, האָט מורא זיך א שטאַרקן ריר טאָן, קוקט, קוקט — און זעט נישט גאָרנישט; ער זעט נאָר וואַסער, וואַסער און וואַסער.

— דאָס גייט אַף אונדז א גרויסע קריַע. מע דאַרף איבערלויפן גיך, וואָרעם צוריקנעמען זיך איז שוין שפּעט.

אַזוי זאָגט פּראָקאָפּ און אַרבעט מיטביידע הענט גאַנץ געשמאַק, און דאָס שיפל גליטשט זיך, שוועבט, ווי א פיש אין וואַסער, און פישל פילט, אַז עס ווערט אים קאַלט אין אַלע איברים. ער וויל עפּעס א פרעג טאָן, נאָר ער האָט מורא אײַנשטעלן זיך. פּראָקאָפּ רעדט אָבער אַליין:

— אויב מיר וועלן נישט פאַרכאַפּן פריַער מיט אַמינוטקעלע, איז שלעכט.

דאָ קאָן זיך פישל נישט איינהאַלטן און פרעגט אים איבער:

— דהיינו, וואָס הייסט שלעכט?

— שלעכט הייסט, אַז מיר זיינען פאַרפאַלן, — זאָגט פּראָקאָפּ.

— פאַרפאַלן?

— פאַרפאַלן!

— דהיינו, וואָס הייסט פאַרפאַלן? — פרעגט אים איבער נאָך אַמאָל פישל.

— פאַרפאַלן הייסט — עס וועט אונדז פאַרטרייבן.

— פאַרטרייבן?

— פאַרטרייבן!

פישל פאַרשטייט נישט רעכט, וואָס באַדייטן די ווערטער „פאַר־פאַלן", „פאַרטרייבן"; נאָר פילן פילט ער, אַז עס שמעקט מיט „מעבר־יבוק", מיט „יענער וועלט" — און אַ קאַלטער שווייס טרעט אים אַרויס אַפן לייב, און דער פּסוק פון דער שירה קומט אים נאָך אַ מאָל אַרויף אַפן זכרון: „צללו כעופרת במים אדירים" — פאַרזונקען ווי אַ בליי אין די שטאַרקסטע וואַסערן...

און בכדי צו באַרויִקן אונדזער פישלען, דערציילט אים פּראָקאָפּ אַ שיינע מעשה פון פאַראַיאָרן אין דער צייט: דער בוג האָט זיך אָפּגעריסן, און דעם פּראָם האָט מען נישט געקאָנט לאָזן. האָט זיך אים געטראָפן אַ פאַרשוין, אַן אָקציזנע טשינאָווניק פון אומאַן, אַ ווילער פאַרשוין, צו־געזאָגט באַצאָלן אַ גאַנצן „קאַרבאָוואַנעץ". האָבן זיי געהאַט אַ בייז באַ־געגעניש מיט צוויי מוראדיקע שטיקער אייז. האָט ער זיך גענומען רעכטס, אַריין צווישן ביידע קריִעס אין מיטן, געוואָלט דורכשניידן אַרויף, האָט ער זיך אומגערן אַ בוצקע געטאָן מיטן שיפל און — באַץ אין וואַסער אַריין! אַ גליק, וואָס ער קאָן שווימען. נאָר דער אומאַנער טשינאָווניק איז קאַפּוט געגאַנגען, און פאַרפאַלן דאָס קערבל.

— פּראָפּאַוו קאַרבאָוואַנעץ! — אַזוי האָט פּראָקאָפּ אויסגעלאָזט זיין שיינע מעשה מיט אַ זיפץ, און באַ פישלען איז דורכגעגאַנגען אַ פראָסט איבערן לייב און ס'איז אים טרוקן געוואָרן אין מויל: נישט גע־קאָנט אויסריידן קיין וואָרט, אַרויסלאָזן קיין קול, קיין פּיפּס פונעם מויל.

ז.

סאַמע אין מיטן טײַך, סאַמע אין רעכטן שווימען, האָט זיך פּראָקאָפּ אָפּגעשטעלט, געקוקט — געקוקט אַרויף וואַסער; נאָכדעם האָט ער אוועק־געלייגט די וועסלע, אַרויסגענומען פון דער טיפער קעשענע אַ פּלעשל, איבערגעקערט דאָס פּלעשל און געגעבן אַ צוויי־דרײַ זופּן און צוריק פאַרשטעקט דאָס, און אַרײַן אין קעשענע, און פאַרביסן מיט עטלעכע גאַנצע פעפערלעך, און פאַרענטפערט זיך פאַר פישלען, אַז ער מוז, ער מוז געבן כאָטש אַ צוויי זופּ פונעם „ביטערן טראָפּן", אַנדערש פילט ער זיך נישט גוט אָפן וואַסער... און ער האָט זיך אויסגעווישט דאָס מויל און גענומען די וועסלע אין האַנט, נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אַרויף וואַסער און אַ זאָג געטאָן:

— אַ טעפּער טרעבאַ טיקאַטי*!

— ווהין אַנטלויפן? פאַר וועמען אַנטלויפן? — דאָס האָט פישל נישט פאַרשטאַנען און מורא געהאַט פרעגן; נאָר געפילט האָט ער, אַז דאָ שמעקט מיט מלאך־המות, וואָרעם פּראָקאָפּ האָט זיך געשטעלט אויף די קני, גענומען אַרבעטן מיט דער וועסלע אויף אַלע כלים און אַ זאָג געטאָן צו פישלען און באַוויזן מיט דער האַנט אָפן דנאָ:

— ראַבין! ליאַהאַי נאַ ספּיד**!

און פישל האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז מע הייסט אים זיך לייגן, האָט ער זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. ער האָט דערזען פון דער ווײַטן, ווי אַ גאַנצע כמאַרע רוקט זיך אָן אויף זיי, סע גייט אַ וועלט מיט אײַז, האָט ער צוגעמאַכט די אויגן, איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צום דנאָ פון דעם שיף און געציטערט, ווי אַ לעמעלע, און אויסגעשריגן שטילערהייט אויף אַ קול: „שמע ישראל!" אָפּגעזאָגט דעם קורצן ודוי, געטראַכט פון „קבר ישראל" און פאַרגעשטעלט זיך, אַז אָט־אָט ליגט ער אָפן אָפּגרונט פון די וואַסערן, אָט־אָט לויפט־צו אַ פיש און שלינגט אים אײַן, ווי דעם נביא יונה, בשעת ער איז אַנטלאָפן קיין תרשיש. און ער דערמאָנט זיך אָן דער תפלה פון דעם נביא יונה, און ער זינגט שטילערהייט און וויינט,

*) אַצינד באַראַדף מען אַנטלויפן!
**) רבי לייג זיך אַראָפּ!

וויינט מיט טרערן: „אפפוני מים עד נפש — מיך האָבן ארומגערינגלט די וואַסערן ביז דער נשמה, תהום יסובבני — דער אָפּגרונט טוט מיך ארומרינגלען!"...

אַזוי זינגט פישל דער מלמד שטילערהייט און וויינט, גיסט מיט טרערן, האָט רחמנות אַף בת־שבען, נעבעך אַן אלמנה, און די קינדער יתומים. און פראָקאָפּ אַרבעט אַף אַלע כלים און זינגט בשעת מעשה זײַנס אַ לידל:

אָי, ווי האַלקי!

אָי, ווי טשאָרנאָקרילע!

טשאָרנאָ־קרי־אי־אי־לע * !...

און פראָקאָפּ פילט זיך דאָ אַפּן וואַסער, ווי אַף דער יבשה, ווי בא זיך אינדערהיים. און פישלס „אפפוני" מיט פראָקאָפּס „האַלקעס", און פישלס „יסובבני" מיט פראָקאָפּס „טשאָרנאָקרילע" גיסן זיך צונויף איינ־איינעם, און עס לאָזט זיך הערן אַפּן בוג אַ מאָדנע געזאַנג, אַ מין דועט, וואָס איז נאָך דאָרט קיינמאָל אַזעלכעס נישט געהערט געוואָרן; עס קאָן זײַן, זינט דער טײַך הייסט „בוג", האָט ער נאָך אַזאַ מין דועט נישט געהערט...

„וואָס האָט ער אַזוי מורא פאַרן טויט, דער דאָזיקער ייִד?" — אַזוי טראַכט זיך פראָקאָפּ באַראַניוק, נאָכדעם אַז ער האָט אויסגעפּעלט די גרויסע שטיק קריִע, אַרויסגעצויגן נאָך אַ מאָל דאָס פלעשל פונעם אָפּגרונט פון זײַן טיפער קעשענע, געטאָן אַ צוויי־דרײַ זופּ און פאַרביסן מיט עטלעכע גאַנצע שוואַרצע פעפערלעך. — „דאַכט זיך, אַזאַ קליין ייִדל, אַן אָרעמס, אַן אָפּגעריסנס, וואָס איך וואָלט פאַר אים נישט אַוועק־געגעבן אָט דאָס שטיקל מולטער, — און ציטערט אַזוי פאַרן טויט!"...

און פראָקאָפּ טוט אים אַ טורקע מיטן שטיוול אין זײַט אַרײַן, און פישל טוט אַ ציטער. אַף פראָקאָפּן פאַלט־אָן אַ געלעכטער, נאָר פישל הערט נישט. פישל טוט תפלה, פישל זאָגט ודוי, זאָגט קדיש נאָך זײַן אייגענער נשמה און טראַכט מכח „קבר־ישראל"...

*) אוי, איך האַקעס, אוי איך שוואַרצפליגלדיקע! שוואַרצפליגלדיקע!

— וסטאוואי, דורנעי ראַבין, ווזשע פּריעכאַלי! ווזשע מי או כאַש־טשעוואַטע*!

אַזוי רופט זיך אָן פּראָקאָפּ באַראַניוק צו זײַן פֿאַרשוין, צו פֿישל דעם מלמד, וועקט אים אויף, ווי פֿונעם שלאָף. און פֿישל הייבט־אויף דעם קאָפּ פּאַוואָלינקע, פּאַמעלעך, קוקט זיך אַרום מיט די רויטע פֿאַר־וויינטע אויגן אויף אַלע זײַטן:

— כאַ־שטשע־וואַ־טע ? ? ? ...

— כאַשטשעוואַטע! דאַוואַי, ראַבין, פּיווקאַרבאַוואַנצאַ**!

און פֿישל קריכט־אַרויס פֿונעם מולטער און דערזעט, אַז ער איז שוין אינדערהיים. ווייס ער נישט, וואָס ער זאָל טאָן: צי זאָל ער לויפֿן אין שטאָט אַרײַן? צי זאָל ער גיין טאַנצן? צי זאָל ער פֿריִער דאַנקען און לויבן גאָט, וואָס ער האָט אים מציל געווען פֿון אַזאַ סכנה? ער באַצאָלט דעם ערל דאָס האַלבע קערבל, כאַפּט דאָס פּעקל אונטער דער האַנט און לאָזט זיך לויפֿן וואָס גיכער אַהיים, נאָר ער בלײַבט שטיין אויף אַ רגע, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום פּאַראָמשטשיק.

— סלוכאַי נאַ, פּראָקאָפּע סערדצע. טי פּריכאָדעט, אם ירצה השם, זאַווטראַ נאַ טשאַרקו פּייסאַכאָווקע אי פּראַזנעקאָוואַ ריבאַ דאָ פֿישל ספּעקטאָר. טשויעש? למען השם!***)

— אַ יאַק זשע? כיבאַזש יאַ טאַקיי דורנעי? — ענטפֿערט אים פּראָקאָפּ באַראַניוק און באַלעקט זיך שוין באַצײַטנס פֿונעם פּסחדיקן בראָנפֿן, וואָס ער וועט מאָרגן פֿאַרזוכן, און פֿון די יום־טובֿדיקע פֿיש, וואָס ער וועט פֿאַרבײַסן. — פּייסאַכאָוואַ האָרילקאַ? זשידיווסקאַ ריבאַ? דאָברע, ראַבין, דאָברע!****)

*
**

פֿישל דער מלמד, אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט אים בת־שבע, רויט ווי פֿײַער, מיט אַן אָנגערוקט טיכל, אַ פֿרעג געטאָן: „וואָס מאַכ־סטו?" האָט ער איר געענטפֿערט: „וואָס מאַכסטו?" האָט זי אים גע־

---

*) שטיי אויף, דו נאַרישער רבי, שוין אין כאַשטשעוואַטע!

**) גיב, רבי, אַ האַלב קערבל!

***) הער נאָר, פּראָקאָפּ, האַרצעניו, זאָלסט קומען, אם ירצה השם, מאָרגן אויף אַ גלעזל פּסחדיקן בראָנפֿן מיט יום־טובֿדיקע פֿיש צו פֿישל מלמד. דו הערסט? למען השם!

****) ווי דען זשע? צי בין איך דען אַזאַ נאַר? פּסחדיקן בראָנפֿן? יידישע פֿיש? גוט, רבי, גוט!

פרעגט: „וואָס עפּעס אַזוי שפּעט?” האָט ער איר געענטפערט: „באַדאַרף
בענטשן גומל, אַ נס מן השמים”... און נישט מער אַ וואָרט, נישט גע־
וואָלט דערציילן גאָרנישט פון דער שיינער נסיעה, נישט געווען קיין
צײַט; ער האָט אפילו קײַן צײַט נישט געהאט פאַרהערן פּרויקען, ווי ער
האָלט אין דער גמרא, און אָפּגעבן רייזלען די מתנה און בת־שבען די
ווײַדענע פּעטשיילע. דאָס אַלצדינג איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף שפּעטער.
פישל האָט געוואָלט נאָך פאַרכאַפּן אַ באָד. קוים־קוים פאַרכאַפּט! און אַז
ער איז געקומען פון מרחץ, האָט ער אויך נישט דערציילט גאָרנישט.
ער האָט דאָס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, אויף נאָכן סדר. ער האָט נאָר גע־
זאָגט אַלע מאָל: „אַ נס מן השמים... בענטשן גומל... דער אייבערשטער
פירט מיט אַ מענטשן... אַ נס מן השמים... געלויבט איז השם יתברך”...

און ער האָט גענומען מיט זיך פּרויקען און איז אַוועק אויף גיך
אין שול אַרײַן.

געשריבן אין יאָר 1903

כל נדרי

(פאַרלאָרענע נשמות)

א.

די נאַכט פון כל־נדרי איז דער „פאַרנאַס" געווען שיין באַלײַכטעט מיט אַלערליי־פאַרביקע לאָמפּן און לעמפּלעך, דעקאָרירט און צוגעקליבן אַפן שענסטן אופן. די מוזיק האָט געשפּילט, די אָפענע סצענע איז געווען גרייט צו באַווײַזן דער וועלט אַלע אירע אַנטיקלעך, חידושים ונפלאות — משונה־מאָדנע גרינגע דינע גאַז־קאָלירנדיקע קליידלעך, אַ סך בריליאַנטן, משוגענע טואַלעטן, נאַקעטע לײַבער און פיס, פיס אָן אַ שיעור!...

— וואָס איז דאָס? — פרעגט דער פרומער לעזער. — משוגע, צי חסר־דעה? וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקרות געוואָרן? עשרת ימי־תשובה אין אַ קאַפע־שאַנטאַן! ערב יום־כפור — מוזיק מיט קליידלעך מיט נאַקעטע לײַבער!...

איך ווייס, ליבער פרײַנט, גלייבט מיר, איך ווייס, אַז ס'איז ערב יום־כפור; איך ווייס, אַז אין דעם אָרט, וווּהין מיר גייען אַצינד, איז נישט אַזוי כדאי אַרײַנצוטרעטן אין די טעג, וואָס מע רופט זיי „ימים נוראים", און די פאַרשוינען, וואָס מיר וועלן זיך דאָרט מיט זיי באַגעגענען, געהערן זיך אָן ווינציק־וואָס מיטן כל־נדרי און מיטן הייליקן טאָג יום־כפור, וואָס ער הייסט בײַ אונדז „שבת־שבתון", דער שבת פון אַלע שבתים. נאָר פון וואַנען ווייסן מיר, אפשר געפינען זיך אויך דאָ, אינעם דאָזיקן זינדיקן אָרט, זינדיקע ייִדישע נשמות, און צווישן זיי אויך פאַרגעסענע, פאַרוואָגלטע, פאַרוואָרפענע, אומגליקלעכע נפשות נעבעך, וואָס קומען־אָפּ אַף דער וועלט מער פאַר פרעמדע זינד, ווי פאַר אייגענע? פון וואַנען ווייסן מיר, ווער ס'איז מער שולדיק אינעם נידעריק־פאַלן פון די

דאַזיקע פאַרלאָרענע נשמות? פון וואַנען ווייסן מיר, וועלכעס איז כדאי און וועלכעס איז נישט כדאי?...

נאָך אַזאַ מין שטיקל הקדמה, וואָס שמעקט אַ ביסל מיט „על חטא" (און אַ ייִד שלאָגט זיך אָפּ „על חטא" און זינדיקט ווײַטער), קאָנען מיר, דאַכט זיך, שוין אומקערן זיך צוריק צו דער מעשה.

דער פאַרנאַס" איז דעקאָרירט און צוגעקליבן אַפן שענסטן אופן. די מוזיק שפּילט. מענטשן דרייען זיך אַרום הין און צוריק אַף אַן ענג שטיקל ערד, וואָס מע רופט עס „גאָרטן", וואָרעם מע האָט דאָרט אָני־דערגעזעצט אַ זאַמד עטלעכע כאַשטשעוואַטע ביימלעך, וואָס טשאַכנען, קוים־קוים וואָס זיי דערציִען דעם זומער, און אַלץ וואָס דאָ געפינט זיך — איז פאַלש און פאַלש און פאַלש. דער גאָרטן איז ניט קיין גאָרטן, די ביימער זײַנען נישט קיין ביימער, די בריליאַנטן זײַנען נישט קיין ברי־ליאַנטן, די שמחה איז נישט קיין שמחה. ס'איז נאָר געמאַכט, ס'איז נאָר געמלאכהט, בכדי יענער זאָל מיינען...

אַלע ווייסן דאָס, אַלע פילן דאָס, נאָר פונדעסטוועגן גייט מען אַהער אַלע אַף דער נאַכט, און מע ברענגט־אויס געלט, מע זיצט און מע הערט, מע גענעצט, נאָר מע זיצט... די מוזיק רימפּלט, און עס רימפּלט אַפן האַרצן, נאָר מע מוז זיצן און הערן ביזן סוף. דאַנקען גאָט, די מוזיק האָט אויפגעהערט צו רימפּלען, דאָס גלעקל קלינגט, דער עולם גייט פאַרנעמען ערטער, און דער פאָרהאַנג פון דער אָפענער סצענע הייבט זיך אויף, און עס שפּרינגט־אַרויס אַ נפש אינעם געשטאַלט פון אַ נקבה, אַנגעטאָן משו־געגנערווײַז, דאָס הייסט, העבער האַלב נאַקעט, און מיט אַ קול פון אַ יונג קינד קוויטשעט זי אויס אַ ניגון, וואָס איר ווייסט נישט, צי זי זינגט קופּלעטן, צי זי בייזערט זיך אַף דער דינסט פאַר די קאַרטאָפּלעס... און כאָטש דער גאַנצער עולם פילט, אַז די קופּלעטן זײַנען נאַריש און דאָס זינגען טויג אַף כפּרות, פונדעסטוועגן פּאַטשט מען בראַוואָ און אַ צוויי־דרײַ לײדיקגייערס רופן זי אַרויס פון יוצא וועגן נאָך אַ מאָל אַף „ביס", און זי לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן, זינגט אַ נײַעם ניגון, נאָך ערגער פונעם ערשטן, און דער עולם גענעצט און פּאַטשט „בראַוואָ", און עס הערט זיך ווידער אַ געשריי: „ביס"!...

— דזשאָו! טו אַ שפּרונג, ווער געוואָר, געקומען שוין דראַגאַ־

מארישקא, צי נאָך ניט? — אזוי רופט זיך אָן איינער א גראָבער דײַטש מיט א רויטער נאָז אונטער א גלאַנצנדיקן צילינדער. דאָס איז דער בעל־הבית פונעם גאָרטן.

— איך קום ערשט פון דאָרטן, נישטאָ זי נאָך. — ענטפערט דזשאָו, א יונגערמאַנטשיק מיט א רויטן שניפּס, מיט א געגאָלט פּנים, נאָר מיט אַן אויסגעבויגענער נאָז, וואָס זעט־אויס מזרע היהודים.

— וואָס ווילן מיר טאָן, טאָמער קומט ניט, חלילה, דראַגאַ־מאַ־רישקאַ? סע שנײַדט זיך אָן עולם פון היפּשע מענטשלעך, רײַכע יונגע־לײַטלעך, מע וואָלט געקאָנט לייזן שיין געלט... ווּ קאָן זײַן אזוי שפּעט דראַגאַ־מאַרישקאַ?

— למאַי אָט איז פּערי־פּיטשי־פּוטשי אויך נישטאָ? — זאָגט דזשאָו.

— דער רוח ווייס זיי, ווּ זיי זײַנען ערגעץ!... מע באַדאַרף א לויף טאָן צו זיי אהיים!...

— גיי, גיי, דזשאָו, נשמהניו, ברענג זיי צו פירן פּאַר די צעפּ! — זאָגט די רויטע נאָז צו דער געגאָלטער מאָרדע, און מע זעט, אַז די רויטע נאָז האָט יסורים. זי עקט זיך... און דאָרט, אַף דער סצענע, שפּרינגט־אַרום א פאַרשלעפּטע קרענק, קוליעט זיך איבער דרײַ מאָל הין און צוריק און מאַכט א סך ערגערע העוויות, ווי די ערגסטע פּורים־שפּילער, און דאָס געפעלט דעם עולם אזוי שטאַרק, אַז מע פּאַטשט אים „בראַוואָ" נאָך איידער ער האָט אָפּגעמאַכט אַלע זײַנע שטיק, און מע רופט אים אַרויס נאָך א מאָל אַף בינע.

די רויטע נאָז איז אין איינע צרות:

— דזשאָו! ווּ איז דזשאָו? נישטאָ דזשאָו! נישטאָ דראַגאַ־מאַרישקאַ! נישטאָ פּערי־פּיטשי־פּוטשי! נישטאָ קיינער, קיינער!...

אזוי זאָגט די רויטע נאָז און לויפט־אַרום הין און צוריק, ווי א פאַרסמטע מויז, איבערן גאַנצן „פּאַרנאַס".

און אַף דער סצענע באַווײַזט זיך א פאַרשטעלטער ייִד, דאָס הייסט, א גוי, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט א קלאָטשקעוואַטע באָרד מיט ווילדע פּאות אַף אַן אַרשין און קרימט זיך נאָך א ייִדן. די דאָזיקע באָרד און פּאות מיט דער שפּיצעכיקער יאַרמעלקע, מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע, מיט די שיך און זעקלעך, רופן אַרויס אַזאַ מין התפּעלות אינעם גאַנצן עולם,

אַז זיי ווערן שיער נישט די כפּרה. איינער פון דרויסן טוט אַ געשריי: „יאַנקל!“ און דער ייִד פון דער סצענע טוט אַ פרעג: „חיים־סראָליק־קוגל, וואָעס? און צווישן עולם ווערט אַזאַ געלעכטער, גלײַך ווי עס איז דאָ געזאָגט געוואָרן מי יודע וואָס פאַר אַ שאַרפע חכמה. און ווער שמועסט, אַז דער ייִד ציט נאָך אַרויס פון דער אונטערשטער קעשענע אַ פּושקעלע, נעמט אַ שמעק טאַבאַק און טוט אַ ניס, דעמאָלט ווערט אַן אײַנלייגעניש אַף אַ האַלבע שעה און אַ געשריי: „ביס! ביס! ביס!“... דערפון קאָן מען שוין פאַרשטיין, וואָס סע טוט זיך אָפּ, אַז ער הייבט אָן זינגען דאָס שיינע, קלוגע לידל, וואָס צעגייט זיך אין אַלע איברים, שאָקלט בשעת מעשה מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ און טרייסלט מיט די פּאות, טאַנצט און קנאַקט־צו מיט די פינגער:

„הענדל־פענדל־מענדעלסאָן,
פײַטל־טרײַטל־מאַנדעלשטאַם,
שניאור־דרייער־מאירבער,
שמערקאָ־בערקאָ־קולישער“...

דער עולם ווערט מלא גדולה, ששון ושמחה; איינער שרײַט: „בראַוואָ!“ דער אַנדערער — „ביס!“ און איינער, אַ דריטער, כאַפּט זיך גאָר אַרויס מיט אַ שרעקלעכן „הוררראַ!“, שרײַט מיט אַלע כוחות, גלײַך ווי מע האָט אים דערפאַר באַצאָלט מי יודע וויפל.

דאָס איז אָבער אַלץ פאַר דער רויטער נאָז ווינציק. זי גייט אַרום אין איינע צרות, בייזערט זיך, קנײַפּט־אונטער שטילערהייט די באַדינטע, טרײַבט זיי, זיי זאָלן גיין אַ קוק טאָן, צי איז ניט געקומען שוין דראַגאָ־מאַרישקאָ? ווו איז דראַגאָ־מאַרישקאָ? ווו איז פעררי־פּיטשי־פּוטשי? ווו איז דזשאָו? ווי אין דער ערד אַרײַן! שוין זשע זײַנען זיי ד אָ ר ט ן אַלע דרײַ?...

און דער בעל־הבית פונעם „פּאַרנאַס“ שטעלט־אַוועק איינעם פון די באַדינטע בײַ דער טיר, און אַליין כאַפּט ער אַ דראָשקע און הייסט זיך פירן אַף דער „ייִדישער גאַס“.

ב.

ווער איז די דראַגאַ־מאַרישקאַ? וואָס קוקט מען דאָ אַף איר אַזוי שטאַרק אַרויס?

דראַגאַ־מאַרישקאַ איז אַ זינגערן, איינע פון די סאַמע באַליבטעסטע אין „פּאַרנאַס”. אַליין איז זי פון בודאַפּעשט, זינגט אונגאַרישע מעלאָדיעס און ציגײַנער־לידער מיט אַזאַ שיין קול, מיט אַזאַ מין מתיקות, אַז זי נעמט־אַרויס בײַ איטלעכן באַזונדער דאָס חיות. אַלע אירע לידער, כאָטש מע פאַרשטייט ניט די ווערטער, זײַנען פול מיט טרערן, מיט האַרץ, האָבן אין זיך אַ לעבעדיקע נשמה און דערגרייכן ווײַט, דערלאַנגען טיף אין די ביינער, דערוועקן מאָדנע געפילן, רופן־אַרויס טרויעריקע געדאַנקען, אַמאָל אַ זיפץ פונעם טיפן־טיפן האַרצן און אָפּטמאָל אַ טרער אַף די אויגן. וווּ ליגט דאָ דער סוד באַהאַלטן: צי אין דער זיסער ווייכער בוימלדיקער שטימע? צי אין די גרעאָטענע קלינגענדיקע ווערטער, וואָס זי גיט זיי צו אַ באַזונדער חן בשעת זי רעדט זיי אַרויס? צי אין אירע שיינע, שוואַרצע, טיפע, פאַרטראַכטע אויגן, וואָס שײַנען אַרויס פון איר קלאָר־ווײַס־ליכטיק פּנים, וואָס איז באַברעמט מיט שיינע, קורצע גע־גרײַזלטע האָר? צי אין איר קאָנען האַלטן זיך אַף דער סצענע? צי אין די אַלע זאַכן אינאיינעם גענומען? דאָס איז פּאַר געוויס, אַז קוים באַ־ווײַזט זיך דראַגאַ־מאַרישקאַ אַף דער סצענע, ווערט נישט קיין ליאַרעם מיט קיין געפּילדער; אדרבה, עס ווערט שטיל, אַלע באַקומען עפּעס פאַר איר דרך־ארץ, מע פילט, אַז עס שטייט אַ מ ע נ ט ש אַף דער סצענע, אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, אַ מענטש מיט אַ האַרץ, מיט אַ נשמה; און הייבט אָן דראַגאַ־מאַרישקאַ צו זינגען, אַזוי ווערט דער עולם ווי פאַר־שטאָרבן, און אַלע וואָלטן וועלן, דאָס זינגען זאָל זיך ציִען און ציִען, עס זאָל זיך גאָרנישט אויסלאָזן... ייִדן האָבן ליב גיין האָרכן דראַגאַ־מאַ־רישקאָן דערפאַר, וואָס אין איר זינגען ליגט אַ סך „מאָראַליש”, עס שמעקט מיטן ייִדישן שטייגער. אין איר זינגען הערט זיך אַ קלאָגן, אַ באַקלאָגן זיך פון אַ צעבראָכן האַרץ, פון אַ באַליידיקטער נשמה, און אַ געפיל פון רחמנות קלעמט־אַרום דאָס האַרץ, און נישט אַזוי גרינג פאַר־געסט איר נאָכדעם דאָס דאָזיקע ליכטיקע פּנים, מיט די טיפע, שוואַרצע,

פאַרטראַכטע אויגן, און די זיסע ווערטער מיטן צוקער־זיסן געזאַנג לאָזן זיך נאָך לאַנג הערן באַ אײַך אין די אויערן.

סע פאַרשטייט זיך, אַז אױף דראַגאַ־מאַרישקאַן זײַנען פאַראַן אַ סך, אַ סך בעלנים, וואָס ברענגען אוים אַ סך, אַ סך געלט, און די רויטע נאָז איז דערפון רעכט צופרידן, און די אַלע איבעריקע זינגערנס און טענ־צערנס זײַנען איר, געוויינטלעך, רעכט מקנא. זיי זאָלן נאָר קאָנען, וואָלטן זיי זי דערטרונקען אין אַ לעפל וואַסער. אָך, ווען זיי זאָלן ווײסן, ווו איז איצטער דראַגאַ־מאַרישקאַ, וואָלטן זיי אַוועקגעגעבן אַלע זייערע פאַלשע בריליאַנטן, זיי וואָלטן איר שוין צוגעשטעלט אַ רעכט בענקעלע ווו מען באַדאַרף און וואָלטן זיך אָפּגערעכנט מיט איר, ווי עס געהער צו זײַן!

ווו איז געווען דראַגאַ־מאַרישקאַ?
אין שול צו כל־נדרי.

ג.

דאָרט, אין אַ קליין שטעטל אין גאַליציע, ווו זי איז געבאָרן, האָט זי געהייסן דבורה־מירל, אַ ייִדישע טאָכטער, אַ כשר קינד, געוואַקסן באַ פרומע עלטערן פאַנאַטיקער און גאַנץ רײַכע לײַט, וואָס נאָכדעם האָט זיך באַ זיי דאָס רעדל אַ דריי געטאָן צוריק, זיי האָבן אָנגעוואָרן דאָס געלט, פאַראָרעמט געוואָרן און אַריבערגעפאָרן קיין בודאַפּעשט, געעפנט פריִער אַ קלייטל פון ציגאַרן, נאָכדעם אַ ייִדישן רעסטאָראַן אױף דער ייִדישער אַל־טאָפּענגאַס. נאָר דער שלים־מזל האָט זיי נאָכגעיאָגט פוס־טריט. ווי גע־וויינטלעך, אין אַ נײַ אָרט און אין אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי בודאַפּעשט, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך אַנדערש פירן, מאַכן אַ נײַ מין לעבן, איבערגע־ביטן די ייִדישע נעמען אױף אונגאַרישן שטייגער, אָנגעהויבן זיך אַנדערש קליידן, די מוטער אַליין האָט מיט דער צײַט אַראָפּגעוואָרפן דעם פּאַריק, און דער עלטערער זון האָט אָנגעהויבן שטודירן מוזיק — דאָס אַלצדינג אינאיינעם האָט דער פאָטער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן און איז גע־שטאָרבן אינעם ייִדישן שפּיטאָל, און דאָס גאַנצע געזינדל האָט זיך צעזייט און צעשפּרייט אױף אַלע זיבן ימים: דער עלטערער זון איז אַוועק ערגעץ מיט מוזיקאַנטן, דער אַנדערער האָט זיך גלאַט אַוועקגעלאָזט אין דער

וועלט אריין, א סברה, אז קיין בראזיליע, און איז פארפאלן, ווי אין וואַ־סער אריין; איינע אַן עלטערע טאָכטער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ משורר אין קאָרשול, די אַנדערע האָט זיך געשטעלט אין אַ זאָקן־פאַבריק, און דראגאַ־מאַרישקאַ איז געבליבן אַליין מיט דער מוטער, איר מיטגע־האָלפן אין רעסטאָראַן באַדינען די אורחים, געגרייט און דערלאַנגט צום טיש דאָס עסן.

שיין פון דער נאַטור זיינען זיי געווען אַלע, נאָר שענער פון אַלע איז געווען דראַגאַ־מאַרישקאַ. און די אורחים, וואָס האָבן בא זיי געגעסן קעסט, האָבן ליב געהאַט, אַז נאָר די שיינע, בליענדיקע דראַגאַ זאָל דערלאַנגען צום טיש, נישט קיינער. אַ סך געסט האָבן איר געמאַכט קאָמפּלימענטן, אייניקע האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט קאָמפּלימענטן אַליין, זיך באַגאַנ־גען אַ ביסל גראָבלעך, ווי געוויינטלעך מאַנצבילן, אַז זיי דערזען אַ שיינע צייטיקע פרי וואַקסט און האָבן רחמנות, זי קאָן נאָך, חלילה, איבערוואַקסן.

צווישן די שטענדיקע אורחים וואָס פלעגן אָפט קומען עסן אינעם יידישן רעסטאָראַן אַף דער אַלטאָפּענגאַס, איז געווען איינער אַ גאַנץ רייכער גאַסט פון ווין, מיטן נאָמען פייערשפּייער, אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס איידל פּנים, מיט אַ לאַנגן דינעם האַלדז און מיט אַ ביסל אַ היי־זעריקלעכער שטימע, נאָר מיט זייער גוטע, אַ ביסל קורצזיכטיקע אויגן. אַלע צוויי־דריי חדשים פלעגט ער קומען פון ווין קיין בודאַפּעשט מיט סחורה פון זיין פאָטערס אייגענער פאַבריק, ווו ער האָט זיך גערעכנט אַלס קאָמי־וואָיאַזשער, און פלעגט פאַרברענגען עטלעכע טעג און קומען אַלע טאָג עסן אין יידישן רעסטאָראַן, וואָס אַף דער אַלטאָפּענגאַס, און די שיינע דראַגאַ איז אים אַזוי געפעלן, אַז ער האָט איר איינמאָל, נאָכן צעצאָלן זיך פאַרן עסן, אָן אַ שום הכנות, — בשעת מעשה איז אים נאָר דער דינער לאַנגער האַלדז אַ ביסל רויט געוואָרן — אויפגעשטאַנען און געבעטן בא איר די האַנט, דאָס הייסט, ער האָט איר פאָרגעלייגט, אַז אויב זי וויל, האָט ער פאַר איר חתונה. דראַגאַ־מאַרישקאַ, וואָס האָט זיך בשום אופן נישט געריכט אַף אַזאַ זאַך, האָט אים גאַנץ פשוט געענטפערט, אַז זי מוז פריער איבעררײדן מיט דער מוטער, און די מוטער, דערהערט אַזאַ גליק, האָט זי געטריבן די טאָכטער, זי זאָל גיין וואָס גיכער אים זאָגן „יאָ", און אַף דעם גאַנצן געזינדל איז געוואָרן אַ שמחה, אַ פרייד: די על־

טערע שוועסטער איז געקומען צו לויפן, ניט טויט, ניט לעבעדיק, מיטן מאַן דעם משורר, וואָס אין קאָר־שול, געפאַלן דער שוועסטער אַפן האַלדז, געזאָגט, אַז איצט וועט קומען אַ סוף צו זייערע אַלע צרות, איר מאַן וועט פאַרשפּאָרן זינגען אין קאָר פאַר פופצן קראָנען אַ וואָך, די קלענערע שוועסטער וועט פאַרשפּאָרן אַרבעטן זיבעצן שעה אין טאָג בײַ די זאָקן, און די אָרעמע מאַמע וועט נישט דאַרפן שוין שטיין גאַנצע טעג בײַם אויוון. נישקשה, פּײַערשפּײַער איז געווען רײַך און איז זייער אַ גוטער מענטש; ער וועט זיי אַלעמען קומען צו הילף, און זיי וועלן אַלע ווידער אַ מאָל אויפלעבן, ווי זיי האָבן געלעבט אַמאָל פאַר זייער גוטן פאָטער, ער זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן. ביידע שוועסטער האָבן זיך אַרומגענו־מען, צעקושט און צעוויינט זיך פאַר פרייד.

ד.

ס'זאָל אַלצדינג זײַן אַזוי ווי מיר שטעלן זיך פאָר — וואָלט דאָך קיינמאָל אין ערגעץ קיין צרות נישט געווען אַף דער וועלט. אַז דער אַל־טער פּײַערשפּײַער, אַ משוגענער דײַטש און אַ רעכטער עקשן, איז געוואָר געוואָרן פונעם שידוך, וואָס דער זון האָט געטאָן אין בודאַפּעשט, האָט ער אים אַרײַנגערופן צו זיך אין קאַבינעט אַרײַן, געהייסן זיך איבערגעבן די קאַסע, אים אַרויסגעגעבן זײַן געהאַלט, וואָס אים קומט ביזן סוף יאָר, און געזאָגט, אַז ער איז פרײַ, ער קאָן שוין גיין ערגעץ אַנדערש, און האָט אים צום לעצטן מאָל פאָרגעלייגט אַזאַ מין תנאי: אָדער אויס שי־דוך, אָדער אויס זון. דער יונגער פּײַערשפּײַער איז אָבער אויך געווען אַ דײַטש און נישט קיין קליינער עקשן, האָט ער אים דערויף געענטפערט, אַז מע וועט גיכער פועלן בײַ אים דאָס אַנדערע, איידער דאָס ערשטע, און ער וועט בכלל בעסער שטאַרבן, איידער נעמען צוריק דאָס וואָרט, ובפרט, אַז ער האָט ליב דאָס מיידל מיט סכנת־נפשות און ער רעכנט זיך פאַר איינעם אַ גליקלעכן... און אַזוי ווײַטער. דער אַלטער פּײַ־ערשפּײַער האָט אים גאַנץ פײַן אויסגעהערט; נאָכדעם האָט ער אים אָנ־געוויזן מיט דער האַנט אַף דער טיר און אַ זאָג געטאָן:

— אַלזאָ, איז דאָס אָפּגעמאַכט? אַדיע!

— אדיע! — האט אים דער זון גענטפערט און א בייג געטאן זיך, און אזוי איז מען זיך צעגאנגען, דער זון מיטן פאטער, אף תמיד.

סע פארשטייט זיך, אז ס'איז באלד אוועקגעגאנגען א ווארעמער בריוו קיין בודאפעשט צו דראגא־מארישקאן, באשריבן די גאנצע סצענע מיטן פאטער, און ער בעט זי, אז זי זאל זײַן גאנץ רויִק, ער איז שוין נישט קיין יינגעלע; ער איז, ברוך השם, נישט קיין פארפאלענער, ער וועט זיך אפזוכן מיט גאטס הילף א שטעלע אין גיכן, און אז ער וועט זיך נאר צו עפעס צושלאגן — שטעלט ער מיט איר חופה איז א גוטער שעה א מזלדיקער, און אזוי ווײַטער. און ס'איז טאקע אזוי געווען. ער האט גיך באטראכטן א גאנץ פײַנע שטעלע, זיך אײַנגעארדנט, ווי עס געהער צו זײַן, און געקומען צו פארן קיין בודאפעשט און געשטעלט די חופה.

די חתונה איז געווען אפילו נישט אזא פריילעכע חתונה; ס'איז גע־ווען, ווי מע רופט דאס אן: „א שטילע חופה־וועטשערע". די מחותנים האבן זיך שטארק געבלאזן; ס'איז געווען, פארשטייט איר מיך, נישט אזוי ווי זיי האבן געמיינט. זיי האבן געמיינט א געהויבענע חתונה מיט רײַכע מתנות... דער עלטערער שוועסטערס מאן האט שוין געחלומט פון א נײַער שטעלע באם רײַכן שוואגער; די קלענערע שוועסטער האט זיך שוין במעט ווי אפגעזעגנט מיט אירע חברטעס אף דער זאקן־פאבריק; און אויך די אלטע מוטער האט שוין גערעכנט צומאכן דעם יידישן רעסטאראן: געגנוג שוין בראטן זיך באם אויוון, געגנוג שוין באדינען די אורחים, אונטערטראגן איטלעכן עסן. די אלטע מוטער האט אנגעהויבן אפטער ווי פריִער דערמאנען אירע צוויי זין, וואס זײַנען אוועק אף דער וועלט; זי האט געהאפט, פארשטייט איר, אז זיי וועלן מסתמא דערהערן פונעם גליק, וואס זייער יינגערער שוועסטער האט געטראפן, און וועלן געוויס קומען צו פארן אהיים. מיט איינעם ווארט, איטלעכער האט זיך ארומגעטראגן מיט זײַן חלום. און אזוי ווי דאס רוב חלומות לאזן זיך אוים מיט גאר־ניט, אזוי האט זיך פון די דאזיקע חלומות אויסגעלאזט א טײַך: דער עלטערער שוואגער איז געבליבן אף זײַן אלטער שטעלע; די יינגערע שוועסטער איז געזעסן באם אלטן ווארשטאט פון די זאקן, די אלטע מאמע — באם אויוון; די צוויי זין האבן זיך ארומגעבלאנקעט אף דער וועלט, ווי פריִער. אלע האבן זיך אפגענארט, געהאט א טעות אין חשבון און גע־

בלאָזן זיך אױף דער נאַרישער דראַגאַ מיט איר נאַרישן מאַן דעם דײַטש, וואָס ער וויל זיך נישט איבערבעטן מיטן פֿאָטער: אַ מענטש האָט אַזאַ רײַכן פֿאָטער — און גייט דינען צו אַ פֿרעמדן פֿאַר אַזעלכע הונדערט פּופּציק קראָנען געהאַלט! נאָך דער חתונה האָט זיך די עלטערע שוועסטער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט זיך צעקריגט מיט דראַגאַן, אויפֿגעהערט ריידן מיט איר און נישט געגאַנגען איבער איר מער צו דער מוטער אין שטוב אַרײַן. און פֿון דעמאָלט אָן איז אָפּגענומען געוואָרן דער שלום־בית אין יענעם הויז און מע האָט זיך געגעסן איינס דאָס אַנדערע לעבעדיקערהייט.

נאָר איין דראַגאַ האָט זיך געפֿילט גליקלעך מיט איר געליבטן בערנאַרד (אַזוי האָט געהייסן דער יונגער פֿײַערשפּײַער), וואָס האָבן זיך ליב געהאַט ביידע דאָס חיות, און מיט אירע צוויי קליינע מלאָכימלעך, וואָס זײַנען געבאָרן געוואָרן גיך איינס נאָך דאָס אַנדערע, און וואָס זי האָט זיי ליב געהאַט און אָפּגעהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿונעם אויג. איין חסרון נאָר, וואָס בערנאַרד איז כמעט קיינמאָל נישט אין דער היים, פֿאָרט אַרום טאָג ווי נאַכט, קומט צו פֿאָרן איין מאָל אונטער אַ יום־טוב אױף איין טאָג, קושט זיך אָן מיט די קינדער און פֿאָרט ווידער אַוועק. נאָך אַ חסרון, וואָס בערנאַרד איז נישט אין בעסטן געזונט. ער איז פֿון תמיד אָן זייער אָן איידעלער. ס'איז גאָר אַ סברה, אַז ער טאָר גאָר פֿיל נישט האָרעווען, ווי ער האָרעוועט, ער טאָר גאָר אַזוי ניט אַרומפֿאָרן, ווי ער פֿאָרט אַרום. דער דאָקטער זאָגט, אַז זומער באַדאַרף ער האָבן רו, זיך באַזעצן ערגעץ „אינם גרינע", אױף אַ דאַטשע הייסט עס, טרינקען מילך וכדומה. נאָר בערנאַרד וויל ניט הערן, ניט זען. בערנאַרד טראַכט גאָרנישט וועגן זיך אַפֿילו איין מינוט; דאָס גאַנצע לעבן זײַנס איז דראַגאַ און אירע צוויי מלאָכימלעך, און קומט ער צו פֿאָרן אַמאָל אַהיים און קאָן זיי עפּעס ברענגען צו פֿירן פֿון וועג אַ מתנה און זיצן מיט זיי אַ טאָג, קומט אים דעמאָלט צו געזונט אױף אַ גאַנץ יאָר!

אַ מענטש איז אָבער נישט קיין מאַשין, ניט פֿון אײַזן. בערנאַרד האָט אַזוי לאַנג געהאָרעוועט, ביז ער האָט זיך געמוזט איינמאָל אַנידערלייגן רוען; און האָט ער זיך אַנידערגעלייגט, איז ער שוין מער נישט אויפֿגעשטאַנען. דאָקטוירים האָבן אָנגעהויבן דאָרט צו זײַן גאַנץ אָפּטע

געסט, אין דער אַפּטייק האָט מען געקאָכט פון זיינעטוועגן רפואות. דער פּראָפעסאָר האָט געהייסן, מען זאָל אים אָפּפירן ערגעץ אין אַ קוראָרט, און ס'איז ניט געווען מיט וואָס. איז געקומען די עלטערע שוועסטער מיט אַן עצה, אַז דראַגאַ זאָל אָוועקשרײַבן צו זײַן פֿאָטער, צום אַלטן פֿײַערשפּײַער, אַ בריוול, אים פרעגן: „היתכן? ביז וואַנען איז דער שיעור צו זײַן ברוגז אויף אַ זון?" האָט דאָס דערהערט בערנאַרד און איז געוואָרן אָנגעצונדן. ער האָט זיך אַזש פאַרהוסט פאַר כעס, געבעטן זיך, געזאָגט, דער טויט זאָל זײַן — צום פֿאָטער זאָל מען נישט שרײַבן! האָט אים דערויף די שוועגערן געענטפערט, ווי אַ געטרײַע שוועסטער, אַז „ס'איז, כ'לעבן, ניט כדאי, אַז איבער זײַן עקשנות זאָל איר שוועסטער, חלילה, בלײַבן אַן אלמנה"... מע קאָן זיך גרינג פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ בורע ס'איז געוואָרן אין שטוב פון די דאָזיקע ווערטער, וואָס פאַר אַ שנאה ס'איז אַרויס צווישן די צוויי שוועסטער און וואָס פאַר אַ גיהנם ס'איז געוואָרן אין שטוב בײַ דער אַלטער אַלמנה, וואָס האָט באַדאַרפט שטיין באַם אויוון און האָרעווען און מיט איר האָרעוואַניע ראַטעווען דעם קראַנקן בערנאַרדן, וואָס האָט געצאַנקט, ווי אַ ליכט!

נאָר דאָס איז אַלץ פון די זאַכן, וואָס מע קאָן זיי נאָך אַריבערטראָגן. ביטערער פון אַלץ איז, אַז עס קומט דער אומדערבאַרעמדיקער טויט פאַר דער צײַט און רײַסט־אַרויס מיט גוואַלד, אָן אַ שום רחמנות, דעם יונגן בוים, וואָס אויף אים האָבן אַרויסגעקוקט און וואָס פון אים האָבן געלעבט עטלעכע נפשות און ליב געהאַט אים און געווען צו אים צוגעבונדן מיט לײַב און לעבן.

געשטאָרבן בערנאַרד.

ה.

בערנאַרד איז געשטאָרבן, און דראַגאַ איז געבליבן מיט צוויי קליי־נע קינדערלעך, ווי אַפּן וואַסער. די גאַנצע צײַט, וואָס בערנאַרד האָט געקרענקט, האָט זיך דער ייִדישער רעסטאָראַן אויף אַלטאָפּעגגאַס שטאַרק אָפּגעשלאָגן פון אורחים; די אַלטע האָט זיך נעבעך אויסגעבראַכט ווי זי האָט געהאַט אַ פּרוטה! דראַגאַ האָט פאַרקויפט ווי זי האָט געהאַט ערגעץ אַ שטיקל צירונג, אָדער אַ מלבוש. מע איז אַרײַנגעפאַלן נאָך אין אַ גרע־

סערער אָרעמקייט, ווי פריִער. מע האָט זיך צעקריגט, פֿײַנט געקריגן און געגעסן איינס דאָס אַנדערע נאָך ערגער, ווי ביז אַהער. און געקריגט, פֿײַנט געהאַט און געגעסן זיך האָט מען דערפֿאַר, וואָס אַלע האָבן געפֿאָדערט פֿון דער יונגער אַלמנה, זי זאָל אַוועקשרײַבן צום אַלטן משוגענעם פֿײַער־שפּײַער קיין ווין, ער זאָל אַרויסשיקן כאָטש עפּעס געלט אַף די אָרעמע יתומים נעבעך; זיי זײַנען דאָך זײַנע קינדער, זײַן בלוט און פֿלייש... נאָר דראַגאַ האָט ניט געוואָלט פֿאָלגן; זי איז געבליבן געטרײַ איר געטרײַען בערנאַרדן נאָכן טויט, ווי פֿאַרן לעבן; בערנאַרד האָט געזאָגט, מע זאָל דעם פֿאָטער ניט שרײַבן, איז דאָס הייליק! האָט מען זי אויסגעמײַדט און זיי האָבן אַליין אַוועקגעשריבן צום אַלטן פֿײַערשפּײַער זייער אַ מיאוסן בריוו (געשריבן האָט אים דער משורר פֿון דער בודאַפּעשטער קאָר־שול) און רעכט אָנגעזידלט אים פֿאַר זײַן „שטיינערן האַרץ" און פֿאַר זײַן הילצערנע נשמה". האָט זיך דער אַלטער פֿײַערלעשער דווקא אָנגעטראָפֿן מיט אַ בריוו, אַז ער נעמט ביידע יתומים צו זיך קיין ווין, מיט אַ תנאַי, די מוטער זאָל אים אַרויסגעבן אַ פּאַפּיר, אַז זי זאָגט זיך אָפּ פֿון זיי אַף אייביק און זי טאָר קיינמאָל צו אים נישט קומען אַף דער שוועל...

דער דאָזיקער בריוו האָט שוין אויפֿגעבראַכט אַלעמען, און דראַגאַ איז געוועזן אויסער זיך, פֿאַר וואָס מע האָט צו אים געשריבן אָן איר וויסן. געוויינט, געשריִען, געאַרבעט, זיך געריסן די האָר און צעקריגט זיך מיט דער גאַנצער שטוב און געשוואָרן, אַז זי וועט אַוועק פֿון זיי אַף אייביק.

נאָר וואוהין קאָן גיין אַזאַ אָרעמע יונגע אַלמנה, ווי דראַגאַ, מיט צוויי פּיצלעך קינדער? זי האָט אַזוי לאַנג געוויינט, ביז זי האָט זיך איבערגעוויינט, און אַ דאַנק דעם שוואָגער דעם משורר, וואָס האָט געהאַט קענטשאַפֿט מיט זינגערס, האָט זי זיך געשטעלט פֿאַר אַ זינגערן פֿריִער אין אַ געמיינעם קאָר, נאָכדעם אין אַ פֿײַנערן קאָר. אַ שטימע האָט זי געהאַט פֿון תמיד אַ זיסע, און שיין איז זי געווען, ווי די וועלט, האָט זי אָנגעהויבן ביסלעכווײַז אויסנעמען באַם עולם, אַרויסטרעטן מיט אירע שיינע „ציגײַנער־לידער", פֿריִער אין די קליינע בודאַפּעשטער שענקלעך אָדער ווירצהײַזער, און נאָכדעם אין די גרעסערע גערטנער און קאַפֿע־שאַנטאַנען, און אָנגעהויבן פֿאַרדינען גאַנץ שיין געלט, זיך איבערגעבעטן

מיט אירע איינענע, און עס האָט שוין געהאַלטן דערביַי, אַז זיי האָבן איר געשדכנט אַ ניַיעם שידוך, אַ ייִדישן קאַלבאַסניק, אַן אַלמן מיט עטלעכע קינדער, נאָר מיט אַ שיינער קאַלבאַסנע קלייט, די ערשטע ייִדישע קאַל־באַסנע אין בודאַפּעשט.

דער דאָזיקער קאַלבאַסניק, אַ געזונטער יונג מיט אַ שוואַרצער גע־גאָלטער מאָרדע, מיט אַ גראָבן בויך און מיט גראָבע באַוואַקסענע הענט, האָט אָנגעהויבן אָפטלעך אַריַינקומען, שדכענען זיך צו דער יונגער אַלמנה, געגעבן אָנצוהערעניש איר, אַז ניט אַזעלכע ווי זי באַדאַרף זיינגען אין די שענקלעך, אַז זי קאָן זיך אָפּזוכן איר גליק ערגעץ אַנדערש — בקיצור, ער האָט איר פאָרגעלייגט זיַין האַנט מיט זיַין קאַלבאַסנע קלייט, און זי האָט אים אָפּגעזאָגט.

דער קאַלבאַסניק האָט זיך געפונען שטאַרק באַליידיקט פאַר אַזאַ מעשה און איז אַוועק אַ ברוגזער, פאַר כעס זיך פאַרגעסן געזעגענען מיט דער אַלטער, און צווישן דער משפחה איז געוואָרן אַ ניַי מחלוקת, אַ ניַיע שנאה, ניַיע קריגעניש, ניַיע אינטריגעס, ביז עס האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, וואָס ווערט באַשריבן אינעם קאַפּיטל, וואָס קומט וויַיטער.

ז.

אינאיינעם מיט דער ליכטיקייט, וויסנשאַפט, געזונטהייט און אַלע איבעריקע נוצלעכע זאַכן, וואָס די ציוויליזאַציע האָט פאַרשפּרייט צווישן די מענטשן, האָט זי זיי אויך אַריַינגעבראַכט דעם חשק צו לעבן אַ גוטן טאָג און די תאווה צו אַלערליי פאַרגעניגנס; און אַזוי ווי די איינציקע גליקלעכע, וואָס זיַינען תמיד זאַט און ווייסן ניט פון קיין צרות, ווילן גע־ניסן פון מער פאַרגעניגן, און געניסן פאַרגעניגן האָט דאָך קיין שיעור און קיין גרונט ניט, אַזוי ווי דער ים, — האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס מאַכן זיך דערפון אַ פּרנסה, נעמען זיך אונטער פאַר געלט צושטעלן פאַר די זאַטע און גליקלעכע כל המינים פאַרגעניגנס, וואָס דעם מענטשנס פאַנטאַזיע קאָן צוטראַכטן.

איינער פון די ערטער אַף צו שעפּן פאַרגעניגן אין דער גרויסער שיינער שטאָט איז דער אויבנדערמאָנטער גאָרטן „פאַרנאַס", מיט די אָרעמע פאַרטשאַכנעטע ביימלעך, מיט דער שלעפּעריקער מוזיק, מיטן

ערגסטן בופעט, וואָס מאכלים זיינען דאָרט אַ סם־המוות צום מאָגן, מיט די ערגסטע וויינען, וואָס זיינען זויער ווי עסיק און זיינען מיט גאָלד גליַיך — און פונדעסטוועגן לויפן אַהינצו די זאַטע, גליקלעכע מענטשן, שעפּן פאַרגעניגן אַלע נאַכט, און נאָר באַנאַכט, וואָרעם דאָס רעכטע לעבן הייבט זיך ערשט אָן דאָרטן שפּעט נאָך האַלבע נאַכט...

אַהער, אין דעם דאָזיקן „פאַרנאַס", איז אַריַינגעפאַלן אונדזער דראַגאַ־מאַרישקאַ, ווי דאָס שפּיל־פויגל, וואָס פאַלט־אַריַין אין שטיַיגעלע אַריַין. דאָס פייגעלע טאַנצט, שפּרינגט, שטעלט זיך אַוועק און הייבט אָן זינגען, זינגט־זינגט אָן אַן אויפהער, און מענטשן קוקן און האָרכן, ווי שיין דאָס פייגעלע זינגט, און קוועלן אָן פון דעם און קלייַבן פאַרגעניגן. קיינעם פאַלט גאָר נישט איַין בשעת מעשה, אַז דאָס פייגעלע ניט סע טאַנצט, נאָר סע ריַיסט זיך פון געפענקעניש, ניט סע זינגט, נאָר סע וויינט, וויינט און קלאָגט נאָך דער פריַיהייט, וואָס סע האָט פאַרלאָרן, וויינט און קלאָגט אַף דער ענגער וועלט, אַף די שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן דאָס געפאַנגען און פאַרשלאָסן אין דער ענגער טורמע, צוגענומען בא דעם דאָס גליק אַף אייביק!

צווישן די אַלע אַנדערע מיטלען, וואָס מענטשן האָבן צוגעטראַכט אַף כאַפּן שפּיל־פייגעלעך, איז פאַראַן אויך אַ פּראָסט, נאָר זייער אַ גוט מיטל: מע שיט־אויס אַף דער פאַרשפּרייטער נעץ אַ סך קערנדלעך, קומט דאָס הונגעריקע פייגעלע צו שפּרינגען. פּיקט־פּיקט די קערנדלעך אַזוי לאַנג, ביז סע פאַרפּלאָנטערט זיך נעבעך אין דער נעץ — און פאַרטיק!

אַף צו כאַפּן יונגע אומשולדיקע נשמות האָבן מענטשן צוגעטראַכט דאָס בעסטע מיטל: גאָלד און בריליאַנטן — די צוויי זאַכן, וואָס ס'איז שווער אַקעגן זיי ביַיצושטיין! די אָרעמע דראַגאַ־מאַרישקאַ האָט באַ־דאַרפט זיַין שטאַרקער פון איַיזן, זי זאָל אויסשטיין אַזאַ שווערן נסיון, ווי אַ קאָנטראַקט אַף דריַי הונדערט רובל אַ חודש מיט מתנות (בריליאַנ־טן), נאָר פאַר אַ פּאָר מאָל אַרויסגיין אַף דער סצענע, אָפּזינגען אַ צוויי־דריַי ציגיַינער־לידער, וואָס זי זינגט זיי אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק, אַז עס צעגייט זיך אין יעדן אבר. דער פאַרשוין, וואָס האָט איר פאָרגעלייגט אַזאַ מין קאָנטראַקט, דער בעל־הבית פונעם „פאַרנאַס", אָט אַ יענער וואָס מיטן גלאַנצנדיקן צילינדער און מיט דער רויטער נאָז, נאָר מיט אַ סך ברי־

ליאַנטענע רינגען אױף די גראָבע פֿינגער, איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון איר אױף קײן טראָט. פֿון דער ערשטער מינוט אָן, װאָס ער האָט זי דערזען און דערהערט זינגען אין גאָרטן אין בודאַפּעשט, איז ער צו איר צוגעזאָטן געװאָרן און האָט איר אַרױסגעזאָגט גאַנץ עפֿנטלעך, אַז איר אָרט איז ניט דאָ, אין דעם אָרעמען שענקל, נאָר באַ אים, אין דעם שײנעם „פּאַרנאַס״; דאָרטן װעט מען זי, זאָגט ער, פֿאַר אירע ציגײַנער־לידער אָפּגילטן, אָפּשיטן מיט בריליאַנטן. אַ סימן — אָט צײלט ער איר אָפּ באַלד דרײַ הונדערטער, רוסישע באַנקנאָטן במזומנים, פֿאַרן ערשטן חודש, שרײַבט איר אונטער אַ קאָנטראַקט אױף אַ גאַנצן סעזאָן און נעמט זי אױף זײַנע אײגענע הוצאות ביז אַהין אָפּן אָרט.

און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט ער אַרױס אַ גאַנץ גרױסן טײַסטער, באַצירט מיט אַ מאָנאָגראַם פֿון בריליאַנטן, פֿול אָנגעשטױסן מיט קנאַ־קנדיקע באַנקנאָטן, און די בריליאַנטענע פֿינגערלעך באַ אים בלישטשען און פֿינקלען זיך אָפּ אין אַלערלײ פֿײַערלעך, און די אָרעמע דראַגאַ־מאַ־רישקאַ קוקט אױף די פּעקלעך קנאַקנדיקע באַנקנאָטן און אױף די פֿינקלדיקע בריליאַנטן, און די ערשטע מחשבה, װאָס פֿליט איר דורך אין קאָפּ, איז אירע צװײ טײַערע ליבע טײַבעלעך: „װיפֿל גלעזער מילך קאָנען זײ דער־פֿאַר האָבן! װיפֿל העמדלעך! װיפֿל פּאָר שיכעלעך!״... און אױך די אַלטע מוטער קוקט אױף די קנאַקנדיקע באַנקנאָטן, װי אַ הונגעריקע קאַץ אױף גע־בראָטענע לעבער, באַלעקט זיך אַזש און קוקט אױף דער טאָכטער, װי אײנער רעדט: „שטיא! דו קװײנקלסט זיך נאָך?״... און די עלטערע שװעסטער דערשמעקט געלט, קומט זי צו לױפֿן, נישט טױט, נישט לעבע־דיק, כאַפּט זי אַרום קושן און רױמט איר אײַן אַ סוד אָפּן אױער:

— נעם, נאַרעלע, און פֿאָר! דאָרט איז אַ לאַנד פֿון נאַראָנים, פֿון גאָלד און פֿון בריליאַנטן! געלט איז דאָרט װי מיסט און בריליאַנטן װאַל־גערן זיך אין די גאַסן.

דראַגאַ ענטפֿערט איר דערױף גאָרנישט; נאָר אירע שײנע, שװאַרצע, טיפֿע אױגן קוקן אַהין, װוּ אירע צװײ טײַערע ליבע טײַבעלעך ליגן און שלאָפֿן בײדע אין אײן בעטעלע, די קעפּלעך צעקאָשמעט, די הענטלעך צעװאָרפֿן און די בעקלעך באַ זײ בליִען, װי פֿרישע, שמעקנדיקע רױזן, און די אױגן װערן איר נאַסלעך פֿון טרערן.

אלע פאַרשטייען דעם דאָזיקן לאַנגן טרויעריקן קוק, אַלע ווייסן וואָס באַדײַטן די דאָזיקע שטילע טרערן, און די אַלטע אָרעמע מוטער טרייסט זי, זאָגט איר צו, שווערט איר בײַ איר עלטער, אַז זי וועט אָפּהיטן די קינדערלעך, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿונעם אויג! זי ווייס, נישקשה, ווי אַזוי אָפּהיטן אַ קינד; זי האָט שוין אױף איר לעבן עפּעס אויפֿגעצויגן קינדער!...

און צוויי כּחות האַלטן מלחמה, אַ שווערע שטאַרקע מלחמה: דער כּח פֿון ליבשאַפֿט און געטרײַשאַפֿט צו די קליינע טײַערע קינדערלעך, און דער כּח פֿון גאָלד, פֿון באַנקנאָטן און בריליאַנטן.

דער כּח פֿון גאָלד האָט אײַנגענומען...

ז.

דער גיהנם, וועדליק די אַלטע ספֿרים פֿון אַלע פֿעלקער שטעלן אים פֿאָר, איז אַ מין קאַלך־אויוון אַ גרויסער, וואָס הייצט זיך פֿון אייביק ביז אייביק, ברענט מיט אַ העליש פֿײַער. די רשעים דאָרטן בראָטן זיך און פּרעגלען זיך, ווי קאַטשקעס, מלאכי־חבלה מיט אײַזערנע ריטער שמײַסן זיי פֿון הינטן, גנאָטעווען, שטעכן מיט אָנגעגליטע אײַזנס, טרײַבן אױף הרעטשקע, שטעלן אױף צוויעקעס, הענגען־אויף פֿאַר די צינגער און וואַרפֿן כּף־הקלע פֿון איין עק ביזן אַנדערן עק.

יענע מחברים, וואָס האָבן אַזוי באַשריבן דעם גיהנם, האָבן, אַפּנים, נישט געוווּסט נאָך, אַז עס קאָן געמאָלט זײַן אַ גיהנם, באַלײַכט מיט עלעקטרישע לאָמפּן, מיט שיינע צוגעקליבענע קאַבינעטן, די מוזיק זאָל שפּילן, און די רשעים, אויסגעסטראָצלט אין זײַד און אין סאַמעט, באַ־האַנגען מיט גאָלד און בריליאַנטן, זאָלן נישט פּרעגלען זיך אױף הייסע סקאָווערדעס, נאָר זיי זאָלן עסן און טרינקען, שפּילן און זינגען, טאַנצן און שפּרינגען.

אין אַזאַ מין גיהנם האָט זיך געפֿונען אונדזער אָרעמע דראַגאַ.

די קנאַקנדיקע באַנקנאָטן מיט די פֿינקלדיקע בריליאַנטן פֿון יענעם פּאַרשוין, וואָס איז געקומען זי נעמען אױף גאַסט־ראָלן, דער מוטערס רייד, דער שוועסטערס קושן זיך, דאָס שווערע, טרויעריקע געזעגענען זיך מיט די צוויי טײַבעלעך און די נסיעה אין אַ ווײַט פֿרעמד לאַנד, האָבן איר אַזוי פֿאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז זי האָט זיך גאָר נישט צוגעקוקט צום קאָנ־

טראַקט, וואָס זי האָט אונטערגעשריבן, ניט באַמערקט דעם פּונקט נומער 13.

וואָס איז געשטאַנען אינעם פּונקט נומער 13? דאָרט איז געשטאַנען: „איך, די זינגערן דראַגאַ־מאַרישקאַ, פאַרבינד מיך בלײַבן אין „פאַרנאַס" אַלע נאַכט ביז דאָס פֿײַער ווערט געלאָשן, מיט די געסט באַדאַרף איך זײַן פֿריינטלעך, צו אַלעמען צוגעלאָזט, און אַזוי ווײַטער"... די ווערטער „פֿרײַנטלעך" און „צוגעלאָזט" האָט דראַגאַ תּחילת ניט פֿאַרשטאַנען, און אַז זי האָט דאָס פֿאַרשטאַנען, איז שוין געווען צו שפּעט, און זי האָט שוין דערצו גאָרנישט געקאָנט העלפֿן..· ווי גרויס איר נויט איז ניט געווען צו געלט, ווי שיין און רעשנדיק ס'איז ניט געווען דאָס אויפֿנעמען, וואָס מע האָט זי אויפֿגענומען אַלע נאַכט באַ איר אַרויסטרעטן אין „פאַרנאַס", ווי רײַך עס זײַנען ניט געווען די מתּנות, וואָס מע האָט איר אונטערגעטראָגן פֿאַר איר שיין זינגען, און נאָך מער פֿאַר איר שיין פּנים, — ווי גוט דאָס אַלצדינג איז ניט געווען, קאָן איך אײַך פֿאַרזיכערן, אַז זי וואָלט דאָס אַלצדינג אַוועקגעשענקט, אַ שמיץ געטאָן אין פּנים אַרײַן און אַנטלאָפֿן צוריק אַהיים, ווען זי וואָלט ניט זײַן געבונדן מיט הענט און פֿיס, ווי אַ פֿליג אין שפּינוועבס, ווען זי וואָלט ניט זײַן אַזוי עלנט אין אַ פֿרעמד לאַנד, צווישן מענטשן, וואָס זי פֿאַרשטייט ניט זייער שפּראַך און וואָס זיי ווילן ניט וויסן פֿון איר אייגן וועלטל, אַחוץ איר זינגען און אַחוץ איר שיין פּנים... און אַז איר וועט צולייגן דערצו די אַלע נפֿשות, וואָס דרייען זיך אַרום איר, די אַלע זינגערנס מיט די טענצערנס, וואָס פֿאַרקויפֿן זיך פֿאַר געלט בפּרהסיא, מיט אַן אומגעהייערער חוצפּה, מיט אַזאַ־נ־עזות און מיט אַזאַ ציניזם, וואָס זי האָט דאָס קיינמאָל נישט געזען און נישט געהערט און אַפֿילו זיך נישט פֿאָרגעשטעלט — דאָס אַלצדינג, אַז איר וועט צונויפֿנעמען אינאיינעם, וועט איר גרינג פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס איך רוף אָן איר לעבן אין „פאַרנאַס" מיטן נאָמען „גיהנום".

פֿאַר וועמען ס'איז אַ גן־עדן — פֿאַר איר איז דאָס געווען אַ גיהנום.

די שלעפֿעריקע מוזיקאַנטן שפּילן אַ שלעפֿעריקן וואַלס; די שלעפֿעריקע באַדינטע מיט די שוואַרצע פֿרעק און מיט די ווײַסע שניפּסן שטייען, ווי די טאָקן, און וואַרטן, ביז מע וועט זיי הייסן עפּעס דערלאַנגען; די

לאָזשעס אַרום און אַרום זײַנען באַזעצט מיט שלעפּעריקע געסט, וואָס זײַנען כּלומרשט פֿריילעך, און אַ גאַנצע כּאַליאַסטרע פֿון האַלב־נאַקעטע, אָנגעפּאַרבטע און אָנגעקראָכמאַלעטע זינגערנס און טענצערנס דרייען זיך אַרום אין זאַל, אָדער זיי שטייען אויף אויסצוקלײַבן, ווי די בהמות אַפֿן יריד, קוקן מיט די אונטערגעשמירטע אויגן אַרויף אין די לאָזשעס אַרײַן צו די געסט, וואַרטן, טאָמער וועט זיי עמעצער אײַנלאַדן אַף אַ גלעזל שאַמפּאַניער־ווײַן, אָדער אַ פּשוטע גלאָז ביר, אָדער גאָר אַ שטיקל הערינג מיט ברויט... נאָר קיינער רופֿט זי נישט, קיינער וויל זיי ניט, קיינער קוקט נישט אַף זיי, און דער, וואָס קוקט, קוקט ער פֿון אויבן אַראָפּ, ווי אַף צונויפֿגעטריבענע נאַרישע שאָף.

— קײַ און שפּײַ!... דער רוח ווייס וואָס... נישט איינע אַ רעכטע!...

אַזוי זאָגט איינער פֿון די געסט מיט אַ לאַנגן גענעץ, קוקט־אַראָפּ אַף די אָנגעפּאַרבטע, אָנגעקראָכמאַלעטע נאַקעטע לײַבער פֿון די צונויפֿגע־טריבענע נאַרישע שאָף, און די צונויפֿגעטריבענע נאַרישע שאָף קוקן־אַרויף מיט גרויס קנאה אַהין, אין יענער לאָזשע, וווּ סע זיצט די דראַגאָ־מאַרישקאַ און נאָך איינע אַ באַרימטע טענצערן, אַ געניטע שאַנסאָנעטן, מיט אַ מאָדנע דרײַגאָרנדיקן נאָמען „רעטשי־פּיטשי־פּוטשי", און אַ פֿריי־לעכע קאָמפּאַניע זיצט מיט זיי און הייסט זיך דערלאַנגען אַלץ מאָל שאַמ־פּאַניער־ווײַן. די פֿריילעכע קאָמפּאַניע באַשטייט פֿון דרײַ יונגעלײַט, וואָס איינעם פֿון זיי איז אָנגעזאָלעט אַפֿן האַרצן: ער האָט זיך צעאַמפּערט מיטן ווײַב, איז ער געקומען אַהער פֿאַרטרינקען די צרות; איינער איז דווקא ניט צעקריגט מיטן ווײַב — וואָס האָט ער צו איר? ער האָט ערשט ניט־לאַנג חתונה געהאַט און האָט גענומען היפּש נדן, און געקומען אַהער איז ער ניט אַליין — חברה האָבן אים פֿאַרשלעפּט, אים צוגעזאָגט באַ־קענען מיט צוויי „אַנטיקלעך"; און דער דריטער איז גלאַט אַ שאַרלאַטאַן, וואָס האָט זיך פֿאַרהוליעט און פֿאַרשכורט אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז אים נמאס דאָס לעבן; אַלץ איינס דאַרף מען שטאַרבן — לאָז שוין בעסער זײַן אינאיינעם מיט דער דראַגאָ־מאַרישקאַ און מיט דער רעטשי־פּיטשי־פּוטשי!...

ח.

רעטשי־פיטשי־פוטשי, די ערשטע טענצערן אין „פּאַרנאַס", איז דער איינציקער לעבעדיקער מענטש, וואָס דראַגאַ־מאַרישקאַ קאָן זיך מיט איר צונויפריידן. פון דער ערשטער מינוט אָן זײַנען זיך די צוויי אַרטיסט־קעס צונויפגעגאַנגען, געוואָרן גוטע שוועסטער, און רעטשי־פיטשי־פוטשי, אַן אַלטע בעל־עבירהניצע, האָט גענומען לערנען מיט איר נײַער שוועס־טער הלכות שאַנסאָנעטן, לייענען איר לעקציעס:

— ביסט נאָך גאָר אַ ציגעלע, ווי איך זע־אַרויס, אַ כשר בהמהלע. דו ווייסט ניט, וואָס זיי זײַנען, אָט די אַלע פראַנטן און אַלע מאַנצבילן אויף דער וועלט! הינט, וועלף, ווילדע חיות זײַנען גאָלד אַקעגן זיי! מע באַדאַרף מיט זיי לערנען בלק, זיך נוקם זײַן אין זיי, צאַפּן זייער בלוט, און דער עיקר — וואָס מערער געלט אויסברענגען זיי, צונעמען, אויס־רייניקן, אויסזויגן, און לאָזן זיי גיין צו אַלדי שווארצע יאָר! זיי זײַנען אַלע אָסור לרחם, באַ זיי צו נעמען איז אַ מצווה פאַרברענגען אַפן פײַער, דעם רוח אַוועקגעבן, ניט מיר, ניט דיר!...

און בשעת מעשה ברענגען די אויגן באַ דער רעטשי־פיטשי־פוטשי, און זי לייענט ווײַטער איר לעקציע:

— דו לערן זיך פון מיר, נאַרעלע, און זײַ זיך נוקם אין זיי פאַר זיך און פאַר מיר און פאַר אונדז אַלעמען! אַז זיי גיבן דיר מתנות, זאָלסטו בעטן נאָך. אַז זיי שטעלן ווײַן, זאָלסטו טרינקען וויפל דו קאָנסט, דאָס איבעריקע זאָלסטו אויסגיסן אויף דער ערד. אַז מע וויל דיך מכבד זײַן, זאָלסטו אויסקלײַבן אַלצדינג, וואָס טײַערער, אַזוי אַז דאָס גאַנצע געלט זייערס זאָל בלײַבן אין בופעט. רחמנות — ווי אַפן הונט! ניטאָ אויף זיי קיין רחמנות! איך קען זיי, אָ! איך קען זיי דורך און דורך!...

און רעטשי־פיטשי־פוטשי דערציילט איר פאַקטן, דערציילט איר פון איר לעבנסגעשיכטע אַזעלכע מעשיות, וואָס די האָר שטעלן זיך קאַפּויר, און דראַגאַ האָט פאַר איר מורא און האָט אויף איר רחמנות. זי ווערט געוואָר באַ איר אַזעלכע זאַכן, וואָס שמעקן מיט גנבה, גזלה, רציחה. זי ווערט געוואָר באַ איר אַ שרעקלעכע מעשה, ווי אַזוי אירע אייגענע האָבן די דאָזיקע יפהפיה אַמאָל פאַרקויפט, פשוט פאַרקויפט פאַר געלט, אַרויס־געפירט, באַוויזן, געדונגען זיך און פאַרקויפט, ווי מע פאַרקויפט אַ

פערדל. זי ווערט געוואָר באַ איר, ווי אַזוי עס האָבן זיך מיט איר מיאוס באַגאַנגען די, וואָס האָבן זי געקויפט, און ווי אַזוי מע באַגייט זיך מיט איר נאָך עד היום...

— דו זעסט אָט אַ יענעם מאָרדאַשניק מיטן רויטן שניפּס און מיט דער יִדישער נאָז? דזשאָו הייסט ער. דאָס איז מײַן געליבטער. אים האָב איך דאָס אַוועקגעגעבן מײַן גאַנץ לעבן, דער שלאַק זאָל אים זײַן! די נשמה וואָלט איך אים, דאַכט מיר, אויך אַוועקגעגעבן. און ער ווייסט דאָס גאַנץ גוט און עקספּלואַטירט מײַן משוגענע, געטרײַע ליבע צו אים, און ער פאַרקויפט מיך פאַר געלט, און ער גיט־אַוועק דאָס געלט פאַר אַנדערע, פאַר אַזעלכע, וואָס זײַנען נישט ווערט מײַנע זאָקנבענדלעך, און ער ווייס, דזשאָו, אַז איך וויים דאָס, און ער היט זיך פאַר מיר, איך זאָל אים ניט סמען...

— סמען? — זאָגט דראַגאַ און טוט זיך אַזש אַ וואָרף פאַר שרעק.

— וואָס האָסטו זיך, נאַרעלע, אַזוי דערשראָקן? איך וואָלט אים שוין לאַנג געסמט, ווי אַ הונט אַוועקגעסמט! זײַן טרפהנע הצלחה, וואָס איך האָב אים ליב, וואָס איך גיי־אויס נאָך זײַנע טריט, ברענען זאָל ער אַפן פײַער!

און רעטשי־פּיטשי־פּוטשי נעמט אַרויס אַ קליין גילדן פּאָרטרעטל, וואָס זי טראָגט דאָס אַף דער ברוסט, טוט דאָס פריִער אַ זעץ אין טיש אַרײַן און טראָגט דאָס צו נאָכדעם צום מויל און קושט דאָס אַזוי געשמאַק, אַזוי געטרײַ, ווי מע קושט אַ טײַער קינד, אַ ציטעריקס.

— אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן, אָט דער דזשאָו! איך האָב אים שוין לאַנג געקאָנט אײַנזעצן, ער זאָל פאַרפוילט ווערן אין טורמע, און אפשר מיט מיר אינאיינעם, — האָב איך רחמנות אַף אים. איך קאָן נישט, איך האָב אים ליב, אַ שלאַק אים אין זיינע ביינער! ווי דאָס לעבן האָב איך אים ליב, מער ווי דאָס לעבן!

און דראַגאַ־מאַרישקאַ וויל אַנטלויפן פון דער דאָזיקער אומגליקלעכער, מער מיט איר נישט זײַן באַקאַנט, נאָר עס ציט זי צו איר אַ מאָדנער פאַרבאָרגענער כח, או זי פאַרטרויט פאַר איר אַלצדינג, אַלע סודות, און יענע פירט זי אַפן גלײַכן וועג, לערנט מיט איר הלכות שאַנסאָנעטן, ווי אַזוי זי זאָל עקספּלאַטירן, באַנעמען די מאַנצבילן, שלעפּן באַ זיי וואָס מער געלט.

— א סך מער מצווה, נאַרעלע, אַף דיר און אַף דײַנע קינדער... לאָז פֿאַלן אַף זייער קאָפּ דײַן שולד אַקעגן דײַן געשטאָרבענעם מאַן און דײַנע זינד אַקעגן דײַנע לעבעדיקע קינדער...

און דערמאָנט מען דער דראַגאַ־מאַרישקאַ איר געשטאָרבענעם מאַן מיט אירע לעבעדיקע קינדער, ווערט זי פֿאַרברענט פֿאַר בזיון און עס פֿאַלט איר אַרוים דאָס האַרץ, עס ציט זי באַ דער נשמה. זי פֿילט, אַז זי איז אַ גרויסע־גרויסע פֿאַרברעכערן אַקעגן איר געטרײַען בערנאַרדן אַף יענער וועלט און אַקעגן אירע אומשולדיקע קינדערלעך דאָ אַף דער וועלט, כאָטש צוליב זיי, און נאָר צוליב זיי, איז זי זיך מפקיר מיט איר גאַנץ לעבן; צוליב זיי, און נאָר צוליב זיי, האָט זי זיך פֿאַרקויפֿט אַהער מיט איר נשמה, און די בריוו, וואָס זי באַקומט פֿון דער היים, צווינגען זי, אַז זי זאָל דאָ בלײַבן אַף ווײַטער, פֿאַרדינען וו אָ ס מ ע ר ג ע ל ט, וואָרעם זיי דאַרפֿן, שרײַבט איר די אַלטע מוטער, קיין עין־הרע, אַ סך, אַ סך האָבן. און די אַלטע מוטער איז קראַנק, קאָן נישט האָרעווען מער. און די עלטערע שוועסטער שרײַבט, אַז זי מעג איר, נישקשה, שיקן מער אַ ביסל, ווי זי שיקט ביז אַהער, וואָרעם דאָס, וואָס דער מאַן אירער, דער זינגער אין קאָר, פֿאַרדינט, קלעקט איר אַף איין צאָן, און זי גיט איר אָנצוהערעניש, אַז ווען ניט איר מאַן, וואָלט דראַגאַ נישט געווען דאָס, וואָס זי איז אַצינד...

די דאָזיקע ליבע, זיסע בריוולעך נעמען צו באַ דער אָרעמער דראַגאַ ווו זי האָט ערגעץ אַ טראָפּן בלוט, און זי פֿילט, אַז זי פֿאַלט, פֿאַלט אין שאול תחתיה אַרײַן אַלע טאָג וואָס נידעריקער און נידעריקער, און זי זעט, אַז זי גייט צו גרונט, און די אויגן ווערן איר אַלע מאָל טיפֿער — און דאָס געפֿעלט דעם עולם; און דאָס זינגען, וואָס זי זינגט, ווערט אַלע מאָל טרויעריקער און טרויעריקער — און דאָס געפֿעלט דעם עולם; און עס דרייען זיך אַרום איר אַלערליי מענטשלעך, ווי בינען אַרום האָניק. און זיי זײַנען איר נמאס, ווי דער טויט, און ס'איז איר נמאס די וועלט, נמאס דאָס לעבן, און זי וויים„ אַז זי האָט קיינעם נישט אַף דער גאַנצער וועלט, אַחוץ דעם גאָט, וואָס אין הימל, אַחוץ איר בערנאַרדס נשמה, וואָס אין גן־עדן, אַחוץ אירע צוויי אומשולדיקע טײַבעלעך דאָרט אינדער־היים. און די דאָזיקע זינדיקע נשמה ציט זיך צו גאָט, צום ייִדישן גאָט,

וואָס איז אומעטום פול. און זי רײַסט זיך אין אַ ייִדישער שול אַרײַן, און קאָן נישט אויספירן, וואָרעם קיינער טאָר דאָס נישט וויסן, אַז זי איז אַ ייִדיש קינד. עס קאָן איר, חלילה, שאַטן אין אַ סך, אַ סך זאַכן... דאָס איז אַ סוד, וואָס נאָר זי און די רויטע נאָז, דער בעל־הבית פונעם „פּאַר־נאַס“, וויסן דאָס, און ווײַטער קיינער נישט, קיין פויגל נישט!...

ט.

נאָך איין נפש איז פאַראַן, וואָס האָט אַ שײַכות צום „פּאַרנאַס“, און וואָס מיר מוזן זיך מיט אים באַקענען. זײַן נאָמען איז אַבראַשאַ. אַליין איז ער אַ קליינינקער, מיט בלויע אויגן און מיט שיטערע הערלעך, מיט אַ רויט, תמיד פאַרשוויצט פּנים, רעדט שטיל און זייער ווייניק, קוים וואָס מע הערט פון אים אַ וואָרט, און איז אַ גרויסער חשוב בײַ אַלע אַרטיסטן און בײַ אַלע אַרטיסטקעס אין „פּאַרנאַס“. טאָמער באַדאַרף עמעצער אַ הלוואה אויף אַ קליינע צײַט, אַ גמילות־חסדל, אַ משכון אוועק־טראָגן אין לאָמבאַרד, אָדער אַזוי אַ שליחות — איז אַבראַשאַ. געבן עפּעס באַהאַלטן, אַ סוד אַז מע דאַרף פאַרטרויען, אויסריידן זיך אַמאָל דאָס האַרץ — איז אַבראַשאַ. און אַבראַשאַ — דאָס וויסן אַלע — איז אַן אײַזערנער קאַסטן. קיין שום אַנדערע געשעפטן האָט ניט אַבראַשאַ, און ער לעבט זיך פונדעסטוועגן גאַנץ פֿײַן, דאָס ווײַב בײַ אים גייט שיין אָנגעטאָן, די קינדער בײַ אים לערנען אין דער שול, נאָר אַליין איז ער טאָג ווי נאַכט פאַרטאַרעראַמט, רײַבט זיך אַרום די אַרטיסטן פון „פּאַר־נאַס“ און פאַרנעמט אין שטאָט זייער אַ קליין אָרט, איבער זײַן פּרנסה, משטיינס געזאָגט... און אַבראַשאַ ווייס דאָס דווקא, און עס זאָל אים אָנ־הייבן צו אַרן — אַבי ער דאַרף, ברוך השם, צו קיינעם נישט אָנקומען און קאָן געבן דעם ווײַב מיט די קינדער אַ שטיקל ברויט „בכבוד“...

אָט פאַר דעם נפש האָט אונדזער דראַגאָ־מאַרישקאַ אַנטפּלעקט איר הייליקן סוד, אַז זי איז אַ ייִדיש קינד און זי מוז ערב יום־כּפּור שלאָגן כּפּרות פאַר זיך און פאַר אירע קינדער, עס מעג זיך קערן די וועלט, און זי מוז זײַן אויף דער נאַכט אין שול צו כּל־נדרי, עס מעגן פאַלן שטיינער פונעם הימל, און אַ ליכט פון וואַקס וויל זי געבן אין שול אַרײַן פאַר איר מאַנס נשמה גאָר אָן אַ שום תירוץ! און דער עיקר — וואָס קיינער טאָר

דערפון נישט וויסן... אבראשא האָט איר צוגעזאָגט, אַז ס'וועט אַלצדינג זײַן רעכט, ווי געוווּנטשן, און איז אַוועק מיט שטילע טריט און האָט געהאַלטן וואָרט. ערב יום־כּפּור איז באַשאַפֿן געוואָרן באַ איר אַ קלאָר־ווײַסע הון אַף כּפּרות, און אַ גרויסע וואַקסענע ליכט האָט ער איר גע־קויפט און אַוועקגעטראָגן פֿון איר נשמה וועגן אין שול אַרײַן, און אַלצ־דינג שטיל און פֿאַרשטעלט, אַז קיין בן־אָדם האָט דערפֿון נישט געוווּסט. און אַף דער נאַכט, אַז עס האָבן זיך באַוויזן שטערן, איז אבראשא גע־קומען צו גיין מיט זײַן ווײַבס אַ קליידל און מיט אַ שוואַרץ זײַדן טיכל, וואָס דראַגאַ האָט זיך צוגעדעקט מיט דעם און איז מיט אים אַוועק אין דער ייִדישער גאַס, און אַז זיי זײַנען געקומען אין שול אַרײַן, האָט ער זי איבערגעגעבן אַף די הענט פֿון דער שמשטע און אַ זאָג געטאָן שטי־לערהייט:

— דאָס איז דאָס ווײַבל, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט, — און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן שטיל, ווי זײַן שטייגער איז.

י.

אין שול איז געווען ענג און הייס און טשאַדנע פֿון די ליכט, ווי געוויינטלעך יום־כּפּור צו כּל־נדרי, און אויבן, אַף דער ווײַבערשער שול, איז געווען נאָך מער ענג און נאָך מער הייס און נאָך מער טשאַדנע. אויבן־אָן, באַ די גראַטעס, זײַנען געשטאַנען די גבירטעס, די נגידותטעס מיט די בעל־הבתישע ווײַבער איבער די סידורים, מחזורים און גרויסע קרבן־מנחות און האָבן געשמאַק געדאַוונט; און וואָס ווײַטער, נידעריקער צו דער טיר, זײַנען געשטאַנען די געמיינערע ווײַבער אָן סידורים, אָן מחזורים און אָן קרבן־מנחות, האָבן אָנגעגרייט טרערן און זײַנען געווען פֿאַרטיק צו וויינען. מע האָט נאָר געוואַרט, ביז דער חזן מיט די משוררים וועלן אָנהייבן צו זאָגן דעם טרויעריקן כּל־נדרי. און אַז דער חזן מיט די משוררים האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן דעם טרויעריקן כּל־נדרי, האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווײַז הערן אַ געוויין. צווישן די אָרעמע ווײַבער, וואָס באַ דער טיר, איז געשטאַנען אויך אונדזער דראַגאַ־מאַרישקאַ און האָט זיך צוגעהערט צום שיינעם טרויעריקן אַלטן נוסח פֿון דעם אַלטן־אַלטן

כל־נדרי, וואָס איז אומעטום, אַף דער גאַנצער וועלט, איין געזאַנג, און דער שיינער טרויעריקער נוסח פון אַלטן־אַלטן כל נדרי, וואָס איז אומעטום, אַף דער גאַנצער וועלט, איין געזאַנג, האָט איר דערמאָנט אין אירע אַמאָליקע גליקלעכע יאָרן, און זי האָט זי פאַרגלייַכט מיט איר לעבן אַצינד, און זי איז באַ זיך שטאַרק צעפּגעפאַלן, חרטה געהאַט, תשובה געטאָן אַף אירע גרויסע זינד מיטן גאַנצן־גאַנצן האַרצן.

אַ סך, אַ סך ווייַבער האָבן דאָ געשמאַק געדאַוונט און נאָך מער געשמאַק געוויינט. נאָר איך ווייס נישט, אויב צווישן אַלע אַנדערע ווייַבער אין דער דאָזיקער שול האָט נאָך עמעצער אַזוי געשמאַק געדאַוונט, אָן ווערטער, נאָר מיט האַרץ, ווי די אָרעמע דראַגאַ. איך ווייס ניט, אויב צווישן די אַלע אַנדערע ווייַבער אין דער דאָזיקער שול האָט נאָך עמעצער אַזוי געשמאַק געוויינט, אַזוי ערנסט תשובה געטאָן אַף אירע גרויסע זינד, ווי די אָרעמע דראַגאַ.

נאָך איינע איז געווען אין שול אין יענער נאַכט, וואָס דראַגאַ האָט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. דאָס איז געווען אַ יונג ווייַבל, אויך מיט אַ שוואַרץ טיכל איבערן גאַנצן פּנים, און ווערליק דראַגאַ האָט אַרויסגעזען — האָט זי, אַפּנים, אויך געשמאַק געוויינט. „מסתמא אַ פאַרביטערטע נשמה נעבעך"... אַזוי האָט זיך געטראַכט דראַגאַ־מאַרישקאַ, און אירע מחשבות האָבן זי אויפגעהויבן און האָבן זי אוועקגעטראָגן אין איר אייגן וועלטל, מיט אירע אייגענע צרות, און דער שיינער, אַלטער, טרויעריקער נוסח פונעם אַלטן־אַלטן כל־נדרי, וואָס איז אומעטום, אַף דער גאַנצער וועלט, איין געזאַנג, האָט זיך געלאָזט הערן אַף דער ווייַבערשער שול און צונויפגעגאָסן זיך מיטן שטילן געוויין פון די אָרעמע ווייַבער, פון די פאַרביטערטע נשמות. און מער פון אַלע האָבן געוויינט די אָרעמע זינדיקע דראַגאַ און דאָס יונגע ווייַבל, וואָס מיט דעם שוואַרצן טיכל איבערן פּנים.

און שפּעטער, אַז ס'איז געקומען צו די וויינענדיקע „יעלות", וואָס דער חזן זינגט מיט אַ וויינענדיק קול דעם וויינענדיקן ניגון, איז דער געוויין פון די ווייַבער אין דער ווייַבערשער שול געוואָרן נאָך שטאַרקער און נאָך גרעסער, און מער פון אַלע האָבן געוויינט אַלץ די אָרעמע זינדיקע דראַגאַ און אַלץ יענס ווייבל, וואָס מיטן שוואַרצן טיכל איבערן

פנים. אזוי פיל און אזוי שטארק האָט דאָס דאָזיקע יונגע ווײַבל געוויינט, ביז זי האָט זיך צוגעזעצט, אָנגעבויגן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און געפאַלן חלשות.

אין אַלע ייִדישע שולן, אַלע יום־כּפּור צו כּל־נדרי, מאַכט זיך, אַז אַ ווײַבל הייבט אָן חלשן. עס ווערט תּחילת אַ שטיקל גערודער, אַמאָל שפּרינגט־אַרויס דערפון אַן אומגליק, אַ לויפעניש, אַ קוועטשעניש מיט אַ דערשטיקעניש; נאָר מייסטנטייל איז מען דערצו געוווינט געוואָרן: דאָס פאַרחלשטע ווײַבל טראָגט מען אַרויס אין דרויסן אַף דער לופט, מע גיסט זי אָפּ מיט וואַסער, מע גיט איר שמעקן חלש־טראָפּנס און מע מינטערט זי אָפּ. אויך איצט האָט מען דאָס ווײַבל מיטן שוואַרצן טיכל אַרויסגעטראָגן אין דרויסן אַף דער לופט, אָפּגעגאָסן מיט וואַסער און געגעבן שמעקן חלש־טראָפּנס. צווישן די אַלע, וואָס האָבן זי געמינטערט, איז געווען אויך אונדזער דראַגאַ־מאַרישקאַ, וואָס האָט אַף איר שטאַרק רחמנות געהאַט. און אַז דאָס אויפגעמינטערטע ווײַבל האָט אויפגעעפנט די אויגן און די העל־בלאָסע לבֿנה האָט באַלײַכט איר העל־בלאַס פּנים, האָט זי דראַגאַ דערקענט, ווער זי איז, און האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און איז אַליין שיער נישט געפאַלן חלשות.

דאָס איז געווען רעטשי־פּיטשי־פּוטשי.

אָנגעבויגן איבער איר אַף די קני איז געשטאַנען אַבראַשאַ מיט קאַלט וואַסער, מיט עסיק און מיט חלש־טראָפּנס — די געוויסע ייִדישע יום־כּפּורדיקע מעדיקאַמענטן, און באַ דער זײַט איז געשטאַנען דזשאָ מיט דער געגאָלטער מאָרדע, מיטן רויטן שניפּס און מיט דער נאָז; אַקעגן דער שײַן פון דער העל־בלאַסער לבֿנה האָט ער אויסגעזען, ווי אַן אויס־געגאָסענע ווײַסע פיגור, אַ סטאַטוע. ער איז געווען דערשטוינט נישט נאָר פון דעם, וואָס ער האָט דאָ געטראָפן אין שול צו כּל־נדרי ביידע אַרטיסטקעס, דראַגאַ־מאַרישקאַ און רעטשי־פּיטשי־פּוטשי; ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז זיי זײַנען, גלייך אַזוי ווי ער, ייִדישע קינדער, כאָטש איינער פונעם אַנדערן האָט דאָס פאַרבאָרגן. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער וואָלט געגאַנגען שווערן אין טלית און קיטל, אַז צווישן עולם, וואָס זײַנען אַרויסגעשפּרונגען פון שול אָנקוקן דאָס פאַרחלשטע ווײַבל,

האָט ער געזען דורכלויפן פאַרביַי אויף דעם בעל־הבית פונעם „פאַרנאַס”, מיט אַ קליין סידורל אין די הענט, אָנגערוקט דעם צילינדער איבער די אויגן.

און דאָס וויינענדיקע קול פון די וויינענדיקע „יעלות” האָט זיך געלאָזט הערן פון שול אין דרויסן אַרויס, דורך די אָפענע טירן, און די העל־בלאַסע לבנה האָט העל געשיַינט און באַליַיכט די העל־בלאַסע פּני־מער פון אונדזערע פאַרשווינען פונעם „פאַרנאַס”, וואָס האָבן זיך איבער־געקוקט צווישן זיך און האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע רעכט פאַרשטאַ־נען, אָן ווערטער.

געשריבן אין יאָר 1903

שמחת-תורה

אַ בילד

וואָס באַ אַ ניכטערן אַף דער לונג, דאָס באַ אַ שכורן אַף דער צונג.
(אַ יידיש שפּריכוואָרט)

א.

— אַ שטילער מענטש, אַ גאַנץ ערלעכער, טשעפּעט נישט קיין פליג אַף דער וואַנט, — אָט דאָס האָט מען אַף אים געזאָגט אין כתרילעווקע, און דאָס איז ער געווען.

— איר קוקט ניט אַף אים, וואָס ער איז אַ נעבעכל, גאָט די נשמה שולדיק — שטילע וואַסער גראָבט טיף! — אָט דאָס פלעגט זאָגן אַף אים דער בעל־הבית זײַנער, רב לייבקע, אַ ייִד פון אַ שאַרפער קראָם, פון גרויסן קרעדיט און פון שיינע מחותנים.

— אַז אָך און וויי איז מיר מיט מײַן שלים־מזל, משטיינס געזאָגט, ווי איך האָב ערגעץ אַ שונא, רבונו־של־עולם! — אַזוי פלעגט זאָגן זײַן ווײַב קיילע־ביילע, וואָס האָט אַמאָל, מיידלווײַז, געשפּילט אַ ליבע מיט מאָטל שפּרײַז, דעם מיידלשן שרײַבער, פאַרזעסן אַ מויד און קוים חתונה געהאַט פאַר זרח־ברוך דעם נאַמן, געווען באַ אים דאָס אַנדערע ווײַב, און בכדי זי זאָל אים דערגיין די יאָרן מיט זײַנע קינדער פונעם ערשטן ווײַב, האָט זי אים אַלע יאָר געהאַט אַ קינד.

— איך קאָן באַשטיין, זיי זאָלן זיך ניאַנטשען מיט מ ײַ נ ע קינדער! — האָט געזאָגט קיילע־ביילע, און זרח־ברוך האָט זי געהערט מיטן קאָטער, וואָרעם ער איז כמעט קיינמאָל ניט געווען אינדערהיים.

זרח־ברוך דער נאמן (אַזוי האָט מען אים גערופן, און קיין אַנדער נאָמען האָט ער אין כתריל׳עווקע ניט געהאַט) איז שטענדיק אין געשעפט, פון גאַנץ פרי אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַפילו עסן טראָגט מען אים אין קלייט אַרײַן, און מכּות עסט ער, וואָרעם, ווי אַף־צו־להכעיס, לאָזן זיך די קונים פּונקט דעמאָלט, ווען זרח־ברוך האָט צוגעטראָגן דעם ערשטן לעפל צום מויל.

זרח־ברוך האָט שוין געוווּסט, אַז קוים האָט ער זיך געוואַשן און נאָך נישט אָפּגעזאָגט דעם „שאו־ידיכם" — אהא! עס האָט זיך שוין אַ לאָז געטאָן שפּע, צוויי גויים מיט, להבדיל, אַ ייִדענע. די גויים גייען אַרײַן אין קלייט אַרײַן, פאַררײַסן די קעפּ אַרויף און קוקן, און די ייִדענע דערזעט, אַז זרח־ברוך וואַשט זיך עסן, רוקט זי זיך אַרויס, ווי אַ צנועה, מיט אַ זײַטל:

— עסט, עסט, רב זרח־ברוך, איך וועל צוּוואַרטן.

נאָר זרח־ברוך וועט ניט אַרויסלאָזן קיין קונה.

— וואָס דאַרפט איר? — מאַכט ער צו דער ייִדענע און וואָרנט זי מיט דער המוציא, און בתוך כך גייט ער צו צו די גויים:

— אַ שאָ, דיאַדקי, סקאַזשעטע דאַבראַהאָ?*

און עס לאָזט זיך אויס, אַז די ייִדענע דאַרף דאָס, וואָס ס׳איז ניטאָ, און די צוויי גויים זײַנען זיך מודה, אַז זיי זײַנען אַרײַנגעקומען גלאַט אַזוי אָנקוקן, מער נישט, און בכדי מע זאָל זיי נישט חושד זײַן, אַז זיי מיינען עפּעס קויפן, שטייען זיי אַ ביסל, די קעפּ פאַררִיסן אַרויף, און גייען פּאַוואָלינקע אַוועק. נאָר זרח־ברוך האָט פּײַנט, אַז קונים גייען־אַוועק גאָר־נישט געקויפט, לויפט ער זיי נאָך און שלעפּט זיי פאַר די פּאָלדן:

— עי, טשולאָוויטשע, פּערעוועדניס, יאַ שאָס מאַיע טובי קאַזאַטע!**)

נאָר די קונים לאָזן זיך נישט איבעררײדן און גייען־אַוועק, דער

---

*) וואָס ווילט איר, פעטערס, זאָגן גוטס

**) עי, מענטשל, קער זיך איבער, איך האָב דיר עפּעס צו זאָגן!

שוואַרץ־יאָר ווייס וווּהין, און די ייִדענע האָט זיך דערווייל אַרויסגע־גליטשט און אַרײַנגעכאַפּט זיך אין אַן אַנדער קלייט.

פאַר האַרצווייטיק פאַרלירט זרח־ברוך דעם אַפּעטיט צום עסן, און עס קומט צו גיין דער בעל־הבית רב לייבקע און פאַרריכט אים דאָס מזל.

— ווער איז דאָ געווען? — פרעגט ער.

— ווער ס'איז געווען? — פרעגט זרח־ברוך און שלינגט גאַנצע שטי־קער, כמעט נישט געקײַט. — קונים זײַנען געווען.

— קונים? וואָס האָבן זיי געקויפט?

— געקויפט האָבן זיי? צרות האָבן זיי געקויפט.

— וואָס זשע זאָגסטו „קונים"?

— וואָס זשע דען זאָל איך זאָגן?

— קונים הייסט, אַז מע גיט עפּעס צו לייזן.

— צו לייזן? איך וויל דען ניט לייזן?

— אַ דאַנק דיר, וואָס דו ווילסט לייזן!

און ביידע אי דער בעל־הבית, אי דער „מענטש", בלאָזן זיך אָן איינס אַפן אַנדערן, נאָר מע זאָגט ניט איינס דעם אַנדערן קיין קרום וואָרט: דער בעל־הבית פילט, אַז ער האָט אים, אייגנטלעך, גאָרנישט וואָס צו זאָגן, און דער „מענטש" האָט דרך־ארץ פאַרן בעל־הבית און שווײַגט־אָפּ אַף אַלצדינג, וואָס מע זאָל אים נישט זאָגן.

נאָר אָט קומט די בעל־הביתטע, קלינגט מיט די שליסעלעך און מישט־אויף נאָך אַ מאָל די אייגענע סדרה:

— ווער איז דאָ געווען?

— איך ווייס, ווער איז דאָ געווען? — זאָגט דער מאַן. — פרעג באַ אים.

— ווער איז דאָ געווען? — פרעגט זי באַם נאמן און קלינגט מיט די שליסעלעך.

דער נאמן שלינגט־אײַן דעם לעצטן ביסן, שטייט־אויף, טרייסלט אָפּ די ברעקלעך פון דער באָרד און קוקט אַף דער בעל־הביתטע.

— וואָס קוקסטו אַף מיר אַזוי? איך פרעג, ווער איז דאָ געווען?

— ווער איז דאָ געווען? — זאָגט זרח־ברוך מיטן פריִערדיקן נוסח.

— קונים זײַנען געווען.

— קונים? וואָס האָבן זיי געקויפט?

— געקויפט האָבן זיי? קדחת האָבן זיי געקויפט!

—וואָס זשע זאָגסטו „קונים”?

— ווי אַזוי דען זאָל איך זאָגן?

— קונים הייסט, אַז מע גיט עפּעס צו לייזן געלט.

— לייזן געלט? איך וואָלט אויך אַ בעלן געווען לייזן געלט גלײַך מיט אײַך.

— איך מיין טאַקע באמת?!...

די דאָזיקע ווערטער: „איך מיין טאַקע באמת” ווערן געזאָגט מיט אַזאַ ניגון און מיט אַזוי פיל סם־המוות, אַז זרח־ברוך קרענקט־אויס דאָס גאַנצע עסן און איז נערן, אַז עס קומט־אַרײַן אַ שוואַרץ־יאָר און הייסט זיך ווײַזן סחורה, כאָטש אַלע ווייסן, אי דער בעל־הבית, אי די בעל־הביתטע, אי דער גאַמן, אי דער קונה, אַז דער קונה איז נישט קיין קונה: ער וועט גאָרנישט קויפן.

— איז דאָס, הייסט עס, דער לעצטער פּרײַז בײַ אײַך? גוט, איך קום, אם ירצה השם, מאָרגן ווידער..

— אַף מאָרגן מיט אַן איי! — זאָגט זרח־ברוך הינטער דעם קונהס פּלייצעס, און דער בעל־הבית גיט אים אַ מיאוסן פּסק, ער זאָל האַלטן מויל און ניט ריידן דעם קונה הינטער די פּלייצעס אַזעלכע ווערטער; און די בעל־הביתטע גיסט־אונטער בוימל אַפן פײַער, קלינגט־צו מיט די שליסעלעך.

— וואָס אַרט אים, למשל, אַז יענער וועט שוין מער אַהער ניט אַרײַנשמעקן? עס טוט אים דען וויי דער קאָפּ, טאָמער דאַרף מען מאָרגן צאָלן אַ וועקסל?

זרח־ברוך שווײַגט. ער טוט נאָר אַ קוק אַף איר מיט איין אויג. דער קוק באַדײַט:

„אַ וועקסל? ווען דען טוט וויי דער קאָפּ אַפן וועקסל?”

אַלע דרײַ ווייסן גאַנץ גוט, ווען דער קאָפּ טוט וויי, בשעת עס קומט אַ וועקסל צאָלן, און אַלע דרײַ שווײַגן. דאָס שווייגן געדויערט עטלעכע מינוט. און ווער רײַסט דאָס איבער? טאַקע זרח־ברוך. ער טוט זיך אַ וואָרף, ווי אַן אָפּגעבריטער פון קראָפּיווע.

— יאָ, כ'האָב גאָר פאַרגעסן. איך דאַרף אַ שפּרונג טאָן צום גלח, טאָמער וועט ער מיר געבן געלט. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַף היינט געבן געלט. און אַז ער וועט ניט געבן געלט, ווייס איך ניט, ווי אַזוי וועלן מיר איינצאָלן דאָס וועקסל.

און זרח־ברוך כאַפּט דאָס יאַמשאָווע שטעקל און לאָזט זיך גיין צום גלח און באַגעגנט זיך מיט דער בעל־הביתטע בײַ דער טיר און הערט, ווי זי וואָרטשעט און קלינגט מיט די שליסעלעך:

— קוים דערמאָנט... שטאַרק אין זינען... קאָסט אַזוי פיל בלוט...

און אין האַרצן ווייסן אַלע, ווער עס טראָגט אַף זיך די גאַנצע קראָם, וועמען עס דאַרט דער מח פאַרן פדיון, ווער האָט אין זינען געלט, ווער טראָגט אָפּן קאָפּ אַ וועקסל, — און אַלע דרײַ זײַנען זיכער, אַז עס דאַרף אַזוי צו זײַן און אַנדערש קאָן עס גאָר ניט זײַן.

ב.

אַף וויפל זרח־ברוך דער נאָמן קומט־אָפּ בײַ זײַנע בעלי־בתים אין געשעפט, האָט ער נאָכדעם, אַז ער קומט באַנאַכט צו זיך אַהיים, זײַן ערלעך אויסקומעניש דרײַ מאָל אַזוי פיל. אין שטוב איז וויסט און רויכיק, די קליינע קינדער שרײַען, דער סאַמאָוואַר וויל ניט זידן, און קיילע־ביילע זידט דווקא יאָ, קאָכט ווי אַ קעסל, שמיצט זיך און וואַרפט זיך און שילט די קינדער זײַנע אַף וואָס די וועלט שטייט.

— עסערס! אַ פּולע שטוב מיט עסערס! בײַ לײַטן קינדער — דאָס קרענקט, דאָס פּאָקט, דאָס ברעכט זיך אויס אַ פּוס... עס נעמט זיי נישט קײַן קויל!

נאָר קיילע־ביילע זינדיקט. זי ווייס גאַנץ גוט, אַז זי זינדיקט, וואָ־רעם ווו ערגעץ אַ חולאת, אַ פּריטשעפּע, אַ שלאַק־פּורעניות — איז דאָס בײַ זיי. און ווערט פאַרשלאָפּט אַ קינד, עס מעג זײַן זײַנס, עס מעג זײַן אירס — לייגט זי אײַן די וועלט, לויפט אַליין צום דאָקטער, שלאָפט ניט דורך די נעכט, עסט דעם מאַן און טאָטשעט אים זײַן לײַב.

— וואָס ביסטו פאַר אַ טאַטע? אַ שיינער פאָטער אַ געטרײַער! דאָס

קינד נעבעך גליט, ווי אַ הייסע סקאָווראָדע, — עס זאָל אים אָנהייבן צו אַרן! אַ קאַלטער מלאך!

און זרח־ברוך שווייגט, קערט נישט איבער די צונג אפילו, גלייך ווי ניט אים מיינט מען. זרח־ברוך איז גערן, אַז ער קאָן עפּעס איבער־כאַפּן, פאַלט ער אין בעט אַריין, ווי אַ סנאָפּ, און ווערט אַנטשלאָפן, וואָרעם גאַנץ פרי, אַז גאָט אַליין שלאָפט נאָך, איז ער שוין אין קלייט, „מאַכט די ביכער", דאַוונט־אָפּ אַף איין פוס, כאַפּט אַ גלעזל ציקאָריע מיט אַן אייערבייגל און לויפט נאָך אַ גמילות־חסד ביז איבערן יריד. און דער בעל־הבית בלאָזט זיך, און די בעל־הביתטע וואָרטשעט, און דאָס ווייב אינדערהיים שילט, לייענט די תוכחה. און אַזוי אַ גאַנץ יאָר, אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר.

איין טאָג שבת — אַ גליק, וואָס ס'איז פאַראַן אַ שבת אַף דער וועלט! — קאָן זיך זרח־ברוך אויסרוען פאַר דער גאַנצער וואָך. נאָר ערשט דעמאָלט פילט ער, ווי ער איז צעבראָכן, נישטאָ קיין גאַנצער אבר, ווי, להבדיל, אַ פערד הייבט ערשט דעמאָלט אָן צו סאָפּען און מאַכן מיט די זייטן, אַז מע שפּאַנט דאָס אויס... קומט דער הייליקער טאָג שבת, וואַרפט־אַראָפּ פון זיך זרח־ברוך דער נאָמן אַלע דאגות פונעם קאָפּ, טוט זיך אויס פון דעם יאָך, פאַרגעסט, אַז ס'איז פאַראַן אַ געשעפט מיט אַ בעל־הבית, מיט אַ בעל־הביתטע, מיט אַ בוך, מיט חובות, מיט וועקסלען, מיט גלחים, מיט גמילות־חסדים, מיט קונים, מיט פדיון — נישטאָ, נישטאָ אַף אים קיין אויבערהאַר, נישטאָ פאַר אים קיין עלטערער, וויל נישט וויסן פון קיין ווייב; באַ אים איז איצט נאָר גאָט און שבת. און ער רוט, ער שלאָפט, ער שלאָפט זיך אויס, טוט־אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע מיט דעם שבתדיקן אויבער־מאַנטל, מיטן שבתדיקן קאַשקעט, מיט די שבתדיקע סקריפּענדיקע שטיוול, און גייט אין שול אַריין. איין מאָל אין וואָך שלאָפט ער זיך אויס, ווי עס געהער צו זיין, איין מאָל אין וואָך עסט ער אָפּ, ווי עס געהער צו זיין, און ער רוט, און די נשמה זיינע רוט, און אַלע אברים זיינע רוען, און ער דאַנקט און לויבט דעם וואָס לעבט אייביק פאַר דער מתנה, וואָס ער האָט געשענקט זיין ליב פאָלק ישראל, פאַר דעם איינציקן, הייליקן, זיסן, ליבן שבת.

נאָך מער הייליק, זיס און ליב זיינען אים די ימים טובים. „ווער נאָך

האָט אַזאַ פּסח ווי ייִדן האָבן?" — אַזוי קלערט זיך זרח־ברוך דער נאמן און איז זיך אַליין מקנא, וואָס ער איז אַ ייִד געבאָרן. — „ווער נאָך פאַר־מאָגט אַזאַ פריילעכן יום־טוב, ווי סוכות, הושענא־רבה, שמיני־עצרת, ובפרט שמחת־תורה? אַ ווערטעלע אויסצורייִדן — שמחת־תורה! שמחת־תורה איז אַ ייִד פריילעך; שמחת־תורה טרינקען ייִדן משקה! שמחת־תורה זײַנען ייִדן שכור!"

אַזוי קלערט זיך זרח־ברוך דער נאמן און קוקט־אַרוים אַפן פריי־לעכן יום־טוב, ווי אַף משיחן.

משיח קומט ניט, און דער פריילעכער יום־טוב קומט. קומט דער פריילעכער יום־טוב שמחת־תורה, ווערט אַף אים אַ נײַע הויט. נאָר ניט דער זרח־ברוך, וואָס תמיד. תמיד אַ שטילער, אַ פאַרזאָרגטער, אַ פאַר־וואָגלטער, כאַפּט ער זיך אויף מיט אַ מאָל ווי פונעם שלאָף, ווערט לעבע־דיק, פריילעך, פאַררופט צו זיך אַף קידוש, גייט צו יענעם אַף קידוש, שלעפּט אַליין אַרוים דעם קוגל פונעם אויוון, בראָנפן גיסט זיך אַזוי ווי וואַסער. מע נעמט זיך באַ די הענט און מע גייט אַ ריקודל אין מיטן גאַס. ייִהָן! ס'איז הײַנט שמחת־תורה אַף דער גאַנצער וועלט!

היי־דאַ!

דריי־דאַ־דאַ!

ראָמטעדרידאַדאַ!

גוייִם גייען פאַרבײַ, שטעלן זיך אָפּ, קוקן, ווי ייִדן העפּען, מאַכן זיך נאַריש.

— אָצע האַרנאָ, קאָלי וושע זשיד דאַ נאַפּיווסיאַ*!...

און זרח־ברוך דער נאמן „גיסט ווי אַפן שטיין", טרינקט שוין פאַרן גאַנצן יאָר, טרינקט אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט מבוסם, פאַרגעסט, ווי אַזוי מע רופט אים, ווערט אַ גזלן און רײַסט זיך צום בעל־הבית און צו דער בעל־הביתטע, זיי אויסלומרן, ווי עס געהערט צו זײַן, כאָטש איין מאָל זיי זאָגן דעם גאַנצן אמת, וואָס אַף דער לונג — דאָס אַף דער צונג, זיך קילן דאָס האַרץ!

— ס'עט אַ רוח אין אים אין טאַטן! — שרײַט זרח־ברוך דער נאמן אַפן בעל־הבית און אַף דער בעל־הביתטע און רײַסט זיך צו זיי מיט

---

*) אַט דאָס איז שיין, אַז אַ ייִד קאָן שוין זײַן שכור!...

הענט און פיס, נאָר מע לאָזט אים ניט. קיילע־ביילע מיט די עלטערע קינ־דער האַלטן אים פאַר די הענט, און זרח־ברוך רײַסט זיך, שלאָגט און הרגעט און שרײַט, ווי אין אַ מאַנהויז:

— לאָזט מיך!... לאָזט מיך!... ס'עט אַ רוח אין אים אין טאַטן!...

און קיילע־ביילע האָט מורא, טאָמער טאַקע, חס־ושלום, לויפט ער אַוועק אַהין און פאַלט־אָן אַפן בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע, און בלײַבט נאָכדעם אָן אַ שטעלע. באָרעט זי זיך מיט אים מיט אַלע כוחות, בינדט אים די הענט אַהינטער מיט אַ האַנטעך, לעגט אים אַרײַן, דעם שלים־מזל, אין בעט אַרײַן, פאַרשליסט די טיר. און זרח־ברוך, דער שטילער זרח־ברוך, וואָס טשעפּעט ניט קיין פליג אַף דער וואַנט, בושע־וועט, ברעכט טעלער, שלאָגט און הרגעט און הערט ניט אויף צו שרײַען אַף קולי־קולות:

— לאָזט מיך!... לאָזט מיך!... ס'עט אַ רוח אין אים אין טאַטן!...

זרח־ברוך בושעוועט און שרײַט אַזוי לאַנג, ביז ער הייבט גאָר אָן צו וויינען, וויינען ווי אַ קליין קינד. ער דערמאָנט זיך אָנעם טאַטן, וואָס איז באַ אים געשטאָרבן פאַר אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק — סטײַטש, אַזאַ טאַטן, ווי ער האָט געהאַט, אַזאַ טאַטן!... און ער וויינט, דער יתום, גיסט מיט טרערן; ער וויינט אַזוי לאַנג, ביז... ער ווערט אַנטשלאָפן.

☆ ☆ ☆

אַף מאָרגן אינדערפרי, אַז גאָט אַליין שלאָפט נאָך, איז שוין זרח־ברוך דער נאָמען אין קלייט, מאַכט די ביכער, דאַוונט־אָפּ אַף איין פוס, כאַפּט אַ גלעזל ציקאָריע מיט אַן אייערבייגל און לויפט נאָך אַ גמילות־חסד, „ביז איבערן יריד". און דער בעל־הבית בלאָזט זיך, און די בעל־הביתטע וואָרטשעט, קלינגט מיט די שליסעלעך, און דאָס ווײַב אינדער־היים שילט. לייענט די תוכחה. און אַזוי אַ גאַנץ יאָר, אַ גאַנץ קײַלעכיק יאָר, ביז איבער־אַ־יאָר שמחת־תורה.

געשריבן אין יאָר 1903

די ערשטע נאַכט פּסח אַף דער מלחמה

דאָרט, אַפֿן גרויסן ברייטן ווײַסן פעלד פונעם גרויסן ברייטן אַלטן לאַנד, וואָס מע רופט מ א נ ד ז ש ו ר י ע, ציט זיך אַ לאַנגע שמאָלע סטעזשקע פון צוויי דינע שוואַרצע שנירלעך — דאָס איז די גרויסע סיבירער אײַזנבאַן, וואָס לויפט באַרג־אַראָפּ איבער דעם ברייטן ווילדן אַזיען, העט־ווײַט, צום ים, אַזש קיין קוואַנדון, ביז דער שטאָט פּאָרט־אַרטור.

די באַן ציט זיך, און אַף איר לויפן טאָג ווי נאַכט לאָקאָמאָטיוון. איינס נאָך דאָס אַנדערע לויפן זיי און לאָזן זיך הערן מיט אַ פֿײַפן און מיט אַ טראַסקען, שלעפּן גאַנצע שורות וואַגאָנעס מיט מענטשן, פערד, געווער און עסנוואַרג פאַר די מענטשן און פאַר די פערד.

ס׳איז נאַכט. די ערשטע נאַכט פון פּסח.

מיר קוקן־אַרײַן אין איינעם פון די וואַגאָנעס. ער איז פול אָנגעשטויסן מיט סאָלדאַטן. אויסגעמוטשעט פון דער לאַנגער נסיעה און אײַנגעמידט פונעם טאָג, זײַנען די סאָלדאַטן שטיל, ווער סע זיצט אַף די קאָרטעטשקעס אַף דער בריק און פאַרציט זיך מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, מיינט, אַז ער רויכערט אַ „ציגאַרקע", און ווער עס ליגט אויסגעצויגן אַף דער באַנק מיטן פּנים אַרויף און פֿײַפט שטילערהייט, און פונעם פֿײַפן לאָזט זיך הערן אַן אומעט, אַ טרויער, אַ גרוס צו דער ווײַטער־ווײַטער היים, צו דעם ווײַטן־ווײַטן דאָרף, וואו די ערד איז שוין געווים לאַנג אָפּגערייניקט פונעם שניי, און סע שמעקט שוין דאָרט געווים מיט גרינס, און אַ געזאַנג הערט זיך דאָרטן פון דער ווײַטן; דאָס זינגען מסתמא די שיקסעס זייערע שיינע ליבע זיסע לידער, רייסן זיך די גאָרגלען. און עס דאַכט זיך אים, אַז ער הערט גאַנץ גוט זייער געזאַנג, און ער פֿײַפט זיי נאָך.

באזונדער, אָן אַ זײַט, אױף דער באַנק, נאָענט צו דער לאַנטערן, זיצן צוויי סאָלדאַטן. איינער אַן עלטערער, מיט אַן אונטערגעגאָלטער שוואַרצער באָרד, דער אַנדערער אַ יִנגערער, מיט אַ קליין געל בערדל. און כאָטש זיי טראָגן ביידע הויכע גרויסע סיבירסקע שמויסענע היטלען, דאָך דערקענט מען אין זייערע בלייכע פּנימער, אין זייערע ווײַסע הענט און שוואַרצע אויגן, אַז זיי זײַנען פון אוּנדזערע, פון אחינו בני־ישראל.

זיי זיצן ביידע איבער איין סידורל, קוקן שטאַרק אַרײַן, און שאָקלען זיך, און זאָגן עפּעס שטילערהייט, נאָר מיט אַ ניגון. זיי זאָגן און זאָגן, און שטעלן זיך אָפּ אַלע מאָל און ריידן צווישן זיך שטילערהייט, און הייבן ווידער אָן צו זאָגן מיט אַ ניגון.

דאָס זאָגן זיי די הגדה, דאָס ריכטן זיי אָפּ דעם סדר דאָ אין וואַגאָן, זינגען מיט אַ ניגון, מיט יענעם באַקאַנטן ניגון, וואָס דאָרט, אין דער היים, נאָר שטיל, קוים־קוים וואָס מע הערט: „מצה זו שאָנו אוכלין על שום מה־ה־ה?..."

— ס'זאָל כאָטש זײַן דאָ בײַ אונדז אַ שטיקל מצה! — רופט זיך אָן איינער, דער יִנגערער, מיט אַ זיפץ, און דער עלטערער ענטפערט אים האַלב אױף רוסיש:

— דוראַק*! אין אַ מילחמה איז מען סוואָבאָדנע**, פּטור, פּטור פון אַלץ.

— וואָס זשע זאָגן מיר די הגדה?

— דליאַ וואָספּאָמינאַניאַ***, אַז ס'איז פּסח דאָרטן... בײַ אונדז... אינדערהיים...

דער יִנגערער פאַרטראַכט זיך. די ליבע זיסע ווערטער: „פּסח"... „דאָרטן"... „בײַ אונדז"... „אינדערהיים"... גיסן זיך אַרײַן צו אים, ווי אַ שטראָם, גלײַך אין האַרצן אַרײַן, און פון דאָרטן צעגיסן זיי זיך איבערן גאַנצן לײַב, איבער אַלע אברים, און פילן אים אָן מיט אַ נײַעם אומעט און מיט אַ שרעקלעך בענקען אַהיים, נאָך מער ווי פריִער. און זײַן נשמה רײַסט זיך אַרויס אױף אַ מינוט בײַ אים פונעם גוף און פליט זיך דורך אַהין, אין אַ קליין שטעטעלע פון בעסאַראַביע. דאָס שטעטל איז גרויס, ווי

*) נאַר; **) פריי.
***) פאַר אַ זכר

א גענעץ, און מע רופט דאָס האָלאָנעשטי, און אַ בלאָטע איז דאָרט אַצינד ביזן גאַרטל, און אָרעמעלײַט זײַנען דאָרטן פּאַראַן, אוי אָרעמעלײַט! און אַן ענגשאַפט איז דאָרט, מיט אַן עפּוש, מיט אַ דערשטיקעניש — זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! נאָר ווי ליב און ווי טײַער איז דאָס בא אים! און דווקא אָט דאָס דאָזיקע קליינע, אָרעמע, בלאָטיקע, ענגע, פאַרעפּושטע האָלאָ־נעשטי! אויב ס'איז דאָ ערגעץ אַ גן־עדן, טראַכט ער זיך, אַ גן־עדן התחתון אַף דער וועלט, איז דאָס געוויס האָלאָנעשטי!

און וואָס איז דאָס חידוש? ער איז דאָרטן געבוירן, אויפגעצויגן און אויסגעוואַקסן. דאָרטן האָט ער איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, פרײַנט און גוטע פרײַנט. וואָס טוען זיי אַצינד? זיי ריכטן אוודאי אָפּ דעם סדר און טראַכטן איצטער אוודאי וועגן אים. געוויס וועגן אים. זיי קלערן זיך: „אוי־ווײ! גאָט וויס, ווּ איז אַצינד אונדזער אָרע־מער לייבקע נעבעך!"...

— פּאַשאָל דאַלשע*! פּאָר וואָס זאָגסטו נישט, מאַלאַקאָסאָס**?...

— מונטערט אים דער עלטערער מיט אַ שטורך אין זײַט אַרײַן און זינגט שטילערהייט מיטן זעלבן ניגון: „מרור זה שאָנו אוכלין על שום מ־ה־ה־?"

— כאָטש מרור אַ ביסל זאָל דאָ זײַן! — רופט זיך אָן לייבקע מיט אַ ביטער שמייכל און וואַרפט אַ קוק אַף זײַן עלטערן חבר, וואָס מע רופט אים ירחמיאל. און ירחמיאל ענטפערט אים העכער האַלב אַף רוסיש, ווי זײַן שטייגער איז:

— טשעפּוכאַ! זאַטשעם טיביע מרור***? — און ער האַקט די הגדה ווײַטער: „על שום שמררו המצרים את חיי אבותינו במצר־י־י־ים!"...

און ירחמיאלס קאָפּ איז איצטער נישט אין מצרים, נאָר אינדערהיים, ערגעץ אין מאַלאָראָסיע, אין מאַלאָפּערעשטשעפּענע, בא זײַן ווײַב און קינדער. און עס שטעלט זיך אים פאָר דאָס געזעגענען זיך מיט זיי פאַר זײַן אָוועקפאָרן, ווי אַזוי ער האָט אַלעמען געוואָלט באַרויִקן, אײַנריידן, אַז זיי זײַנען „טרוסן", אַז אַ מילחמה איז גאָרנישט אַזוי מסוכן, וואָרעם פּונקט אַזוי ווי איך קאָן געהרגעט ווערן פון יענעם, אַזוי קאָן יענער גע־הרגעט ווערן פון מיר. דאָס איז נומער איינס. והשנית, בין איך דאָך

*) גיי ווײַטער.
**) שנעק.
***) נאַרישקייטן! אַף וואָס טויג דיר מרור?

עפּעס, זאָגט ער, אַ סאָלדאַט, וואָס האָט געדינט דעם קיסר פינף יאָר וויעראָיו אי פּראַוודאָיו"*, איז וויבאַלד, זאָגט ער, דער שונא איז אָנגע־פאַלן אַף אונדזער לאַנד, טאָר איך נישט קוקן אַף קיין זאַך און באַדאַרף, זאָגט ער, גיין שלאָגן זיך „דאַ פּאָסליעדניי קאַפּלי קראָווי!**)

אַזוי לאָזט־אויס אַף רוסיש ירחמיאל, וואָס האָט אין די פינף יאָר פון דער דינסט זיך אויסגעלערנט ריידן העבער האַלב אַף רוסיש. נאָר אַז ס'איז געקומען צו „דער לעצטער קאָמעדיע", אַז ער האָט זיך גע־נומען קושן מיט די קינדערלעך, און די קינדערלעך האָבן זיך צעוויינט אַף אַ קול, און דאָס קלייניטשקע איציקל האָט אים אַרומגעכאַפּט, ווי אַ שלענגל, און האָט זיך צעשריגן: „טאַטע! ניטע גיי מילחמה!", און דאָס ווײַב איז געפאַלן חלשות, — האָט ירחמיאל שוין מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן זיך און האָט זיך קוים אַ לעבעדיקער אַרויסגעריסן פון זייע־רע הענט און איז אַנטלאָפן. און קוים איז ער אַרײַן אין וואַגאָן אַרײַן מיט די איבעריקע סאָלדאַטן, אַזוי האָט ער אָראָפּגעוואָרפן פונעם קאָפּ די היים מיטן ווײַב מיט די קינדער, וואָרעם ער גייט אין דער מילחמה אַרײַן פאַרן קיסר און פאַרן לאַנד — „זאַ צאַריאַ אי אָטיעטשעסטוואָ!"

אַזוי לאָזט־אויס ירחמיאל מיט גדלות, און די שוואַרצע גלאַנצנדיקע אויגן זײַנע צינדן זיך אָן בשעת מעשה מיט אַ מאָדנע פײַערל, וואָס זײַן חבר לייבקע האָט דאָס ליב צו זען. עס געפעלט אים, נאָר ער פאַרשטייט דאָס נישט. ירחמיאל איז אַ געניטער, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, און ער, לייבקע פון האָלאָנעשטי, איז אַ נאָר־וואָס אָפּגעגעבענער, אַ „נאָוואָבראַ־נעץ", וואָס מע האָט אים געבראַכט אַהער שוין לאַנג מיט אַ גאַנצער פאַרטיע „נאָוואָבראַנצעס". איז ער אָפּן וועג פאַרשלאָפט געוואָרן, אָפּגע־לעגן כמעט אַ חודש אין שפּיטאָל; און אַז ער איז געזונט געוואָרן, האָט מען אים אַרײַנגעזעצט אַהער, אין דעם וואַגאָן, און דאָ האָבן זיך די צוויי יידן גיך באַקענט, געוואָרן חבר, אויסדערציילט זיך איינער דעם אַנדערן זייערע ביטערע הערצער, געוואָרן נפש אחת. לייבקע באַרימט זיך פאַר ירחמיאלן, אַז מע האָט אים מיטגעגעבן פון דער היים אַ סידורל מיט אַ פּאָר תפילין, קליינע תפילימלעך. און ירחמיאל באַטראַכט דאָס

*) מיט גלויבן און מיטן אמת.

**) ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

סידורל מיט די קליינע תפילימלעך און זאָגט, אַז דאָס סידורל וועט צונויז קומען באַלד אַף פּסח, ס'איז פאַראַן אין דעם די הגדה; און אַף די תפי־לימלעך, זאָגט ירחמיאל, איז ער אים מקנא, וואָרעם טאָמער שיסט מען אים, וועט ער כאָטש קומען צו קבר־ישראל... און אים, ירחמיאלן, האָט מען מיטגעגעבן אַלצדינג — מלבושים, גרעט, וואַרעמע וואַלינקעס, נאָר ד אָ ס נישט. ער איז אים מקנא אַף די תפילימלעך!

לייבקעס בלייכער פּנים ווערט נאָך בלייכער און זיינע גרויסע אויגן ווערן נאָך גרעסער, און ער פרעגט בא זיין עלטערן געניטן חבר ירחמיאל:

— וואָ־וואָס הייסט, ער וועט קו־קומען צו ק־קבר - ישראל?

און זיין עלטערער געניטער חבר ירחמיאל גיט אים צו פאַרשטיין, אַז בשעת מילחמה באַהאַלט מען הונדערטער געהרגעטע אין איין גרוב, און אַלע מיטן אָנטאָן, איז וויבאַלד אַ ייִד האָט מיט זיך אַ פּאָר תפילין, הייסט דאָס שוין גלייך ווי געקומען צו קבר ישראל.

לייבקע קוקט אַף זיין עלטערן געניטן חבר, אַף ירחמיאלן, און וווּנדערט זיך אַף זיין קאַלטבלוטיקייט, ווי ער רעדט פונעם טויט! לייבקע, אַ פּראָסטער אָרעמער בחור, אַ בעל־מלאכה, פאַרשטייט נישט זיין חבר ירחמיאלן, וואָס ער גייט מיט אַזאַ שמחה אַף דער מילחמה. ירחמיאל פרוּווט זיך אים געבן צו פאַרשטיין מיטן שכל, נאָר לייבקעס קאָפּ קאָן דאָס נישט משיג זיין. זיין מוח קאָן נישט איבערקאָכן איין זאַך:

— מילא — זאָגט צו אים לייבקע — דאָס, וואָס דו זאָגסט מיר, ס'איז אַ חוב אַף יעדן מענטשן — דאָס פאַרשטיי איך נאָך; אָבער פרייען זיך וואָס דאַרף מען? וואָס איז, אַשטייגער, די גדולה?

— בהמה! — זאָגט אים ירחמיאל און פרוּווט זיך אים געבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז צופרידן שוין דערמיט אַליין, וואָס ער, אַ ייִד ירחמיאל, איז דעם קיסרס אַ מענטש, וואָס ער, אַ ייִד ירחמיאל, קאָן אַרויסבאַווייזן פאַר דער גאַנצער וועלט זיין געטריישאַפט. לאָזן זיי זען, די שונאים, אַז אַ ייִד קאָן אויך דינען פּיין און ערלעך, אַז אַ ייִד קאָן אויך טראָגן זיין קאָפּ לכבוד דעם לאַנד, ווּ זיינע עלטער־עלטערנס ביינער ליגן אין די קברים און ווּ זיינע אייגענע ביינער וועלן אויך אַמאָל ליגן אין קבר...

לייבקע קוקט אַף זיין חבר מיט גרויסע אויגן און טראַכט זיך:

„וואָס פאַר מאָדנע מענטשן די מאַלאָראָסער ייִדן זײַנען!״... און אויך די איבעריקע סאָלדאַטלעך אין וואַגאָן קוקן אַף די ייִדן און חידושן זיך, אַף וואָס פאַר אַ מאָדנע לשון די ייִדן ריידן!...

בײַ די אַלע איבעריקע סאָלדאַטלעך אין וואַגאָן הייסן זיי „נאַשי זשידקי״*, נאָר לעבן לעבט מען מיט זיי דווקא גוט; מע שלאָפט אינאיי־נעם מע עסט אינאיינעם און מע רייכערט אַלע אינאיינעם „ציגאַרקעס״, ווי אמתע חברים.

אפשר האָט זיך דערפון גענומען די חברשאַפט, וואָס אינעם גאַנצן וואַגאָן איז פאַראַן סך־הכל איינער אַ „גראַמאָטנער״, וואָס פאַרשטייט אין די קליינע אותיות.

און דער איינער איז ירחמיאל.

ירחמיאל האָט מיט זיך אַ בלאַט „נאָוואָסטי״, וואָס דאָרט איז באַ־שריבן די איצטיקע מילחמה, און דאָרט איז אויסגעמאָלט גאַנץ מאַנד־זשוריע, מיט פאָרט־אַרטור, מיט „אונדזער״ פלאָט, מיטן לאַנד קאָרעאַ און מיטן לאַנד פונעם שונא — אויך מיר אַ לאַנד, משטיינס געזאָגט! אינעם דאָזיקן לאַנד אַרײַן רײַסן זיך דאָס די אַלע סאָלדאַטלעך, וואָלטן שוין גערן קומען אַהין וואָס גיכער זיך אָפּרעכענען מיטן שונא, און ער, ירחמיאל, אויך בתוכם. ירחמיאל לייענט פאַרן גאַנצן עולם דאָס בלאַט און באַווײַזט זיי מיטן גראָבן פינגער אַף דער קאַרטע און אַפן לאַנד פונעם שונא, אַף יאַפּאָניע. — „אויך מיר אַ לאַנד! יאַפּאָשקאַ! — זאָגן די סאָלדאַטלעך. — מיט איין שפּײַ קאָן מען אַזאַ לאַנד אײַננעמען, צע־קוועטשן, ווי אַ פליג, ווי אַ וואַנץ!״

פונעם לייענען איז דאָס בלאַט שוין צעהאַקט און צעריבן. עס וואָלט צונויף געקומען אַף „ציגאַרקעס״, נאָר ס׳איז אַן עבירה: ירחמיאל לייענט פון דאָרטן אַזעלכע אינטערעסאַנטע זאַכן, אַזעלכע שיינע מעשיות פון רוסישע סאָלדאַטלעך פון אַמאָל, אַמאָל, פון דער סעוואַסטאָפּאָלער מילחמה נאָך, ווי אַזוי „אונדזערע״ האָבן זיך אַמאָל געשלאָגן, געקראָכן גלײַך אין פײַער אַרײַן. זיי וועלן זיך איצט מיט יאַפּאָניע אויך אַזוי שלאָגן, אויך קריכן גלײַך אין פײַער אַרײַן, און ער, ירחמיאל, אויך בתוכם...

*) אונדזערע ייִדלעך.

און נאָך לייענט זיי פונעם בלאַט ירחמיאל אַ מעשה פון אַ באַרג אַזעלכן, וואָס מע רופט אים „מאַלאַכאָוו קורגאַן”. דאָס איז אַ באַרג פון צענדליקער טויזנטער געפאַלענע רוסישע סאָלדאַטן.

— אַלע אינאײנעם, אײנס אױף דאָס אַנדערע! — גיט זיי צו פאַר־שטיין ירחמיאל שוין פון זיך אַליין. — אַלע אין אײן טאָפּ: פעלדפעבלס מיט יעפרייטערס מיט פּראָסטע סאָלדאַטן.

— און ייִדן? — טוט אַ פרעג לייבקע מיט אַן איבערגעשראָקענעם קוק.

— און ייִדן אויך. אַלע גלײַך! — זאָגט ירחמיאל גאַנץ פעסט, ווי אַ מענטש, וואָס ווייס אַלצדינג.

— ווריאָש*! — כאַפּט זיך אַרויס אײנער אַ סאָלדאַטל מיט אַ פריש־טשעוואַטן פּנים.

— ניעט! יעפּטאַ פּראַוודאַ**! — שטעלן זיך אײַן פּאָר ירחמיאלן עטלעכע סאָלדאַטן מיט אַ מאָל און בעטן אים, ער זאָל זיי לייענען ווײַטער.

— ראַסקאַזיוואַי, בראַטיעץ***!

ירחמיאל האָט זיך אָבער צעהיצט; עס האָט זיך אין אים צערעדט דער ייִד, און ער האָט יענעם פרישטשעוואַטן סאָלדאַטל נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון די הענט.

— באָלוואַן! — זאָגט צו אים ירחמיאל מיט פײַער. — דו פאַר־שטייסט נישט פון דאַנען אַהין! נאָכן טויט און אויף דער מילחמה זײַנען אַלע גלײַך! באַם מלאך־המות איז נישטאָ קיין ייִדן, נישט־ייִדן. בײַ גאָט זײַנען אַלע — מענטשן!...

— ווריאָש! — זאָגט צו אים נאָך אַ מאָל דאָס פרישטשעוואַטע סאָלדאַטל. — איך האָב געהערט לייענען פון אַ ביכל, אַז אַנטיקריסט וועט קומען, וועלן אַלע געצלמטע אויפשטיין תחית־המתים, און איר וועט פאַרפוילט ווערן, ווי די הינט.

— כאַם! נאַרישער קאָפּ! — שרײַט ירחמיאל שוין מיט כעס. — וואָס רעדסטו? דו ווייסט וואָס דו רעדסט?

דאָס סאָלדאַטל מיטן אומרײנעם פּנים וויל אויפהייבן אויף אים די

---

*) ליגסטו!

**) ניין, ס'איז אמת!

***) דערצייל, ברודערל!...

האַנט, שטעלט זיך אײַן דער איבעריקער עולם פֿאַרן ייִדן, לאָזט נישט, מע זאָל באַליידיקן ירחמיאלן. און ירחמיאל וויל זיך נישט באַרויִקן. ער שיט מיט רייד און שוויצט אַזש:

— אַזאַ כאַם, און רעדט נאָך! ער ווייס נישט, דער דאָזיקער אָפּגעריסענער נאַר, אַז פֿאַר גאָט און פֿאַרן קיסר זײַנען אַלע מענטשן גלײַך, אַז מיר ביידע, אי ער, אי איך, גייען זיך שלאָגן ביידע מיט איין שונא, אַז די קויל קלײַבט נישט איבער: וועמען זי טרעפֿט, דער לייגט דעם קאָפּ. אַז די קויל פֿונעם שונא וועט טרעפֿן מיך, וועל איך וויסן, אַז איך בין געפֿאַלן פֿאַר דעם אייגענעם קיסר, וואָס דו, און פֿאַר דעם אייגענעם לאַנד, וואָס דו!

וכדומה אַזעלכע וואַרעמע דבורים רעדט ירחמיאל פֿון מאַלאָפּערעשטשעפּענע, און שטענדיק מיט היץ, מיט פֿײַער. און דער גאַנצער עולם האָט אָפּשײַ פֿאַר דעם דאָזיקן ייִדן, באַקומט ליב ירחמיאלן פֿאַר זײַנע קלוגע רייד, און צוליב אים לייגט מען כבוד אויך אויף זײַן חבר, אויף לייבקען, וואָס מע האָט אים נישט ליב פֿאַר זײַן איבערגעשראָקענעם קוק, ווי בײַ אַ האָז. צוליב ירחמיאלן לאָזט מען זיי זיצן ביידע בײַ דער לאַנטערן דאָ אויף דער באַנק אינצווייען, זיך זאָגן דאָרטן וואָס זיי דאַרפֿן.

— וואָס שאָקלען זיך די ייִדן? — פֿרעגט איין סאָלדאַט בײַם אַנדערן.

— לאָזן זיי זיך שאָקלען. — ענטפֿערט אים דער אַנדערער. — ס'איז בײַ זיי הײַנט אַ יום־טוב.

— „שאַבאַש"?

— ניין, נישט שבת, נאָר יום־טוב.

— וואָס פֿאַר אַ יום־טוב?

— שאַ, לאָמיר אַ פֿרעג טאָן רחמיאלן אַליין. רחמיאל!

— טשעפּעט אים נישט. — רופֿן זיך אָן די איבעריקע סאָלדאַטן. — די ייִדן דאַווענען, לאָזן זיי דאַווענען!

און ירחמיאל מיט לייבקען שאָקלען זיך וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער. זיי האַלטן שוין בײַ „הלל", און זיי זינגען מיט אַ ניגון: „הללויה, הללו עבדי ה' הללו את שם ה'". און אַז עס קומט צום סוף קאַפּיטל, ווערט איינער פֿון זיי אַ חזן, ירחמיאל געוויינטלעך, און לאָזט־אויס מיט

א ניגון און ציקלט זיך: „מושיבי עקרת ה־ב־י־י־ת אם הבנים שמחה הללו־ו־יהו!"

און ביידע, ירחמיאל מיט לייבקען, טראָגן זיך אוועק מיט זייערע געדאַנקען ווײַט, ווײַט פֿון דאַנען. איינער קיין האָלאָנעשטי, צו טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, און אפשר גאָר צו א כלה, א מיידל מיט שוואַרצע צעפּ און מיט רויטע באַקן און מיט ווײַסע ציין; און דער אַנ־דערער קיין מאַלאָ־פּערעשטשעפּענע, צו ווײַב און קינדערלעך. „אין האָלאָ־נעשטי — טראַכט זיך לייבקע — זיצט מען אויך אצינד באַם סדר, נאָר מע זיצט אַלע באַם טיש, אָפּן טיש ליגן מצות, עס שטייען כּוסות מיט ראָזינקעס־ווײַן, אָדער מיט פּסחדיקן מעד, און מרור שטייט גרייט מיט חרוסת, און פיש ועט מען באַלד דערלאַנגען פרישע, געפּעפּערטע פיש, מחיה נפשות!" — און לייבקע צעלאָזט די נאָזלעכער, עס דאַכט זיך אים, אַז ער הערט א ריח פון פרישע געפּעפּערטע פיש...

אויך ירחמיאלס געדאַנקען זײַנען דאָרט אינדערהיים, אין מאַלאָ־פּערעשטשעפּענע, באַ זײַן יונגער שיינער פייגע, וואָס זיצט אצינד מסתמא באַם סדר באַ אירע פאָטער און מוטער. מע רעדט איר אויס דאָס הארץ, מע טרייסט זי, אַז ירחמיאל איז איצטער ווײַט, נאָר ער וועט, אם ירצה השם, קומען גיך צוריק, לאָז נאָר ווערן שלום... אַזוי זאָגן איר פאָטער און מוטער. ווילן זי אײַנריידן, אַז מע שמועסט פון שלום. נאָר זײַן פייגע וויל נישט הערן. זי וויל זיך נישט טרייסטן. איבער די קינדער, און איבערהויפּט איבער דעם קליינעם איציקל, וואָס אַז מע פרעגט אים: איציקל, וווּ איז דער טאַטע?" באַווײַזט ער מיטן קליינעם הענטל אַזש אַהין, ווײַט־ווײַט, און זאָגט בשעת מעשה: „טאַטע אָן־אָן־אָן!"...

און ירחמיאל, דער העלד פון קליין־פּערעשטשעפּענע, בייגט זיך אָן אויסשנײַצן די נאָז און ווישט־אויס א טרער, אַזוי אַז דער חבר לייבקע פון האָלאָנעשטי זאָל נישט זען.

געשריבן אין יאָר 1904

אַקדמות

אַ געזאַנג לכבוד שבועות

— אקדמות מלין — איי איך הייב אָן צו ריידן, ושריות שותא — און באַגער צו שפּרעכן!... — אַזוי זינגט זיך גאַנץ געשמאַק אַ קליין אויסגעדאַרט ייִדל, וואָס שטייט מיט אַ געלן טלית איבערן קאָפּ ביזן שפּיץ יאַרמעלקע אין בית־המדרש צווישן מזרח־וואַנט און צווישן שפּיגל־באַנק, נעבן אַ סטענדער, אויפגעהויבן ביידע הענט, די אויגן פאַר־גלאָצט אַרויף, שאָקלט זיך מיטן גאַנצן גוף, אַלע מאָל מיט אַ שפּרונג־אונטער און מיט אַ טענצל, און דאָס געלע פאַרמעט־פּנים בעת מעשה לויכט אים אַקעגן דער זון, וואָס קוקט־אַרײַן מיטן איין שטראַל דורכן אָפענעם פענצטער פונעם בית־המדרש, און דאָס איינציקע אַקאַציע־ביי־מעלע אַף דער שולגאַס, וואָס האַלט אין רעכטן בלִיִען, שיקט־אַרײַן אַ געשמאַקן זיסן ריח גלײַך צו די ייִדן אין נאָז אַרײַן, ווי איינער רעדט: „שמעקט ייִדישע קינדער, איר אויך, פון מײַנע בשמים און האָט אויך הנאה פון גאָטס וועלטל”...

איר ווייסט, ווער איז אָט דאָס ייִדל, וואָס זינגט דעם „אַקדמות” מיט אַזאַ חדווה, מיט אַזאַ התלהבות? ס'איז יהושע העשל. איר קענט אים, איר קענט אים זייער גוט. דאָס איז פון די ייִדן, וואָס איר באַגעגנט זיי נאָר לויפנדיק, וואָס האָבן קיינמאָל קיין צײַט נישט, תמיד זײַנען זיי פאַרהאַוועט אין פרנסה. און זייער פרנסה איז דאָך, משטיינס געזאָגט, ווינט. מע לעבט פונעם ווינט. פאַר אַזעלכע מענטשלעך איז די וועלט אַ יריד, און זיי זײַנען געקומען אַהער אַפן יריד שמעקן, אויסשמעקן, טאָמער וועט מען עפּעס קאָנען כאַפּן ... אַזעלכע מינים סוחרים ווייסן אַליין נישט, וואָס טוען זיי דאָ אַפן יריד? זיי וואַרפן זיך אַף אַלצדינג, וואָס סע קומט

זיי פאַר די אויגן, קויפֿן און פֿאַרקויפֿן מיד ליד, פֿאַרדינט, דערלייגט — און אַראָפּ פֿונעם מאַרק, אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף — אַבי אויסגעהאַנדלט זיך שיין, חלילה נישט פֿאַרנומען קיין פֿרעמדס... אָט אַזאַ סוחר, אַז ער כאַפּט זיך אויף דעם לעצטן טאָג פֿונעם יריד און דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געפּטרט ווי ער האָט געהאַט אַ גראָשן, טוט ער זיך אַ שמיר מיט דער האַנט איבערן פּנים פֿון אויבן אַראָפּ און אַ זאָג צו זיך אַליין: „האָבן מיר שוין, ברוך השם, אָפּגעפּטרט דעם יריד אויך; אַצינד באַדאַרף מען לויפֿן ערגעץ כאַפּן אַ גמילות־חסד אַף צוריקוועגס"...

אָט פֿון דעם מין יריד־לײַט איז אונדזער העלד יהושע־העשל.

וואָס איז זײַן געשעפֿט — ווייס איך ניט. דאַכט זיך, אַ ייִד אַ מעקלער, אַ שליח, אַ שטיקל שדכן. דאָס הייסט, ניט קיין שדכן פֿון שדכנים, וואָס שרײַבן בריוולעך און שלעפּן קערבלעך, נאָר גאַרנישט, אַז עס מאַכט זיך אַמאָל אויספֿירן אַ שידוך — מהכתיתי, פֿאַר וואָס ניט? ווער זאָגט זיך דאָס אָפּ פֿון אַ זײַטיקן רובל? איך קען אַ סך דאַמען, „אַריסטאָקראַטקעס", וואָס אַז זיי שמעקן אָן ערגעץ אַ בחור גייט אַרום מיט אַ מיידל און עס דאַכט זיך זיי אויס, אַז ס'איז גלײַך, וואַרפֿן זיי אַוועק אַלע געשעפֿטן און נעמען זיך צו דער אַרבעט, טוען אַלצדינג, ס'זאָל ווערן אַ שידוך; סע פֿאַרשטייט זיך, זיי טוען דאָס מער לשם מצווה, אָדער דיפּלאָמאַטיע, אָדער פּשוט ווײַל זיי האָבן ניט וואָס צו טאָן... ניין, יהושע־העשל איז ווײַט פֿון אַזעלכע זאַכן; ער, אַז ער פֿאַלט אַמאָל אַף אַ גלײַכס, איז נאָר צוליב דעם, וואָס ער מיינט, טאָמער וועט ער דאָ עפּעס כאַפּן. אײ, עס לאָזט זיך אויס אַ בוידעם? וואָרעם דאָס, וואָס ער מיינט, ס'איז גלײַך ווי אַ סטרונקע, איז גאָר קרום ווי אַ קאָטשערע — וואָס איז ער שולדיק? מסתמא איז זײַן מזל אַזוי. למאי מעקלערײַ? פֿאַראַן אַ סך מעקלערס דאָ אין שטאָט, אויך אַזעלכע בריות ווי ער, פֿונדעסטוועגן, וווּהין זיי גייען אַרײַן מאַכן אַ געשעפֿט, מאַכן זיי; און באַ אים איז געמאַכט און געמאַכט, און געמאַכט, און צום סוף, עס קומט צו עפּעס, לאָזט זיך אויס, אַז עס הייבט זיך גאָר נישט אָן!... אָן מזל, הערט איר, זאָל מען גאָר ניט געבוירן ווערן אַף דער וועלט. אַליין וואָלט מען נאָך ווי עס איז איבערגעטראָגן; איז אָבער פֿאַראַן אַ ווײַב, קינדערלעך, וואָס זײַנען גאָט די נשמה שולדיק, אַ גליק, כּלעבן, וואָס יהושע־העשל איז אַ ייִד, און אַ פֿרומער ער-

לעכער ייִד, וואָס גלייבט אין גאָט, וואָס דינט גאָט, וואָס האָט ליב גאָט, ממש פאַרבערענט, פאַרליבט אין דער שכינה, ווי אַ חתן, וואָס האָט זיך פאַר־ליבט אין דער כלה. דעריבער דאַוונט ער אַזוי געשמאַק. קומט אין שול אַרײַן זען, ווי יהושע־העשל דאַוונט! זען, ווי יהושע־העשל דאַוונט — איז, זאָג איך אײַך, אַ חיות. דאָס איז ניט קיין געוויינלעכער דאַוונען, ווי אַ ייִד, אַ שטייגער, שטעלט זיך אַוועק און מאַלט ווי אַ מיל, האָט אין זינען בעת־מעשה גאָר ווייס איך וואָס: אַ קונה, אַ פריץ, אַ גמילות־חסד. ניין; יהו־שע־העשל אַז ער שטעלט זיך אַוועק דאַוונען, שטעלט ער זיך פאָר, אַז ער קומט מיט אַ ראַפּאָרט צום רבונו־של־עולם, מיט אַ לויבעניש און מיט אַ געבעט אױף פרנסה, מיט אַ קלאָגן זיך אַפן גלות און מיט אַ חדווה, וואָס ער איז אַ ייִד. אַ קלייניקייט אַ ייִד! אַ ייִד, וואָס האָט מקבל געווען די תורה, ערשט הײַנט, אין דעם דאָזיקן טאָג שבועות!... שפּרינגט ער אונ־טער, קנאַקט־צו מיט די פינגער, מאַכט מיט די אויגן און שרײַט, שרײַט מיט קולי־קולות. די „אַריסטאָקראַטן", די נגידים פון מזרח־וואַנט, וואָס דאַוונען מיט אים אין איין שול, קענען אים שוין מיט זײַן דאַוונען און מיט זײַנע משונה־ווילדע העויות: „שאַט, שאַט, זאָגן זיי, דער גריי־גער יהושע־העשל האָט זיך צעלאָזט!" נאָר דער גרייגער יהושע־העשל הערט זיי, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי: „דערויף איז דאָס אַ מקום קדוש, מע זאָל דאַוונען, ניט זיצן אויבן־אָן אויסגעסטראַצלט, ווי די טאָקן, גלאַנצן מיט די גילדערנע און זילבערנע עטרות פון די טליתים, אַרײַנקוקן בעת קריאת התורה כלומרשט אין די חומשים און שטילערהייט ריידן צווישן זיך דברים בטלים"... און דערזעט יהושע־העשל, אַז ייִדן ריידן בעת דאַוונען, קאָן ער דאָס ניט סובל זײַן, ווערט אין כעס, פּאַטשט מיט די הענט איבערן סידור: „אי־אָ־נו!"... אַ מאָדנער ייִד אָט דער יהושע־העשל. אַזוי איז ער, דאַכט זיך, אַ נבנע, אַ נעבעכל, אַ וואָרעם, וואָס לאָזט זיך טרעטן מיט די פיס, און קומט אין שול — אויס נבנע, אויס נעבעכל, אויס וואָרעם — אַן עזות־פּנים, זאָל גאָט היטן! דאָ, אין שול, איז ניטאָ באַ אים קיין נגיד, קיין אַריסטאָקראַט; ער איז זיי מבטל כעפרא דאַרעא, וואָרעם אין אַ מקום קדוש זײַנען אַלע ייִדן גלײַך. אויך דאָס פּנים ווערט דאָ באַ אים גאָר אַן אַנדער פּנים: צי מחמת דער יאַרמעלקע מיטן טלית, וואָס אַפן שפּיץ קאָפּ, צי מחמת גרויס חדווה פון זײַן געליבטער

(די שכינה), וואָס ער זעט זיך דאָ מיט איר אַלע שבת און יום־טוב, ובפרט אַזאַ יום־טוב, ווי שבועות צו „אַקדמות", בעת „ח י ל א ל ף א ל פ י ן — צען טויזנטער, הונדערט־טויזנטער מלאכים, כרובים און גלגלים קלײַבן זיך צונויף פאַרן אַלמעכטיקן און טוען זיך הייבן מיט אַ געזאַנג און מיט אַ גרויס שאַלונג, ווי דאָס געשריי פון די געזאַמלטע וואַסערן"... און יהושע־העשל הערט דאָס דאָזיקע געזאַנג מיטן דאָזיקן שאַלן, און ער העלפט דעם חזן זינגען און שאַלן מיט אַ גרויס שאַלונג. און ער איז איבערצײַגט, אַז ד אָ ר ט ן וועט ער זיצן אינאיינעם מיט אַלע ערלעכע ייִדן, וואָס זײַנען געקניפּט מיט גאָטס קרוין, ווי סע שטייט אין „אַקדמות" בפירוש געשריבן. און ער פּילט, ווי ער זיצט אונטער דער חופּה מיט אַלע צדיקים דאָרט אין גן־עדן מיט גרויס תענוג ב ת כ ת כ י ד ה ב פ י ז א — אויף גאָלדענע שטולן, און גייט זיך דורך מיט זיי אויפן שפּאַציר, און כאַפּט אַ טענצל מיט דער שכינה... אַ כפּרה די גאַנצע וועלט מיט אַלע תענוגי־עולם, און אַפילו מיט דער גוטער פרישער מילכיקער סעודה, וואָס די נגידים וועלן הײַנט עסן נאָכן דאַוונען! און יהושע־העשל כאַפּט אַ קוק מיט גדלות אויף די נגידים, די הולטאַיעס, וואָס אין מזרח־וואַנט, און עס קומט אים פאַר די אויגן איינער אַ גראָבער, וואָס זיצט אויבן־אָן אין מזרח, אַ ייִד אַ נגיד מיט אַ געראַזירטער מאָרדע, מיט אַ שיינעם ראָק און מיט אַ שוואַרצן קוימען אויפן קאָפּ. מ א ר ק ו ס רופט מען אים, אַ נײַער נגיד, פון די נײַע אויפגעקומענע נגידים, וואָס שפּרינגען־אַראָפּ פון אַ דאַך, ווי איינער רעדט: „גוט־מאָרגן, איך בין אויך דאָ!"... די דאָזיקע נײַע אויפגעקומענע נגידים שפּרינגען איטלעכן אין פּנים אַרײַן, וואַרפן זיך, זשומען און זשומען און עסן זיך אײַן, ווי די פליגן. זיי צוואָגן זיך אויס, פּוצן זיך אויס, טוען זיך אָן מיט די ווײַבער נאָך דער לעצטער מאָדע, לאָזן זיך קאָסטן געלט און קריכן אהין, אהין, צווישן די „אַריס־טאָקראַטן", שטעלן־אַרויס דאָס בײַכל און בלאָזן זיך. אינעם גרויסן אָרט קויפט דאָס אַ פּאַיעטאָן מיט ברענענדיקע פערד און קנאַקט איבער אַלע גאַסן, מע זאָל זען. אין טעאַטער גייט דאָס אין דער ערשטער שורה, האַלט־אויס קעפּס־ווײַבער, שפּילט אין פּרעפעראַנס, בויט הײַזער, קלינגט און טראַסקעט און פּײַפט מיט סכנת־נפשות. אינעם קליינעם אָרט קויפט דאָס אַ שטאָט אין מזרח, דעם ווײַב — גרויסע פּערל, יאָגט זיך נאָך שיינע

שידוכים, ווײַל זיך אײַנקױפֿן אין יחוס, זינדיקט בסוד, קײנער זאָל ניט װיסן, שפּילט אין אָקע און שענקט אַמאָל אַ גרױסע נדבה, מע זאָל פֿון אים ריידן.

אָט פֿון דעם מין נײַע אױפֿגעקומענע נגידים איז מאַרקוס.

פֿון וואַנען האָט זיך גענומען אַהער דער דאָזיקער מאַרקוס? — וויים קײנער ניט. דאָס הייסט, וויסן וויים מען אים, נאָר אַז ער הייסט מאַרקוס — דאָס איז מען ערשט ניט לאַנג געוואָר געוואָרן. ביז ניט לאַנג האָט מען אים גערופֿן: „דער ייִד פֿונעם האָליץ", אָדער „דער הילצערנער". ער האָט זיך געדרייט אַרום אינטענדאַנטסטוואָ, מיט די קאַזאַרמעס, מיט די אָפֿיצירן, איז געוואָרן אַ באַנקיר, אַף אונדזער לשון הייסט דאָס פּשוט אַ בעל־הלוואה, אַ פּראָצענטניק, אַ ייִד, וואָס לעבט זיך פֿון פּראָצענט, האָט ליב אַ וועקסעלע, בטבע אַפֿילו אַ גרויסער עם־הארץ, אַ ווילדער גראָבער־יונג, נאָר ער איידלט־זיך, פּײַנט זיך אויס, ווי ווײַט מעגלעך, רײַבט זיך צווישן לײַטן, ווײַל זייער אײַנריידן די וועלט, אַז ער איז אַ טאַטנס אַ קינד, דערציילט מעשיות, אַז דאָרטן, ערגעץ באַ זיך אינדער־היים, האָט ער קרובים גרויסע מיוחסים, לומדים, מופלגים, כאָטש אַלע וויסן (און ער אויך), אַז ס'איז שקר וכזב; ער האָט ניט אין ערגעץ ניט קיין קרובים, ניט קיין מיוחסים, ניט קיין לומדים, ניט קיין מופלגים. מע קאָן דאָס אַרויסזען נאָכן רויטן פּנים, כאָטש ס'איז שוין איצטער פּײַנ־טשיק אַרומגעשאָרן, און נאָך די גראָבע קאָרענע הענט מיט די לעפּקע פֿינגער (איין פֿינגער איז באַ אים אָן אָפּגעהאַקטער, וואָס אַף דעם דער־ציילט מען אַ גאַנצע מעשה, נאָר מיר לאָזן עס דורך...).

אויך דאָס ווײַב זײַנס, די איצטיקע מאַדאַם מאַרקוס, אַ נידעריקע, אַ שוואַרצע, אַ גראָבע, מיט גראָבע שטאַרק־פֿאַרגרעבטע הענט, וואָס אַלע געדענקען נאָך, אַז זי איז אַמאָל געווען, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, אַ דינסטמיידל, לייגט־אײַן די וועלט, פּויקט אין אַלע גאַסן, אַז זי שטאַמט פֿון זייער אַ רײַכער משפּחה, פֿון גרויסע לײַט, גבירים אדירים, כאָטש אַלע וויסן, (און זי אויך), אַז ס'איז שקר וכזב; זי האָט ניט אין ערגעץ ניט קיין משפּחה, ניט קיין גרויסע לײַט, ניט קיין גבירים אדירים. מע קאָן דאָס אַרויסזען פֿון איר אויפֿפֿירן זיך אין מאַרק באַ די ווײַבער, אין קיך באַ די דינסטן, און בעת זי רעכנט זיך מיטן קצב פֿאַר פֿלייש. זי האָט

פּײַנט, זאָגט זי, „אַזעלכע״ חשבונות. זי װעט ניט דערלאָזן, זאָגט זי, מען זאָל איר צורעכענען אַפילו אַ לױט פלײש. אַזױ לאַנג, אַזױ ברײט, ביז זי רײַסט־אָפּ בײַ אים עטלעכע פונט — און דעמאָלט איז זי שױן רויִק און פונדעסטװעגן, אױ־אױ־אױ, האָט מען פאַר זײ דרך־ארץ און מע גיט זײ אָפּ כּבוד! װאָרעם װעמען טוט זיך עס נײטיק אַרױסשפּרינגען קעגן אַ נגיד, זײַן אַ שײגעץ? ובפרט אַן אָרעמאַן, ובפרט אַ מעקלער, ובפרט אַזאַ מעקלער, װי יהושע־העשל, װאָס גײט צו אים אָפּטלעך אַרײַן, נישט מחמת גרױס ליבשאַפט, נאָר טאַקע צוליב דעם, װאָס די נױט טרײַבט אים. ער מײנט, אַ קשיא אױף אַ מעשה, טאָמער װעט ער מאַכן בײַ אים אַ מאָל אַ שטיקל געשעפט. אמת, ניט אַזױ גרינג מאַכט מען בײַ מאַרקוסן אַ געשעפט. מאַרקוס איז אַ שװערער פאַרשױן, אַ האַרטער ביסן! דאָס הײסט, אַזױ איז ער אַפילו נישקשה, אַ צוגעלאָזט מענטשל; אַז מע קומט צו אים אַרײַן, בעט ער זיצן, איז מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס, נאָר געבן פאַרדינען יענעם אַ קערבל — דאָס לא. שװער, שװער, בקריעת ים־סוף! זינט מאַרקוס איז אַ נגיד און יהושע־העשל אַן אָרעמאַן, האָט ער נאָך כמעט ניט געפּרוּװט פאַרדינען דורך אים אַ קערבל. אַ שװערער נגיד, אַ האַרטער. אױ, אַ האַרטער ביסן!

און יהושע־העשל, זינגענדיק אינאײנעם מיטן חזן און מיטן איבער־ריקן עולם דעם „אַקדמות״, כאַפּט אַ קוק אױף מאַרקוסן מיט דער אונטער־געשאָרענער שװאַרצער מאָרדע, מיטן געפּאַקטן בײַכל און מיטן הױכן שװאַרצן קױמען אױפן קאָפּ, און טראַכט זיך: „דאָ ביסטו טאַקע בײַ זיך גרױס, אָנגעבלאָזן... דערפאַר אָבער דאָרטן! דאָרטן! מ נ ת ד י ל ן — אונדזער גאָב, װאָס גאָט האָט אָפּגעשײדט פאַר אונדז נאָך פון װײס איך װען אָן... אמת, די גוטע געשמאַקע מילכיקע סעודה הײַנט װעט טאַקע עסן מאַרקוס, און מיט דער גוטער פרישער געשמאַקער קאַװע מיט פּוטער־געבעקס װעט טאַקע פאַרטרינקען מאַרקוס, און איך װעל געפינען הלװאי אַ גלעזל ציקאָריע, כאָטש מיט אַן אײערקיכל ס׳זאָל זײַן פאַר די קינדער נעבעך; פון פיש מילכיקע, געפּרעגלטע אין פּוטער, רײד איך שױן ניט, און בלינצעס מיט קרעפּלעך מיט לאָקשן מיט מילך — דאָס האָט מאַרקוס, ניט איך... דערפאַר אָבער דער לױתן מיטן שור־הבר דאָרטן! דאָרטן!... ט ל ו ל א ד ל ו י ת ן — די פרײד פונעם לױתן און פונעם װילדן

אָקס דעם שור־הבר, בעת זיי וועלן האַלטן מילחמה פאַר די צדיקים אין די אויגן, בכדי זיי, די צדיקים, זאָלן קוקן און קלײַבן תענוג, ווי דער שור־הבר וועט דעם לויתן שטויסן מיט די הערנער, און דער לויתן וועט צאַפּלען אַקעגן אים מיט די פליספעדערן, דעמאָלט וועט צוגיין הקדוש־ברוך־הוא אַליין, בכבודו ובעצמו, מיט זײַן גרויסן שווערד, און וועט זיך מטריח זײַן אָנגרייטן אַ שיינע גרויסאַרטיקע סעודה פאַר זײַנע ליבע טײַערע געסט, וואָס האָבן זיך עוסק געווען אין זײַן תורה, אים געלייגט תפילין און געלייענט קריאת־שמע"...

אַזוי זינגט יהושע־העשל, זינגט, שרײַט גלײַך מיטן חזן, וויל, אפנים, פאַרזינגען דעם יצר־הרע, פאַרשרײַען דעם הונגער. עס חלשט אים רעכט דאָס האַרץ נאָך פון נעכטן; געווען אַף אַ גאַנצע נאַכט איבערן תקון־שבועות, און גאַנץ פרי אַוועק אין וואַסער, און פון דאָרטן גלײַך אין שול אַרײַן פריִער פון דער גאַנצער וועלט, אויסגעהערט פון אַ פּאָר מענטשן חכמים אַ שפּאַס: „וואָס איז די מעשה, רב יהושע־העשל, וואָס איר האָט זיך הײַנט אַזוי געפעדערט? אפנים, צוליב דער מילכיקער סעודה?"... נאָר וואָס הערט ער זיי? יהושע־העשל איז שוין געוווינט געוואָרן צו אַזעלכע זאַכן: אַלע, ווער ס'האָט גאָט אין האַרצן, האָבן ליב זיך מאַכן אַ שפּאַס מיט יהושע־העשלען, און מער פון אַלעמען טאַקע אַליין דער אייגענער מאַרקוס. אַלע מאָל, ווען ער קומט צו מאַרקוסן, טוט אים מאַרקוס אַ פרעג, אַף אַ קאַטאָוועס געוויינלעך, אָט אַזוי, אַשטייגער:

— נו? ווי איז אײַך געגאַנגען דער שבת?

אָדער:

— ווי איז אײַך געגאַנגען פּסח צו די סדרים?

אָדער:

— ווי אַזוי איז אײַך אָפּגעלאָפן דער סוכות אין סוכה?

אָדער:

— האָט איר געהאַט פּורים אַ פריילעכע סעודה?

אַף אַזעלכע זאַכן ענטפערט יהושע־העשל, געוויינלעך, גאָרנישט; ער ווייס, אַז ס'איז גלאַט אַזוי, אַ שפּאַס. דעם נגיד איז גוט אַפן האַרצן, טרײַבט ער קאַטאָוועס. ענטפערט דערויף יהושע־העשל נאָר מיט אַ שמייכעלע: כע־כע. געפעלט דאָס מאַרקוסן, איז ער אים מכבד מיט אַ פּאַפּי־

דאָס, רוקט אים אונטער אַ גלעזל טיי:

— טרינקט, רב יהושע־העשל, נעמט צוקער, אָט שטייט.

— אַ דאַנק, — זאָגט יהושע־העשל, און עס גייט אים נישט איַין דאָס גלעזל טיי; ער דערמאָנט זיך, פאַרשטייט איר, אַז דאָרט, אינדערהיים, זיַינען פאַראַן בעלנים אַף טיי, קיין עין־הרע, געגנוג בעלנים, וואָס וואָלטן זיך מחיה געווען, ממש זיך דערקוויקט מיט אַ גלעזל וואַרעמס — איז ניטאָ. פאַראַן דווקא אַ סאַמאָוואַר, נאָר קיין טיי און צוקער איז ניטאָ. און פון וואַנען זאָל זיַין? פון דעם, וואָס מאַרקוס האַלט אים אָפּ דריַי זייגער־שעה, וויל מע זאָל אים דערציילן ניַיעס: „וואָס הערט זיך עפּעס אין שטעטל?" צי פון דעם, וואָס דאָס וויַיב מיט די עלטערע מיידלעך פאַרדינען קוים אָנדערהאַלבן גילדן אַ טאָג פאַר צוויי לײַבעלעך, זיי האָבן זיך אויסגעלערנט נייען לײַבעלעך, זיצן זיי און אַרבעטן גאַנצע טעג, נייען זיך אָפּ די פינגער און נעמען אָנדערהאַלבן גילדן פאַר אַ פּאָר לײַבלעך. גוט איז נאָך, אַז ס'איז דאָ לײַבעלעך! וואָס טוט מען, אַז ס'איז קיין לײַבעלעך אויך ניטאָ? הונגערט מען. דאָס הייסט, מע לייגט זיך שלאָפן מיט אַ ליידיקן, ניכטערן מאָגן. און אַז גאָט העלפט, איז מאָרגן אויך אַ טאָג און מע קאָן מאָרגן ווידער הונגערן — און, זיַיט זיכער, קיין בן־אָדם, קיין פויגל וועט דערפון נישט וויסן. יהושע־העשל איז ניט אַזאַ מענטש, וואָס זאָל דערציילן התנצלות, זיך קלאָגן. און ווער שמועסט, בעטן? ער זאָל וויסן, חלילה, שטאַרבן! שטאַרבן!... בקיצור, יהושע־העשל איז פון די אָרעמלײַט, וואָס גייען זיך אויס שטילערהייט, שאַ, אָן גוואַלדעניש, אָן געפּילדערן. עס קרייט ניט אַף זיי, ווי מע זאָגט, קיין האָן אַפילו... פאַראַן; פאַראַן באַ אונדז, צווישן די קינדער ישראל, אַ סך אַזעלכע יהושע־העשלס — איר מעגט מיר גלייבן אַף מיינע הייליקע נאמנות, איך קען זיי, איך בין מיט זיי גוט באַקענט... אַ גליק, כלעבן, וואָס יהושע־העשל איז אַ ייִד, און אַ פרעמדער ערלעכער ייִד, וואָס גלייבט אין גאָט, וואָס דינט גאָט, וואָס האָט ליב גאָט, ממש פאַרברענט, פאַרליבט אין דער שכינה, ווי אַ חתן, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין דער כלה. דערי־בער זינגט אַזוי געשמאַק יהושע־העשל גלײַך מיטן חזן און האָט באַצײַטנס הנאה פון די גוטע זאַכן, וואָס שטייען ד אָ ר ט ן אָנגעגרייט פון די אָרע־מעלײַטס־וועגן: „נ ג י ד י ן ק מ י ה ו ן — עס וועלן זיך ציִען דאָרטן

פאַר זיי גאַנצע טײַכן פון באַלזאַם־אייל, ו מ ת פ נ ק י ן — און זיי וועלן זיך אָנזעטיקן און אָנזעטיקן מיט אַלע גוטע זאַכן און מיט יענעם גוטן אַלטן זיסן ווײַן, וואָס שטייט דאָרטן אָנגעגרייט פון זייערטוועגן אין קעל־טער נאָך משׁשת ימי בראשית"...

אָט אַזעלכע מינים לידער זינגט זיך יהושע־העשל שבועות מיט נאָך אַ סך ייִדן, אַזעלכע שלים־מזלען, ווי ער, הייבט־אויף ביידע הענט אַרויף, מאַכט־צו די אויגן, שאָקלט זיך מיטן גאַנצן גוף, שפּרינגט־אונטער מיט אַ טענצל, און טראָגט זיך אַריבער מיט לײַב און לעבן אַהין, אַהין, אין אַן אַנדער וועלט פון גאָלע לויטערקײַט, פון גאָלע גוטסקייט, פון גאָלע אייביקייט, אַ וועלט, וווּ ס'איז נישטאָ קיין קבצנים, קיין נגידים, קיין אויפגעקומענע קליינע מענטשעלעך מיט ווײַסע מאַנישקעס און אונטער זיי אײַזערנע שטיינערנע הערצער, קיין נאַרישע גראָבע תאוות, קיין צרות, קיין דחקות, קיין דאגת פּרנסה, קיין מעקלערס, קיין שדכנים, קיין צער גידול בנים, קיין קנאה, קיין שׂנאה... און ער וואַרפט־אַראָפּ פון זיך דעם גאַנצן לבוש פון דער וועלט, און ער טוט זיך אויס פון דער היגער וועלט, וויל פאַרגעסן, פאַרגעסן, ניט הערן, ניט זען וואָס אַרום אים טוט זיך, באַהעפט זיך אַצינד מיט זײַן געליבטער, מיט דער שכינה. ניט זײַן עסק, וואָס דאָ אַקעגן אים שטייען זאַטע צופרידענע מענטשלעך מיט פעטע אויסגעפּאַשעטע בײַכלעך. ניט זײַן עסק, וואָס דאָ קוקט־אַרײַן די זון מיט איין שטראַל דורכן אָפענעם פענצטער פונעם בית־המדרש, און דאָס איינ־ציקע אַקאַציע־ביימעלע אַף דער שולגאַס, וואָס האַלט אין רעכטן בלִיִען, שיקט אַרײַן אַ געשמאַקן זיסן ריח גלײַך צו די ייִדן אין נאָז אַרײַן, ווי איינער רעדט: „שמעקט, ייִדישע קינדער, איר אויך פון מײַנע בשׂמים און האָט אויך הנאה פון גאָטס וועלט"...

שאַט נאָר, שאַט! אין דער מינוט זאָלט איר מיר נישט אָנרירן מײַן יהושע־העשלען. איר זאָלט אים ניט זאַטשעפּען! איר זעט דאָך, אַז ער איז ניט בהאי עלמא, אַז ער איז הײַנט נ י ש ט ק יי ן ה י ג ע ר , ער איז גאָר נישטאָ! ער איז גאָר דאָרטן, ווײַט־ווײַט פון דאַנען, ערגעץ בײַ זײַן געליבטער, בײַ דער שכינה...

נישטאָ יהושע־העשל, נישטאָ אים הײַנט!

געשריבן אין יאָר 1904

דער סדר

(אַ בילד)

שפּאַק, מײַזעל און „דאָס קינד" האָבן אַלע דרײַ געמיטעט איין ציי־מער אַף דער גרויעפּערעלשטראַסע און האָבן אָפּגעצאָלט פאַר אַ גאַנצן חודש פריִער. דער חסרון, וואָס דער חודש איז שוין אָט־אָט אַף דער נאָז, און אָט־אָט קומט דער „פּאַרטיע", אַ גראָבער דײַטש מיט אַ פאַרשמאָל־צענעם קאַפּטאַן און מיט אַ בלויער נאָז, וואָס זעט־אויס ווי אַ ווינטער־דיקע קאַרטאָפליע, און דערמאָנט די „גנעדיקע הערען" מיט אַ שיינעם „גוט מאָיען" און מיט אַ „קיססע די האַנד" און מיט אַן „ערגעבענסטער דיענער", אַז זיי זאָלן מוחל זײַן באַצאָלן פאַר אַ חודש פריִער, — און דער דײַטש זאָל אַזוי האָבן די בלויע נאָז, וואָס זעט־אויס ווי אַ ווינטערדיקע קאַרטאָפליע, אויב זיי האָבן אַפילו אַ קרייצער באַ דער נשמה. געוועזן באַם „קינד" אַ גולדן מיט צוואַנציק, האָט מען געקויפט אַ פּאָר צענדליק מצות, אַ האַלב קילאָ וואָרשטלעך כשר לפסח, עטלעכע געבאַקענע אייער און אין אַ פלעשל פון מילך עפּעס אַ מין משקה, וואָס שטייט אינעם מיטלפּונקט צווישן עסיק און בארשט און וואָס טאָמער מאַכט מען דערויף „בורא פרי הגפן" — איז דאָס געווים אַרויסגעוואָרפן, אַ ברכה לבטלה.

— זע נאַר, ער איז שוין פאַרטיק מיטן סדר! — רופט זיך אָן שפּאַק, אַ בחור מיט אַ געל מעשן פּנים און מיט אַ שאַרפער אויסגעבויגענער נאָז, מיט אַ הויכן ווייסן שטערן און מיט לאַנגע פאַרוואָרפענע האָר אַרויף.

— ווי קאָן זיך אַ „קינד" באַגיין אָן אַ סדר? — ענטפערט אים אָפּ מײַזעל, אַ בחור דווקא אַ שוואַרצער און דווקא מיט אַ פרישטשעוואַטע פּנים און מיט אַ שטאַרק־אָפּגעשאָרענעם קאָפּ וואָס דורך די שיטערע הערלעך זעט זיך אַרויס אַ רויטער פאַרשוויצטער שאַרבן.

דער, וואָס מע רופט אים „דאָס קינד", אַ בחורל אַ יונגס, אַ שיינס, מיט אַ שמאָל ווײַס פּנימל, בלוט און מילך, מאַכט זיך נישט דערפֿון, בעט־אויס דעם טיש מיט אַ פֿרישן בלאַט „אַרבייטער צײַטונג", לייגט־אויס די מצות, די אייער, די ווורשטלעך כשר־לפּסח מיטן ביסל משקה, וואָס איז אַ ספֿק עסיק אַ ספֿק באָרשט, הייבט־אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן:

— ווּ נעמט מען כוסות?

— כוסות? לאָז כאָטש זײַן איין כוס! — אַזוי זאָגט שפּאַק, און מײַזעל גיט־צו:

— מע וועט אַ ברירה האָבן טרינקען פֿונעם פֿלעשל. ווער מאַכט קידוש?

— איך! — זאָגט שפּאַק און נעמט זיך צום פֿלעשל און וויל געבן אַ זופּ — און בלײַבט שטיין און גיט־איבער דאָס פֿלעשל מײַזלען, — ווייסטו וואָס? מאַך דו.

— האָסט מיך דערהרגעט מיט אַ קניש! — מאַכט מײַזעל און נעמט דאָס פֿלעשל בײַ שפּאַקן און טראָגט דאָס צו צום מויל און בלײַבט שטיין.

— שאַ, ווייסט איר וואָס? לאָמיר וואַרפֿן גורל.

— וואָס טויג אײַך וואַרפֿן גורל? אַמער, גיט אַהער מיר, וועל איך מאַכן קידוש. — אַזוי זאָגט דער, וואָס מע רופט אים „דאָס קינד", און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט ער דאָס פֿלעשל אין האַנט, טוט־אָן דאָס היטל, שטעלט זיך אַוועק און הייבט־אָן דעם פּסחדיקן קידוש מיטן יום־טובדיקן ניגון: „סברי מרנן ורבנן ור־בו־תי"...

ביידע חברים, שפּאַק און מײַזעל, בלייבן שטיין פּאַרגאַפֿט, קוקן איינס אויף אַנדערע, און אַז דער, וואָס מע רופט אים „דאָס קינד", האָט געענדיקט דעם קידוש, אויסגעלאָזט דעם „לזמן הזה־ה־ה", רײַסט־אַרויס שפּאַק בײַ אים דאָס פֿלעשל פֿון די הענט, קערט דאָס איבער, טוט אַ צוויי־דרײַ בלעפּטשע און גיט דאָס איבער מײַזלען מיט די ווערטער:

— נאַ, פֿאַרדין אויך אַ מצווה. טרינק אויך פֿונעם פּסחדיקן קידוש!

דער, וואָס מע רופט אים „דאָס קינד", איז דערפֿאַר נישט ברוגז, ענטפֿערט ניט דאָס צווייטע וואָרט; אדרבה, ער שמייכלט, די בעקלעך

פלאַמען אים, נאָר די אויגן זײַנע, די שוואַרצע טרויעריק־פאַרטראַכטע אויגן, זאָגן: „איר זײַט חזירים!“...

— ווער וועט פרעגן די קשיות? — זאָגט שפּאַק, און מײַזעל ענט־פערט אים:

— וואָס הייסט ווער? געוויינטלעך, „דאָס קינד“.

און אַלע דרײַ חברים צעלאַכן זיך.

גערשריבן אין יאָר 1906

נישטאָ קיין נייס

צוויי לשנה־טובה בריוולעך:

1) וואָס אַ שניידער פון אַמעריקע שרייבט צו זיינעם אַ פריינט אינדערהיים.

2) וואָס אַ שניידער פון דער היים שרייבט צו זיינעם אַ פריינט אין אַמעריקע.

א.

מאַי דיר פרענד י ש ר א ל י ק !

לשנה טובה תכתבו ותחתמו, דו מיט דייַן ווייַף און מיט דייַנע טשילדרען, איר זאָלט זייַן אָללרייַט מיט כל ישראל, אָמן.

מיר האָבן גרויס טראָבל פון דעם, וואָס דו שרייַבסט אונדז ניט קיין לעטערס, וואָרעם זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַ אייַך די רעוואָלושאָן מיט דער קאָנסטיטושאָן מיט די מעסעקרעס, גייען מיר אַרום דיסאַפּאָינ־טעט, ממש אָן קעפּ. אויב דאָס, וואָס אונדזערע פּייפּערס שרייַבן, איז ניט קיין בלאָף, האָט מען שוין באַדאַרפט אַוועקליייגן באַ אייַך אַ האַלבע וועלט. אַלע טאָג הערן מיר פון אייַך אַן אַנדער סענסיישאָן. נעכטן האָב איך געלייענט אַ קייבל, אַז מיסטער קרושעוואַן, דעם פּרעזידענט פון דער פּערטער דומע, האָט מען געהאַנגען, — שרייַב מיר, צי ס'איז אמת? און פון דייַנע ביזנעס זאָלסטו מיר שרייַבן, צי דו אַרבעטסט אין אַ שאַפּ, אָדער דו ביסט אַ באָס פאַר זיך? און וואָס מאַכט דייַן חנה־דריקל? און וואָס טוט הערשל? און מייַן קאָזין ליפּאַ וואָס מאַכט? און יוסל הענעכס? און בענציע מיט רחלען? און זלאַטקע? און מאָטל? און די איבעריקע אָפּרייטאָרס וואָס מאַכן? און צי טראַכסטו וועגן אַריבערקומען קיין אַמע־ריקע? אַלצדינג זאָלסטו מיר אַרויסשרייַבן אין דייַן לעטער. און וועגן מיר וואָס זאָל איך דירי שרייַבן, מאַי דיר פרענד? איך בין אָללרייַט, און מייַן ווייַף איז אָללרייט, און מייַנע טשילדרען זייַנען אָללרייַט. דאַנקען

גאָט, מיר מאַכן דאָ אַלע אַ לעבן. מיר אַרבעטן שווער און ביטער, אָבער מיר מאַכן אַ לעבן. קיין געלט סייפן מיר ניט, נאָר מיר פאַרנעמען צוויי רומס מיט אַ קיטשען. אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן מיר, און באַנאַכט גייען מיר אַרויס אַף פּלעזשור, אָדער אַף אַ מיטינג פון סאָשעליסטן, אָדער פון זייאָניסטן, אָדער גאָר אין יידישן טיאייטער. דאָס גאַנצע לעבן ווערט מען טאַקע פאַרשוואַרצט, דערפאַר זיינען מיר אָבער פריי, און איך קאָן מיר זיין אַ מעמבער אין וואָס פאַר אַ סאָסייטי איך וויל, און אַז איך וויל, ווער איך אַ סיטיזען און ווער צוגעלאָזט צו עלעקשאָן. איין זאך גיי־ אונדז דאָ ניט איין — די היים. אוי, בענקט זיך אַהיים! מיין דזשעני (זי הייסט שוין מער ניט בלומע, נאָר דזשעני) לאָזט מיך ניט עטעמען. זי טרייבט מיך, מיר זאָלן פאָרן קיין ראָשע אַף קבר־אבות. זאָלסט אָנקוקן איצט מיין דזשעני, וואָלסטו זי ניט דערקענט. אַ לידי מיט אַ העט און מיט גלאָווס. איך שיק דיר דאָ די פּיקטשור פון מיין דזשעני מיט מיין פעמעלי. וואָס זאָגסטו אַף מיין עלטערן בּאָי? דאָס איז מאָטל, מאַיק הייסט ער שוין אַצינד. ער איז אָללרייט. ער אַרבעט אין אַ פעקטאָרי און פאַרדינט פון צען ביז צוועלף דאָלאַר אַ וואָך. ער זאָל ניט געמבלען, וואָלט ער גאָר געווען אָללרייט! דער אַנדערער, דזשעק, איז געווען פריער בּאַ דער אַרבעט; היינט האָט ער זיך צוגעלערנט אַ ביסל ענגליש און איז אַ בוקקיפּער אין אַ באַרבער־שאַפּ. דער דריטער ממזר, בענדזשאַמין, דינט אין אַ סאַלון. קיין ווידזשעס נעמט ער ניט, נאָר ער ברענגט אַהיים אַמאָל זעקס דאָלאַר און אַמאָל אַכט. דער פערטער, דער באָיטשיק וואָס מיטן היטעלע, איז אַ גוטער לויפער, וויל ניט גיין אין סקול, ליגט טאָג ווי נאַכט אין סטריט און שפּילט אין באָל. די מיידלעך אַלע בּאַ מיר זיי־ נען אויך אָללרייט. זיי אַרבעטן אין די שעפּער און האָבן שוין געלט אין די בענק. דער חסרון, וואָס מע קוקט זיי ניט אָן אין די אויגן. זיי גייען ווען זיי ווילן און וווּהין זיי ווילן און מיט וועמען זיי ווילן. אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד. מע טאָר ניט זאָגן יענעם קיין דעה, אַפילו אַן אייגענער טאָכטער. אָט, צום ביישפּיל, מיין עלטערע טאָכטער, חיה האָט זי געהייסן, אַצינד הייסט זי שוין פרענסיס, — האָב איך מיט איר געהאַט אַ דזשאַב! זי האָט זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט אָן מיין ווּיסן מיט אַ פוסטן בּאָי, פון די, וואָס באַלאַנגען צו די פּיקפּאַקעטס. ער־

איז אַנטלאָפֿן פֿון די האוז אַף רעפּיודזש, און איר האָט ער דערציילט, אַז ער איז אַ באַוווּסטער קלאָדהינג־מאַנופעקטשורער און אַ ריעל־עס־טייטניק. לסוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ער איז אַ ביגאַמיסט. ער האָט זײַן אייגנס סך־הכל דרײַ ניט־קיין־געגטע ווײַבער! איך האָב געהאַט געגנוג טראָבל, ביז איך בין זײַנער פּטור געוואָרן. איצט האָט זי געהייראַטעט מיט אַ פּושקאַרט־פּעדלער און איז אָללרײַט. די איבעריקע טעכטער מײַנע זײַנען נאָך ניט אויסגעגאַנגען, און אַז זיי וועלן אויסגיין, וועלן זיי אויך באַ מיר ניט פֿרעגן. אַמעריקע איז אַ פֿרײַ לאַנד, יעדער אַטענדעט זײַנע ביזנעס, ווי ער פֿאַרשטייט — און דאַטס אָלל! האָב איך דיר אַרויסגעשריבן, מאַי דיר פֿרענד, אַלצדינג, וואָס באַ מיר טוט זיך, און איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר, למען השם, באַלד אָפּענטפֿערן מיט אַ לעטער אויך פֿון אַלצדינג, וואָס באַ דיר טוט זיך. און לאָז גריסן איטלעכן באַזונדער פּרײַנטלעך, און איך ווינטש אײַך נאָכאַמאָל אַ כתיבה וחתימה טובה, גוד באַי!

פֿון מיר דײַן בעסט פֿרענד

ד ז ש יי ק אָ ב (אַמאָל געווען יענקל).

ב.

טײַערער פֿרײַנט י ע נ ק ל !

דײַן לשנה־טובה־בריוו האָב איך פּאָלוטשעט פּונקט ערב־ראש־השנה, און איך דאַנק דיר זייער פֿאַר דײַן ליבן בריוו, און איך ווינטש דיר דעם זעלבן ל ש נ ה ט ו ב ה ת כ ת ב ו ו ת ח ת מ ו . גיב גאָט צו זען זיך מיט פֿריילעכע הערצער, אָמן. אַצינד קום איך דיר ענטפֿערן אַף דײַן בריוו. ממה נפשך, שרײַבסטו שוין איינמאָל אין צוויי יאָר אַ לשנה־טובה־בריוול, טאָ שרײַב שוין, ווי אַ מענטש! ווער איז דאָס אָביאַזאַן צו פֿאַרשטיין, וואָס הייסט דאָס: לעטער, פּייפּער, פּיקטשור, בלאָף, וכדומה אַזעלכע ווערטער? הײַנט שרײַבסטו, מע זאָל דיר שרײַבן און שרײַבן. וואָס זאָל איך דיר שרײַבן? נישטאָ קיין שום נײַעס: ס'איז איצטער, דאַנקען גאָט, שוין בלאַגאָפּאָלוטשנע באַ אונדז. די נגידים מאַכן גוט, ווי אַלע מאָל, און אָרעמעלײַט שטאַרבן פֿון הונגער, ווי אומעטום. מיר, בעלי מלאכות,

זיצן אָן אַ שטאָך אַרבעט, פֿאַר איין זאַך זײַנען מיר, ברוך השם, אָבגע־פּעטשעט — פֿאַר אַ פּאָגראָם. מיר האָבן שוין פֿאַר אַ פּאָגראָם כּלל קיין מורא נישט. מחמת ס'איז שוין געווען, און צוויי מאָל „אודך" — דאָס איז אַ זאַך, וואָס קען זיך טרעפֿן נאָר אין קעשענעוו. דער פּאָגראָם איז געווען בײַ אונדז אַפֿילו שפּעטלעך, נאָר דערפֿאַר האָבן מיר געהאַט אַ פּאָגראָם מיט אַלע פּליטערלעך. בקיצור, קיין סך שרײַבן וויל איך דיר ניט און קאָן ניט און האָב ניט וואָס צו שרײַבן. איך קאָן דיר נאָר מעלדן, ליבער יענקל, איין זאַך: איך לעב! איך האָב זיך געזען מיטן מלאך־המות דרײַ מאָל — נאָר בלאָטע! ווי זאָגט געציע דער דאַמסקער שנײַ־דער — געדענקסט אים? — „מ י ב ר ע ש ו מ י ב מ ג פ ה — אַז ס'איז באַשערט מוטשען זיך, שענקט גאָט דאָס לעבן"... מיר האָט נאָר ווײ־געטאָן דאָס האַרץ פֿאַר מײַן ווײַב און פֿאַר מײַנע קינדער, האָב איך זיי אָוועקגעשיקט לעזאזל, זיי האָבן זיך גאַנץ פֿײַן פֿאַרקליבן צו אַ גוטן גוי אויפֿן בוידעם און זײַנען דאָרט אָפּגעלעגן בכבוד צוויי טעג מיט צוויי נעכט, חלילה נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נישט געשלאָפֿן, און ערשט העט אויפֿן דריטן טאָג, אַז ס'איז שוין ניט געווען וואָס צו ראַבעווען און וועמען צו שלאָגן, איז געוואָרן בײַ אונדז, דאַנקען גאָט, בלאַהאָפּאָלוטשנע; איז מען פּאַוואָליע אַראָפּ פֿון די בוידעמער אַלע בשלום, און עס האָט, ברוך השם, פֿון אונדזער סעמעיסטווע קיינעם נישט געשאַדט, אַ חוץ ליפּאַ, וואָס איז געהרגעט געוואָרן מיט ביידע זין, נח און מלך — גיל־דענע צוויי אַרבעטער, און אַחוץ משה־הערשן, וואָס מע האָט אים, מחילה, אַראָפּגעלאָזט פֿונעם בוידעם, און פּערל דבורהס האָט מען שוין שפּעטער געפֿונען אַ טויטע, טאַקע בײַ זיי אין קעלער, און אַ ברעקל קינד אירס (רייזעלע) האָט מען געפֿונען בײַ דער ברוסט... קרוגאָם, שוין מיט קליינע קינדער, זײַנען פֿון אונדזער סעמעיסטווע, הייסט עס, געהרגעט גע־וואָרן סך־הכּל זיבן... נאָר ווי זאָגט געציע „גם זו לטובה — עס קאָן נאָך זײַן ערגער; בעסער האָט קיין שיעור נישט"... אַף הערשלען פֿרעגסטו? זײַ רויִק ער זיצט שוין העכער אַ האַלב יאָר איינער אַליין אָן אַ קנעלונג אין טורמע. פֿאַרוואָס? מסתמא דערפֿאַר, וואָס ער האָט געקוקט, ווי כּהנים דוכנען... ס'איז אַ סברא, אַז מען וועט אים געבן אַ פֿײַנעם כּיבוד: אָדער מע וועט אים הענגען, אָדער מע וועט אים שיסן; דאָס וועט שוין

זײַן, ווי זײַן גליק וועט שפּילן, מחמת צו אַלצדינג, זאָגט געציע, באַדאַרף מען האָבן מזל. למשל, אַט איז יוסל העגעבס געשטאָרבן נאָך איידער מען האָט אים געבראַכט אין טורמע אַרײַן... ווײַטער איז נישטאָ קיין שום נײַעס דיר צו שרײַבן. נו, און אַף נחמיה דעם סטאָלערס זון, לייב, פּרעגסטו גאָרנישט? געדענקסט אים? געוועזן אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, איאָ? „לייב־דרייב־אַבדיריק" — האָט מען אים גערופן. הײַנט ליגט ער ווי אַ גראַף, אין פּעטראָפּאַוולאָווסקע קרעפּאַסט. זעסטו, אַף וועמען ס'איז יאָ אַ רחמנות נעבעך? אַף זלאַטקען. זי, זאָגט מען, איז גערירט פּאַר צרות... אַ קלייניקייט — פּאַרלירן אין איין וואָך צוויי קינדער! און אברהם משהס זון איז שוין איצט אוודאי אין אַמעריקע. אַז דו וועסט אים זען, זאָלסטו אים לאָזן גריסן און זאָגן, אַז זײַן טאַטע איז אַ מאָלאָ־דיעץ: ער איז געשטאָרבן נאָך פּאַר דער קאָנסטיטוציע! און מאָטל אונד־זערער איז גלאַט פּאַרפאַלן געוואָרן, מע ווייס ניט ווו ער איז... עס זײַנען אָט אַזוי אַ סך איזטשעזנעט געוואָרן, מע ווייסט ניט ווו זייער געביין איז אהינגעקומען... אַ סך זײַנען זיך צעלאָפן, אַ סך זײַנען געהרגעט געוואָרן און אַ סך רוען זיך אויס אין די טורמעס, שפּאַצירן־אַרום אין סיבירער שנייען, אַרבעטן מיט דער טאַטשקע — נאָר וועמען הערן זיי? חברה האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט איין מאָל פּאַר אַלע מאָל: אָדער קאָנסטיטוציע, אָדער אַ קרענק! קיין חכמות גייט ניט אָן בײַ אונדז, בעלי־מלאכות, ווי זאָגט געצל: לא מעוקצך ולא מדובשך — זײַ מיר ניט קיין פּעטער און גיי מיר נישט קיין שטיוול"... אַ מאָדנער מענטש אָט דער געציע: איין זון האָט מען אים אוועקגעלייגט אין דער מלחמה, דער אַנדערער — זיצט, און אַליין איז ער אויך אַף צרות, נאָר קומט צו אַ גלײַכוווערטל אָדער אַ פּסוק, כאַפּט אים אַוועק דער רוח!... און ווײַטער איז ניטאָ מער קיין נײַעס צו שרײַבן. ס'איז, דאַנקען גאָט, בלאַהאָפּאָלוטשנע, און מיר זײַ־נען אַלע, ברוך השם, אין בעסטן געזונט, אַחוץ וואָס חנה ריקל מײַנע קלאָגט זיך נעבעך אַפן האַרצן... אַ ווערטעלע אויסצורײדן — די פּחדים, וואָס מע שטייט דאָ אויס פון די עקספּראָפּריאַציעס. דו ווייסט אוודאי ניט, מיט וואָס מען עסט דאָס? וועל איך דיר באַשרײַבן. מע קומט אַרײַן צו דיר אין שטוב אַרײַן מיט אַ פּאַרטיקער באָמבע, אָנגעפּילט דווקא ניט מיט מצה־מעל, נאָר מיט פּולווער און מיט צווייעקעס, און מע זאָגט

צו דיר: „רוקי ווערך!" (געציע רופט דאָס אָן: „שאו ידיכם"!") און מע צעשפּילעט דיר די קאָפּאָטע און מע נעמט־צו בא דיר וואָס דו האָסט — און רוף מיך קנאַקניסל! אַנומלטן זײַנען אַרײַן צו מיר צוויי חברה־לײַט, געזאָגט מיט מיר דעם פּסוק און צוגענומען בא מיר די מאַשינע. און אַ בהמה האָב איך געהאַט, איז זי אַליין געפּגרט. און מײַן ברכה איז נאָך אַ גרעסערע אביונטע, ווי זי איז געווען, און אַלטערן גייט אויך אָפּ געגוג צו אַ נגיד, און לייזערן האָט מען אַרויסגעשיקט ניט לאַנג פאַר אַ פּאַס. אַ מצווה — ווער איז אים שולדיק? לאָז ער ניט זײַן קיין מלמד! און מענדל האָט זיך אויך שיין אויסגעפּײַנט, גענומען און געשטאָרבן, אַ טייל זאָגן — פון דער טשאַכאָטקע, אַ טייל זאָגן — פון הונגער, און איך מיין, אַז פוןביידע זאַכן... און בנימינס קדיש דינט, און פון דער חלירע שמועסט מען בא אונדז גאַנץ געשמאַק. נאָך דאָס פעלט אונדז!... און ווײַטער איז ניטאָ מער קיין שום נײַס דיר צו שרײַבן. און דאָס, וואָס דײַן בלומע, אָדער ווי אַזוי הייסט זי הײַנט, דזשעני, וויל קומען צו פאָרן, וועלן מיר גיין, אם ירצה השם, אינאײנעם אָפּן פעלד — ס'איז אונדז דאָרט צוגעקומען, ברוך השם, אַ שיין ביסל פרײַנט, פון באַקאַנטע שמועסט מען ניט; עס קומט נאָך צו הײַנט אויך אַלע טאָג! מער קיין נײַס איז ניטאָ צו שרײַבן. זיי געזונט און לאָז גריסן איטלעכן באַזונ-דער גאָר פרײַנטלעך. קיין אַמעריקע פאָר איך ניט. דײַן אַמעריקע הייבט מיר ניט אָן צו געפעלן. אַ לאַנד, וואָס אַ גאַזעט הייסט פּייפּער, וואָס פון בלומע ווערט דזשעני, און אַ חתן האָט דרײַ ווײַבער — פון אַזאַ לאַנד, האָב קיין פאַריבל ניט, דאַרף מען לויפן! פון דײַן בריוו זע איך אַרויס, אַז ווען מיר האָבן דאָ די קאָנסטיטוציע, וואָס מיר מיינען, באַדאַרפן מיר שוין קיין שום אַמעריקע ניט. דעמאָלט האָבן מיר דאָ אַ בעסער אַמע-ריקע, ווי איר דאָרט... יענקל! זאָלסט גאָר קיין יסורים ניט האָבן: אַזאַ שטיק גאָלד מיר, און אַזאַ מכה קרושעוואַנען, וואָס פאַר אַ קאָנסטיטוציע מיר וועלן, אם ירצה השם, האָבן!... הלוואי זאָל אונדז גאָט אָנחתמענען אַ גוט יאָר, אונדז דאָ און אײַך דאָרטן!

פון מיר דײַן פרײַנט י ש ר א ל.

ענגלישע און פאַרענגלישטע ווערטער אין דער דערציילונג

אויסגיין — זיין פאַרקנסט. אַטענדירן די ביזנעס — אויפּזען די געשעפטן. אַללרייט — אין בעסטן שטאַנד. אַפּרייטאָרס — שניידערס. אַריבערמופן — איבערקלויבן זיך.

באַי — יינגל. באָל — פּילקע. באָס — בעל־הבית. באַרבאַר־שאַפּ — פאַריקמאַכער שטוב. בוקקיפּער — בוכהאַלטער. ביגאַמיסט — פּיל־ווייבערניק. ביזנעס — געשעפטן. בלאַף — גוזמא. בעסט פרענד — בעסטער פריינט.

גוד באַי — זיי געזונט. גלאַווס — הענטשקעס. געמבלען — שפּילן אין קאָרטן.

דאַטס אָלל — אַן עק. דזשאַב — אַן עסק. דיסאַפּאָינטעט — צעטראָגן.

האַוז אָף רעפּיודזש — אַן אויסבעסערונגס־אַנשטאַלט. העט — הוט.

ווײַדזשעס — געצאָלט. ווײַף — ווײַב.

זייאָניכטן — ציוניסטן.

טיאַייטער — טעאַטער. טראָבל — יסורים. טשילדרען — קינדער.

לויפער — אַ דער־רוה־וויים וואָס. ליידי — מאַדאַם. לעטער — אַ בריוו.

מאַי דיר פרענד — מיין טייערער פריינט. מעמבער — מיטגליד. מעסעקרעס — פּאָגראָמען.

סאַלון — שענק. סאָסייטי — געזעלשאַפט. סאָשעליסטן — סאָציאַליסטן. סטריט — גאַס. סיטוזען — בירגער. סייפען — קלייבן. סענסיישאָן — איבעראַשונג. סקול — שול.

עלעקשאָן — וואַלן.

פּושקאַט־פּעדלער — אַ פּעדלער מיט אַ װעגעלע. פּיקטשור — בילד. פּיקפּאָקעטס — גנבים. פּייפּערס — גאַזעטן. פּלעזשור — פאַרגעניגן. פעמעלי — פאַמיליע. פעקטאָרי — פאַבריק.

קאָזין — געשוועסטערקינד. קיטשען — קיך. קייבל — דעפּעש. קלאָדהינג־מאַנופעקטשורער. — אַ פאַבריקאַנט פון קליידער.

ראַשע — רוסלאַנד. רומס — חדרים. ריעל־עסטייטניק — דער וואָס האַנדלט מיט הייזער. רעוואָלושאָן, קאָנסטיטושאָן — רעוואָלוציע, קאָנסטיטוציע.

שאַפּ — געווערקהויז.

געשריבן אין יאָר 1907

אַ פֿריִער פּסח

אַ מעשה וואָס קאָן זיך פֿאַרלויפֿן אַף דער גרויסער וועלט

א.

די וועלטבאַרימטע דײַטשע שטאָט נ א ר ר ע נ ב ע ר ג איז אַן אַלטע ייִדישע שטאָט — זי איז אַ פֿרומע שטאָט, אַ גאָטספֿאַרכטיקע. אירע ייִדן האָבן זיך געמאַכט אַ שם אַף דער וועלט דערמיט, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געגריבלט זיך, ניט אַרײַנגעלאָזט זיך אין חקירות, ניט געפֿילאָזאָפֿירט, ניט געפֿרעגט קיין קשיות אַף אַזעלכע זאַכן, וואָס קערן זיך אָן מיט גאָט. אַף זיי מעג מען זאָגן, אַז זיי זײַנען ייִדן אָן חכמות.

אמת, זייער ייִדישקייט באַשטייט ניט מער ווי אין דרײַ דינים, וואָס שטאַמען מסתמא פֿון אברהם אבינו, אָדער אפֿשר נאָך פֿון אָדם הראשונען: 1) יאָרצײַט, 2) בר־מצווה, 3) פּסח. די דרײַ דאָגמען זײַנען גאַנץ גענוג אויפֿצוהאַלטן דאָס ייִדישע פֿאָלק נאָך טויזנטער און טויזנטער יאָרן. מיינט ניט, אַז דאָס האָבן זיי אַרויסגעזויגן פֿון זייער אייגענעם פֿינגער; דאָס האָבן זיי געהערט ניט איינמאָל פֿון זייער ראַבינער, דאָקטאָר און פּרעדיקער, וועלכן די נאַררענבערגער קהילה האַלט־אויס ניט מיט ווייניקער ערע, ווי די קאַטוילן, להבדיל, דעם רוימישן פּאַבסט. דער ראַבינער, דאָקטאָר און פּרעדיקער טראָגט בײַ זיי דעם נאָמען „רבי", „אונדזער רבי", און די נאַררענבערגער קהילה איז איבערצײַגט, אַז נאָך אַזאַ למדן, ווי זייער רבי, איז שוין נישטאָ אַף דער גאַנצער וועלט. אין זײַנע דרשות, וואָס ער האַלט זיי אַלע יום־טוב אין דער סינאַגאָגע, וואַרפֿט זיך דורך אַזעלכע לשון־קודשדיקע ווערטער, וואָס נאָר דער מחבר פֿונעם סידור זאָל איצטער אויפֿשטיין, וואָלט ער זיי אפֿשר פֿאַרשטאַנען, און

אפשר ניט... די נאַררענבערגער ייִדן דערציילן פון אים מופתים, ווי פון א „גוטן ייִדן". למשל, זיי באַרימען זיך, אַז שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר, זינט ער איז בא זיי ראַבינער און פּרעדיקער, האָט זיך נאָך ניט געטראָפן, אַז ער זאָל אַמאָל האָבן א טעות: אַלע יום־טוב די זעלבע דרשה מיט די זעלבע פּסוקים פונעם זעלבן תנ"ך, מיט דער זעלבער באַדייַטונג, מיט די זעלבע משלים. איך מיין אָבער, אַז דאָס איז א ביסל איבערטריבן. דער אויטאָריטעט פונעם ראַבינער, דאָקטאָר און פּרעדיקער איז אין שטעטל אַזוי גרויס, אַז קיין יאָרצייַט, קיין בר־מצווה און קיין יום־טוב ווערט נישט באַשטימט, ביז עס ווערט ניט פריִער פעסטגעשטעלט פונעם ראַבינער און פּרעדיקער. און הגם יעדער נאַררענבערגער ייִדישער איינוווינער מוז האָבן בא זיך אין שטוב א ייִדישן לוח, פּונקט אַזוי ווי יעדע נאַררענבערגער ייִדישע פרוי מוז האָבן א ווייַסע כפּרה ערב יום־כּפּור, דאָך, אַז עס קומט אונטער א יום־טוב, גלייבט קיינער ניט דעם לוח אף נאמנות און מע גייט צום רבין זיך ערקונדיקן: „ווען האָבן מיר פּייַערטאָג?" און ווער שמועסט נאָך אַזא יום־טוב, ווי דער הייליקער פּסח?! פּסח ווערט געפייַערט אין נאַררענבערג — איך גיי מיט אייַך אין געוועט — מיט מער פּראַכט און גלאַנץ און מיט מער כשרות אַלס אין דער פרימסטער שטאָט בכל תפוצות ישראל! די נאַררענבערגער ווייַבער — זיי קומט דער שבח — זייַנען אַזעלכע צנועות, אַז פּסח אין טעאַטער באַנוצן זיי ניט די חמצדיקע בינאָקלס פון א גאַנץ יאָר. אפילו די נאַררענבערגער מאַנצבילן, וואָס זייַנען עפּעס ניט אַזעלכע גרויסע מצה־שמורהניקעס, פונדעסטוועגן האָט זיך געמאַכט וויפל מאָל, אַז מע איז געקומען צום רבין מיט א שאלה, צי מעג מען פּסח טרינקען מינכענער ביר און פאַרבייַסן מיט פּראַגער שינקען.

אצינד, אַז מיר האָבן זיך שוין א ביסל באַקאַנט מיט די נאַררענבערגער ייִדן אַלס ייִדן, — קאָנען מיר שוין צוטרעטן צו דעם עצם פון דער געשיכטע, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין דער שטאָט נאַררענבערג אין דעם יאָר 1908, אָדער 5668 פון זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, לויט רעכענונג פון אונדזער ייִדישן וועלט־לוח.

ב.

די נאַררענבערגער קהילה באַנוצט זיך מיט אירע אייגענע פּאַבריקאַציעס און פּראָדוקטן, אויסער יידישער ליטעראַטור. אַמאָל פלעגן זיי די יידישע ליטעראַטור אימפּאָרטירן פון אויסלאַנד, מערסטנטייל פון לאָנדאָן אָדער פון װאַרשע. נאָר פון דער לעצטער צײַט, זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַ אונדז די בהלות, מילחמה, רעװאָלוציע, קאָנסטיטוציע און פּאָגראָמען, האָבן די כוואַליעס פון דער געוואַלטיקער עמיגראַציע אַרויסגעוואָרפן אױף דעם דאָזיקן נאַררענבערגער אָאַזיס, צווישן אַ סך אַנדערע נפשות, אויך איינעם אַ פּעקל־טרעגער אָדער אַ מוכר־ספרימניק מיטן נאָמען פּינחס פּינקוס.

פּינחס פּינקוס איז אַ יידל אַ נידעריקס, אַ זשוואַווע, מיט איין אויגל אַ קליינס, דאָס אַנדערע אַ גרויס. בשעת ער רעדט, קוקט דאָס קליינע אויגל אָפּן גרויסן, ווי איינער רעדט: „נו־נו!״.... די ערשטע צײַט האָט ער זיך געגנוג אָנגעליטן, געגנוג אויסגעהונגערט און געגנוג אויסגעשטאַנען יסורים, ווייטיקן און בזיונות פון זײַנע דײַטשע ברידער, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו זײַן שטענדיקער פּרנסה פון דער היים — אַרומטראָגן יידישע ספרים און ביכלעך איבער די הײַזער. אַ צעבראָכענער, אַ צעראַבעוועטער, אַ נאַקעטער און אַ הונגעריקער, האָט ער פאַרלאָזן זײַן לאַנד, וווּ ער איז געבאָרן, און האָט זיך מיט גרויס מי דערשלאָגן אין אַ פרײַ לאַנד — קיין נאַררענבערג, וווּ ער איז שוין געווען באַוואָרנט פון אַ פּאָגראָם, נאָר ניט געווען באַוואָרנט פון שטאַרבן פון הונגער, מחמת אין דעם פרײַען לאַנד איז דאָס שנאָרן שטרענג פאַרבאָטן אפילו צווישן אייגענע ברידער. יעדער מענטש איז מחויב עפּעס טאָן. אונדזער צעשלאָגענער עמיגראַנט פּינחס פּינקוס האָט אָבער ניט געקאָנט געפינען קיין שום טועכץ אינעם פרײַען לאַנד. שולדיק איז געווען אין דעם ניט אַזוי ער אַליין, ווי די שפּראַך. דאָס הייסט, וואָס ניט ער האָט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך, און ניט זיי האָבן פאַרשטאַנען זײַן שפּראַך. די ערשטע צײַט האָט ער אַרומגעשפּאַצירט איבער די נאַררענבערגער גאַסן און באַטראַכט די שטאָט מיט די מענטשן, דעם הימל מיט דער ערד. דאַכט זיך, די זעלבע הײַזער, די זעלבע מענטשן, דער זעלבער הימל מיט דער

זעלבער ערד — און גאַרנישט, אַלע גייען זיך אַזוי רויק; קיינער האָט קיין מורא ניט פאַר אַ שטיין פון אויבן, פאַר אַ קויל פון פאָרנט אָדער פאַר אַ מעסער פון הינטן — גליקלעכע מענטשן! אַ געבענטשט לאַנד!...

וואָס ווייטער האָט אָבער דאָס לאַנד אָנגעהויבן אָנווערן דעם חן אין זיינע אויגן — איבערן מאָגן. דער מאָגן איז אַ בייזער בעל־דבר; אים, אַז עס קומט די צייט פון עסן, וויל ער ניט הערן ניט פון קיין פּאָליטיק, ניט פון פילאָזאָפיע. „האָסט מיך עפּעס אין זינען, צי ניין?" — אַזוי טענהט אַ ליידיקער מאָגן. — „פון מיינעטוועגן קאָנסטו בעטלען גיין, קאָנסט גנבענען, גזלנען, אַבי מיר זאָלסטו אָפּגעבן מיינס, און ווייטער איז ניט מיין עסק!"... דער חסרון איז אָבער, וואָס אַף אויסציִען די האַנט דאַרף מען זיין אַ געבאָרענער בעטלער, אָדער האָבן אַ נשמה פון אַ בעטלער. און אונדזער העלד האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט איבער די נאַררענבערגער שטראַססען, ביז ער האָט באַ זיך געפּועלט אָפּשטעלן דעם ערשטן מענטשן, חלילה ניט אַף צו בעטן באַ אים עפּעס, נאָר גלאַט אַזוי, אויסריידן זיך אַ ביסל דאָס האַרץ. פּינחס פּינקוס האָט זיך אָנגערופן צום ערשטן דייטש בזה הלשון:

— האָט קיין פאַריבל ניט, מיין ליבער הערר דייטש, איך בין דאָ אַ גר און פאַרשטיי ניט דאָס לשון. איך לויף פון אַ קאָנסטיטוציע לויף איך, און פאַל, הייסט עס, מיטן פּנים צו דער ערד. גלייבט מיר, איך וואָלט אייך ניט מטריח געווען, ס'זאָל ניט זיין, ווי מע זאָגט, באו מים עד נפש. איך בעט ניט חלילה קיין נדבה; איך זוך עפּעס אַ מלאכה, אַ טועכץ, וואָס ניט איז, אַבי דערהאַלטן די נשמה. האָט רחמנות...

דער דייטש האָט אים אויסגעהערט ביזן סוף און האָט זיך פאַר אים אַנטשולדיקט, אַז ער האָט קיינמאָל אַזאַ שטראַססע ניט געהערט, און איז אַוועק זיין וועג. דער צווייטער דייטש האָט אויסגעהערט די זעלבע דרשה און איז אַוועק אָן ווערטער. דער דריטער דייטש איז געוואָרן אַ ביסל ברוגז, וואָס מע נעמט צו זיין צייט, און האָט זיך רעכט אויסגעבייזערט אַף דעם „פערדאַמטן קערל". דער פערטער דייטש האָט אים אַפילו ניט אויסגעהערט ביזן סוף, באַוויזן אים, אַז ער האָט אַ שטעקן, און געזאָגט, אַז טאָמער גייט ער ניט „פאָרט", אַזוי רופט ער צו אַ „שוצמאַן"...

און אונדזער העלד האָט גיך איבערגעביטן זײַן פריִערדיקע מיינונג איבער די דײַטשן און איבער זייער פרײַען לאַנד, וועלכס ער האָט פײַנט געקריגן, און איז דעם דײַטש געוואָרן אַ דם־שונא!

ג.

אויב דער אומגליקלעכער פּינחס פּינקוס האָט פײַנט געקראָגן די נאָררענבערגער דײַטשן, האָט ער טויזנט מאָל אַזוי פיל געטראָגן שנאה און פאַרדראָס אַף די נאָררענבערגער דײַטשע ייִדן מיט זייער ראַבינער, דאָקטאָר און פּריידיקער, וואָס האָט אויסגעשטעלט דעם אָרעמען עמי־גראַנט דרײַ טענות: 1) למאי איז ער אַן אָרעמאַן? 2) למאי גייט ער אָפּ־געריסן? 3) למאי רעדט ער ניט קיין דײַטש? דערויף האָט אים דאָס אָרע־מע ייִדל אָפּגעענטפערט אַ ביסל טאַקע מיט צופיל חוצפה:

— אדוני קעניג! איך וועל אײַך ענטפערן על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון: דאָס, וואָס איר טענהט, למאי איך בין אַן אָרעמאַן און גיי ווי אַ שלעפּער — זײַט איר גערעכט; דער אייבערשטער האָט מיר גע־וואָלט געבן געלט, האָב איך אים געזאָגט: גיב דאָס בעסער מענדעלסאָנען — ער איז אַ מעשומד און האָט ניט קיין חלק לעולם־הבא... נאָר דאָס, וואָס אײַך געפעלט ניט מײַן ייִדיש לשון, וואָלט איך אַ בעלן געווען, איר זאָלט זײַן אין מײַן פּאָלאָזשעניע און קומען מיט אײַער דײַטשמעריש צו אונדז קיין מאָסקווע, און אַפילו קיין באַרדיטשעוו, וואָלט איר דעמאָלט געוווּסט, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן.

אַ גליק, וואָס דער ראַבינער האָט פאַרשטאַנען פון דער דאָזיקער גאַנ־צער רעדע נאָר עטלעכע געציילטע ווערטער: „געלט"... „מענדעלסאָן"... „מאָסקווע"... און דער נאָררענבערגער ראַבינער האָט אים גענומען לייע־נען אַ נאָטאַציע און זאָגן מוסר, אַז סאיז אַ „פורכטבאַרע פרעכהייט" פון אַזאַ ייִדל זיך מישן אין דער רוסישער פּאָליטיק און קריטיקירן מענ־דעלסאָנען, למאי ער שטיצט מאָסקווע מיט געלט... „אָט דאָס איז טאַקע אײַער אומגליק, — האָט דער ראַבינער געדרשנט צום אָרעמען עמיגראַנט — וואָס איר קריכט אַהין, ניט ווו מע דאַרף. אָט דערפאַר טאַקע שלאָגט מען אײַך און מע טרײַבט אײַך, און מיר, דײַטשע ייִדישע בירגער, האָבן

דורך אײַך חרפּה און בושה״... און נאָך אַ סך אַזעלכע ערנסטע קלוגע רייד האָט דער נאָררענבערגער ראַבינער און פּריידיקער אויסגעשאָטן אומזיסט און אומניזשט, מחמת דאָס ייִדל האָט פֿון זײַן דרשה נאָך ווינ־ציקער פֿאַרשטאַנען... דאָס רעזולטאַט איז געווען, וואָס נאָך עטלעכע מאָל אַרויסטרײַבן אים און אָנרופֿן „שנאָרער״, ״פּאָלנישער יודע״ וכדומה אַזעלכע נעמען, האָט זיך אונדזער פּינחס פּינקוס פּאָרט דער־שלאָגן בײַ דער נאָררענבערגער קהילה, מע זאָל אים אויסלײַען אַ ביסל מזומנים, וועט ער אויסשרײַבן פֿון דער היים אַ ביסל געדרוקטע סחורה — טאָמער וועט ער עפּעס פֿאַרדינען.

און כך הווה. ער האָט אויסגעשריבן אַ טראַנספּאָרט ספֿרים און ביכלעך, אויך אַ ביסל סידורים, חומשים, סליחות און הגדות, און דער עיקר — ייִדישע לוחות. אױף לוחות, האָט ער אַרויסגעזען, וועט ער דאָ האָבן מער בעלנים, ווי אױף אַלע אַנדערע ספֿרים. פּינחס פּינקוס האָט ניט אומזיסט פֿאַרבראַכט זײַן צײַט צווישן די דײַטשע בירגער. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַ לוח איז כמעט דער איינציקער גאַנגבאַרער אַרטיקל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין נאָררענבערג. ער האָט זיך ניט אָפּגע־נאַרט. ער האָט אויספֿאַרקויפֿט דאָס גאַנצע פּעקל ייִדישע לוחות אין איין טאָג און האָט געמוזט אויסשרײַבן נאָך אַ טראַנספּאָרט מיט לוחות, און האָט דעם טראַנספּאָרט אויך אָפּגעזעצט.

פֿון דעמאָלט־אָן האָט אונדזער פּינחס פּינקוס אָנגעהויבן וואַקסן און וואַקסן, דאָס הייסט, גיין פֿון איין שטעטל אינעם אַנדערן מיט אַ פּעקל ספֿרים אױף די פּליִיצעס, צום מײנסטן ייִדישע לוחות, באַרדיטשעווער, ווילנער און וואַרשעווער פֿאַבריקאַציע. נאָר דער הויפּט־אָפּזעץ איז בײַ אים געווען נאָררענבערג און ווידער אַ מאָל נאָררענבערג, וואָרעם אין ערגעץ איז ניטאָ אַזאַ אַן אָפּגאַנג אױף דער סחורה, ווי אין נאָררענבערג. אַ נאָרענ־בערגער ייִד, אַז ער קויפֿט אַ ייִדישן ספֿר, איך מײן אַ לוח, טוט ער דער־מיט דרײַ „וואָלטאַטן״ מיט אַ מאָל: ערשטנס, וואָס ער ברענגט אין שטוב אַרײַן אַ „ייִדישן ספֿר״; צווייטנס, וואָס ער פֿאַרשפּרייט דערמיט די ייִדי־שע ליטעראַטור; דריטנס, וואָס ער גיט צו לייזן דעם אָרעמען „פּאָלנישן יודען״ געלט. און דער אָרעמער „פּאָלנישער יודע״ מאַכט ניט שלעכט. דאָס ערשטע יאָר האָט ער אויסגעבראַכט ייִדישע לוחות אין די צענד־

ליקער. דאָס צווייטע יאָר — אין די הונדערטער. צום דריטן יאָר האָט ער זיך געגרייט אָפּצוזעצן טויזנט לוחות, און אפשר נאָך מער — ווער ווייס? עס איז נאָר אַ האַרצווייטיק, וואָס ער מוז די סחורה באַציִען אַזש פון דער היים און צאָלן פאַר איר מיט בארעס געלט. עס וואָלט געוועז אַ גלענצנדיק געשעפט, ווען מע זאָל קאָנען די סחורה פאַבריצירן דאָ אָפּן אָרט. און אונדזער לוח־הענדלער פּינחס פינקוס האָט פאַרטראַכט אַ קאָמ־בינאַציע — אַ גאַנצן פּלאַן, אַ גאָונישן, אַ טײַוולשן פּלאַן.

ד.

איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אונדזער לוח־עקספּאָרטער, פּינחס פינקוס, געזעסן אין זײַן יִידישן רעסטאָראַן, ווו ער האָט גאַנץ פײַן אָפּגעמיטאָגט, זיך גערייניקט די ציין, און זײַנע צוויי נישט־גלײַכ־מעסיקע אויגן האָבן געקוקט איינס אַף דאָס אַנדערע און געפירט אַ שמועס. אַ סימן, אַז דער קאָפּ האָט געטראַכט און דער מוח האָט געאַר־בעט. און בכדי דער לעזער זאָל ווייסן, וואָס האָט אַזעלכעס געטראַכט פּינחס פינקוס, גיבן מיר איבער אין קורצן דעם שמועס פון זײַנע אויגן (לאָמיר זיך אַף אַ מינוט פאָרשטעלן, אַז אויגןריידן).

ד אָ ס ק ל יי נ ע א ו י ג ל : מע דאַרף אויסשרײַבן אַ טראַנס־פּאָרט לוחות צום יאָר תרס"ח... אוועקשיקן אַזוי פיל גאָלד!

ד אָ ס ג ר ו י ס ע א ו י ג : אַ גאַנצן אוצר!

ד אָ ס ק ל יי נ ע א ו י ג ל : אַן עבירה פאַר גאָט!

ד אָ ס ג ר ו י ס ע א ו י ג : מען איז עובר אַף בל תשחית!

ד אָ ס ק ל יי נ ע א ו י ג ל : מע זאָל קאָנען קריגן פון זייערט־וועגן אַן אַלטן לוח...

ד אָ ס ג ר ו י ס ע א ו י ג : פון תרחם יאָרן, אבי אַ לוח!...

ד אָ ס ק ל יי נ ע א ו י ג ל : די נאַרנבערגער לומדים...

ד אָ ס ג ר ו י ס ע א ו י ג : מופלגים, גרויסע קעפּ, שאַרפע מוחות!...

ד אָ ס ק ל יי נ ע א ו י ג ל : אַי, טאָמער וועלן אויסקומען די דאַטעס פּאָפּעריק?

ד אָ ס ג ר ו י ס ע א ו י ג : בין איך בדלות!
ד אָ ס ק ל יי נ ע א ו י ג ל : אַ מצווה אַף זיי!
ד אָ ס ג ר ו י ס ע א ו י ג : כאַפּט זיי בעני!
ד אָ ס ק ל יי נ ע א ו י ג ל : במילא טריפניאקעס, דײַטשן!...
ד אָ ס ג ר ו י ס ע א ו י ג : קירע מאָק!...
ד אָ ס ק ל יי נ ע א ו י ג ל : זיי האָבן מיר געגנוג בלוט פאַר־צאַפּט, איידער איך האָב מיך אַרויפגעשלאָגן אַף אַ שטיקל דרך...
ד אָ ס ג ר ו י ס ע א ו י ג : עס מעג שוין אַמאָל קומען אַף זיי אויך אַ מפּלה!...

און פּינחס פּינקוס האָט אַ ווונק געטאָן צום קעלנער:
— הער נאָר, דײַטש בן דײַטש! אַ קריגל סמעטענע!

דאָס האָט געהייסן אַזוי גוט, ווי אַ קופּל ביר. און אונדזער לוח־הענגדלער האָט אויסגעטרונקען אַ קופּל ביר און האָט אָוועקגעשריבן אַ־היים אַ בריוו, פון וועלכן מיר גיבן דאָ איבער אַ ריכטיקע קאָפּיע:

„...און ווײַטער שרײַב איך אײַך, מײַן ליבער פרײַנט, איר זאָלט זײַן אַזוי גוט און אַרײַנפּאַקן מיר וויפל איר קאָנט אַלטע לוחות, צום מיינסטן פון יאָר תרמ"ח. איך האָב דאָ אַף זיי אַן אָפּזעץ. די דײַטשן קויפן אַלטע מארקעס מיט אַלטע לוחות. פאַרשטייט זיך, אַז זיי צאָלן דערפאַר זייער ביליק, נאָר אַלץ איז בעסער פאַר אײַך, איידער זיי זאָלן פוילן בא אײַך אַפן בוידעם און די מײַז זאָלן זיי עסן. אַז איר וועט אײַנפּאַקן די אַלטע לוחות, זאָלט איר מוחל זײַן זיי איבערוועגן און רעכענען מיר לויט וואָג פון פּאַפּיר און אַרויסשיקן מיר פער נאַכנאַמע. זעט זשע, למען השם, אַלע אַלטע לוחות, וויפל איר האָט, צום מיינסטן פון יאָר תרמ"ח. איך טו דאָס כמעט נאָר צוליב אײַך. איך ווייס, אַז עס וואַלגערן זיך בא אײַך אַלטע לוחות, וויל איך אײַך געבן צו לייזן. צו קיין אַנדערן שרײַב איך נישט, נאָר צו אײַך, ווײַל איך האַלט פון אײַך. געדענקט־זשע, למען השם, וואָס מער אַלטע לוחות, און איך גריס אײַער ווײַב און קינדער גאָר פרײַנטלעך.

ממני פּינחס פּינקוס".

פאַרחתמט דעם בריוו, האָט ער אַ רוף געטאָן דעם קעלנער:
— הער נאָר, דײַטש בן דײַטש, נאָך אַ קריגל סמעטענע!...

באַקומען נאָך אַ קריגל ביר, האָט אונדזער לוח־פאַבריקאַנט אָנגע־שריבן נאָך אַ בריוול צו אַן אַנדער מוכר־ספרים:

„...והשנית שרײַב איך אײַך, אַז איך האָב אויסגעקראַצט דאָ איינעם אַ דײַטש, וואָס איז אַ קונה אױף אַלטע לוחות, אָבער נאָר פֿונעם יאָר תרמ״ח. אויב איר האָט זיי, שיקט זיי מיר צו באַלד דורך אַ נאָכנאַמע. רק איר זאָלט נישט רעכענען מער ווי דאָס פּאַפּיר, כי איך דאַרף דאָך אויך עפּעס פֿאַרדינען. איך שרײַב נאָר צו אײַך, ווײַל איך ווייס, אַז נאָר בײַ אײַך געפֿינען זיך אַלטע לוחות. און מחמת איך האָב קיין צײַט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור.

ממני פּינחס פּינקוס".

און נאָך אַ בריוול האָט ער אָוועקגעשריבן, שוין אין אַן אַנדער שטאָדט:

„...והשנית שרײַב איך אײַך, אַז איך קאָן בײַ אײַך הײַנטיקס יאָר קויפֿן לוחות נאָר על־מנת, דאָס הייסט מיט אַ תנאַי, אַז צו יעדן נײַעם לוח פֿון יאָר תרס״ח דאַרפֿט איר מיר צולייגן דרײַ לוחות אַלטע פֿונעם יאָר תרמ״ח אומזיסט. ווײַל ס'איז דאָ אַ פּאָר דײַטשן, וואָס זיצן און שטודירן די וועטערונגען נאָך די אַלטע לוחות פֿון די פֿריִערדיקע יאָרן. לכן אבקש, איר זאָלט מיר אַרויסשיקן אַלע אײַערע אַלטע לוחות פֿון יאָר תרמ״ח, צולייגן צו יעדע דרײַ אַלטע איינעם אַ נײַעם לויט פּרײַז, און באַלד אַרויס־שיקן על־ידי נאָכנאַמע.

פֿון מיר אײַער פֿרײַנט פּינחס פּינקוס".

אָט אַזעלכע בריוולעך זײַנען אָוועקגעגאַנגען נאָך עטלעכע צו פֿאַר־שיידענע בוכהענדלער אין פֿאַרשײַדענע שטעט. און אונדזער לוח־אַנגראָ־סיסט פּינחס פּינקוס האָט זיך צעצאָלט מיטן קעלנער און האָט זיך אָנגע־זאָגט מיטן פּעקל ספרים אױף די פּלייצעס און איז אַוועק זײַן וועג, ווי אַ מענטש, וואָס האָט פֿאַרקלערט און אויסגעפֿירט אַ רעכטן, אַ וויכטיקן עסק.

ה.

דאָס געוועזענע יאָר 5668, זינט גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, איז געווען פֿאַר די נאָררענבערגער ייִדן אַ יאָר פֿון שפֿע. אַלע, פֿונעם ערשטן

פאבריקאנט ביזן לעצטן בעל־מלאכה, האָבן געמאכט גוטע געשעפטן. אַלע, פונעם גרעסטן קאָמיסיאָנער ביזן קלענסטן הויזירער, האָבן פארדינט געלט, און אַלע זײַנען געווען צופרידן און האָבן זיך געפרייט, וואָס דער „ארמער פּאָלנישער יודע" לייזט בּאַ זיי געלט פאַרן לוח תרס"ח. מע קאָן זאָגן, עס איז נישט געווען אין נאררענבערג קיין איינציק הויז, וואָס זאָל נישט האָבן געקויפט באַם „פּאָלנישן יודען" קיין לוח אַף דעם יאָר. און די נאררענבערגער יִדישע באפעלקערונג האָט גענומען דאָס נײַע יאָר תרס"ח (5668) נאָכן אַלטן לוח פונעם יאָר תרמ"ח (5648) אויסגעצייכנט גוט, דאָס הייסט: מע האָט זיך געהאט יאָרצײַטן, געפײַערט בר־מצוות און געבענטשט חנוכה־ליכטלעך, געגעסן פורימדיקע המן־טאַשן און געקומען זיך גרייטן צום הייליקן פסח, באקן מצות — אַלצדינג ווי אַלע יאָר, פון זינט די וועלט איז אַ וועלט, — און אין דער ריכטיקער צײַט, לויט דער לוח זאָגט, האָט מען זיך גאַנץ פײַן אָוועקגעזעצט צום סדר, אַף מאָרגן נאָך אַ מאָל צום סדר, און אַזוי וואָלט זיך אָפּלויפן דער פסח, און אפשר דער שבועות מיטן סוכות אויך, ווען עס זאָל זיך נישט טרעפן אַ מעשה (באַ אַלע שרײַבערס פון דער וועלט מוז זיך טרעפן אַ מעשה).

ומעשה שהיה כך היה:

איינער אַן אַפּטייקער האָט געדאַרפט פאָרן פון נאררענבערג קיין בערלין נאָך סחורה. האָט ער זיך אויפגעזעצט דעם ערשטן טאָג חול־המועד פסח און איז אָוועק קיין בערלין. געקומען איז ער קיין בערלין אַן אויסגעהונגערטער פונעם וועג — סכנות! דער לעזער, וואָס האַלט קאָפּ, געדענקט אוודאי, אַז אַ נאררענבערגער יִדישער דײַטש, ער מעג זיך זײַן אפילו אַן אַפּטייקער, אָדער אַ דאַנטיסט, אָדער אפילו נאָך ערגער פון אַ דאַנטיסט, וועט אײַך פּסח קיין חמץ נישט עסן פאַר קיין צען מיליאָן. אַ גאַנץ יאָר וועט איר באַ אים פועלן, ער זאָל אײַך עסן חזיר. איר וועט אים אײַנבעטן, ער זאָל אײַך עסן ראַקעס און וואָס איר ווילט. נאָר קומט דער הייליקער פײַערטאָג פסח, ווערט אַ דײַטש פרום מיט סכנת־נפשות! ער וועט אײַך גיכער שטאַרבן פון הונגער, איידער זיך צורירן צו חמץ אום פסח. איר מעגט דאָס אָנרופן פאַנאַטיזם — ס'איז אַ פאַרפאַלענע זאַך!

אַלזאָ, געקומען אַ הונגעריקער קיין בערלין, איז אונדזער אַפּטייקער

קודם געגאַנגען זוכן אַ ייִדישן רעסטאָראַן אויף דער פרידריכשטראַססע און האָט דערזען דאָס וואָרט „כשר" און האָט זיך מחיה געווען. אַרײַנגעקומען אין רעסטאָראַן אַרײַן, האָט ער נישט צײַט געהאַט זיך אָוועקזעצן בײַם טישל און דורכשטודירן דאָס צעטל פון די פסחדיקע מאכלים, איז אויסגע־וואַקסן נעבן אים אַ קעלנער, אַ געזונטער יונגאַטש מיט אַן אָנגעפּאָמאַ־דעטן קאָפּ, מיט שטייענדיקע וואָנסן, אַ לאַ ווילהעלם דער צווייטער. דער יונגאַטש דער קעלנער האָט געהאַלטן אין די הענט אַ טעלער, און אויפן טעלער — שטעלט אײַך פאָר! — אַ המן־טאַש מיט מאָן ! ! !...

אונדזער אַפּטייקער איז שיִר נישט געפאַלן חלשות: וואָס הייסט עס? כשר, פסח, און אַ המן־טאַש מיט מאָן; ווען דער אַפּטייקער זאָל נישט זײַן טויט־הונגעריק, וואָלט ער זיכער געמיינט, אַז ס'איז אַ חלום. דער קעלנער דער יונגאַטש האָט דערזען, אַז דער גאַסט קוקט עפּעס מיט מאָדנע אויגן, האָט ער פאַרשאַרט אַרויף בײדע שטייענדיקע וואָנסן אַ לאַ וויל־העלם דער צווייטער און האָט אַ זאָג געטאָן צום גאַסט מיט אַ פרײַנט־לעכן שמייכעלע פון אַ קעלנער:

— וועגן פײַערטאָג — פורים־שפּײַז!... כשר לפורים!...

דאָ איז אונדזער אַפּטייקער געוואָרן נאָך מער צעמישט: וועגן פײַ־ערטאָג — פורים־שפּײַז?!.. דער קעלנער איז אַוועק און אויף זײַן אָרט איז אויסגעוואַקסן דער „ווירטה" פונעם רעסטאָראַן, אַן עלעגאַנט־געקליידע־טער דײַטש מיט אַ זייער ליבלעך אַלאָנטערטעניקסט שמייכעלע אויף די פעטע רויטע ליפּן, און צווישן דעם ווירט מיטן גאַסט האָט זיך פאַרבונדן זייער אַן אינטערעסאַנטער שמועס, פון וועלכן מיר גיבן דאָ איבער נאָר דעם תמצית. דער ווירט האָט באַגריסט דעם גאַסט מיטן פײַערטאָג פו־רים, און דער גאַסט האָט געוואָלט אײַנרעדן דעם ווירט, אַז הײַנט איז טאַקע אַ פײַערטאָג, נאָר דער פײַערטאָג הייסט נישט „פורים", ער הייסט „אָסטערן" (פסח). תחילת האָט דער ווירט גערעכנט, אַז דער גאַסט איז גלאַט אַ פריילעכער פאַרשוין און מאַכט זיך לוסטיק לכבוד פורים, האָט ער גאַנץ העפלעך געכיכיקעט. דעם גאַסט איז אָבער דאָס כיכיקען פונעם ווירט גאָרנישט געפעלן, און דער שמועס צווישן ווירט און צווישן גאַסט האָט אָנגעהויבן וואָס ווײַטער אַרײַן אין ערנסט, ביז עס האָבן דערהערט אויך די איבעריקע געסט פון רעסטאָראַן און האָבן זיך אויך אַרײַנגע־

מישט אין דעם הויך־אינטערעסאנטן שמועס. דאָס האָט אונדזער אַפּטיי־קער פאַרדראָסן, האָט ער זיך אויסגעשפּראָכן מיט זייער א גיפטיק שמייכעלע, אַז מע קאָן זיך זײַן א ייִד און דערלויבן זיך עסן חמץ אין פּסח, נאָר אַרײַנמישן זיך אין פרעמדע אָנגעלעגנהײַטן איז נישט לויט דעם דײַטשן עטיקעט... דערויף האָט איינער א דזשענטעלמאַן מיט צוויי שיינע באַקנבאַרדן, שוין א ביסל גרויליך, מיט נישט ווינציקער גיפט א פרעג געטאָן באַם אַפּטייקער: פון וואַנען איז דער „הערר"? און אַז ער האָט דערהערט, אַז דער „הערר" איז א נאַררענבערגער, האָט ער אויס־געצויגן א לאַנגן „אַאַא!!!" און האָט זיך פאַרטיפט אין טעלער...

ווען אונדזער נאַררענבערגער העלד זאָל נישט זײַן אַזוי הונגעריק, וואָלט ער דעם דזשענטעלמאַן מיט די באַקנבאַרדן פאַר אָט דעם דאָזיקן „אַאַא" מכבד געווען, ווי עס געהער צו זײַן: ערשטנס, וואָלט ער אים דערלאַנגט זײַן וויזיט־קאַרטע מיט דער פירמע „דאָקטאָר פאַרמאַציע אין נאַררענבערג"; צווייטנס, וואָלט ער געפאָדערט פון דעם דזשענטעלמאַן מיט די באַקנבאַרדן, אַז ער זאָל אים געבן זײַן וויזיט־קאַרטע מיט זײַן פירמע, און וואָס נאָכדעם וואָלט געווען — ווייס איך נישט, איך בין נישט קיין נביא. וואָס ס'איז געווען — דאָס קאָן איך אײַך דערציילן. און געווען איז אָט וואָס: אונדזער נאַררענבערגער העלד איז פון דעם רעסטאָראַן אַוועק א ברוגזער אין א צווייטן רעסטאָראַן, אויך א ייִדישן, און האָט געטראָפן דאָרט פונקט דאָס אייגענע בילד; אויך א חמצדיקן מיטאָג, אויך חמצדיקע המן־טאַשן, „כשר לפּורים" — און געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס אונדזער אַפּטייקער איז אַוועק פון דאָרט אין א קריסטלעכן רעסטאָראַן און האָט זיך באַשטעלט א גוייִשן מיטאָג „אַ לאַ קאַרט". ער האָט זיך געטראַכט: „איידער עסן חמץ אום פּסח, איז שוין גלײַכער עסן טרפה"...

ו.

איינע פון די ניצלעכסטע דערפינדונגען פון אונדזער צײַט בלײַבט טאַקע נאָר דער טעלעפאָן. א דאַנק דעם טעלעפאָן איז גאַנץ נאַררענבערג אין פאַרלויף פון איין האַלבע שעה געוואָר געוואָרן, אַז די הויפּט־שטאָט

פון דײַטשלאַנד, די ייִדישע שטאָט בערלין, האָט פאַרשפּעטיקט מיטן פּסח כמעט אַף אַ גאַנצן חודש: אַז ווערנד אין נאָררענבערג איז שוין דער צווייטער טאָג חול־המועד פּסח, איז אין בערלין ערשט פּורים! פאַר דער נאָררענבערגער קהילה איז דאָס געווען אַזוי איבעררײַשנד, אַז זיי האָבן געוואָלט וויסן, וואָס וועט זאָגן דערויף „אונדזער רבי"? און מע איז אַוועק צו אונדזער ראַבינער, דאָקטאָר און פּריידיקער און מע האָט אים שוין געטראָפן באַם טיש שרײַבנדיק אַ טעלעגראַמע קיין בערלין צו זײַנעם אַ קאָלעגע, אויך אַ ראַבינער און אויך אַ דאָקטאָר און אויך אַ פּריידי־קער. ער האָט געבעטן באַ זײַן קאָלעגע, ער זאָל אים זאָפאָרט טעלעגראַ־פירן, וועלכער פײַערטאָג איז הײַנט אין בערלין? און דעם זעלבן טאָג אַרום פאַרנאַכט האָט דער ראַבינער באַקומען אַ קלאָרע תשובה פון בערלין. די תשובה איז באַשטאַנען נאָר פון איין וואָרט: „שושן־פּורים"... און טאַקע דורכן זעלבן טעלעפאָן האָט ער געגעבן צו וויסן דער גאַנצער שטאָט און האָט געבעטן יעדן באַזונדער, אַז מע זאָל אַרײַנקוקן אין לוח אַרײַן, קאָנטראָלירן די דאַטע. און די שטאָט נאָררענבערג האָט גענומען שטודירן דעם לוח מיט אַזאַ אינטערעס, גלײַך ווי מע וואָלט וועלן דערגיין ווען קערט זיך איבער די וועלט?...

מע טאָר אָבער נישט אַוועקגיין פונעם אמת: נאָררענבערג איז טאַקע זייער אַ פײַנע שטאָט און אירע ייִדישע אײַנוווינער זײַנען טאַקע זייער אָרנטלעכע מענטשן — איינס צום אַנדערן געהער זיך אָבער נישט אָן: קיין סך געלערנטע מענטשן, וואָס זאָלן פאַרשטיין לוח, איז דאָרט נישט פאַראַנען; דער איינציקער ייִדישער געלערטער, וואָס פאַרשטייט אַ ייִדיש וואָרט, איז איינער, וואָס טראָגט זייער אַ הויכן באַרימטן נאָמען „מאַ־טיאַס דרייפוס".

מיר פאַרכאַפּן זיך אַף צו־פריִער און מאַכן אויפמערקזאַם דעם לע־זער, ער זאָל חלילה קיין טעות נישט האָבן און נישט מיינען, אַז דאָס איז דער מאַטיאַס דרייפוס, דער ברודער פון אונדזער וועלטבאַרימטן מאַרטירער קאַפּיטאַן (הײַנט מאַיאָר) אַלפרעד דרייפוס. דער נאָררענבער־גער מאַטיאַס דרייפוס איז דער שמש פון דער אָרטיקער קאָרשול און דער שוחט פון שטאָט. ווי קומט צו אים אַזאַ נאָמען — זאָלט איר נישט פרעגן. למאי ס'איז דאָ אין דעם זעלבן נאָררענבערג אַ ייִד אַן אָרעמאַן,

וואָס לעבט פון דעם, וואָס ער זאָגט קדיש, אז מע באַצאָלט אים, און טראָגט דעם נאָמען נאַטאַניעל ראָטשילד? אָדער ס'איז פאַראַן, טאַקע אַלץ אין נאָררענבערג, אַ שוסטער, און אַ קאַליקע דערצו, וואָס שעמט זיך נישט און הייסט מיטן נאָמען היינריך היינע? און אַ ראַזירער איז דאָרטן דאָ, שטייט אַף זײַן שילד אויסגעמאָלט אַ נקבה מיט אַ רויטן פּאַריק, און אונטן אָנגעשריבן מיט גרויסע לויטערע אותיות: לודוויג בערנע? עס פעלט נאָך צום רומל אַ שטיוולפּוצער מיטן נאָמען ברוך שפּינאָזאַ... עס קאָן זייער געמאָלט זײַן, אַז עס דרייט זיך ערגעץ אַרום דאָרטן אין שטאָט אַ ברוך שפּינאָזאַ, נאָר איך האָב נאָך נישט געהאַט דאָס גליק מיט אים פּערזענלעך צו באַקענען זיך... נאָר מיר קערן זיך אום צו אונדזער געלערנטן מאַטיאַס דרייפוס, דעם שמש פון דער קאָרשול.

אַז דער געלערטער מאַטיאַס דרייפוס האָט דערהערט די געשיכטע, וואָס דער אַפּטייקער האָט געבראַכט צו פירן פון בערלין, אַז דאָרט איז ערשט פּורים, נישט פּסח, האָט ער זיך גענומען גריבלען אינעם לוח גאָר מיט אַנדערע כלים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געלערטן, וואָס איז אי אַ שמש, אי אַ שוחט און הייסט דרייפוס. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געגריבלט, ביז ער האָט זיך אַרויפגעגריבלט אַף אַ שטיקל דרך. ער האָט געפרעגט אַ קשיא: ווו איז אַהינגעקומען דער „ואדר" (אדר שני)? — לויט זײַן רעכענונג, ער געדענקט דאָס נאָך פון פאַראַיאָרן, האָט הײַנטיקס יאָר — דאָננערוועטטער! — באַדאַרפט אויסקומען אַן עבור־יאָר. אַ באַווײַז האָט ער פונעם אָרגאַניסט, פרידריך שפּילהאַגען; ער איז אַ קריסט און שפּילט בײַ די ייִדן יום־טוב אין קאָרשול; זאָגט ער, פרידריך שפּילהאַגען, אַז בײַ זיי איז הײַנטיקס יאָר אויך אַן עבור־יאָר!

מיט דעם דאָזיקן וויכטיקן מאַטעריאַל איז אונדזער געלערטער דרייפוס אַוועק צום ראַבינער, דאָקטאָר און פּריידיקער, און ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט שטודירן דעם לוח גאָר איבעראַנײַם — און דאָ איז געקומען די רעכטע קאַטאַסטראָפע: ביידע האָבן דערזען, אַז זייער לוח איז נישט פון יאָר ת ר ס " ח (5668), נאָר פונעם יאָר תרמ"ח (5648). דאָס הייסט, אַ פאַרצוואַנציקיאָריקער לוח!...

דער פּראָפעסאָר פון דער דאָזיקער אמתער געשיכטע באַדאַנקט דעם געלערטן לעזער פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך געגעבן די מי אויסצוהערן

די מעשה כמעט ביזן סוף, און לאָזט אים איבער אַף זײַן אייגענער פאַנ־טאַזיע, ער זאָל זיך פֿאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער שטאָט נאַרדענבערג, ווען מען איז געוואָר געוואָרן פונעם רבין אַליין, אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט דעם פּסח מיט א גאַנצן חודש פריִער, און אַז מע וועט דאַרפן פּראַווען פּסח נאָך א מאָל פונעם אָנהייב! איך וואָלט גע־קאָנט אויסנוצן אַלע שאַרפע אויסדרוקן, ווי צום בײַשפּיל: עמפּערט, אַנטוישט, איבעראַשט, אויפגעבראַכט, אויפגעטראָגן, צעקאָכט, נידער־שלאָגן, אויסער זיך, וכדומה. איך פיל אָבער, אַז ס'איז נישט דאָס; ס'איז באַנאַל. דאָס ריכטיקסטע וואָרט וואָלט געווען, דאַכט מיר, „פאַרגיכ־טעט!"... באַרעכנט אײַך: א גאַנץ האַלב יאָר האָט א שטאָט אָפּגעלעבט פאַלש נאָך א אַלטן אָפּגעלעבטן לוח פון פאַר צוואַנציק יאָרן! געפײַ־ערט יום־טובים נישט אין דער ריכטיקער צײַט! געגעסן מצה דעמאָלט, ווען אַלע ייִדן האָבן געשלאָגן המנען! הײַנט ווו זײַנען די בר־מצוות? די יאָרצײַטן? די קדישים?... און וועמען האָט מען צו פאַרדאַנקען? עפּעס א ייִדל, א גאָרנישט, אַן עמיגראַנט... „אָה, דער פּאָלנישער יודע!" — האָבן געזאָגט די נאַרדענבערגער ייִדישע דײַטשן און האָבן זיך גע־שאַרפט די ציין אַפן „פּאָלנישן יודען". לאָז ער נאָר קומען קיין נאַרדענ־בערג מיט זײַן פעקל ספרים, וועט ער שוין טרוקן נישט אַרויס...

און דער „פּאָלנישער יודע", אונדזער בוכהענדלער פינחס פּינקוס, איז אין דער צײַט געזעסן מיט נאָך א סך אַזעלכע אַרויסגעוואָרפענע, ווי ער, אַף א ריזנשיף, וואָס איז געדולדיק און ראַשיק געשווומען פון האַמבורג קיין ניו־יאָרק. פונעם גאַנצן דאַברע־מזל, וואָס ס'איז אים גע־ראָטן אַרויסצובאַקומען פון די „דײַטשן", האָט ער קוים צונויפגעשלאָגן אַף א שיפסקאַרטע צווישן דעק, און ער פאָרט אָט דאָס אַהין, אינעם גאָל־דענעם לאַנד, וואָס קאָלומבוס האָט אַנטדעקט צוליב דעם, אַז אָרעמע ייִדן פון דער גאָרער וועלט, פאַריאָגטע און פאַרוואָגלטע, באַרויבטע און פאַרשענדעטע, זאָלן קאָנען ערלעך און מיט כבוד, כאָטש אפילו מיט גרויס מי, פאַרדינען זייער שטיקל ברויט...

לעזער! לאָמיר אים ווינטשן גליק און א פריילעכן כשרן פּסח.

געשריבן אין יאָר 1908

בלינצעס

אַ ראָמאַן לכבוד שבועות

א.

אַ געהיימער פֿאַרשויז אין אַ קאַרעטע, מיט אַ צילינדער און מיט אַ רעגנשירם

אַף איינער פון די זייַטיקע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט נ., דעם ערשטן טאָג שבועות אין דער פרי, פליט אַ קאַרעטע, אין וועלכער עס זיצט אַן עלעגאַנטער פֿאַרשוין אין אַ צילינדער, דאָס פּנים פאַרשטעלט מיט אַ רעגנשירם, כאָטש דער הימל איז ריין ווי גאָלד. צוגעפֿאָרן צו איינעם פון די גרעסטע שענסטע מויערן, שפּרינגט דער פֿאַרשוין אַרויס פון דער קאַרעטע, קוקט זיך אַרום אַף אַלע זייַטן, צעצאָלט זיך אַף דער גיך מיטן קוטשער און טוט אים אַ מאַך מיט דער האַנט אָן ווערטער, ווי איינער רעדט: „איך דאַרף דיך מער נישט, קאָנסט פֿאָרן ווייַטער". די קאַרעטע פֿאָרט אַוועק, און דער פֿאַרשוין נעמט זיך דווקא צוריק, ציילט אָפּ דרייַ נומערן, און באַ אַן אַלט הויז מיט שוואַרצע פאַררייכערטע ווענט, נומער 21 B בלייַבט ער שטיין און נעמט־אַרויס פון קעשענע אַ וויַיס עלעגאַנט ביכעלע פון עלפֿאַנטביין און לייענט שטילערהייט:

— נומער 21 B אין הויף, דריטער שטאָק, לינקס.

אָנגעקלונגען אין טויער, טרעט ער אַרייַן אין אַ גרויסן פירעקעכיקן הויף, ווי אַ קאַסטן, און נעמט באַטראַכטן די ווענט און די טירן און די פענצטער, און דערזעט אַ ווייַס ברעטל מיט שוואַרצע אותיות „כ ש ר".

— אָ! אָט דאָ איז דאָס! — זאָגט דער פֿאַרשוין צו זיך אַליין, און אין זייַנע אויגן באַווייַזט זיך אַ פֿייַערל און אַף די ליפּן — אַ צופרידן

שמייכעלע פון א מענטשן, וואָס האָט געפונען דאָס, וואָס ער זוכט. מיט ניכע טריט קלעטערט ער אַרויף אַפן דריטן שטאָק, און טרעפט דרײַ טירן: איינע אַקעגן, איינע רעכטס, איינע לינקס. אויף דער לינקער טיר דערזעט ער ווידער אַ מאָל אַן אויפשריפט „כשר". נאָכדעם ווי ער האָט אַ ביסל אָפּגעאָטעמט און אויסגעווישט זיך דעם שטערן, נעמט ער זיך ענדלעך צום גלעקל.

אָט דאָ מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע און אויפקלערן דעם לעזער: ווער איז אָט דער געהיימער פּאַרשוין? וואָס איז ער דאָס געפאָרן אַזוי פאַרשטעלט? צוליב וואָס האָט ער אָפּגעציילט דרײַ נומערן צוריק? און וואָס האָט ער זיך אַזוי דערפרייט, אַז ער האָט דערזען דאָס וואָרט „כשר"? — מײַנע ליבע פרײַנט! דאָס איז נישט שערלאָק האָלמס; דאָס איז דער העלד פון אונדזער ראָמאַן — מאַרקוס ביבער, פאַרשטייער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע".

ב.

רעדט פון זייטיקע ענינים, פון טענץ, פון עסנייש, פון עולם־הזה וכדומה אַזעלכע זאַכן

איך קאָן אײַך ניט זאָגן אַקוראַט, מיט וואָס די פירמע באַשעפטיקט זיך. איך ווייס נאָר, אַז מאַרקוס ביבער, דער פאַרשטייער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע", איז אַ רײַכער סוחר און אַ געזונטער יונג און אַ זעלטענער פּאַרשוין און אַ ליבער מענטש, און איז נאָך אַ בחור.

לאָזן זיך אַקאָרשט די שדכנים אַזוי ניט פרייען — מאַרקוס ביבער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, ער זאָל ניט חתונה האָבן קיינמאָל.

די, וואָס קענען אים פונעם אָרט, דערציילן, אַז אין דער יוגנט איז מאַרקוס ביבער געווען אַן עלעגאַנטער קאַוואַליער, געהייסן „קראַסאַוו־טשיק" און האָט זיך געמאַכט באַרימט מיט זײַן טאַנצן. בײַ די מאַמזעלן פון שטאָט איז געווען אַ גאַנצער יחוס, אַז „קראַסאַוטשיק" האָט מיט זיי געטאַנצט. טאַנצן מיט אַ שיינעם קאַוואַליער האָבן אַלע מיידלעך ליב. פאַר וואָס ניט? עס איז גאָר קיין עוולה ניט. מיט וועמען דען זאָלן זיי גיין טאַנצן? איך און איר זײַנען שוין צו אַלט דערויף, און אַגב זײַנען מיר שוין לאַנג באַווײַבט און האָבן שוין פאַרגעסן די שפּראַך פון טאַנצן. די טאַנצן־שפּראַך — דאָס איז אַ באַזונדער מין לשון, וואָס מע דאַרף עס

קענען. אונדזער העלד, מארקוס ביבער, האָט געקאָנט אוועקטאַנצן א שעה כסדר און ניט אויפהערן שיטן מיט פראַזן, ווי מיט בלומען: „איינס־צוויי־דריַי — איך זעה גרינגער פון א פעדער"... „איינס־צוויי־דריַי — איַיער טאַליע איז א חלום"...

איאָ, ס'איז בא איַיך תרגום? מע דאַרף דאָס קאָנען און מע דאַרף וויסן, ווי אַזוי זיך מיט מאַמזעלן צו באַגיין און ווי זיך צו האַלטן און וואָס מיט וועמען מע דאַרף ריידן. איך ווייס עס פון מיַין אייגענעם דערפאַרן. איך בין געווען אַמאָל אין א געזעלשאַפט. מען האָט מיך פאָר־געשטעלט פאַר די שענסטע דאַמען און מאַמזעלן פון שטאָט, אַלס שרײַ־בער און אַלס הומאָריסט. א בוקעט פון דאַמען און מאַמזעלן האָבן מיך אַרומגערינגלט פון אַלע זיַיטן, געוואָלט הערן פון מיר א גוט וואָרט. איך האָב געמאַכט א שמועס פון... ליטעראַטור. תחילת האָבן מיַינע דאַ־מען צו מיר זייער זיס געשמייכלט. נאָכדעם האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אי־בערקוקן איינס מיט דאָס אַנדערע. א ביסל שפּעטער האָב איך באַמערקט, אַז זיי פאַרשטעלן זיך די מיַילער, מען זאָל ניט זען, ווי זיי גענעצן. גע־ענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס איך בין געבליבן איינער אַליין, ווי ראָבינזאָן־קרוזע, און מיַינע דאַמען און מאַמזעלן האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אין א ווינקעלע עפּעס אַרום א שיינעם, א הויכן מאַנספּאַרשוין, און האָבן אַזוי געשמאַק און הילכיק געלאַכט, אַז ס'איז געווען א פאַרגעניגן צו הערן פון דער וויַיטן. איך האָב געבעטן, מע זאָל מיך פאַרשטעלן פאַר דעם דאָזיקן מאַנספּאַרשוין. מע האָט מיך פאָרגעשטעלט. זיַין נאָמען איז געווען מאַרקוס ביבער („קראַסאַוועטשיק").

איצט איז דאָס שוין נישט דער מאַרקוס ביבער, וואָס אַמאָל, אויס „קראַסאַוועטשיק". דאָס הייסט, ער איז נאָך היַינט אויך א פיַינער יונג. עלעגאַנט געקליידט, שטענדיק אויסגעפּוצט, גוט אַרומגעראַזירט און רעכט אָנגעפּאַרפּומירט, האָט מיט זיך שטענדיק א קליין בערשטעלע אַף צו פאַרקעמען די וואָנצעס אַרויף און א שפּיגעלע אַף צו כאַפּן א קוק. אין זיַין גרינעם שניפּס — א רויטע שפּילקע, אַפן פינגער שעמערירט א בריליאַנט. דאָס וואָלט אַלצדינג געווען גוט, ווען נישט דאָס וויַיסע טעלערל אַפן שפּיץ קאָפּ, וואָס ווערט אַלע טאָג גרעסער און גרעסער, און ווען נישט אָט דאָס בייַכל, וואָס ווערט אַלע טאָג העכער און העכער, און אַליין פילט ער זיך אויך פון טאָג צו טאָג אַלץ שווערער, גאָרנישט דאָס,

וואָס אמאָל. ווער רעדט פון דאמען? מאמזעלן? טעניץ? טשעפּעט זיך אָפּ. אים גלוסט זיך שוין גאָר רוען, כאַפּן אַ דרעמל נאָכן עסן, אַבי ס'זאָל נאָר זײַן גוט געגעסן. גוט עסן און געשמאַק שלאָפן — וואָס מיינט איר? ס'איז ניט אַזאַ גרויסע נאַרישקייט. איך ווייס ניט, מיט וואָסער אַ פילאָזאָפיע מײַן העלד באַנוצט זיך, — און אפשר איז ער גאָר דערגאַנגען מיט זײַן אייגע־נעם שכל, אַז דאָס לעבן פונעם מענטשן איז אַזוי קורץ און די וועלט איז אַזוי נאַריש, אַז אַ שאָל שוואַרצע קאַפע מיט אַ האַוואַנע־ציגאַר נאָך אַ רעכטן מיטאָג שמעקט זייער גוט און העלפט דעם מאָגן קאָכן... אַז ווייל איז צו דעם, וואָס קומט צו דער אידעע באַצײַטנס, כל־זמן דער מאָגן קאָכט נאָך און דער שלאָף לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן. איר קאָנט אײַך אפילו זאָגן, אַז דאָס איז בורזשואַזנע, אַ געדאַנק פון אַן עולם־הזהניק; אָבער דאָס וועט איר ניט אָפּלייקענען, אַז אַ געדאַנק איז דאָס.

מיר געפעלט, וואָס איך האָב מיך אַרויסגעכאַפּט מיטן וואָרט „עולם־הזהניק". דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט פאַר אונדזער העלד. מאַרקוס בימער איז אַן עולם־הזהניק, אַ מוראַדיקער עולם־הזהניק. ער גייט מיט דעם גאַנג, אַז אַלע קאָנען זיך נישט באַשעפטיקן מיט איין זאַך. פאַראַן מענטשן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט עולם־הבא, דאָס איז זייער עסק. ביבער, אַז ער קומט אָן אַ נײַ אָרט, זעט ער זיך קודם אַ ריינע, אַ רויִקע סטאַנציע אינעם בעסטן האָטעל, און טאַקע באַלד טוט ער אַ טראַכט מכח עסן. אין דער צײַט, ווען די אַנדערע אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן לויפן אַרום, דער — אָנקוקן די שטאָט, און דער — וועגן געשעפט, וועט איר ביבערן זיכער געפינען אָדער מיט אַ גאָפּל אין האַנט אין בופעט, בײַ די פלעשלעך מיט די פאַרבײַסנס, אָדער מיט אַ ווײַסער סערוועטקע אויפן האַלדז, בײַ אַ טישל אין רעסטאָראַן, פאַרטיפט אין דער שפּײַזקאַרטע און שטודירנדיק די אויסגערעכנטע מאכלים.

זײַט איר שוין, אַלזאָ, אַ ביסל באַקאַנט מיט מײַן העלד. שוין צײַט זיך באַקענען אויך מיט דער העלדן פונעם ראָמאַן.

ג.

שטעלט פֿאַר די העלדן פֿונעם ראָמאַן.

זי איז נאָך גאָר אַ יונגע פֿרוי און הייסט פֿײַן, און האַלט אַ גאַסט־הויז, און האָט צוויי קינדערלעך, וואָס גייען אין גימנאַזיע, מיט אַן אַל־טער מוטער, וואָס זיצט מיט זילבערנע ברילן איבער אַ גרויסן סידור און דאַוונט, און מיט אַ קליין שוועסטערל, וואָס העלפֿט איר אין געשעפֿט. אַ גאַסט, אַז ער שטעלט זיך נאָר איין מאָל אָפּ בײַ דער מאַדאַם פֿײַן, נעכ־טיקט־איבער איין נאַכט, אָדער עסט־אָפּ איין אָנבײַסן, אָדער רעדט מיט איר צוויי ווערטער, וועט ער שוין דאָס צווייטע מאָל זיך ניט אָפּשטעלן אין ערגעץ. און אַז וועט אַוועקפֿאָרן, וועט ער איר פּנים, מיט איר גע־שטאַלט, מיט אירע אויגן, מיט אַלע אירע באַוועגונגען לאַנג־לאַנג טראָגן בײַ זיך אין זכּרון. ס'איז אוממעגלעך זי צו פֿאַרגעסן. אַז איר זעט זי צום ערשטן מאָל, ווײַזט זיך אײַך אויס, אַז זי איז אײַך קענטלעך, אַז איר האָט זי שוין ערגעץ אַמאָל געזען. ריידנדיק מיט איר און קוקנדיק איר אין די אויגן אַרײַן, קומען אײַך אָפּן זינען אַלע שיינהײַטן פֿונעם חומש, ווי איר האָט אײַך זיי פֿאָרגעשטעלט אַמאָל אין אײַער יונגער ריינער פֿאַנטאַזיע, און איר קומט מיט אַ פּרעטענזיע צום רבונו־של־עולם:

„וואָס וואָלט דיך געאַרט, גאָט, אַז אַלע ווײַבער, למשל, וואָס דו האָסט באַשאַפֿן, זאָלן זײַן אַזוי, ווי די מאַדאַם פֿײַן? דײַן וועלטל וואָלט דעמאָלט געהאַט גאָר אַן אַנדער אויסזען. עס וואָלט געווען אַ פֿרייד, וואָס מע לעבט אויף דער וועלט"...

יאָ, אַ פֿרייד. עס איז אַ פֿרייד צו ריידן מיט דער פֿײַן, צו קוקן איר אין די אויגן אַרײַן, צו הערן איר קול, צו זען אירע הענט. אַך, אירע הענט! צו וואָס זי רירט זיך צו, איז גאָלד. אַלץ גלאַנצט, אַלץ שעמערירט, אַלץ לעבט־אויף בײַ איר אין די הענט. און וווּ זי גייט, און וווּ זי שטייט, איז ליכטיק. און טוט זי אָן אויף זיך אַ קלייד, זינגט דאָס. און גייט זי דורך די שטוב, לאַכן די ווענט. אַלץ אַרום איר לעבט, אַלץ זינגט, אַלץ פֿרייט זיך.

אַט דאָס איז אונדזער העלדן, די ווירטן פונעם גאַסטהויז און ייִדישן רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך אין איינער פון די זײַטיקע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט נ., אין הויז נומער 21 B אין הויף, דריטער שטאָק, לינקס.

איצינד, רעכן איך, וועט מײַן לעזער זײַן פאַרענטפערט אַ סך קשיות, און מיר קאָנען פאָרזעצן אונדזער ראָמאַן.

ד.

יידישע פיש, מילכיקע בלינצעס און אַ יונגערמאַן מיט אַן ענגן קאָלנער

נאָך אַז ער איז געווען אױף יענער זײַט טיר, האָט אונדזער העלד דערפילט אַ געשמאַקן ריח פון פיש, פון ייִדישע פיש, וואָס האָבן אַ טבע זיך לאָזן הערן אױף אַ קוואַדראַטנע מײַל אַרום און אַרום. זיי באַרימען זיך פאַר דער גאַנצער וועלט: „דרך־ארץ! מיר, ייִדישע פיש, זײַנען נישט גלײַך צו אַלע אַנדערע פיש; אונדז עסן ייִדן, וואָרעם מיר זײַנען געפילט מיט געווירצן און שמעקן מיט פעפער!“... אַרײַנגעקומען אינעווייניק האָט ער געטראָפן אַ גרויסן, אַ ליכטיקן, אַ ריינעם זאַל. די ווײַסע ווענט זײַנען באַהאַנגען מיט גרינס. אַ לאַנגער ווײַסגעדעקטער טיש איז באַפּוצט מיט בלומען, און אַרום טיש זיצן אַלערליי ייִדן, מיט היטלען און אָן היטלען, מיט בערד און אָן בערד, אַזעלכע, וואָס ריידן ייִדיש, אַזעלכע, וואָס ריידן רוסיש, און אַזעלכע, וואָס ריידן דײַטש, דאָס הייסט, נישט אינגאַנצן דײַטש, נאָר העבער האַלב כמעט אױף דײַטש. אויסגעטאָן דעם אויבערראָק און אָפּגעלייגט דעם צילינדער, האָט אונדזער העלד פאַרנומען אַ ליידיקן פּלאַץ, וואָס איז נאָך פאַרבליבן באַם טיש, אַקעגן עפּעס אַ פאַרשוין מיט אַ רויט פּנים, מיט אַ רויטן שניפּס און מיט אַן ענגן קאָלנער. דער קאָלנער קוועטשט אים אַזוי שטאַרק, אַז ער ווערט שיר ניט דערוואָרגן. עס שפּאַרן אים די אויגן פון שטערן, נאָר אַ מכה וועט עמעצער וויסן. ער וועט בעסער לײַדן שטילערהייט, אָפּקומען חבוט־הקבר, פּילן דעם טעם פון גיהנם, איידער אַראָפּוואַרפן דעם קאָלנער און אויסטאָן אַזאַ שיינעם שניפּס. פאַרנומען זײַן פּלאַץ, פאַרנייגט זיך מאַרקוס ביבער, ווי דער עטי־

קעט פֿאַרדערט עס, פֿאַר זײַן וויזאַ־ווי, דאָס הייסט, פֿאַרן יונגנמאַן מיטן ענגן קאָלנער. און עס ווערט דורך דעם געשלאָסן צווישן זיי א שטיקל קענטשאַפֿט. מאַרקוס ביבער גיט אים צו וויסן, אַז ער איז דאָ דעם ערשטן מאָל אינעם דאָזיקן... דאָזיקן ייִדישן רעסטאָראַן. שטיין — שטייט ער, אייגנטלעך, אין „גראַנד־האָטעל”, און געקומען איז ער אַהער צוליב שבֿועות. דאָס הייסט, ניט אַזוי צוליבן שבֿועות, ווי צוליב די שבֿועותדיקע בלינצעס, כע־כע.

— כע־כע! — גיט אים נאָך דער יונגערמאַן מיטן קאָלנער און ווערט נאָך רויטער און קוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן.

באַ די פֿיש ווערט אונדזער העלד נאָך מער באַריידעוודיק:

— אויסגעצייכנטע פֿיש! איך האָב שוין לאַנג נישט געגעסן אַזעלכע ייִדישע פֿיש. ייִדישע פֿיש האָבן גאָר אַן אַנדערן טעם. לעבן זאָלן די ייִדן מיט די ייִדישע מאכלים! איך בין, ווי איר קוקט מיך אָן, עפּעס ניט אַזאַ כשרער ייִד, נאָר פֿון כשרע עסנס האַלט איך. ווער שמועסט — יום־טוב. יום־טוב עס איך נאָר כשרס. איך וועל אײַך ניט אַוועקגעבן אַ ייִדיש שטיקל פֿיש פֿאַר אַלע זייערע מאַרינאַדן און מאַיאָנעזן, און, צווישן אונדז ריידנדיק, וועל איך אײַך נישט פֿאַרבײַטן אײן ייִדיש ראָסל־פֿלייש פֿאַר צוואַנציק גויִשע ביפֿשטעקסן, רומשטעקן, האָזבראַטן און ראָסטביפֿן. וואָרעם, לאָמיר זיך נישט נאַרן: וואָס קאָן זײַן בעסער פֿון אַ ייִדיש העלדזל, געפֿילט מיט מעל? אָדער אַ טייגעכץ מיט לעבערלעך? אָדער ניר־לעך, איבערגעטריסלט מיט פֿאַרפֿעלעך? צי, אַשטייגער, וואָס גייט־אָפּ אַ ייִדישע יויך מיט מאַנדלען, מיט לאָקשן, אָדער גאָר מיט קרעפּלעך? האַ, וואָס זאָגט איר?

דער יונגערמאַן מיטן קאָלנער זאָגט גאָרנישט. וואָס זאָל ער זאָגן? אַז אָך און ווײ איז אים, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם. און ביבער קערט זיך אום צו ייִדישע פֿיש, רעדט אַלע מאָל העכער, וואָרעם אַלע ריידן, דער גאַנצער עולם רעדט פֿון פֿיש, זיי קאָנען זיך נישט אָפּלויבן פֿון די פֿיש. זיי לויבן די פֿיש און די בעל־הביתטע פֿון די פֿיש, די מאַדאַם פֿײַן.

— אַז מע וויל אַ גוט שטיקל פֿיש, זאָל מען טאַקע גיין נאָר צו דער מאַדאַם פֿײַן. — זאָגט אַ ייִד מיט גראָבע ליפּן.

— אז מע וויל הנאה האָבן פונעם עסן, זאָל מען עסן בא דער מאַדאַם פּײַן. — האַלט אים אונטער אַ ייִד, וואָס שוויצט מיט סכנת־נפשות.

— איך עס שוין באַלד פיר יאָר בא דער מאַדאַם פּײַן. — זאָגט אַ יונגערמאַן, וואָס אַז ער עסט, שאָקלט זיך בא אים דער קאַפּעלוש.

מיט איינעם וואָרט — פון אַלע זײַטן טיש הערט זיך נאָר „פּײַן", „פּײַן", און „פּײַן". און אָט איז זי אַליין אויך, די מאַדאַם פּײַן.

ח.

ברוך הבא, בלינצעס!

אַרײַנגעקומען איז די מאַדאַם פּײַן מיט אַ גאַנצער סוויטע. פון איין זײַט די אַלטע מוטער, פון דער אַנדערער זײַט איר יונג שוועסטערל און פון הינטן אירע צוויי קינדער, די גימנאַזיסטלעך. אַלע גייען זיי אָנגעטאָן יום־טובדיק, און אַלע זעען זיי אויס יום־טובדיק, און זײַנען אָנגעלאָדן מיט גרויסע פּאַלומיסקעס מיט הייסע בלינצעס, וואָס לאָזן זיך הערן מיט זייער מילכיקן ריח איבערן גאַנצן זאַל.

מיטן אַרײַנקומען פון דער מאַדאַם פּײַן האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אַ באַזונדערע שײַן פון דער זון האָט זיך מיטאַמאָל אַרײַנגעריסן אַהער אין שטוב אַרײַן, און אויף אַלע פּנימער האָט זיך באַוויזן ווי אַ שמייכעלע. אַלע, ווי איין מענטש, הייבן זיך אויף און באַגריסן די מאַדאַם פּײַן.

און די מאַדאַם פּײַן? ווייך, פּראָסט און פרײַנטלעך, היימיש ווי אַן אייגענע, ווי אַ שוועסטער, גייט זי צו צו יעדן איינציקן פון די געסט, יעדן באַזונדער האָט זי וואָס צו זאָגן עפּעס אַזעלכעס, וואָס יענעם ווערט גוט אויפן האַרצן און וואַרעם אויף דער נשמה, און אירע אויגן לאַכן, און אַלעמענס אויגן לאַכן, און אַלץ אַרום איר לאַכט און פרייט זיך.

אונדזער העלד, וואָס איז, ווי אונדזערע לעזער ווייסן שוין, אַזאַ ליבהאָבער פון ייִדישע מאכלים, האָט איצטיקס מאָל שטאַרק גענומען אויפן אויג די בעל־הביתטע פון די בלינצעס און נישט געקאָנט אָפּרײַסן פון איר די אויגן. ער פאַרשטייט נישט, פון וואַנען האָט זיך גענומען מיט אַ מאָל אַזאַ ליכטיקייט אין שטוב. און פונוואַנען איז געקומען צו אים פּלוצעם אַזאַ וואַרעמקײַט און אַזאַ פרייד? געערדט האָבן זיי צווישן זיך, דאַכט זיך,

קיין איינציק וואָרט. ער האָט זיך נאָר אויפגעהויבן פון אָרט און זי האָט אים געשענקט אַ קוק פון אירע ליכטיקע חנעוודיקע לאַכנדיקע אויגן, און ער האָט דערפילט, אַז עפּעס האָט אויפגעוואַכט בא אים אין דער נשמה, עפּעס אַן אומגעוויינלעכע זאַך, וואָס ער האָט נאָך ביז אַהער ניט בײַגעוווינט און וואָס ער קאָן דאָס אַפילו ניט אָנרופן באַם נאָמען.

— ברוך־הבא, בלינצעס! — רופט ער זיך אָן צו זײַן וויז־אַ־ווי און פילט, אַז ניט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגן. ער קוקט שוין מער נישט אַפן יונגנמאַן מיטן קאָלנער און אַף זײַנע אידיאָטישע אויגן. ער עסט די בליצעס און לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון דער מאַדאַם פײַן און הערט נישט אויף אין איינוועגס צו ריידן ווײַטער:

— געפעלט אײַך, אַשטייגער, די בעל־הביתטע פון די בלינצעס? וועט איר זאָגן אין אײַער לעבן, אַז דאָס איז אַ ווירטן פון אַ גאַסטהויז, פון אַ רעסטאָראַן? זעט זי נישט אויס ווי אַ גרעפין? ווי אַ קייסערינע? האַ? וואָס זאָגט איר?

נאָר דער יונגערמאַן מיטן קאָלנער זאָגט גאָרנישט. ער ווערט נאָך רויטער ווי פריִער, און הייבט אַזש אָן צו שוויצן. און אונדזער העלד גיט זיך דאָס וואָרט, אַז זײַן נאָמען זאָל ניט הייסן ביבער, אויב ער וועט זיך ניט באַקענען מיט דער דאָזיקער מאַדאַם אַ ביסל נענטער נאָך הײַנטיקן טאָג.

ו.

דער העלד בייט איבער זיין קוואַרטיר פון „גראַנד־האָטעל" אַף נומער 21 B, דריטער שטאָק, לינקס)

איך מיין, אַז עס וועט קיינעם ניט זײַן פריקרע, וואָס מײַן העלד, מאַרקוס ביבער, דער פאָרשטייער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע", האָט זיך באַלד נאָך שבועות אַריבערגעטראָגן מיטן גאַנצן געפעק פון „גראַנד־האָטעל" אַף נומער 21 B דריטער שטאָק, לינקס. אוודאי איז אין „גראַנד־האָטעל" מער גרויסאַרטיק, מער שיק — וואָס איז דאָ צו ריידן? דערפאַר האָט ער זיך אָבער נאָך קיינמאָל אין ערגעץ נישט געפילט אַזוי גוט און אַזוי היימיש, ווי אָט דאָ, צווישן גוטע מענטשן.

מארקוס ביבער איז גיך געוואָר געוואָרן, ווי אַזוי מע רופט די צוויי גימ־נאַזיסטלעך. איינער הייסט הערצל, דער אַנדערער מישא. און ער שליסט מיט הערצלען און מיט מישאן גוטברודערשאַפט, שפּילט מיט זיי אין „ציגן־וואָלף" און אין „פּעטשערלעך". מיטן קליינעם שוועסטערל איז ער אויך געוואָרן אַ שטיקל מחותן. און אַפילו פאַר דער אַלטער מאַמען, וואָס זיצט מיט זילבערנע ברילן איבער אַ גראָבן סידור, האָט ער אויך וואָס צו זאָגן:

—באַבעניו, איר הערט ניט אויף צו דאַווענען?

— איך דאַוון שוין פאַר מײַנע קינדער און פאַר מײַנע אייניקלעך.

— אַז ס'איז יאָ אַזוי, טאָ דאַוונט שוין, באַבעניו, פאַר מיר אויך.

די „באַבעניו" הייבט אויף אַף אים די זילבערנע ברילן און ענטפערט נישט גאָרנישט אַף דער חכמה.

הקיצור, אונדזער העלד איז דאָ געוואָרן אַזוי היימיש, אַז עס גלוסט זיך אים גאָרנישט אַוועקצופאָרן פון דאַנעט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס פון דער היים זעצט מען מיט בריוו, ער זאָל קומען צו פאָרן. די גע־שעפטן רופן אים. געשעפטן? וואָס פאַר אַ געשעפטן קאָנען אים אַוועקנע־מען פון דאַנען, וווּ ער האָט ענדלעך געפונען זײַן אמתן איינציקן אידעאַל אין לעבן? ווי אַזוי און ווען איז דאָס בײַ אים פאַרטיק געוואָרן — ווייס ער אַליין נישט. אָט אַזוי, פון זיך אַליין. וויפל שידוכים מע האָט אים איבערגערעדט! וויפל מיידלעך האָבן זיך נאָך אים געיאָגט!... באַשערט אַן אָרעמער, עלנטער פרוי, מיט צוויי קינדער, מיט אַ קליין שוועסטערל און מיט אַן אַלטער מאַמע, אַזאַ גליק! די קינדער וועט ער צושרײַבן צו זיך, איבערגעבן זיי זײַן נאָמען „ביבער", דאָס קליינע שוועסטערל וועט ער חתונה מאַכן, און די אַלטע באַבעניו לאָז זיך זיצן און דאַווענען גע־זונטערהייט.

אַזוי טראַכט זיך אונדזער העלד, און ער שטעלט זיך פאָר, ווי די אָרעמע פרוי פײַן וועט דאָס ווערן איבעראַשט, אַז ער, מאַרקוס ביבער, דער פאָרשטייער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע", וועט איר דערקלערן, אַז ער וויליקט־אײַן צו געבן איר זײַן נאָמען און צעטיילן מיט איר זײַן פאַרמעגן! „איך האָף, אַז איר מיינט דאָס ערנסט?" — וועט זי אים זאָגן און די גאַנצע פאַרב וועט זיך צעגיסן איבער איר פּנים,

וואָס איז ווײַסער פון מילך, און אירע שײנע אויגן װעלן זיך אָנצינדן מיט אַ נײַ פֿײַערל!... דערווײַל ליגט ער איר פאָר בילעטן, אפשר וועט זי גײן מיט אים אין טעאַטער?... אָך, פאר וואָס נישט?... די מאדאַם פײַן דאַנקט אים זייער. זי מוז אים אָבער זאָגן, אַז אָן די קינדער קאָן זי ניט גײן. זי האָט שוין לאַנג צוגעזאָגט נעמען זיי אין טעאַטער אַרײַן. און ווי־באַלד די קינדער, מוז מען שוין נעמען די שוועסטער אויך... געוויס. ער האָט גאָר אַנדערש נישט געטראַכט! און מאַרקוס ביבער נעמט אַ לאָזשע, און גייט מיט דער מאַדאַם פײַן און מיט אירע קינדער און מיט איר שוועסטערל אין טעאַטער אַרײַן.

ז.

אַביסל טעלעגראַפן־ליטעראַטור

זיצנדיק מיט דער מאַדאַם פײַן און מיט איר משפחה אין דער לאָזשע, טראַכט זיך ביבער: ווי קומט דאָס צו דער דאָזיקער פֿרוי אַזאַ האַלטן זיך מיט אַזאַ באַנעמען זיך? אַ גרעפֿן דאַרף ניט זיצן שענער, ווי עס זיצט אָט די ווירטן פונעם רעסטאָראַן. אָך, ווי שיין עס וועט איר פּאַסן דער נאָמען „מאַדאַם ביבער"!... אַז ער וועט זי ברענגען צו זיך אין שטאָט, וועט זי פֿאַרשטעלן, פֿאַרטונקלען אַלע שענסטע דאַמען. נאַטיר־לעך, וועט ער קיינעם ניט דערציילן, אַז זי האָט ווען געהאַלטן אַ גאַסט־הויז, אַ רעסטאָראַן... ער וועט זאָגן, אַז זי שטאַמט פון דעם גרעסטן אַדל, געהער זיך אָן אַ שטיקל אייגענע מיט די פּאָליאַקאָווס, האָט אַ פעטער אַ מיליאָנער אין מאָסקווע און צוויי ברידער אינזשעניערן אין פּעטערבורג.

די דאָזיקע חלומות פֿאַרטראָגן אונדזער העלד אַזוי ווײַט, אַז ער הייבט אַליין אָן גלויבן אין די פּעטערבורגער אינזשעניערן און ער נעמט זיך אונטער מיט זיי צו בויען אַ נײַע ליניע, און אַז ס'וועט ניט כאַפּן קיין געלט, וועט מען זיך אַ נעם טאָן צום פעטער צום מיליאָנער. נישקשה, דאָס קוויטל „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע" איז אַ גוט קוויטל...

— וואָס זאָגט איר, מאַדאַם פײַן?

וואָס זאָל זי זאָגן? זי איז אים זייער דאַנקבאַר פאַר דער לאָזשע. ניט אַזוי פאַר זיך אַליין, ווי פאַר די קינדער. זי האָט זיי שוין לאַנג צו־

געזאָגט נעמען אין טעאַטער. אַ גוטע נאַכט, הער ביבער!

— אַ גוטע נאַכט, מאַדאַם פיין! אַ גוטע נאַכט, הערצל! אַ גוטע נאַכט, מישענקע! מאָרגן זעען מיר זיך. אַ גוטע נאַכט!

און מאַרקוס ביבער גייט־אַרויף צו זיך אין צימער און פילט, אַז עס ווילט זיך אים זינגען, עס ווילט זיך אים טאַנצן. נאָר ניט ער זינגט, ניט ער טאַנצט. ער שפּאַנט־אַרום הין און צוריק און קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. ער עסט זיך אויף אַ לעבעדיקן, פאַר וואָס ער האָט נאָך ביז איצט מיט איר קיין האַלב וואָרט נישט גערעדט, נישט וועגן זײַנע פּלענער, נישט וועגן זײַנע געפילן. שוין פון עטלעכע טעג, אַז ער קלײַבט זיך מיט איר וועגן דעם צו ריידן, און קאָן נישט. ער קאָן נישט! ער האָט נישט פאַר איר קיין ווערטער, קיין שפּראַך. די אַלטע טאַנצן־שפּראַך, פילט ער, איז דאָ נישט אָפּן פּלאַץ. איבערצורײדן וועגן אַזאַ וויכטיקע זאַך דאַרף מען האָבן אַ מענטשן אַ געניטן, אָט, למשל, ווי זײַן עלטע־רער שותּף שפּאַק. שפּאַק האָט שוין אַליין חתונה געמאַכט קינדער. ער וואָלט דאָס דורכגעפירט בעסער, ווי אַלע. און אַגב דאַרף מען דאָך טאַקע פריִער געבן צו וויסן אַהיים פון אַזאַ ערנסטן שריט, וואָס ער גייט מאַכן. לאָז זיך די אַלטע מוטער אויך פרייען (ביבער האָט אַ רײַכע מוטער, וואָס איז דער קאָפּ פון דער פירמע, און ער, מאַרקוס, איז איר איינציקער יורש). און עס בלײַבט באַ אים, ער זאָל אַוועקשרײַבן אַהיים אַ בריוו און בעטן דעם שותּף, ער זאָל קומען צו פאָרן וואָס גיכער. און נישט לאַנג געטראַכט, גענומען אַ בויגן פּאַפּיר און אַוועקגעזעצט זיך צום טיש און...

דאָ מוזן מיר אָבער איבעררײַסן און זאָגן אַ פּאָר ערנסטע ווערטער. אונדזער העלד, עס זאָל אים צו קיין חרפּה נישט זײַן, איז אין דער מלאכה פון שרײַבן עפּעס נישט אַזאַ שאַרפער בריה. דאָס הייסט, ער איז, חלילה, נישט קיין עם־האָרץ, וואָס קאָן קיין פּען נישט האַלטן, נאָר ער איז מער געוווינט צו שרײַבן געשעפטלעכע מעמאָראַנדומס, חשבונות, וועקסלען וכדומה אַזאַ מין ליטעראַטור. יעדנפאַלס, נישט אַזעלכע בריוו, ווי מע דאַרף אויסגיסן אַזוי פיל געדאַנקען מיט אַזעלכע טיפע געפילן, וואָס לאָזן זיך גאָרנישט אַרויסשרײַבן אַף פּאַפּיר. איז נישט גלײַכער אפשר אַרויס־רופן אַהער דעם שותּף דורך אַ דעפּעש?...

און עס הייבן־אָן פליִען דעפּעשן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער צווישןביידע שותפים, פון ביבערן צו שפּאקן און פון שפּאקן צו ביבערן. מיר זעצן איבער אַף אַ ציקאוועסט די דאָזיקע טעלעגראַפן־ליטעראַטור.

1) פון ביבערן צו שפּאקן:
„קומט צו פאָרן. ערנסט געשעפט. ביבער".

2) פון שפּאקן צו ביבערן:
„טעלעגראַפירט וואָסער אַ געשעפט? שפּאק".

3) פון ביבערן צו שפּאקן:
„קומט צו פאָרן, וועט איר זען. ביבער".

4) פון שפּאקן צו ביבערן:
„פאָרן אוממעגלעך. טעלעגראַפירט וויפל דאַרף מען זאַלאָג? שפּאק".

5) פון ביבערן צו שפּאקן:
„קיין שום זאַלאָג. קומט צו פאָרן. ביבער".

6) פון שפּאקן צו ביבערן:
„כ'קום מיטן קוריער־צוג. שפּאק".

און שפּאק קומט צו פאָרן מיטן קוריער־צוג.

ח.

ווי דער לעזער האָט אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אַ נייעם פּאַרשוין — שפּאק

אַף וויפל מאַרקוס ביבער איז אַן עולם־הזהניק, אַף אַזוי פיל איז זײַן עלטערער שותף, אויסגעטאָן פון דער וועלט מיט אַלע אירע תענוגים און פאַרגעניגנס. שפּאק האָט פאַרקויפט די נשמה זײַנע צום שוואַרצן יאָר און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לײַב און לעבן צום געשעפט. ניט עסן, ניט טרינקען, ניט שלאָפן, נאָר געשעפט און געשעפט און געשעפט. זײַן ווײַב און קינדער זאָלן אַף אים ניט אַכטונג געבן, נאָכלויפן מיט גוואַלד, ער זאָל עפּעס עסן, וואָלט ער אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט. ער האָט אַזוי אויך אַ פּנים פון אַ רוח. אַליין איז דאָס אַ קליינס און אַ דאַרס און אַן

אײַנגעבױגנס, און אַ טבע האָט דאָס אַלע מינוט אָדער אַ פּינטל מיט די אױגן, אָדער אַ מאַך מיט דער נאָז, אָדער אַ הײב מיט די פּלײצעס. די געדראַנקען באַ אים תמיד פֿלִיִען, די געשעפֿטן פֿלִיִען, און אַלײן פֿליט ער אױך. און רײדן רעדט ער אַזױ גיך, אַז ער מוז איבערכאַפּן עטלעכע מאָל דאָס אײגענע צוריק, און איז שטענדיק אין כעס, ער װײס ניט אַף װעמען, ער װײס ניט פֿאַר װאָס, שמיצט זיך און װאַרפֿט זיך און שפּײַט — אַ שטיק משוגענער! נאָר, אין עצם, ניט קײן שלעכטער מענטש, האָט פֿײַנט כּבוד, קאָן ניט זען קײן טרערן און האָט ניט מורא פֿאַר קײן זאַך, נאָר פֿאַר אַ קאַץ און פֿאַר אַ דונער. אַט האָט איר אײַך דעם גאַנצן פּאַרשױן.

געקומען צו פֿאָרן פֿון באַן, ניט געשלאָפֿן אַ נאַכט, האָט שפּאַק געהאַט אַ שטיקל סכסוך מיטן קוטשער, זיך געשמיצט און געװאָרפֿן און געשפּיגן, און צום סוף געמוזט באַצאָלן צװײ מאָל אַזױ פֿיל, און אַפֿילו נישט אָפּגערוט, נישט אײַנגעװאַשן זיך, נישט איבערגעביסן, האָט ער אַ נעם געטאָן ביבערן אַף אַ זײַט:

— װאָס איז דאָס געשעפֿט װאָס? גיכער, װען גײט צוריק דער קוריער װען? װיפֿל האַלט דער זײגער איצטער, גיך?

— האָט צײַט. לאָמיר קאָרשט פֿריִער עפּעס נעמען אין מױל אַרײַן.

— בעט זיך באַ אים ביבער, און שפּאַק װערט אין כעס, װיל נישט הערן פֿון קײן זאַך: אָדער געשעפֿט, אָדער אַט זעצט ער זיך אױף און פֿאָרט צוריק אַהײם! אַף שפּאַקן איז צו גלײבן! מען זעצט זיך אַװעק, און ביבער דערצײלט דעם שותּף זײַנעם באַריכות, מיט אַלע אײנצעלהײַטן, אַ גאַנצע געשיכטע, װי אַזױ ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין „גראַנד־האָטעל", װי אַזױ ס'איז געקומען שבֿועות, װי אַזױ ער האָט זיך אָנגעהױבן נאָכפֿרעגן אַף אַ ייִדישן רעסטאָראַן, װוּ מע קאָן עסן מילכיקע בלינצעס, און אַזױ װײַטער, ניט דורכגעלאָזט קײן ברעקל, אַפֿילו דאָס קלײנע שװעסטערל, די אַלטע מיטן סידור, די צװײ קינדער, הערצל און מישאַ, די לאָזשע אין טעאַטער... די גאַנצע צײַט, װאָס דער יונגערער שותּף האָט דערצײלט, איז דער עלטערער געזעסן װי אַף הײסע קױלן, געפּינטלט מיט די אױגן, געמאַכט מיט דער נאָז און געהױבן מיט די פּלײצעס און געטריבן האַלדז־און־נאַקן: גיכער, גיכער! — ביז ס'איז געקומען צום רעכטן פּונקט, און

מארקוס ביבער האָט געפילט, אַז ס׳איז אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

זאָל איך אײַך גיין דערציילן, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען, אַז שפּאַק איז געוואָר געוואָרן פון דער גאַנצער מגילה דעם רעכטן שפּיץ, אַז זײַן יינגערער שותּף, מאַרקוס ביבער, פאָרשטייער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע״, וויל חתונה האָבן פאַר דער רעסטאָראַטאָרשע פון דער דאָזיקער אכסניה, וואָס האָט אַ שיין פּנים און קאָן מאַכן בלינצעס?... אַן אַנדערער אַף שפּאַקס אָרט וואָלט געווים אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און אויסגעבטלט אַלע חלומות אַף די שונאימס קעפּ. ניין, שפּאַק איז נישט אַזאַ מענטש, וואָס לאַכט. שפּאַקן האָט מען נישט געזען לאַכן שוין העכער פינף און צוואַנציק יאָר. שפּאַק האָט זיך געכאַפּט מיט ביידע הענט באַם קאָפּ און אָנגעהויבן לויפן הין און צוריק, ווי אַ משוגענער, אָן ווערטער. נאָכדעם ערשט האָט ער אָנגעהויבן ריידן — ניין, נישט ריידן, נאָר שפּריצן, שיטן מיט פײַער. געשוואָרן זיך, אַז ווען ער האָט צײַט, נעמט ער אים, ביבערן הייסט דאָס, און פירט אים אָפּ צום דאָקטאָר. נאָר אַזוי ווי ער האָט קיין צײַט נישט, די געשעפטן לאָזן ניט, טוט ער אַ שפּײַ און פאָרט־אַוועק אַהיים און לאָזט אים איבער דאָ, ביבערן הייסט דאָס, לאָז ער זיך אָנצינדן מיט זײַנע אכסניות און מיט די רעסטאָראַטאָרשעס און מיט די בלינצעס. לאָז אַלצדינג גיין קאַפּוט, אין דער ערד אַרײַן אַלע געשעפטן, אין דער ערד אַרײַן!!...

שפּאַק האָט אַזש צעשפּילעט דעם קאָלנער און פאַרוואָרפן דאָס שניפּסל פונעם האַלדז אַרויף אַף דער שאַפע — אַזוי אויפגעבראַכט איז ער געוואָרן אַף זײַן שותּף. און זײַן שותּף וואָס האָט געטאָן? גאָרנישט. געזעסן און געשוויגן. ביבער קען אים. ער ווייס, אַז שפּאַקן דאַרף מען לאָזן אויסשרײַען זיך, איבערקאָכן זיך, נאָכדעם קאָן מען מאַכן מיט אים וואָס מע וויל.

—שוין? — זאָגט צו אים ביבער. — אַצינד קומט־אַראָפּ אין רעסטאָראַן, וועלן מיר עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן.

און ביידע פאָרשטייער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע״ לאָזן זיך אַראָפּ אין רעסטאָראַן עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, זעצן זיך אַוועק צום טיש, און ביבער שטעלט פאָר דער מאַדאַם פּײַן זײַן עלטערן שותּף הער שפּאַק — און עס געשעט אַ נס...

ט.

די געשעעניש אַנטוויקלען זיך און אַ נייע פּערזאָן דערשיינט אויף דער סצענע

אין כישוף גלייבט איר? מע מוז אַמאָל גלייבן אין כישוף אויך. וואָרעם וואָס דען איז דאָס געשען מיט שפּאַקן? ווי איז אַהינגעקומען זיין משוגעת? גאָר נישט דער שפּאַק! שאַט, ער האָט גאָר אויפגעהערט פינטלען מיט די אויגן; אַ שעה צוויי איז ער אָפּגעזעסן מיט דער פּיין באַם טיש, גערעדט מיט איר פון אַלצדינג אין דער וועלט, גאָרנישט באַ־מערקט, ווי די צייט איז אַהינגעקומען. און אַז ער איז אַרויפגעקומען אַרויף, האָט ער אַ ביסל אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק מיט גיכע טריט, ווי זיין שטייגער איז, נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט קעגן ביבערן, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ צו דער סטעליע, אַריינגעלייגט די האַנט אונטערן קאָלנער און אַ זאָג געטאָן צו אים גיך, איבערחזרנדיק דריי מאָל אַ וואָרט:

— דאַרפסט נישט מאַכן קיין לאַנגע שהיות דאַרפסטו נישט מאַכן דו, און אַרויסרופן די מאַמע מיט אַ דעפּעש דאַרפסטו אַרויסרופן.

ביבער פאַרטעסטירט. וואָס איז ער עפּעס? אַ יינגעלע? אַ חתנדל, וואָס די מאַמע וועט קומען אים אָנקוקן אַ כלה? שפּאַקן איז אָבער שרעק־לעך איבערצושפּאַרן. לשון־געשעפט — לאָזט אים. אַ געשעפט פאַרשטייט ער בעסער. און עס פליט אַ דיפּלאָמאַטישע דעפּעש צו מאַדאַם ביבער:

„געשעפט פאָדערט אייער אָנוועזנהייט. קומט צו פאָרן. שפּאַק".

אויף דער דעפּעש קומט באַלד צוריק אַ דעפּעש:

„וואָס איז געשען? טעלעגראַפירט געזונט מאַרקוס. אומרויִק".

אויף דער דעפּעש פליט נאָך אַ דעפּעש:

„מאַרקוס פאָלקאָם געזונט. קומט צו פאָרן. שפּאַק".

אויף דער דעפּעש קומט צוריק אַ דעפּעש:

„כ׳פאָר מיטן קוריער־צוג".

נישט טויט, נישט לעבעדיק, קומט צו פאָרן די פרוי ביבער, די מו־טער פון אונדזער העלד, אַ באַיאָרטע, נאָך גאָר אַ שיינע פרוי, מיט אַ רידיקיול אין האַנט. פאַלט דעם זון אַפן האַלדז, דאַנקט גאָט, וואָס זי האָט

געטראָפן „מאַרקוסלען" אַ לעבעדיקן. אַז זי איז נישט געשטאָרבן אין וועג נאָר פון איבערטראַכטן אַליין, איז אַ סימן, אַז זי וועט נאָך, אם ירצה השם, לאַנג לעבן!

י.

אַלע דריי פאַרשוינען נעמען זיך צו זייער דיפּלאָמאַטישער אַרבעט.

שפּאַק, כאָטש ער איז אַ טרוקענער נפש, איז דאָך מער דיפּלאָמאַטיש ווי ביבער. ער האָט נישט דערציילט דער פרוי ביבער פון מאַרקוסעס ראָמאַן, פאַרשוויגן די גאַנצע מעשה. ער האָט נאָר צונויפגעפירטביידע פרויען אונטן אין זאַל באַם עסן — און גענוג. ס'איז שוין געווען נישט אַזוי גרינג זיי צו שיידן זיך. די אַלטע פרוי ביבער האָט זיך געטראַכט: „זעט נאַר! ווען גאָט שיקט מיר צו אַזאַ שנור, וואָס וואָלט איך וועלן נאָך פון זײַן ליבן נאָמען?"... מע קאָן זיך שוין פאָרשטעלן די טרערן, וואָס האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן, אַז שפּאַק האָט זי נאָכדעם דיפּלאָמאַטיש צוגעגרייט, אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, און אַז „מאַרקוסל" אַליין האָט איר אַנטפּלעקט דעם סוד, אַז ער איז שטערבלעך פאַרליבט אין דער מאַדאַם פײַן, און אַז ער וואַרט נאָר, וואָס זי, די מאַמע זײַנע, וועט זאָגן?.. די אַלטע פרוי ביבער איז ווידער אַ מאָל געפאַלן איר זון אויפן האַלדז, געדאַנקט גאָט, וואָס זי האָט דערלעבט דעם נחת, אויף וועלכן זי קוקט אַרויס שוין לאַנג, שוין גאַנץ לאַנג... אמת, דער שידוך איז נישט פון זייער גראַד, נאָר ווער קוקט דערויף? ס'איז הײַנט אַן אַנדער וועלט געוואָרן... לאָז גאָט געבן, ס'זאָל זײַן מיט גליק.

— אָמן! — רופט זיך אָפּ שפּאַק. — אַצינד איז געבליבן נאָר אײן זאַך איז געבליבן אַצינד: מע דאַרף איבעררײדן דאַרף מען מיט איר מכח דעם דאָזיקן געשעפט מכח, און טאַקע באַלד טאַקע, מאַרקוס, ווי האַלט דער זייגער ווו?...

דעם פּשט פון שפּאַקס ווערטער האָט מען באַדאַרפט פאַרשטײן אַזוי: „מיט אַן אַלטן בחור טאָר מען לאַנג נישט שפּעקולירן"... און אַלע דרײַ פאַרשוינען קוקן איינס אויף דאָס אַנדערע, פאַרשטייען זיך אָן ווערטער.

עס איז שוין געווען שפּעטלעך אין דער נאַכט, אַז אונדזערע דרײַ

פאַרשווינען, ביידע שותפים און די אַלטע פרוי ביבער מיטן גרויסן רידי־קיול, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן אין רעסטאָראַן אַרײַן עפּעס עסן, און טאַקע דאָרטן שוין איבעררײדן מיט דער מאַדאַם פֿײַן מכּה אַבצן און דרײַצן. אין זאַל איז נישטאָ קיינער. נאָר אין אַ ווינקעלע, ווי אַלע מאָל זיצט די אַלטע מאַמע מיט די זילבערנע ברילן איבער איר גראָבן סידור. ביידע שותפים זעצן זיך אַוועק צום טיש, און די מאַדאַם ביבער רוקט זיך צו אַף אַ ווײַלע צו דער אַלטער, פאַרגייט צו איר מיט רייד, פֿוּן־ער וועגן גלאַט אַזוי שטובזאַכן, ווירטשאַפט, נעכטיקע טעג, ביז זי קומט אַרויף אַף קינדער, טאַפּט־אויס באַ דער אַלטער, וויפֿל ס׳איז מעגליך, אַלע מעלות פון איר טאָכטער און פאַרגעסט ניט בשעת־מעשה אויסצורע־כענען פאַר איר די מעלות פון איר זון, ניט ווײַל ער איז אירער אַ זון, און נאָך אַ בן־יחיד דערצו, — אַלע וועלן דאָס אַף אים זאָגן, אַז ס׳איז דער צווייטער צו אים נישטאָ אין דער וועלט. אַ מענטש אָן אַ גאַל. אַן אָפענע האַנט. אים אַז עמעצער געפעלט, איז די זעל מיט דער נשמה. גליק־לעך וועט זײַן יענע, וואָס וועט אַרײַנפאַלן צו אים, אין זײַן גורל אַרײַן — דאָס טעלערל פונעם הימל!...

די אַלטע מיטן גראָבן סידור האָט אפילו ניט רעכט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס יענע לויבט אַזוי אין טאָג אַרײַן איר זון, דאָך האָט זי אָנגע־שטעלט אַף איר די זילבערנע ברילן און הערט זי אויס ביזן סוף. דאָס הייסט, ביז די פרוי ביבער שלאָגט זיך אָליין ניט איבער די רייד, קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן און טוט אַ פרעג:

— ווו איז אײַער טאָכטער?

די אַלטע טוט־אויס די זילבערנע ברילן:

— איר דאַרפט זי? אָט גיי איך זי אַ רוף טאָן. זי איז באַ זיך מיט די קינדער, מאַכט מיט זיי די „אוראָקעס".

— ניין, ניין. למאי זאָל איך אײַך מטריח זײַן? אָט וועל איך בע־סער אַליין אַרײַנגיין צו איר אַף אַ ווײַלע. ווײַזט מיר נאָר, ווו דאָס איז?

און די פרוי ביבער נעמט איר רידיקיול און לאָזט זיך אַראָפּ אַף אַ ווײַלע צו דער מאַדאַם פֿײַן.

לאָמיר אָקאָרשט איבערלאָזן די ווײַבער אַף שפּעטער און זיך אומ־קערן צו אונדזערע מאַנצבילן. זיי זײַנען בילכער: מאַנצפאַרשווינען!

יא.

עס שווימט אַרויף אַ באַקאַנטער פּאַרשוין, און אונדזערע צוויי שותפים ווערן שטאַרק איבעראַשט.

אונדזערע צוויי שותפים, ביבער און שפּאַק, ביידע פּאָרשטייער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע”, זײַנען זיך דערווײַל געזעסן באַם טיש, זייער געהויבן און יום־טובדיק געשטימט, און געשמועסט ווענן געשעפט. דאָס הייסט, שמועסן האָט געשמועסט, אייגנטלעך, נאָר שפּאַק, וואָרעם שפּאַק, אַז ער רעדט פון געשעפט, איז נישט נאָר ער רעדט מיט אַלע זײַנע צוויי הונדערט אַכט און פערציק אברים, נאָר עס ריידן מיט אים די ווענט. שפּאַק האָט ליב געשעפט נישט דערפאַר, ווײַל ער איז אַזוי להוט נאָך געלט. געלט — מהיכי־תיתי, ווער האָט עס נישט ליב קיין געלט? דער עיקר איז אָבער בײַ אים געשעפט! געשעפט איז בײַ שפּאַקן, ווי, אַשטייגער, בײַ אַ שאָכשפּילער — שאָך, ווי בײַ אַ שכור — ווײַן, אָדער, איך בעט איבער אײַער כבוד, ווי בײַ אַן אויסגעלאַסענעם עולם־הזהניק — שיינע מיידלעך... מע קאָן זאָגן, אַז שפּאַק איז פאַר־ליבט אין געשעפט — און אַ סוף! אין דעם, ווי שפּאַק רעדט, קומט־אַרײַן אין זאַל אַ פּאַרשוין און פאַרנייגט זיך צו די שותפים גאַנץ העפ־לעך. אונדזער העלד, מאַרקוס ביבער, הייבט־אויף די אויגן און קוקט־אָן דעם אַרײַנגעקומענעם פּאַרשוין. אַ? דאָס איז זײַן וויז־אַ־ווי פונעם טיש, דער יונגערמאַן מיטן ענגן קאָלנער. ווי קומט ער אַהער? און אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? דערזען, אַז מע קוקט אַף אים זייער שטאַרק, איז דער יונגערמאַן מיטן ענגן קאָלנער געבליבן שטיין ניט אַהין, ניט אַהער, פאַר־שוויצט, רויט ווי פײַער, און די אויגן — אָט־אָט שפּרינגען זיי אַרויס! פאַר רחמנות בעט אים ביבער זיצן, שטעלט זיך אים פאָר:

— מיר זײַנען, דאַכט זיך, שוין באַקאַנט. מאַרקוס ביבער. און דאָס איז מײַן קאָמפּאַניאָן, שפּאַק.

דער יונגערמאַן פונעם ענגן קאָלנער פאַרנייגט זיך נאָך אַ מאָל גאַנץ העפלעך און שטעלט זיך אויך פאָר פאַר די שותפים:

— פײַן.

— פײַן?

— פײַן.

— קערט איר זיך נישט אָן עפּעס אַ פרײַנט מיט דער מאַדאַם פײַן?

דער יונגערמאַן פון דעם קעלנער זאָל דאָס אײַך באַווײַזן אַפילו אַ סימן פון אַ שמייכל. ער קוקט מיט אַ פּאָר קײַלעכדיקע קעלבערנע אויגן גלײַך ביבערן אין פּנים אַרײַן:

— די מאַדאַם פײַן איז מײַן פרוי, דאָס הייסט, איך בין איר מאַן.

ווי אַזוי האָט זיך געפילט אונדזער העלד, אַז ער האָט דערהערט אַזאַ מין בשורה, דאַרף דער לעזער, דאַכט מיר, שוין אַליין טרעפן. ווי־באַלד אַז לוטס ווײַב איז געוואָרן אַ שטיק זאַלץ, איז פון ביבערן געוואָרן אַ שטיין. גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען דער שותף זײַנער. שפּאַק האָט אָנגעהויבן מיט אַ מאָל שטאַרק פינטלען מיט די אויגן, מאַכן מיט דער נאָז, הייבן די פּלייצעס, שפּײַען און שפּריצן און איבערזעצן זיך פון איין בענקל אויפן אַנדערן. אַ פּײַער האָט זיך אָנגעצונדן אין שפּאַקן און אַ מוראַדיקע שנאה צום יונגענמאַן פונעם קעלנער. מע זאָל אים לאָזן, וואָלט ער אים אויפגעהאַנגען אָט דאָ, אין מיטן זאַל, אויפן הענגלאָמפּ. און דער יונגערמאַן נעבעך, גאָט די נשמה שולדיק, זעצט זיך אַקעגןביידע שותפים און קוקט ווי אַ זינדיקער מענטש, גלײַך אין די אויגן אַרײַן. לאָמיר אי־בערלאָזן אַקאָרשט די מאַנצפּאַרשוינען און אַ קוק טאָן אויף אַ ציקאַווועסט, וואָס טוט זיך דאָרטן, בײַ די ווײַבער?

יב.

דאָס רעדל, וואָס האָט זיך מאָדנע אַ דריי געטאָן מאַכט אַ סוף צום ראָמאַן

די פרוי ביבער, אַז זי איז אַרײַנגעטראָטן מיטן רידיקיול אין האַנט צו דער מאַדאַם פײַן, האָט זי געטראָפן זי זיצן מיט אירע צוויי קינדער די גימנאַזיסטלעך איבער אַ ביכל. די פרוי ביבער בלײַבט שטיין אַ ווײַלע אויף דער טיר. אפשר שטערט זי זיי? מאַדאַם פײַן שטייט־אויף. זי האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ גאַסט. זי בעט זי זיצן. אפשר וועט זי טרינקען טיי? ניין, די פרוי ביבער דאַנקט. זי דאַנקט פאַר דער טיי. אַך, וואָסערע שיינע, וואָסערע ליבע קינדערלעך בײַ איר; אַזעלכע קינדער אַז מע האָט, איז אַ ברכה פון גאָט. זי האָט גאָט געשטראָפט. נישט געגעבן איר קיין סך קינדער. נאָר איינעם, אַ בן־יחיד. מאַרקוס — דאָס איז איר איינ־

ציקער טרייסט. איין אויג אין קאָפּ. איינער — אָבער אַ גראַטענער. ווי געפעלט ער איר?

— ווער?

— מארקוס. מיין זון מיין איך.

— דער הער ביבער? אַ! זייער־זייער אַ פיינער מענטש. און אַ ליבער מענטש. מיינע קינדער זיינען פארליבט אינעם הער ביבער. דער הער בי־בער באַלעוועט זיי צופיל. אַנומלטן זיי גענומען אין טעאַטער...

— אין טעאַטער? כאַ־כאַ! דאָס איז אַ קלייניקייט. איר קענט אים נאָך ניט. אַ מענטש אָן אַ גאַל. און אָן אָפּענע האַנט. אים, אַז עמעצער געפעלט, איז די זעל מיט דער נשמה. גאָט מעג אים העלפן פאַר זיין גוט האַרץ. ער פאַרדינט, אַז מע זאָל אים ליב האָבן. גליקלעך וועט זיין יענע, וואָס וועט אַריינפאַלן צו אים אין גורל אַריין. דאָס טעלערל פונעם הימל!... וואָרעם זיין גוטסקייט, זיין געטריישאַפט און זיין ליבשאַפט האָט דען אַ גרונט? איך בין אַ מאַמע, און ווער ווייס נאָך אַזוי איר קינד, ווי אַ מאַמע? אָט בין איך דאָ נאָך נישט קיין טאָג אפילו, און קאָן אייך זאָגן, הערט איר, אַז זיין האַרץ און זיין נשמה און ער אַליין געהערן אינגאַנצן, אינגאַנצן צו אייך.

—צו מיר?!

— צו אייך, צו אייך, מיין קינד. איך פאַרשטיי אייך, איך גיי אַריין אין אייער לאַגע, איך פיל אייער האַרץ, און עס וווּנדערט מיך נישט, וואָס איר זייט רויט געוואָרן...

— מאַדאַם ביבער...

— איר דאַרפט זיך נישט פאַרענטפערן. איך פאַרשטיי אייך גאַנץ גוט. איך בין אַליין אויך אַ פרוי. איך בין אויך געווען אַמאָל יונג און שיין. מע האָט מיך אויך אַמאָל ליב געהאַט. שעמען זיך פאַר מיר דאַרפט איר ניט. וואָרעם איך בין אַ מאַמע און בין אים געטריי, און וויל אים זען גליקלעך. איך ווייס, אַז אין אייך וועט ער געפינען דאָס אמתע גליק, וואָ־רעם נישט איך און נישט ער אַליין ווינטשט זיך נישט קיין בעסערן זיווג, קיין בעסערע פרוי, ווי איר...

— מאַדאַם ביבער! גאָט איז מיט אייך!...

— לאָז גאָט זיין מיט אונדז אַלעמען, קינד מיינס! רוף מיר נישט

מאַדאַם ביבער, רוף מיך בעסער מוטער, וואָרעם איך בין דיר אַ מוטער. גלײַך ווי אים. איר זײַט מײַנע קינדער, איך בין אײַער מוטער. אויב ס'איז דיר נישט שטאַרק פּריקרע, קום אַהער, וועלן מיר זיך צעקושן אין די פּיסקלעך, און לאָמיר נאָך הײַנט אַף דער נאַכט ברעכן טעלער.

די מאַדאַם פײַן שטייט־אויף, נאָר אַנשטאָט דעם, זי זאָל צוגיין צו דער פרוי ביבער, טרעט זי אָפּ צוריק. אירע אויגן ברענען פאַר כעס, נאָר דאָס פּנים לאַכט. זי כאַפּט בײדע קינדער פאַר די הענטלעך, גלײַך ווי עמיעצער וואָלט זיי וועלן בײַ איר אַוועקנעמען...

— מאַדאַם! איר רעדט נאַרישקייטן! איך האָב אַ מאַן!

— האַ? וואָס?... איר? איר האָט אַ מאַן?...

— ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

— וו?... ווער?...

— ווער? ער איז אין אַ געשעפט, ער איז אַ בוכהאַלטער...

די פרוי ביבער איז געוואָרן אויפגעשטאַנען, זעצט זי זיך אַוועק צו־ריק אַפן בענקל, עפנט־אויף דעם רידיקיול, פאַרמאַכט אים צוריק און עפנט אים אויף נאָך אַ מאָל, זי ווייס נישט צוליב וואָס.

עס האָט זי באַשלאָגן אַ קאַלטער שווייס.

✡ ✡ ✶

אין אַ באַזונדער קופּע, ערשטער קלאַס, זיצן דרײַ פּאַרשוינען. דער צוג פליט, די רעדער קלאַפּן, די פּאַסאַזשירן שווײַגן. איינע, אַ באַיאָרטע, נאָך אַ שיינע פרוי, מיט אַ רידיקיול אין האַנט און מיט אַ קישעלע צו־קאָפּנס, האַלט צוגעמאַכט די אויגן, מאַכט זיך, ווי זי שלאָפט. אַקעגן זיצט איינער אַן אויסגעטריקנטער נפש איבער אַ גאַנצן פּאַק מיט חשבונות, פינטלט מיט די אויגן, מאַכט מיט דער נאָז און הייבט מיט די פּלייצעס, רעכנט כלומרשט, רעדט שטילערהייט מיט זיך אַליין. מיטן פּנים צום פענצטער, די הענט אַרונטער, שטייט דער דריטער, אַן עלעגאַנטער פּאַר־שוין, און קוקט, ווי סלופּעס, שטיבער, ביימער, וועלדער, פעלדער פליִען פאַרביַי, און ווערן פאַרשווונדן.

„אָט אַזוי לויפן, פליִען די טעג, די יאָרן — טראַכט ער זיך — די בעסטע יונגע יאָרן"...

געשריבן אין יאָר 1909

קנאָרטן

א מעשה פון אן אַלטן אפּיקורס, איבערדערציילט לכבוד חנוכה

הײַנט זײַנען קאָרטן א װאָכעדיקער גאַנג.

װוּ שפּילט מען הײַנט ניט אין קאָרטן? װען שפּילט מען הײַנט ניט אין קאָרטן? און װער שפּילט הײַנטיקע צײַטן ניט אין קאָרטן?

אַמאָל, אויב איר האָט אין דעם א געפיל, האָט מען בײַ אונדז גע־שפּילט אין קאָרטן נאָר איין מאָל אין יאָר — חנוכה.

דאָס הייסט, אז מע וויל צוריק, פלעגט מען אַמאָליקע צײַטן כאַפּן אין מיטן יאָר אויך אַמאָל א קערטל, און א רעכט קערטל! א װאָרעמס! נאָר װוּ? בחדרי־חדרים! בסוד־סודות!

אָדער װינטער אין חדר, אויב איר האָט אין דעם א געפיל, בין מנחה למעריב, אז דער רבי איז געװען אין קלויז און געװאָרעמט זיך בײַ דער לעזשאַנקע, כלומרשט געלערנט „עין־יעקב" פאַר די בעלי־מלאכות; אָדער זומער אין א פינצטערער שטאָל, בײַ א שפּאַרונקעלע פון דער טיר; אָדער גאָר אונטערגעקויפט געצל דעם שמש, א ייִד א הויקער און א יאָ־דישליװער דערצו, און פאַרשלאָסן זיך גאַנץ אויבן, אין דער װײַבערשער שול, איבערגעקערט א סטענדער, מחילה, מיטן פּנים אַראָפּ, און װאַלײַ אין „סטאַרשי קאָזיר", אָדער אין „איין־און־דרײַסיק", אָדער אין „טער־טל־מערטל"!

ריבה־לאה די גבאיטע, זכרונה לברכה, זי איז שוין לאַנג אױף דער אמתער װעלט, האָט געפונען בײַ זיך איינמאָל אין סטענדער א זאַך — איז זי שיער ניט אַנידערגעפאַלן חלשות: װער האָט עס איר געקאָנט אונ־טערוואַרפן אַזאַ זאַך אין סטענדער אַרײַן?!...

זי איז אַרויסגעלאָפן אַף דער גאַס, זיך געלאָזט איבער דער שטאָט, און, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, געמומען שרייען:

— גוואַלד, ייִדישע קינדער, ראַטעוועט! גוואַלד, אַן אומגליק! אַ בלבול! קומט, וועל איך אייַך עפּעס ווייַזן, וועט איר זען!

ווו אַן אומגליק? און וואָס פאַר אַ בלבול? — האָט מען באַ ריבה־לאהן נישט געקאָנט דערגיין בשום אופן.

— קומט, קומט מיט מיר, וועל איך אייַך ווייַזן!

און אָט אַזוי האָט זי, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, צונויפגעזאַמלט אַרום זיך אַן עולם, קיין עין־הרע, פונעם רב מיטן דייַן מיטן שוחט מיטן חזן, ביז די איבעריקע וּשובע בעלי־בתים פון שטאָט.

פאַרשטייט זיך, אַז מע האָט דערזען, ריבה־לאה די גבאיטע גייט און עס גייען איר נאָך דער רב מיטן דייַן מיטן שוחט מיטן חזן מיט נאָך בעלי־בתים, האָט שוין דער פּראָסטער עולם גענומען גיין זען, וואָס טוט זיך דאָרט. און ווייַבער און יונגעלייַט און ייִנגלעך זייַנען אויך געוועזן ציקאַווע זען, וואָס איז דאָרטן. און מע איז אַוועק אַלע מיט ריבה־לאהן — שוחט מיטן חזן, ביז די איבעריקע חשובע בעלי־בתים פון שטאָט.

איר קאָנט אייַך פאָרשטעלן, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, וואָס פאַר אַ פחד ס'איז געפאַלן אַף דער שטאָט. ייִדן האָבן געמיינט, אַז ס'איז זיכער אַן אומגליק: אָדער אַ ממזר האָט מען זיי אונטערגעוואָרפן, אָדער אַ געהאַנגענעם האָט מען געפונען, אָדער, חס־ושלום, אַן עלילת־דם, אָדער אַזוי עפּעס אַ צרה אַף דער שטאָט...

ניט טויט, ניט לעבעדיק, האָט מען אַרויפגעקלערטערט אַף דער ווייַבערשער שול, ריבה־לאה די גבאיטע אַף צו־פריִער, דער רב מיטן דיין מיטן שוחט מיטן חזן נאָך איר, און נאָך זיי דער איבעריקער עולם.

— ווו? ווו איז דער בלבול? — האָט דער עולם געפרעגט באַ ריבה־לאה דער גבאיטע, זיך צוגעהערט, טאָמער וועלן זיי דערהערן אַ קול פונעם ממזר, אָדער דערזען הענגען אַ מענטשן, אָדער גאָר, חלילה, סימנים פון בלוט, וואָס שונאים האָבן אונטערגעוואָרפן, בכדי צו ברענגען אַן אומגליק אַף דער שטאָט.

און שטעלט אייַך פאָר, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, ווי איבעראַשט מען איז געוואָרן, אַז אַנשטאָט אַ לעבעדיקן ממזר און

אנשטאָט אַ געהאַנגענעם און אַנשטאָט בלוט, האָט מען דערזען אַ מאָדנע זאַך בײַ ריבה־לאה דער גבאיטע אין סטענדער: אַ גלח מיט אַ שוואַרצן צלם! און נישט נאָר איין גלח, נאָר צוויי גלחים מיט צוויי צלמים: איין גלח פון אויבן, דער אַנדערער גלח פון אונטן!...

אַלע האָבן זיך אָנגעבויגן, אַרײַנגעקוקט צו ריבה־לאהן אין סטענ־דער אַרײַן: פריִער דער רב, דער דיין, דער שמש, דער חזן, דערנאָך די חשובע בעלי־בתים, און דערנאָך שוין דער גאַנצער איבעריקער עולם, איינס נאָכן אַנדערן. אַ קוק — און אַוועק. וואָרעם נעמען צורירן זיך צו דעם מיט די הענט — דערויף איז קיינער קײַן בעלן נישט געווען. אַ חוץ איין וועלוול ראַמשעוויטש, דעם חזנס איידעם.

וועלוול ראַמשעוויטש, אַז ער האָט נאָר אַ קוק געגעבן, איז ער גע־וואָרן מלא גדולה, האָט זיך צעלאַכט און אויסגערופן מיט אַ שמחה:

— ס'איז גאָרנישט, ס'איז אַ געלעכטער. ס'איז דער מלך טרעף!...

— וואָס הייסט עס מלך טרעף?

— ס'איז אַ קאָרט פון קאָרטן, אַ שפּיל, וואָס מע שפּילט...

— ווי זשע קומט זי אַהער, אין דער ווײַבערשער שול, בײַ ריבה־לאה דער גבאיטע אין סטענדער? איז איין מאָל אַוועק. והשנית, פון וואַ־נען ווייסטו, דעם חזנס איידעם, וואָס איז אַזעלכעס אַ קאָרט? און אַז זי הייסט מלך טרעף? און אַז דאָס איז אַ שפּיל, וואָס מע שפּילט?...

אוודאי האָט מיין וועלוול דערזען נעבעך, אַז ער איז דאָ מיאוס אַרײַנגעפאַלן, איז ער געוואָרן, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, אַלערליי קאָלירן און האָט גענומען בעלעבעטשען מיט דער צונג „בע״ און „מע״, אַהין, אַהער, אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך נישט געקלעפּט, — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז...

נאָר נישט דאָס איז דער עיקר, וואָס איך האָב אײַך געוואָלט דער־ציילן. דאָס איז אַ חוץ אַ מעשה, וואָס מיר ליגן אָפּ אָף אַן אַנדערט מאָל. עס איז נישט מער, ווי אַ מאמר המוסגר, ווי עס רופט זיך, אַ מין אַרײַנ־פּאָר צו אונדזער געשיכטע פון די „קנאָרטן״. איך האָב נאָר געוואָלט ווײַזן, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, ווי ווײַט קאָרטן זײַנען אַמאָל געווען טרפה און ווי ווײַט מע פלעגט זיך דאַרפן מיט זיי היטן.

איין וואָך אין יאָר איז נאָר געווען אַ גליקלעכע, וואָס דעמאָלט האָט

מען געקאָנט באַ אונדז שפּילן אין קאָרטן פראַנק און פרײַ, בפרהסיה.

דאָס איז געווען די וואָך פון חנוכּה.

און וויבאַלד מע שמועסט פון „פרײַהייט״, איז דאָך ניט שײַך! האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אַ גאַנצע חברה יונגעלײַט, איינס און איינס, טאַקע באַ וועלוול ראַמשעוויטש אין שטוב. ער איז שוין דעמאָלט געווען, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, אַ חברה־מאַן, וואָס האָט זיך אָפּגעשאָרן באָרד און פּאות דווקא אום ספירה־צײַט, געראויכערט שבת אַ פּאַפּיראָס דווקא אַפן גאַנעק, און געגעסן אַ גויִשן קאָלבאַס דווקא אין די נײַן טעג — און רופט מיך קנאַקניסל!

און זײַן ווײַב, היהלע, דעם חזנס טאָכטער, האָט זיך מיישב געווען און האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם פּאַריק און געבליבן אין אירע אייגענע דווקא געלע האָר, און האָט באַשאָטן מיט פּודער איר דווקא געשטופּלט פּנים, און טאָג ווי נאַכט מיט יונגעלײַט: כאַ־כאַ־כאַ און כאַ־כאַ־כאַ, באַוויזן אַלעמען דווקא אירע שוואַרצע ציין.

„דאָס קלײַזל״ — אַזוי האָט געהייסן באַ אונדז ראַמשעוויטשעס שטוב — איז געווען אָפּן פאַר אַלע יונגעלײַט פון שטאָט. דאָרט האָט מען געקאָנט לייענען אַ בלאַט־צײַטונג, אַ פּסולדיק ביכל, רייכערן שבת אַ פּאַפּיראָס, אין אַ תּענית זיך טריף מאַכן מיט אַ קאָלבאַס — און דער עיקר כאַפּן אַ קערטל.

קאָרטן האָבן זיי ביידע ליב געהאַט, אי ער, אי זי; זי נאָך מער, ווי ער. זי האָט געברענט, געווען אש־להבה! אַ סברה, אַז זיי האָבן געלעבט דערפון... מחמת זי האָט כּסדר געהאַלטן אין איין געווינען. ס'איז איר געגאַנגען אין קאָרט, און אַן עק! שטענדיק איז באַ איר געווען טריומף. אַלע מאָל די בעסטע קאָרטן, אַלעמען האָט זי געשלאָגן, און גייט טוט איר עפּעס!

אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, וואָס הייסט אַן איידעמל אויף קעסט, באַדאַרף איך אײַך זאָגן, אַז צוליב איר, צוליב אָט דער היהלע מיט די רויטע האָר און געשטופּלטן פּנים, האָט ניט איין איידעמל, וואָס איז געזעסן אויף קעסט, פאַרשפּילט דאָס גאַנצע נדן מיטן ווײַבס פּערל און געמאַכט דעם שווער פאַר אַן אָנזעצער.

מיט איינעם אזא אן איידעמל האָט זי אָפּגעשפּילט איינמאָל אַ גאַנצן ווינטער אין אָקע און געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך גטן מיטן ווײַב — אַ בילד, אַ קראַסאַוויצע — און אַריבער צו איר אַף קעסט... איז געוואָרן אין שטאָט אַ וויצעקו! וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? חושך ואפלה!...

נאָר דאָס געהער זיך נאָך אויך נישט אָן מיט אונדזער געשיכטע פון די „קנאָרטן”. נישט מער איך בין צוגעטראָטן צום סאַמע רעכטן אָרט, ווו די מעשה האָט זיך געטראָפן. דאָס הייסט, די געשיכטע, וואָס איך וויל אײַך דערציילן, איז פאָרגעקומען טאַקע אין דעם „קלײַזל”, וואָס איך זאָג אײַך, — באַ די ראַמשעוויטשעס אין שטוב, און געווען איז דאָס דעם ערשטן טאָג חנוכה.

זײַנען מיר, אַלזאָ, געזעסן דעם ערשטן טאָג חנוכה אין „קלײַזל” באַ די ראַמשעוויטשעס און געשפּילט, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, אין אונדזער כשרן ייִדישן שפּיל — אין אָקע.

און געשפּילט האָבן מיר דאָרטן, דאַרפט איר וויסן, כתותוויַיז, פּאַר־טיעסווײַז. איין פּאַרטיע האָט אָפּגעשפּילט, די אַנדערע האָט זיך געזעצט שפּילן. אַלע מאָל אַזוי. ווער ס'האָט געשפּילט אינדערפרי, ווער — באַ־טאָג, און ווער — אַף דער נאַכט. און מיט יעדער קאָמפּאַניע האָט גע־שפּילט איינער פון די ראַמשעוויטשעס. אַמאָל ער, און אַמאָל זי, און אַמאָל זיי ביידע. באַנאַכט, אַז ער איז געשלאָפן, האָט זי געשפּילט, און אַז זי איז געשלאָפן, האָט ער געשפּילט. און אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז זיי זײַנען אַ נאַכט און צוויי נעכט און דרײַ נעכט ביידע נישט געשלאָפן, ביידע געשפּילט. סײַדן אַף אַ האַלבע שעה אָפּגעטראָטן אַף אַ זײַט און צווישן איין קאָן און דעם אַנדערן, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, אָנגעשפּאַרט זיך און געכאַפּט אַ דרעמל...

צושפּאַרן זיך און כאַפּן אַ דרעמל — דאָס האָט געקאָנט יעדער פון די געסט אויך. ווער עס האָט פאַרכאַפּט פריִער אַן אָרט אַף צו צושפּאַרן זיך — דער האָט געכאַפּט אַ דרעמל.

דאָס אייגענע איז געווען אויך מיטן עסן. אַפן טיש איז תמיד גע־שטאַנען אַ פלעשל מיט אַ גלעזל, אַלערליי געזאַלצנס און אָנגעשניטע־נער קאָלבאַס, און, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, איז כל דכפין — ווער עס וויל, דער קאָן גיין עסן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלצדינג איז געווען על חשבון הקאָרטן. פון יעדן קאָן האָט מען אָראָפּגענומען אַלע מאָל „מויד־געלט", פאַר דער מויד הייסט עס, כאָטש אין „קלײַזל" איז נישט געווען קיין שום מויד. די ראַמשעוויטשעס האָבן זיך ניט געניטיקט אין קיין דינסט. קיין מאָל־צײַטן האָט מען נישט געקאָכט, קיין בעטן נישט געבעט, די שטוב נישט געקערט. ס'איז נישט געווען קיין צײַט גערויף. הײַנט צו וואָס א מויד? פון דעסטוועגן האָבן די ראַמשעוויטשעס נישט דורכגעלאָזט קיין שפּיל אָן „מויד־געלט". אַלע האָבן געוווסט, אַז דאָס גייט אַף דירה־געלט, אַף הייצונג, אַף קאָרטן און אַף פאַרבײַסן. לעבעדיקע מענטשן. א לעבעדיקער מענטש דאַרף עסן. דערפון קאָנט איר שוין פאַרשטיין, אויב איר האָט אין דעם א געפיל, אַז עסן און טרינקען האָט איר דאָרט געקאָנט ווען און וויפל אײַער האַרץ גלוסט...

דאָס זעלבע אויך מיט פּאַפּיראָסן. גאַנצע קאַסטנס מיט פּאַפּיראָסן — און ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט געבלאָזן. און מער פון אַלע האָבן גערייכערט די ראַמשעוויטשעס אַליין, ער און זי, זי נאָך מער פון אים. איך קאָן מיר גאַרנישט פאָרשטעלן חיהלע ראַמשעוויטש אָן א פּאַפּיראָס אין מויל. דערצו דאָס אָנגעפּודערטע געשטופּלטע פּנים מיט די נישט־פאַרקעמטע רויטע האָר, מיט די נישט־דערשלאָפענע אונטערגעשוואָלענע אויגן, און דער שטענדיק בלויער רויך, וואָס אין שטוב, מיטן טומל, מיטן הו־הא, — אָט דאָס אַלץ אינאיינעם, אויב איר האָט אין דעם א געפיל, קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, ווי דאָס „קלײַזל" האָט אויסגעזען חנוכה, ווען מע קאָן שפּילן אין קאָרטן פראַנק און פרײַ און מע דאַרף זיך נישט באַהאַלטן און נישט מורא האָבן פאַר א גוט אויג...

איך בין יענעם טאָג געווען פון דער דריטער אַשמורה, דאָס הייסט, פון דער קאָמפּאַניע, וואָס האָט זיך געזעצט שפּילן דעם ערשטן טאָג חנוכה אַף דער נאַכט, צום צווייטן ליכטל, און נישט אויפגעשטאַנען פון טיש, ביז מע האָט באַדאַרפט אָנצינדן דאָס דריטע ליכטל, און אַביסל ווײַטער...

געבענטשט חנוכה־ליכטלעך האָט נישט דער בעל־הבית, וועלוול ראַמ־שעוויטש, חלילה, נאָר איינער פון די געסט: אלי ראַפּאַלסקי, א יונגערמאַן

אַ צאַצקע, אַן איידעם אַף קעסט, וואָס האָט ליב אַ קערטל, נאָר פון ייִדישקייט אָפּטרעטן — דאָס ניט. און די ראַמשעוויטשעס האָבן געהאַט זייער אַ ווילע טבע: ס'איז נישט זייער עסק. איר מעגט אײַך זײַן וואָס אין דער קאָרט, אָדער, פאַרקערט, איר קאָנט אײַך זײַן פרום, ווי זיבן שדים — אַבי איר האָט אין קעשענע און שפּילט אין אָקע און ס'איז דאָ נאָך פּלאַץ אַף נאָך אַ האַנט, — איז ברוכים הבאים, מיטן גרעסטן כבוד! אַזוי פיל מכות מײַנע שונאים און אַזוי פיל גליקלעכע יאָר מיר, וויפל מאָל עס האָט זיך געמאַכט, מיר האָבן אָפּגעשפּילט מיט מענטשן, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, פינף נעכט מיט פינף טעג דורכאַנאַנד און זיך צעגאַנגען און נישט געוווּסט, ווער זיי זײַנען און וואָס זיי זײַנען און פון וואַנען זיי זײַנען און וווּהין זייער געביין איז אהינגעקומען. אַ קאָרט איז נישט קיין שידוך. מע קאָן זיך זייער שיין שפּילן אין אָקע „בלינד“ און נישט וויסן יענעמס יחוס.

אַלזאָ, זײַנען מיר געזעסן און געשפּילט אין אָקע, פאַרטיפט אין דער אַרבעט אַזוי שטאַרק, אַז מיר האָבן גאָר נישט באַמערקט, ווי עס זײַנען אַרײַנגעקומען צוויי פּאַרשוינען, גאָר אַזעלכע מאָדנע און נישט קיין געוויינלעכע, אַז ווי נאָר מיר האָבן דערהערט זייער „גוט יום־טוב“ און אויפגעהויבן אַף זיי די אויגן, זײַנען מיר אַלע געבליבן, ווי געפּלעפט, אָן הענט און אָן לשון.

ווילט איר דאָך וויסן, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מין פּאַרשוינען אַזעלכע, וואָס מע דאַרף זיך פאַר זיי דערשרעקן? וועל איך אײַך זיי אָפּמאָלן, ווי ווײַט מעגלעך, אין קורצן.

איינער אַ ייִד אַ הויכער, אַ לאַנגער, אַ שמאָלער, אין אַ זײַדענער זשופּיצע; פּאות — לאַנגע, שמאָלע, פלעכטלדיקע, ביזן גאַרטל; אַפן קאָפּ אַ שטרײַמל; און אַ באָרד מיט אַ פּאָר וואָנצעס אַזעלכע, וואָס אַז מע באַגעגנט זיך מיט אַזאַ נפש באַנאַכט אין דער פינצטער, אין אַ שמאָל געסל — מעג מען לייענען קריאת־שמע.

דער אַנדערער — דווקא אַ נידעריקער און דווקא אַ גראָבער, אויך מיט לאַנגע פּאות און אויך מיט מאָדנע באָרד און וואָנצעס, נאָר נישט אַזוי מסוכן, ווי דער ערשטער. אין איין האַנט האַלט ער אַ לאַנטערן, אין דער אַנדערער — אַ פּעטשײַלע מיט געלט.

דערזען, אַז מיר האָבן זיך פֿאַר זיי ווי דערשראָקן, האָט דער הויכער דער לאַנגער מיט די פֿלעכטנדיקע פּאות אַרויסגעלאָזט אַ שמייכעלע פֿון די וואָנצעס און אַ זאָג געגעבן נאָך אַ מאָל:

— אַ גוט יום־טוב אײַך, ליבע ייִדן. מיר זײַנען געקומען צו אײַך גוט יום־טוב בעטן לכבוד חנוכה.

דערבײַ האָט ער געגעבן אַ קוק אויף די חנוכה־ליכטלעך, דערנאָך אויפֿן טישל מיט די קאָרטן און אַרויסגעלאָזט אַ טיפֿן זיפֿץ. באַלד נאָך אים האָט דער צווייטער, דער גראָבער, אויך געגעבן אַ זיפֿץ. ביידע האָבן געזוכט מיט די אויגן אַן אָרט אויף צו זעצן זיך.

גוט, וואָס דער בעל־הבית, ראַמשעוויטש, האָט זיך געכאַפּט, אַז מע באַדאַרף זײַן העפֿלעך. האָט ער זיך געגעבן אַ הייב־אויף פֿונעם אָרט, אָפּגעגעבן די אַרײַנגעקומענע שלום־עליכם, אָנגעוויזן זיי, ווו צו זעצן זיך, און באַלד נאָך אים האָבן מיר אַלע שוין געפֿונען פֿאַר נייטיק אָפּגעבן זיי שלום, איטלעכער באַזונדער. ווער מיט אַ קוועטש בײַ דער האַנט, און ווער גלאַט מיט אַ שאָקל דעם קאָפּ צו זיי פֿון דער ווײַטן.

אַנידערגעזעצט זיך, האָבן זיי ביידע ווידער איבערגעקוקט זיך און אַרויסגעלאָזט אַ טיפֿן זיפֿץ. און דער בעל־הבית האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק אַ פֿרעג צו טאָן בײַ זיי: מה שמכם? פֿון וואַנען? ווּהין? און וואָס? און ווען? — ווי געוויינלעך.

האָט אָפּגעענטפֿערט דער לאַנגער און דער שמאָלער מיט אַ שפּראַך, אויב איר האָט אין דעם אַ געפֿיל, פֿון שמן־זית. פּאַוואָלינקע, געציילטע ווערטער, און מיט אַ צוקערדיק זיס שמייכעלע פֿון די מוראַדיקע וואָנצעס אַרויס. עס האָט אויסגעזען, אַז ניט ער רעדט, נאָר ער בענטשט און זופּט עפּעס בעת־מעשה.

— איך בין, מײַנע ליבע ייִדן, דעם בעל־שם־טובס אַן אייניקל, און גיי אַרום כל ימי איבער דער וועלט און ריכט־אָפּ גלות און זאַמל געלט אויף ישיבות דאָ, אין חוץ־לאָרץ, און דאָרט, אינעם לאַנד פֿון אונדזערע אבות — אָך־אָך־אָך! און דאָס איז מײַן גבאי, וואָס גייט מיט מיר. — האָט ער אָנגעוויזן מיט די אויגן אויפֿן גראָבן, און ביידע האָבן אַרויסגע־לאָזט אַ טיפֿן זיפֿץ. — אונדזער גאַנץ לעבן האָבן מיר אַוועקגעגעבן פֿאַר ישיבות, גאָטס תורה זאָל חלילה נישט פֿאַרגעסן ווערן — אָך־אָך־אָך!

גיט, יעדן א נדבה, וויפל אײַער הארץ פארטראָגט... אחד המרבה ואחד הממעיט... — האָט אויסגעלאָזט דעם בעל־שם־טובס אייניקל מיט א גלאַנץ די אויגן ארויף און מיט א פּסוק, און דער גבאי האָט אים אונ־טערגעכאַפּט אויך מיט א פּסוק: „וכל המרבה מרבין לו מן השמים", פארגלאַנצט די אויגן ארויף און געגעבן א לייג־אַוועק די פּעטשיילע מיט געלט אַפן טיש מיט א קלונג. די פּעטשיילע האָט זיך אויפגעבונדן און פון דאָרט האָבן ארויסגעקוקט א מאַסע זילבערנע און אויך גאָלדענע מטבעות.

געלט, זאָגט מען, גייט צו געלט. ווײַל אין דער פּעטשיילע זײַנען גע־ווען א סך זילבערנע און גאָלדענע מטבעות, האָבן מיר שוין נישט געקאָנט זײַן אזוי גראָב און האָבן ארײַנגעוואָרפן אין דער פּעטשיילע ארײַן איט־לעכער פון זײַן קעשענע, און בעת מעשה איז אונדז אַלעמען דורכגע־פלויגן א מחשבה (איך ווייס פּאר געוויס, אז אַלעמען איז דורכגע־פלויגן דער זעלבער געדאַנק): „אַך, ווען איך האָב דאָ באַם טיש אָט די פּעטשיילע מיט געלט!... וואָס פאר א ספּעקטאַקל וואָלט איך אָפּגע־שפּילט!"...

בא אונדזער בעל־הביתטע, חיהלע ראַמשעוויטש, האָבן זיך אַזש די אייגלעך, אויב איר האָט אין דעם געפיל, אָנגעצונדן און צעברענט. דאָס האָבן באַמערקט אַלע, אפילו דעם בעל־שם־טובס אייניקל מיטן גבאי, וועלכע האָבן זיך נישט געאײַלט צוצונעמען די פּעטשיילע פונעם טיש. זיי זײַנען געזעסן ביידע אראָפּגעלאָזט די הענט און עפּעס מאָדנע ארײַנגע־קוקט אין די קאָרטן, וואָס זײַנען געלעגן צעוואָרפן איבערן טיש. עס איז געווען קענטלעך, אז זיי זעען דאָס צום ערשטן מאָל אַף זייער לעבן.

— האָט קיין פאראיבל נים, וואָס איך וועל אײַך פרעגן, אפשר־שטערן מיר אײַך? — אזוי רופט זיך אָן דעם בעל־שם־טובס אייניקל מיט זײַן שמן־זית־לשון און מיט זײַן צוקער־זיס שמייכעלע, אָנווײַזנדיק מיטן מינדסטן פינגער אַף די צעוואָרפענע קאָרטן. — וואָס איז דאָס אזעלכעס אָט א דאָס אָ?

— קאָרטן. — ענטפערן אים ביידע מיט א מאָל, דער בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע, קוקן זיך איבער מיט אונדז, ווי איינער רעדט: „פאראַן נאָך, אפנים, אזעלכע ווילדע מענטשן אַף דער וועלט, וואָס ווייסן

ניט פון קאָרטן צו זאָגן"...

דעם בעל־שם־טובס אייניקל האָט צוגעמאַכט איין אויג, פאַרקנייטשט דעם שטערן מיט דער נאָז, אויסגעדרייט דאָס פּנים צום גבאי און אַ זאָג געגעבן מיט אַ זיפּצל:

— קנאָרטן?...

— קנאָרטן! — האָט אים אָפּגעענטפערט דער גבאי, אויך מיט אַ זיפּצל.

— נישט קיין קנאָרטן, נאָר קאָרטן! — האָט זיך חיהלע ראַמשעַ־וויטש אײַנגעשטעלט צו פאַריכטן, ניט אָראָפּלאָזנדיק קיין אויג פון דער פּעטשיילע מיט געלט.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט דעם בעל־שם־טובס אייניקל און נישט דער גבאי האָבן נישט אָפּגעענטפערט דער בעל־הביתטע, און אַפילו איר נישט געשענקט קיין קוק פון זייערע ווייבע, שמייכלענדיקע, קלוגע אויגן — אַזעלכע ייִדן, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, קוקן נישט אַף אַ נקבה.

— זאָגט זשע מיר, איך בעט אײַך, וואָס איד ווער אײַך פרעגן, אויב מיר שטערן אײַך נישט — מאַכט דעם בעל־שם־טובס אייניקל ווידער אַ מאָל צום בעל־הבית: — וואָס איז דאָס אַזעלכעס קנאָרטן? און אַף וואָס דאַרף מען דאָס? דאָס הייסט, איך מיין, וואָס טוט מען מיט דעם?

— מע שפּילט — ענטפערט אים ראַמשעוויטש — אַז עס קומט חנוכה, שפּילט מען אין קאָרטן.

דעם בעל־שם־טובס אייניקל האָט ווידער צוגעמאַכט איין אויג, און ווידער אויסגעדרייט פּאַוואָלינקע דאָס פּנים צום גבאי און אַ זאָג געגעבן מיט אַ זיפּצל:

— חנוכה שפּילט מען באַ זיי אין קנאָרטן. אַך־אַך־אַך!...

— אין קנאָרטן! — חזרט איבער דער גבאי מיטן אייגנעם זיפּצל.

— וואָס זשע הייסט עס? — רופט זיך אָן דעם בעל־שם־טובס איי־ניקל ווידער אַ מאָל צום בעל־הבית, לאַנגזאַם, מיט זײַן שמן־זית־לשון.

— ווי אַזוי שפּילט מען דאָס אין קנאָרטן? און צוליב וואָס?

— צוליב געלט. — ענטפערט אים ראַמשעוויטש, קוקט אַף אונדז און אַף דער פּעטשיילע מיט געלט.

אפּנים, דער ענטפער „צוליב געלט" האָט ארויסגעוויזן באַביידע געסט שטאַרק ווילד און משונה אומגעלומפּערט, וואָרעם זיי האָבן ביידע אין איין צײַט אויסגעדרייט זיך איינס צום אַנדערן און אַוועקגעשטעלט אַזעלכע מאָדנע פּנימער, אַז דער עולם, וואָס האָט די גאַנצע צײַט גע־שטיקט זיך, האָט נישט געקאָנט מער אײַנהאַלטן זיך און אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

— וואָס איז דאָ צו לאַכן? — האָט זיך די בעל־הביתטע אָנגענומען זייער קריוודע, פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס נאָך צוליב דעם, מע זאָל נישט זען, ווי זי לאַכט. און דער בעל־הבית, וועלוול ראַמשעוויטש, איז איר גע־קומען צו הילף און געגעבן צו פאַרשטיין די דאָזיקע ייִדן, קורץ און שאַרף, דעם שכל פון קאָרטן, אַז קאָרטן איז אַ „זאַבאַווע" אויף צו פאַר־ברענגען די צײַט, און אַ מיטל אויף צו מאַכן געלט. קורץ — קאָרטן איז אַ געשעפט. אַ געשעפט, ווי אַלע געשעפטן.

אַזוי האָט אויסגעלאָזט וועלוול דעם חזנס אײדעם און אַ נעם געטאָן זיך צו די קאָרטן און אַ קוק געגעבן אויפן עולם, בכדי צו באַווײַזן די „דער־קוטשליווע" ייִדן, אַז מע איז פאַרטאָן אין געשעפט, און אַז ס'איז קורץ די צײַט, און אַז זיי מעגן שוין אויפשטיין, אויפהערן דרייען אַ מוח און גיין געזונטערהייט.

די ייִדן האָבן אָבער, ווי עס ווײַזט אויס, נישט אין זינען געהאַט אַפילו אויפצושטיין און אַוועקגיין. אדרבה, זיי האָבן זיך, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, נאָך מער צוגערוקט צום טיש און געקוקט, ווי דער בעל־הבית טאַשט קאָרטן, מיט אַזעלכע אויגן, גלײַך ווי זיי וואָלטן זיך גע־ריכט, אַז דאָ וועט אַרויסשפּרינגען מי יודע וואָס פאַר אַ וווּנדער!

— אויב מיר שטערן אײַך נישט... — האָט דעם בעל־שם־טובס אײ־ניקל אַ זאָג געגעבן צו אונדז אַלעמען מיט זײַן שמן־זית־לשון און מיט זײַן זיס שמייכעלע.

— איר ווילט אָנקוקן, ווי מע שפּילט אין קאָרטן? — האָט אים אונ־טערגעכאַפּט וועלוול ראַמשעוויטש. — קוקט, איר וועט אונדז נישט קאַליע מאַכן... נו? קינדער! צו דער אַרבעט! די נאַכט שטייט נישט! ווער איז ערשטע האַנט?

און די איבערגעריסענע ארבעט איז אוועק, ווי פריִער, און נאָך מיט מער פרישקייט, מיט מער היץ, מיט כוונה, מיט קאָפּ, און טאַקע ווי עס רופט זיך: „לשמה"!...

די ייִדן האָבן נאָר געקוקט אונדז אַלעמען אין די אויגן אַרײַן, זיך צו־געהערט צו אונדזער שפּראַך און געכאַפּט אַ קוק אויך צו אַלעמען אין די קאָרטן, און אַלע מאָל, ווען מיר האָבן פּאַוואָלינקע, ביסלעכווײַז, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, אַרײַנגעקוקט אין דער איבערגעדעקטער קאָרט, האָבן אויך אונדזערע צוויי ייִדן זיך אײַנגעבויגן אין דרײַען און אַרײַנ־געקוקט פון אונטן אַרויף אָדער פון אויבן אַראָפּ, און געמאַכט בשעת־מעשה אַזעלכע גרימאַסן, אַז מע האָט באַדאַרפט זײַן שטאַרקער פון אײַזן, מען זאָל נישט פּלאַצן פון געלעכטער. אַ גליק, וואָס מע איז געווען אַרײַנגעטאָן איטלעכער אין זײַן קאָרט, און קאָרטן, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, האָבן אין זיך אַ כח, אַז סײַדן ערדציטערניש קאָן אַ מאָל שטערן.

איך האָב מורא, אַז איך בין געווען דער איינציקער, וואָס האָב זיי געהאַט, ווי מע רופט דאָס, אַפן אויג. איך האָב פון צײַט צו צײַט געכאַפּט אַ קוק אַף מײַנע צוויי ייִדן. עס איז מער ווי זיכער, אַז נישט זיי, נאָר מיר זענען־אוים באַ זיי ווי ווילדע מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַ ווילדער מלאכה, ריידן אַף אַ ווילדער שפּראַך און פירן זיך, ווי ווילדע מענטשן: זיצן אָן היטלען, בלאָזן פּאַפּיראָסן, בײַטן זיך מיט פּאַ־פּירלעך, וואַרפן געלט אין טעלער אַרײַן און ריידן זיך דורך מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס קאָנען אויסזען, ווי טערקיש. וואָרעם ווער איז דאָס מחויב צו פאַרשטיין, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, וואָס הייסט „פּאַס", „קווענץ, „שראַגע", „וויזאַ", „נאַראָש", „שקצים", „שיקסעס", „אוי־בער", „מלכה", „מלך", „טויז", וכדומה אַזעלכע דבורים, וואָס זײַנען ישײַך צו קאָרטן־שפּראַך?...

איך קאָן אײַך שווערן בהן שלי, אַז מיר אַלע האָבן שוין געהאַט כמעט פאַרגעסן אָן די צוויי ייִדן. פּלוצעם טוט עמעצער אַ פּאַטש מיט אַ ווײַסער האַנט איבער דער טאַש מיט קאָרטן אַפן טיש און אַ זאָג:

— שאַט, ייִדן! מיר ווייסן שוין! מיר האָבן געכאַפּט דעם שניט! ס'איז אַ יצר־הרע! אַ גוואַלדיקער יצר־הרע, אַ קליפּה רחמנא לצלן!

טוט אונדז צוליב, גיט אונדז אויך! ס'איז א יצר־הרע, א קליפה! אוי, א קליפה! גאָט וועט אונדז מוחל זײַן! זינדיקע מענטשן! זעט, גיט אונדז אויך! מיר ווילן אויך פאַרזוכן דעם טעם פון קאָרטן!

דאָס זײַנען געווען דעם בעל־שם־טובס אייניקלס ווערטער. געזאָגט זײַנען זיי געוואָרן מיט אזא ציטערדיק קול און מיט אזוי פיל פּײַער און מיט אזא רחמנות־פּנים, כמעט מיט טרערן אין די אויגן, אַז, ממש, עס האָט אויסגעריסן א שטיק האַרץ! און דערצו האָט מיטגעהאָלפן, אויב איר האָט אין דעם א געפיל, די פּעטשיילע מיט זילבער און גאָלד... איטלעכן האָט זיך געוואָלט (איך בין איבערצײַגט, אַז איטלעכן!), אַז די דאָזיקע פּעטשיילע מיט זילבער און גאָלד זאָל אריבערגיין צו אים... בא אונדזער חיהלע ראַמשעוויטש האָבן זיך אַזש די אויגן אָנגעצונדן און די בעקלעך צעפלאַמט, און זי האָט זיך אָנגערופן צו איר מאַן, וואָס איז געבליבן, ווי געליימט, און צו אונדז אַלעמען:

— יו̇דן בעטן... וואָס וועט אײַך אָרן?... טוט זיי צוליב... לאָמיר זיי געבן קאָרטן צוליב יום־טוב! צוליב חנוכה! — האָט זי צוגעגעבן מיט א שמחה, וואָס ס'איז איר געקומען אַפן זינען דער געדאַנק, אַז הײַנט איז יום־טוב, חנוכה, און די אויגן אירע, אויב איר האָט אין דעם א געפיל, האָבן זיך אײַנגעקוקט שטאַרק אין דער פּעטשיילע מיט געלט, וואָס דעם בעל־שם־טובס אייניקל האָט דערווײַל צוגערוקט צו זיך און גענומען מיט טרייסלענדיקע הענט און ציטערדיקע פינגער אַרויסציִען פון דאָרט א מטבע נאָך א מטבע, פריִער זיך, דערנאָך דעם גבאי, אָנגעלייגט א גאַנץ קופּקעלע מיט געלט, צוויי קופּקעלעך, איין קופּקעלע זיך, דאָס אַנדערע — דעם גבאי, און בעת מעשה פאַרענטפערט זיך, גערעדט צו זיך אַליין:

— נישקשה! מיר האָבן א שטאַרקן גאָט!... ממה נפשך, וועלן מיר געווינען, וועלן די ישיבות האָבן נאָך געלט... וועלן מיר, חלילה, פאַר־שפּילן, וועט אונדז גאָט מוחל זײַן. ער איז אַן אל ארך־אפּים! — האָט ער אויסגעלאָזט מיט א לשון־קודש־וואָרט און מיט א גלאַנץ די אויגן אַרויף. און דער גבאי האָט אים אונטערגעכאַפּט אויך מיט א גלאַנץ די אויגן אַרויף און אויך מיט א לשון־קודש־וואָרט:

— אַן אל ארך אפּים ורב חסד ואמת!...

דאָס אַלצדינג, וואָס איך דערצייל אײַך, איז פאַרגעקומען אזוי פּלו־

צעם, אומגעריכט, אַז קיינער פֿון אונדז, אויב איר האָט אין דעם אַ געפֿיל, האָט קיין צײַט נישט געהאַט אַפֿילו צו ווּנדערן זיך, און עס האָט אונדז אויסגעוויזן אַזוי נאַטירלעך, וואָס נאַטירלעכער קאָן שוין גאָרנישט זײַן, און דערצו מוז מען מודה זײַן, אַז אַלעמענס געדאַנקען זײַנען געווען, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אין דער פּעטשיילע מיט זילבער און אַלעמענס אויגן זײַנען געווען אַף די קאָפּקעלעך מיט געלט...

עס איז געבליבן איין זאַך אַף צו באַשטימען: מי ומי ההולכים — ווער זאָל שפּילן? דאָס הייסט, אַזוי ווי עס זײַנען צוגעקומען פֿרישע צוויי פּאָר הענט, בלײַבט אַ קשיה, ווער פֿון אונדז זאָל אַרויספֿאַלן פֿון קאָן?

פֿאַרשטייט זיך, אויב איר האָט אין דעם אַ געפֿיל, אַז קיינער פֿון אונדז האָט קיין חשק נישט געהאַט אַרויסצופֿאַלן פֿון קאָן באַ אַזאַ גע־לעגנהייט צו שפּילן אין אָקע מיטן בעל־שם־טובס אייניקל, וואָס האָט גע־בראַכט מיט זיך אַזאַ פּעטשיילע מיט געלט. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש: „גיי דו". „גיי דו". „פֿאַר וואָס איך?" „פֿאַר וואָס ניט דו?"

דאָס ערשטע כּפּרה־הינדל איז געווען דאָס זײַדענע איידעמל, די צאַצקע, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט פֿריִער, אלי ראַפּאַלסקי, דער זעלבער, וואָס האָט געבענטשט חנוכּה־ליכטלעך פֿאַר אונדז אַלעמען.

אַף אים איז געפֿאַלן דער גורל, ווײַל חיהלע ראַמשעוויטש האָט אַזוי געוואָלט. זי האָט גערדרונגען, אַז ער דאַרף גיין אַהיים. שוין שפּעט. זײַן שווער און שוויגער וועלן האָבן טענות, מאַכן סקאַנדאַלן, לאָזן זיי גיין כּף־הקלע!

דאָס איז אָבער נאָר געווען לפּנים. אין דער אמתן, האָבן אַלע גע־וווּסט דעם סוד, אַז אלי איז אַ פֿאַרשפּילטער. עס טאָגט שוין באַ אים לאַנג אין געלט, און לײַען וויל אים קיינער נישט: אין מיטן שפּילן לײַט מען נישט.

האָבן מיר שוין איינעם געפּטרט. וואָס זשע טוט מען מיטן צווייטן? דאַרף מען וואַרפֿן גורל, ציִען קניפּלעך, ווי דער שטייגער איז. און צי וואָס זאָל איך אײַך לאַנג מאריך זײַן? מע האָט גענומען די צוויי ייִדן צו דער אַרבעט און מע האָט אָנגעהויבן באַ זיי אָפּציִען אַ קאָפּקעלע. אין דער פּעטשיילע איז געוואָרן אַלע מאָל ווינציקער, און באַ אונדז איז געוואָרן

מערער. די ייִדן האָבן געברענט, ווי אַ שטרויענער דאַך. עס האָט שוין גע־האַלטן דערבײַ, אַז די פּעטשיילע זאָל זיך אָט־אָט אויסליידיקן עד־לפּ״ק און פונעם בעל־שם־טובס אייניקל זאָל ווערן אַ גל של עצמות. עס איז שוין דורכגעפלויגן באַ אונדז אַ מחשבה: וואָס וועט זײַן, טאָמער בלײַבן זיי אָן אַ פּרוטה? וואָס וועט די שטאָט זאָגן? וואָס וועט די וועלט זאָגן?...

נאָר אַ קאָרט, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, האָט אין זיך אַ כח, אַז אָט ליגט איר אָרצה, אָט־אָט, דאַכט זיך, טראָגט מען אײַך אַרויס אין אַ לײַלעך; פּלוצעם טוט אַ שײַן דאָס מזל און עס גייט אײַך אַוועק דאָס בלאַט — איר ווייסט אַליין נישט, ווי אַרום און פון וואַנען! אונדזע־רע ייִדן האָט אָנגעהויבן צו גיין, ווי עס רעדט זיך, דורך טיר און דורך טויער! ובפרט פון דער מינוט אָן, ווען דעם בעל־שם־טובס אייניקל האָט אַליין גענומען אויסטיילן קאָרטן. „מע באַדאַרף נעמען די סטרא־אחרא אין די הענט אַרײַן" — האָט ער געזאָגט, אויסטיילנדיק קאָרטן, פרײַער פּאַוואָלינקע, האַרט באַ די ווענט, מיט נישט קיין געניטער, ציטערדיקער האַנט און עפּעס ווי צעטומלט, מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן, וואָס האָט אַרויסגערופן באַ אונדז אַלעמען נישט קיין קליינעם גלעכטער. נאָר נאָכ־דעם, וואָס ווײַטער־ווײַטער, האָט ער אָנגעהויבן געבן קאָרטן אַלץ גיכער און בעסער, און איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז עס האָט, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, געברענט באַ אים אונטער די הענט — און געגאַנגען איז אים מיט סכנות־נפשות. וואָס איר האָט — האָט ער מער: האָט איר דרײַ אונטערס — האָט ער דרײַ אויבערס, האָט איר מלכים — האָט ער טײַז, האָט איר טײַז — האָט ער אַ נאַראַש! און טאָמער האָט איר זיך איבערגעשראָקן און האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט אַ קווענץ — האָט ער שראַגע!

— רבותינו! — האָט זיך דעם בעל־שם־טובס אייניקל אויפגעכאַפּט פון טיש שוין מיטן טאָג גלײַך און אויסגעגלײַכט זיך די ביינער, אַרײַנ־לייגנדיק דאָס גאַנצע געווינס מיטן אייגענעם געלט שוין נישט אין דער פּעטשיילע, נאָר אין אַלע קעשענעס אַרײַן, מיט אַ גלאַנץ מיט די אויגן אַרויף און מיט אַ זיפצל, און דער גבאי נאָך אים, אויך מיט אַ גלאַנץ מיט די אויגן אַרויף און אויך מיט אַ זיפצל, געענדיקט פאַר אים דעם פּסוק:

— הגיע זמן קריאת־שמע של שחרית — גרויסער טאָג, שוין ציַיט גיין אין שול אַריַין דאַווענען...

פאַרטשאַדעטע, שלעפעריקע, הונגעריקע און דערשלאָגענע, אָנגע־בלאָזענע איינס אַפּס אַנדערע, ווי געווייינלעך פאַרשפּילטע, זיַינען מיר אַ וויַילע געבליבן זיצן, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, ווי אָפּגעשמיסענע. דערנאָך האָבן מיר זיך אויפגעהויבן אַלע און לאָז געגעבן צום טיש — צום פלעשל בראָנפן מיטן פאַרביַיסן, — אויסער אונדזערע צוויי ייִדן, וואָס זיַינען שוין גרייט געווען זיך לאָזן צו דער טיר אַוועקצוגיין, נישט פאַרגעסן צו זוכן אַ מזוזה... האָט זיך פלוצעם אויפגעכאַפּט דער בעל־הבית, וועלוול ראַמשעוויטש, פאַרלאָפן זיי דעם וועג, אַוועקגעשטעלט זיך מיט צענומענע הענט באַ דער טיר און אַ זאָג געגעבן צו זיי:

— בלאַטע! איר וועט ניט אַוועקגיין פון מיַין שטוב, ביז איר וועט עפּעס ניט נעמען מיט אונדז אין מויל אַריַין!...

קיין גרעסערע נקמה האָט טאַקע אונדזער וועלוול ניט געקאָנט צו־טראַכטן. אונדזערע ייִדן זיַינען נעבעך געבליבן, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, אין דער הינערפּלעט, געקוקט איינס אַף דאָס אַנדערע מיט אַזעל־כע אויגן, גליַיך ווי מע וואָלט זיי זאָגן, זיי זאָלן מוחל זיַין אויסליידיקן די קעשענעס און אָפּגעבן צוריק דאָס גאַנצע געווינס. דער ערשטער האָט זיך אָנגערופן: דעם בעל־שם־טובס אייניקל מיט זיַין שמן־זית־לשון און מיט זיַין צוקער־זיס שמייכעלע:

— מיר דאַנקען איַיך אוודאי פאַר איַיער גאַסטפריַינטלעכקייט. הכנסת־אורחים איז איינע פון די גרעסטע מצוות באַ אונדז מן התורה... איר דאַרפט אָבער נישט פאַרגעסן, אַז מיר זיַינען אַזעלכע ייִדן, וואָס נישט פון יעדער שחיטה עסן מיר...

דאָס האָט אונדז שוין אַלעמען אויפגעטראָגן: אַזוי? נישט פון יע־דער שחיטה עסט איר? איר האָט מורא, טאָמער איז ניט רעכט כשר? און אין קאָרטן שפּילן — דאָס מעגט איר?... עס וועט איַיך נישט העלפן קיין רבונו־של־עולם! האָט איר פאַרזוכט אַן אָקע מיט אַ באַנטשאָק, מוזט איר שוין פאַרזוכן מיט אונדז אַ... דאַרע קישקע!...

טויט ווי די וואַנט זיַינען געבליבן שטיין מיַינע צוויי ייִדן און איבער־געקוקט זיך מיט מאָדנע אויגן. נאָכדעם האָט דעם בעל־שם־טובס אייניקל

ארויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ, כמעט אַ קרעכץ, און אָנגערופן זיך צו אונדז מיט פאַרגלאַנצטע אויגן אַרויף:

— טאָ! אויך די אייגענע מעשה. ערשטנס, באַ ייִדן אין שטוב... אַ ייִדן טאָר מען נישט חושד זײַן... והשנית, טאָמער אפילו איז, חלילה וחס, נישט אַזוי רעכט כשר, איז דאָס ממה־נפשך... מיר האָבן אַ גרויסן גאָט: „אלמלי נגדוה לחנניה מישאל ועזריה, פלחו לצלמא"...

אַזוי האָט אויסגעלאָזט דעם בעל־שם־טובס אייניקל און מיט צנועה־דיקע טריט זיך געלאָזט צום טיש, ווו די בעל־הביתטע, חיהלע ראַמשע־וויטש, האָט גענומען צוגרייטן קילקעס, הערינג און קאַלבאַס.

— לחיים, ייִדן, לחיים! — האָט דעם בעל־שם־טובס אייניקל געזאָגט ווידער מיט אַ זיפץ און געטרונקען צו אונדז אַלעמען לחיים, קוים־קוים באַנעצט די ליפּן און גענומען זיך מיט ציטערנדיקע פינגער צום פאַר־בײַסן, פריִער צו די קילקעס מיטן הערינג, דערנאָך צום קאַלבאַס. דאָס אייגענע האָט געטאָן אויך דער גבאי, און ביידע האָבן זיי נעבעך גע־זיפצט, שיער נישט געוואָרגן זיך מיט יעדן ביסן. און ערשט, אַז מע האָט אָפּגעגעסן, האָט זיך וועלוול אין זיי נוקם געווען אַף דעם רעכטן אמת; ער האָט זיך מיישב געווען און רופט זיך אָן צו זיי גאָר אָן שום רחמנות, ווי אַן אמתער גזלן:

— ווייסט איר כאָטש, אַז דאָס וואָס איר האָט געגעסן, האָט איר געגעסן פון איוואַנס שחיטה? ווייסט איר כאָטש, אַז די דאָזיקע דאַרע קישקע איז אַן אמתער גויִשער קאַלבאַס פון כ...

מער האָט וועלוול נישט געקאָנט אַרויסריידן, ווײַל ביידע ייִדן האָבן זיך געגעבן אַ כאַפּ באַם קאָפּ און פּײַל אויסן בויגן זיך אַ לאָז געגעבן מיט אַן אימפּעט צו דער טיר און, אויב איר האָט אין דעם אַ געפּיל, אַוועק, ווי אַ שטורעמווינט, אפילו אָן אַ זײַ געזונט!

די נקמה, וואָס מיר האָבן דערלעבט אין די צוויי ייִדן, איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן שוין גאָר פאַרגעסן, אַז מיר זײַנען באַגראָבן געוואָרן אין דער דאָזיקער נאַכט נײַן איילן, און האָבן זיך געכאַפּט באַ די זײַטן און האָבן, אויב איר האָט אין דעם אַ געפּיל, גענומען לאַכן. האָבן מיר געלאַכט און געלאַכט, געלאַכט און געלאַכט, געלאַכט און גע־

לאכט... נאָר פּלוצעם האָבן מיר דערהערט אַ געשריי ניט מיט קיין מענטש־לעך קול:

— אוי! אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן!! זעט נאָר, זעט!! איך וועל עס נישט אויס־האַלטן!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס קול האָט געהערט צו חיהלע ראַמשעוויטש. מיר האָבן גאָרניט באַמערקט, ווי זי האָט זיך נאָכן צוביַיסן גענומען צו איר אַרבעט. זי האָט געהאַלטן בײַ צונויפנעמען די אָפּגעשפּילטע קאָרטן אַף צו פאַרקויפן זיי נאָכדעם אין קליַיטל אַריַין, אָדער אויסביַיטן זיי אַף נײַע קאָרטן. בײַם סאָרטירן די קאָרטן האָט זיך איר געוואָרפן אין די אויגן אַריַין עפּעס צופיל טײַז, צו זעקס־זיבן טײַז אין אַ טאַליע!

מיר האָבן זיך אַלע געגעבן אַ נעם צו די קאָרטן, און, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, אויפגעדעקט אַן אוצר נישט נאָר פון טײַז, נאָר אויך איבעריקע מלכים און מלכות און אויבערס און גלאַט געפינטלטע קאָרטן האָבן זיך אַרויסבאַוויזן אָן אַ שיעור!

דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן פאַרגענומען: אַנשטאָט אַהיים, האָבן מיר זיך צעלאָזט איבער אַלע שולן און בתי־מדרשים, נאָכגעקוקט, נאָכ־געשמעקט און נאָכגעפרעגט זיך אַף אַ בעל־שם־טובס אַן איניקל מיט אַ גבאי. לאָזט זיך אויס, מן הסתם, אַז קיינער האָט נישט געזען און קיינער האָט נישט געהערט, נישט קיין איניקל, נישט קיין גבאי!

זײַנען מיר געפאַלן אַף אַן עצה: לאָמיר גיין צו דער באַן! געקומען אַפן וואָקזאַל, געזוכט, געשמעקט, דורכגעגאַנגען דרײַ מאָל הין און צוריק אַלע וואַגאָנעס — נישטאָ קיין איניקל, נישטאָ קיין גבאי. טאַקע נאָר ווי אין דער ערד אַרײַן!

ערשט נאָכן דריטן גלעקל און נאָכן לעצטן פײַף האָבן מיר דערהערט פון אַ וואַגאָן אַרויס אַ קענטלעכע שטימע:

— קנאָרטן!!...

מיר אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געגעבן און גענומען קוקן. פון אַן אָפע־נעם פענצטער פון וואַגאָן צווייטער קלאַס האָבן אַרויסגעקוקט צו אונדז צוויי פיגורן. איינע אַ לאַנגע און אַ שמאָלע, די אַנדערע אַ קורצע און אַ גראָבע. נאָר ביידע מיט געגאָלטע פּנימער, מיט קורצע ווייטיקלעך און מיט

קליינע קאפּעלושלעך — און דאָך זײַנען אונדז זייערע פּנימער געווען, ווי קענטלעך, נישט אַזוי די פּנימער, ווי די אויגן — ווייכע, שמייכלענדיקע, גנבהשע אויגן.

דער ערשטער, וואָס האָט זיי דערקענט, איז געווען דאָס צאַצקעדיקע איידעמל, אלי ראַפּאַלסקי. ווי נאָר ער האָט דערזען זייערע שמייכלענדיקע פּנימער, האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער גלײַך אַף זיי אין פענצטער אַרײַן.

— אָט זײַנען זיי! — האָט אלי אויסגעשריגן נישט מיט זײַן קול.

— אָט זײַנען זיי, די צוויי ייִדן פון די קנאָרטן,, זיי, ווי איך בין אַ ייִד!

דער וואַגאָן זייערער האָט שוין אָבער געהאַלטן אין גליטשן זיך. די רעדער האָבן נאָר־וואָס אָנגעהויבן צו דרייען זיך, און דורכפאָרנדיק פאַר־בײַ אונדז, האָבן זיי אונדז נאָך אַ מאָל באַשענקט מיט אַ קוק פון זייערע ווייכע, שמייכלענדיקע, ממזרישע אויגן. און אלי ראַפּאַלסקין האָבן זיי, פאַר זײַן אויסגעשריי, אונטערגעטראָגן אַ באַזונדערע מתנה: אַ קאָמבי־נאַציע, אויב איר האָט אין דעם אַ געפיל, פון דריטהאַלבן פינגער, וואָס מע מאַכט איבער דעם „בורא פּרי העץ"...

געשריבן אין יאָר 1912

המן און מרדכי

אַן אמתע מעשה לכבוד פורים

איטלעכער ייִד האָט זיך זײַן פּריץ. איטלעכער פּריץ האָט זיך זײַן ייִדן.
(אַ שפּריכוואָרט)

אסתר־תענית נאָך האַלבן טאָג האָט זיך אין איינער פון די ייִדישע שטעט פון אונדזער אַלטער היים באַ אַ ייִדישן האָטעל אָפּגעשטעלט אַ דיליזשאַנס און ס'איז אַרויסגעשפּרונגען פון דאָרטן אַ פּאַרשוין מיט אַ שפּיצעכיק קאַפּעלושל אַפן קאָפּ, אַ דרײַעקעכיקס, ווי אַ המן־טאַש. אויסגעזען האָט דער פּאַרשוין ווי אַ רײַכער מאַגנאַט מיט זייער אַ בייזן, אַ שטרענגן קוק. באַלד נאָך אים איז אַרויסגעקראָכן אַ ייִד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ ברייטן טלית־קטן, מיט אַ פּליסענעם קאַרטוז; אַ באָרד אַ קלאָטשקעוואַטע, אַ ביסל אַ גרויִלעכע, טיפע קנייטשן אַפן ברייטן שטערן, און אַף די ליפּן אַ מאָדנע שמייכל פון אַ פילאָזאָף. געשלעפּט האָט ער מיט זיך אַ גאַנץ גרויסן זאַק און געגאַנגען מאָדנע, מיט ברייטע טריט, און ניט אָראָפּגעלאָזט קיין אויג פונעם בייזן פּאַרשוין.

— האָט איר עפּעס אַ רעכטן חדר פאַר מײַן פּריץ? — אַזוי האָט זיך דער ייִד אָנגעפרעגט באַם משרת פונעם האָטעל, אַ יונג מיט ביינער, מיט אַ קויטיק העמד און מיט אַ געלן שניפּס, וואָס אַמאָל איז ער געווען, דער שניפּס הייסט דאָס, אַנטיק שבאַנטיקן, נאָר פון אַ צײַט, אַז ער האָט אָנגעוואָרן דעם גלאַנץ מיט דער פאָרמע און האָט באַקומען אַ פּנים פון אַ פלעכטל פון אַ פּורים־קוילעטש, באַשאָטן פון אויבן מיט מאָן.

מיט גרויס פּאַראַד האָט זיי דער משרת באַגעגנט, אַראָפּגענומען דאָס היטל מיט אַ קנאַק און אַרײַנגעפירט זיי אין האָטעל, זיי אויפגעעפנט דאָס גרעסטע, דאָס בעסטע, דאָס שענסטע צימער, נומער 1, אַ חדר, וואָס באַ־

שטייט פון צוויי חדרים; דאָס הייסט, פון אַ חדר מיט אַ פּעדערשט חדרל, אַף אויסצוטאָן די קאַלאָשן און אויפצוהענגען די מלבושים — און דאָס איז געווען פאַר אונדזערע פאַרשווינען ווי געווונטשן: אינעם גרויסן חדר האָט זיך באַזעצט, געוויינלעך, דער פּריץ, און אינעם פּעדערשטן חדרל — דער ייִד.

אַוועקגעלייגט דעם זאַק אין אַ ווינקל, האָט דער ייִד געשאַפּן, מע זאָל געבן דעם פּריץ אַ סאַמאָוואַר, און אַ פרעג געטאָן:

— פאַראַן עפּעס באַ אײַך וואָס צו פאַרבײַסן?

— נאָך אַ מין פאַרבײַסן! ס׳איז דאָך עפּעס הײַנט אַף דער נאַכט פּורים באַ אונדז אין שטאָט. פאַראַן המן־טאַשן פרישע מיט מאָן, און פלעדלעך, און קישעלעך, און מאַנדלעך, און גלאַט פּורים־גרעט מיט שאַר ירקות. הע!

אַזוי האָט געזאָגט דער משרת מיט אַ ביסל אַ גראָבלעך שמייכעלע, באַוויזן בשעת־מעשה, אַז ער האָט געזונטע געלע ציין. דערפאַר האָט ער אָבער באַקומען פונעם ייִדן זייער אַ פרײַנטלעכן פּאַטש אין פּלייצע מיט אַ שיינעם יישר־כח, און איז אַוועקגעגאַנגען מאַכן אַ סאַמאָוואַר און ברענגען די אַלע גוטע זאַכן, וואָס ער האָט דאָ אויסגערעכנט. און דער ייִד האָט זיך דערווײַל געמאַכט גאַנץ באַקוועם, דאָס הייסט, ער האָט אויסגעטאָן דאָס פּליסענע היטל און געבליבן זיצן אין אַ יאַרמעלקע, פאַרקאַטשעט די אַרבל ביז די עלנבויגנס און האָט זיך באַזעצט אַף אַ בענקעלע באַ דער טיר פונעם פּריץ. און בכדי די צײַט זאָל נישט אַוועקגיין אומזיסט, האָט ער אויפגעבונדן דעם זאַק, אַרויסגענומען פון דאָרטן עפּעס אַ ספרל און האָט זיך פאַרטיפט, דאָס הייסט, דעם קאָפּ האָט ער אײַנגעבויגן, איין אויג האָט ער צוגעמאַכט, געקײַט אַ שפּיץ באָרד און אַליין זיך בשעת מעשה צוגעשאָקלט מיטן גאַנצן גוף. דאָס אַלצדינג אינאיינעם האָט אויסגעוויזן באַ דער וועלט אַביסל פּריקרע; ממה נפשך — איז דער ייִד דעם פּריצס אַ ייִד, הײַנט וואָס זיצט ער איבער אַ ספר? אלא וואָס דען? ער איז אַ ווילד־פרעמדער? וואָס זשע איז ער געקומען מיטן פּריץ? און גלאַט וואָס טוט ער הי גראָד הײַנט צו אסתר־תענית?

אַזוי האָבן זיך געשלײַפט די מוחות די בעל־הביתטע פונעם האָטעל,

די אורחים און סתם ייִדן פֿון דער גאַס, וואָס האָבן אַהער אַן אַריַינגעטריט. און בתוך כך האָט דער משרת געבראַכט צו טראָגן דעם סאַמאָוואַר מיט אַ גאַנצן בעקן פּורים־גרעט, און פֿאַרביַיגייענדיק האָט ער דערוויַיל אַ פֿרעג געטאָן באַם ייִדן, פֿון וואַנען איז דער אָדון?

— דו דאַרפֿסט עס טאַקע נייטיק וויסן? — מאַכט צו אים דער ייִד און נעמט זיך צוריק צום ספֿר.

— מיך אַרט נישט, אַז איך וועל נישט וויסן, — מאַכט צו אים דער משרת — נאָר די בעל־הביתטע מיַינע האָט מיר אָנגעזאָגט, למען השם, איך זאָל באַ איַיך פֿרעגן, פֿון וואַנען איז דער אָדון?

— וועסטו זאָגן דער בעל־הביתטע דיַינער, אַז פֿון פּרס ומדי.

— פֿון וואָסער שטאָט?

— פֿון שושן הבירה.

— וואָס הייסט דאָס שושן הבירה?

— זאָג דיַין בעל־הביתטע, זי זאָל שיקן אַ קליגערן פֿון דיר.

דער משרת שטייט אַ וויַילע מיט אָפֿענע קעלבער־אויגן, קראַצט זיך אונטערן קאָלנער און גייט אַוועק, און אין עטלעכע מינוט אַרום קומט־צו די בעל־הביתטע אַליין, אַ ייִדענע אַ שווערע, וואָס פֿון איר וואָלט גע־קאָנט זיַין צוויי און אפֿשר דריַי ייִדענעס. און מחמת אַלצדינג, וואָס דאָ וועט באַ אונדז באַשריבן וויַיטער, קומט פֿאַר אינעם פֿאָדערשטן חדרל אין געשפּרעכן, אַלע מאָל מיט אַנדערע פֿאַרשוינען, לכן טיילן מיר דאָס איַין אין עטלעכע בילדער און הייבן אָן אַזוי:

סצענע 1.

די בעל־הביתטע (אַ וויש די נאָז אַרויף). גוט מאָרגן! איך האָב איַיך צוגעשיקט אָט דאָ מיַין משרת, איז ער אָבער אַ גרויסע בהמה.

דער אורח: ער איז אַ בהמה? גיט אים קיַיען שטרוי.

די בעל־הביתטע: נישט דאָס! ער פֿאַרשטייט נישט וואָס מע רעדט צו אים. איך האָב געוואָלט וויסן, ווער איז דער פּריץ און פֿון וואַנען?

ד ע ר א ו ר ח : (קוקט אַרײַן אין ספר אַרײַן) פֿון װאַנען מײַן פּריץ איז? פֿון שושן־הבירה.

ד י ב ע ל ־ ה ב י ת ט ע : װוּ איז דאָס? אין װאָסער גובערניע?

ד ע ר א ו ר ח : נעמט נישט צו די אויגן פֿונעם ספר) אין פּרס ומדי.

ד י ב ע ל ־ ה ב י ת ט ע : (טראַכט אַ ביסל) װאָס איז ער? אַ גראַף?

ד ע ר א ו ר ח : אַביסל גרעסער פֿון אַ גראַף.

ד י ב ע ל־ה ב י ת ט ע : אַ קניאַז?

ד ע ר א ו ר ח : אַ ביסל גרעסער פֿון אַ קניאַז אויך.

ד י ב ע ל־ה ב י ת ט ע : אַ גענעראַל?

ד ע ר א ו ר ח : אַ שני למלך.

ד י ב ע ל־ה ב י ת ט ע : אַ װאָס?

ד ע ר א ו ר ח : אַ שני למלך באַם קעניג אחשורוש.

ד י ב ע ל־ה ב י ת ט ע : (טראַכט אַ ביסל) װאָס טוט ער הי? ער מאַכט עפּעס געשעפֿטן?

ד ע ר א ו ר ח : געװיס מאַכט ער געשעפֿטן.

ד י ב ע ל־ה ב י ת ט ע : װאָס קויפֿט ער? — אימעניעס? װעלדער? צי גלאַט אַזוי ער לײַט געלט?

ד ע ר א ו ר ח : ער קאָן קויפֿן און פֿאַרקויפֿן, און לײַען געלט, און װאָס איר װילט.

ד י ב ע ל־ה ב י ת ט ע : פֿון װאַנען־זשע זײַט איר? טאַקע אויך פֿון דאָרטן?

ד ע ר א ו ר ח: טאַקע אויך פֿון דאָרטן.

די בעל־הביתטע גייט אַװעק און קנײטשט מיט די פּלײצעס.

„אַ מאָדנער אורח!" — טראַכט זי זיך. — „מע באַדאַרף זיך באַקענען מיטן פּריץ אַליין... נאָר װי אַזוי? אַז דער ייִד זיצט, װי אַ הונט, באַ דער טיר און לאָזט ניט צו!" אָף איר גליק טראַגט־אָן גאָט אַ מעקלער, װאָס האָט געזען צופֿאָרן אַ דיליזשאַנס, איז ער געקומען אויסטאַפּן, װער איז דער פּריץ און װאָס דאַרף ער האָבן? אין קורצע װערטער גיט איס

די בעל־הביתטע איבער, וואָס זי האָט געהערט פונעם אורח, אַז ס'איז אַ רײַכער פּריץ, וואָס מאַכט געשעפטן, און זי נעמט־אויס מיט אים אַ תּנאַי, אַז טאָמער וועט מען עפּעס מאַכן, זאָל זײַן אַף דער האַלבּ׳ און דער מעקלער מאַכט דרײַ שפּאַן און איז שוין בײַם אורח אין פֿעדערשטן חדר'ל, און דאָ קומט פֿאָר די —

סצענע 2.

דער מעקלער: (ציט־אויס דעם אורח אַ גראָבע, אַ באַ־וואַקסענע האַנט) שלום־עליכם! איך האָב געהערט, אַז איר זײַט דאָ מיט אײַער פּריץ, געקומען אַהער עפּעס מאַכן געשעפטלעך. איך בין אַ ייִד אַ סרסור, אַ מעקלער, פֿון געלט הייסט דאָס. בײַ אונדז אין שטאָט פּאַרנע־מען זיך כמעט אַלע ייִדן איבערהויפּט מיט געלט... ניטאָ בײַ אונדז קיין אַנדערע געשעפטן, פֿאַרשטייט איר, אַ חוץ געלט. איטלעכער ייִד איז הי אָדער אַ קרעמער, אָדער אַ בעל־הלוואה... בכלל, ווער איז דער פּריץ אײַערער? פֿון וואַנען? וואָס האָט ער? און וואָס דאַרף ער?

דער אורח: איך ווייס נישט, צי איר וועט אים קענען. ער איז פֿון ווײַט: פֿון פּרס ומדי.

דער מעקלער: פֿון פּרס ומדי? פֿון וואָסער שטאָט?

דער אורח: פֿון שושן הבירה.

דער מעקלער: פֿון שושן הבירה? ווי אַזוי איז דער נאָמען זײַנער?

דער אורח: זײַן נאָמען איז המן.

דער מעקלער: (טרעט אָפּ צוריק) המן? וואַ־וואַ־וואָסער המן?

דער אורח: המן, דער רעכטער, דער אמתער המן. המן בן המדתא...

דער מעקלער: נו, און ווער זײַט איר?

דער אורח: און איך בין זײַן ייִד... מרדכי.

דער מעקלער: מ־מרדכי? דער וואָס היינט... אין דער מגילה?...

דער אורח: (שטייט־אויף פונעם בענקל, גלייך אים אין פנים אריין) יאָ! יאָ! יאָ! מרדכי, דער זון פון יאיר, דער זון פון שמעי, דער זון פון קיש! דעם „קיש" שרייט אים אויס דער אורח גלייך אין אויער אריין).

דער מעקלער: (ווערט רויט פאַר כעס). אפנים, איר האָט גיט פון וועמען חוזק צו מאַכן?!

און דער מעקלער לויפט ארויס אין גרויס גרימצאָרן, און עס באַווייזט זיך א פרישער פארשוין, א יונגערמאַנטשיק מיט א געראַזירט בערדל, מיט שיינע צוויי וואָנצעס, פאַרדרייט גאַנץ פיין ארויף, מיט א שיין קייטל אפן זשילעט, וואָס סע קאָן זיין, ס'איז א גילדנס, און סע קאָן זיין, אז ניין. אליין איז ער אן אַגענט פון זינגערס נייי־מאַשינעס. נאָר פון צייט צו צייט, אז עס מאַכט זיך עפּעס א נייס אין שטעטל, שרייבט ער אריין אין א צייטונג און שרייבט זיך אונטער „דאָס געראַזירטע בערדל".

סצענע 3.

דאָס געראַזירטע בערדל: גוט מאָרגן! דאָ, האָב איך געזען, איז צוגעפאָרן א פריץ מיט א ייִדן. איך האָב געוואָלט, אויב ס'איז מעגלעך, האָבן מיט אים א אינטערוויו.

דער אורח: וואָס הייסט דאָס אן אינטערוויו?

דאָס געראַזירטע בערדל: דאָס הייסט, איך וויל זיך מיט אים דורכשמועסן.

דער אורח: גלאַט אַזוי?

דאָס געראַזירטע בערדל: גלאַט אַזוי.

דער אורח: הייסט דאָך עס דברים בטלים. ווער זייט איר?

דאָס געראַזירטע בערדל: איך בין א האַלבער אַגענט פון מאַשינעס. נאָר העכער האַלב בין איך א שרייבער, א קאָרעספּאָנדענט פון א ייִדישער צייטונג. קאָן איך זען אייער פריץ?

דער אורח: ניין, איר קאָנט אים נישט זען.

דאָס געראַזירטע בערדל: פאַר וואָס?

דער אורח: דערפאַר, ווייל ער איז צו א גרויסער פריץ.

דאָס געראַזירטע בערדל: ווער איז ער? פון וואַנען? און ווי אַזוי הייסט ער?

דער אורח: ער איז אַ מאַגנאַט· פון שושן הבירה. און זײַן נאָמען איז — המן. איז אײַך באַקאַנט דער נאָמען?

דאָס געראַזירטע בערדל: דער נאָמען איז מיר קענטלעך... נאָר די שטאָט האָב איך קיינמאָל נישט געהערט. וווּ איז עס?

דער אורח: אין פּרס ומדי... פון הודו ביז כוש... געהערט אַמאָל?

דאָס געראַזירטע בערדל: (דרייט די וואָנצעס) קיינמאָל נישט! (נעמט־אַרויס אַ נאָטיץ־ביכל מיט אַ בלײַשטיפט, גרייט צו פאַרשרײַבן) ווי אַזוי, זאָגט איר, איז דער נאָמען?

דער אורח: המן.

דאָס געראַזירטע בערדל: דער זעלבער נאָמען, וואָס מע עסט נאָך אים המן־טאַשן? הײַנט, דאַכט זיך?

דער אורח: אָט, אָט, אָט! נו, און דעם נאָמען מרדכי האָט איר געהערט אַמאָל?

דאָס געראַזירטע בערדל: יאָ, עפּעס דאָרט אינאיינעם מיט יענעם המנען האָב איך געהערט לייענען דאָרטן... (נעמט זיך צום נאָטיץ־ביכל).

דער אורח: זאָלט איר וויסן זײַן, אַז דער פּריץ מײַנער — דאָס איז ער אַליין טאַקע, אָט יענער המן פון שושן הבירה...

דאָס געראַזירטע בערדל (קווענקלט זיך, ווייס ניט וואָס ער זאָל שרײַבן) וואַ־וואָס הייסט? איך פאַרשטיי ניט! ער לעבט נאָך, יענער המן? דאַכט מיר, ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן?...

דער אורח: און איך בין דאָס זײַן ייִד — מרדכי היהודה היושב בשער המלך... (די לעצטע ווערטער זינגט ער מיטן ניגון פון דער מגילה).

קיינמאָל אַף זײַן לעבן האָט אונדזער אַגענט אַזוי שטאַרק ניט פאַרדראָסן, ווי אַצינד, וואָס ער איז ניט באַקענט מיט די קליינע אותיות; אין דער דאָזיקער מינוט האָט ער שטאַרק חרטה געהאַט דערויף,

וואָס ער האָט יונגלווייז נישט געוואָלט אַרײַנקוקן אין קיין ייִדישן ספר. די גאַנצע באָד האָט ער אַרויפגעלייגט אַף זײַן טאַטן. שולדיק איז אינגאַנצן ער, דער טאַטע זײַנער. אַ טאַטע איז מחויב צו לערנען אַ קינד...

דאָס גערעזירטע בערדל: איז ער, הייסט דאָס, פֿון יענע המנס... וועלכער... קאַטאָרי?...

דער אורח: ניט פֿון יענע המנס, נאָר טאַקע יענער המן אַליין, דער אמתער המן! וויפֿל מאָל דאַרף מען אײַך קלאַפּן אין מח אַרײַן?

דאָס גערעזירטע בערדל: (כאַפּט אַרויס אַ פּעטשיילע, ווישט זיך דעם שווייס. אין דעם עפּנט זיך די טיר און עס באַווײַזט זיך אַ נײַער נפש, אַ שטאַרק־דויטער ייִד מיט שטאַרק רויטע ברעמען, מיט אַ היפּש בײַכל, גייט אָנגעטאָן חסידיש, נאָר ריין, ציכטיק אין אַ שיינער קאַפּאָטע. דער שטאַרק־רויטער ייִד פֿליט אַרײַן צום אורח, ווי אַ שטורעמווינט).

דער אורח: (צום אַגענט) וואָס זײַט איר געבליבן אָן לשון?

דאָס גערעזירטע בערדל: איך... איך... איך וועל קומען אַ צווייטן מאָל... (רוקט זיך אַרויס).

סצענע 4.

דער שטאַרק־רויטער ייִד: (שטעקט אָפּ דעם אורח אַ ברייטן שלום־עליכם) שלום־עליכם, מײַן ליבער ייִד! איך האָב שוין אָפּגענומען פֿון אײַך אַ פּאָר גרוסן. מע זאָגט, אַז איר זײַט דאָ מיט אַ פּריץ אַ מאַגנאַט, וואָס קויפֿט און פֿאַרקויפֿט אימעניעס און וועלדער. דעם נאָמען האָבן זיי מיר נישט געוואָלט זאָגן. נאָר איך שטוים מיך אָן, ווער דאָס איז. (פֿאַרקאַטשעט די אַרבל) דאָס באַדאַרף זײַן אַ גראַף אָדער אַ קניאַז. געטראָפֿן?... איך בין דער גרעסטער מעקלער פֿון אימעניעס און וועלדער אין גאַנץ פּאָלעסיע. איך, ווי איר קוקט מיך אָן, בין פֿול אומעטום, די גאַנצע וועלט, בין אויסן אַלע מײַזלעכער, אויסגעבונדן מיט אַלע פּריצים און מיט אַלע גראַפֿן, אַלע גרעסטע מאַגנאַטן זײַנען נאָך מיר די

כפרה, וואָרעם זיי ווייסן, אַז איך בין זיי געטריַי, איך וועל זיי ניט פאַר־פירן, ווי אַנדערע... זיי ווייסן, אַז דאָס וואָס איך זאָג, איז הייליק. איך וועל ניט גיין דערציילן, ווי אַנדערע, נעכטיקע טעג, אַפּן הימל אַ יאַריד... איך בין נישט פון די אַדעסער אָדער יעהופּעצער מעקלערס די שאַרלאַטאַ־נעס, וואָס קנאַקן. בלאָטע! בײַ מיר איז ריין און אָפּנטלעך. זאָג איך וואַלד — איז וואַלד. זאָג איך סטעפּ — איז סטעפּ. איך וועל נישט גיין דערציילן יענעם קיין גליקן, „אַ האַק אַ בוים, אַ פליוך אין וואַסער", און נאָכדעם זאָל זיך אויסלאָזן אַ בוידעם, אַ נעכטיקער טאָג... און רייד איך מיט עמעצן אָפּ — איז יחלקו. עס מעגן פאַלן שטיינער פון הימל, ווי־באַלד מיר זײַנען אײַנצווייען, איז חצי שלי וחצי שלך...

ד ע ר א ו ר ח : בקיצור, וואָס זשע האָט איר געוואָלט זאָגן, הייסט דאָס?

ד ע ר ש ט א ר ק ד ר ו י ט ע ר י י ד : האָב איך געוואָלט זאָגן, הייסט דאָס: אַזוי ווי ס'איז געקומען מיט אײַך צו פאָרן עפּעס אַ פּריץ, זאָגט מען, וואָס האָט בדעה, זאָגט מען, קויפן אָדער פאַרקויפן אימעניעס, בין איך געקומען אומיסטנע אָנקוקן דעם פאַרשוין, וואָס פאָרט־אַרום בײַ אונדז אין אונדזער וואָלין און מאַכט געשעפטן אָן מיר. איר וועט דען קאָנען אַ ריר טאָן זיך אָן מיר? אָט האָב איך ערשט דורכ־געשלאָגן אַ פּאָר געשעפטלעך, וואָס צוליב דעם טאַקע בין איך געקומען אַהער צו פאָרן, — מעגט איר מיר גלייבן, אַז אַף חידושים, אַף בילעטן! צונויפגעפירט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, הודו מיט כוש, געביטן שילע נאַ שווייקע, צוגענומען בײַ איינעם אַן אימעניע אַ גאָלד און אײַנגערוקט אים אַ וואַלד, אַף אים אַזאַ יאָר! איר זאָלט זען דעמבעס — ארזי־לבנון! דער חסרון, וואָס מע קאָן זיי ניט האַקן. מע לאָזט ניט. מע דאַרף זיי לאָזן באָטש נאָך אַ יאָר דרײַסיק, וועט מען ערשט דעמאָלט פאַרשפּילן... דער־פאַר האָט אָבער די אימעניע אַ מעלה: די ערד איז גאָלע בלאָטע, גוט אַף בריין און אַף קאַרטאָפּלעס, און קיין רעמאַנענט ניט אַ לעק! און אַ באַן וועט דאָרטן אפשר אַמאָל זײַן, אם ירצה השם, אַז משיח וועט קומען, און אפשר ניין; גיכער ניין, איידער יאָ... די צוויי אדונים, האָט איר באַ־דאַרפט אָנקוקן, האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע געוואָלט אָנטאָן אַ ספּאָ־דעק, און מיר האָבן זיי געוואָלט אײַנריידן, אַז איך וויל זיי אָפּנאַרן, נאָר

זיי וועלן זיך לאָזן — אַ קאָמעדיע, זאָג איך אײַך, אַ ריינע קאָמעדיע! (ווערט צעגאַנגען פֿאַר געלעכטער).

דער אורח: בכן, וואָס זשע האָט איר, הייסט דאָס, געוואָלט זאָגן?

דער שטאַרק־רויטער ייִד: גאָרנישט. איך האָב נאָר געוואָלט אַ טאָפּ־טאָן, געוואָר ווערן, מיט וואָס איר שמעקט... איר זאָגט מיר נאָר, ווער איז דער אָדון אײַערער, פֿון וואַנען איז ער? און ווי אַזוי רופֿט מען אים? — וועל איך אײַך שוין אַליין זאָגן, וואָס ער דאַרף. זאָגט מיר נאָר דעם נאָמען זײַנעם — איך קען אַלעמען און אַלע קענען מיך.

דער אורח: זײַן נאָמען איז המן.

דער שטאַרק־רויטער ייִד: (טוט זיך אַ כאַפּ) האָ? המן? פֿון וואָסערע המנס? אפשר פֿון די, וואָס אָט דאָרטן? (באַווײַזט מיט די הענט אַהין ערגעץ, זייער ווײַט).

דער אורח: פֿון די אמתע המנס, טאַקע ער אַליין! (מיטן ניגון פֿון דער מגילה) המן בן המדתא האגגי, שני למלך בײַם קעניג אחשורוש. ווייסט איר שוין?

דער שטאַרק־רויטער ייִד: וואַ־וואָס רעדט איר?

דער אורח: אָט דאָס, וואָס איר הערט.

דער שטאַרק־רויטער ייִד: צי איר זײַט צעמישט? צי איר זײַט דול? צי איר זײַט משוגע? צי גלאַט אַזוי גערירט פֿונעם זינען?

דער אורח: איך בין נישט צעמישט, ניט דול, ניט משוגע, ניט גערירט פֿונעם זינען. דאָס איז ער, דער אמתער המן אַליין, פֿון שושן הבירה, און איך בין דאָס מרדכי היהודי, זײַן ייִד הייסט דאָס... ער איז, מסתּמא האָט איר געהערט, אַ גרויסער מאַגנאַט. אַן אַדיר, און איך, געוויינטלעך, בין אַ ייִד אַן אָרעמאַן; ער איז, הייסט דאָס, מײַן פּריץ, און איך בין זײַן ייִד. הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין?

אויסגעהערט די דאָזיקע מימרא, טוט זיך דער שטאַרק־רויטער ייִד אַ כאַפּ מיט בײדע הענט בײַ די זײַטן און הייבט אָן צו לאַכן, אַז עס קומען זיך צונויף די בעל־הביתטע מיטן משרת מיט עטלעכע געסט, מיט גלאַט ייִדן, און פֿונעם גרויסן חדר עפֿנט זיך די טיר און עס קוקט־אַרויס דער פּריץ אַליין, טוט אַ וואָרף אַף אַלע פֿאַרשווינען אַ בייזן קוק און פֿאַרבינדט

מיט זײַן ייִדן אַ שמועס אויף אַ מאָדנע שפּראַך, מיט גאָלע טיתן און מיט גאָלע פּתחן, עפּעס אַ מין תרגום־לשון, וואָס מע האָט נאָך אַזאַ שפּראַך מיט אַזעלכע דבורים אין וואָלינער גובערניע קיינמאָל ניט געהערט: „פּאַר־שאַנדראַטאַ, אַשפּאַטאַ, פּאַראַטאַ, ווייזאַטאַ"... בעת־מעשה שטייט דער ייִד פאַרן פריץ, ווי געוויינלעך אַ ייִד באַדאַרף שטיין פאַר אַ פּריץ... און מע הערט נישט אויף צו שיטן אַלץ מיט יענע תרגום־לשון, וואָס מע קאָן פון אים זיך אויסברעכן אַלע ציין, און מע וואָלט געמעגט שווערן, אַז עס וואַרפן זיך דורך די באַקאַנטע האַרבע ווערטער פון דער מגילה: „פּרתמים", און „אחשדרפּנים", און „אחשרתנים", און „שעשגז", און דאַכט זיך, אַז „חרבונה" אויך בתוכם... דער גאַנצער עולם בלײַבט שטיין מיט אָפענע מײַלער, און זיי קאָנען ניט פאַרשטיין, וואָס טוט זיך דאָ מיט זיי? המן מיט מרדכין פון דער מגילה? צי אַ נײַער המן מיט אַ נײַעם מרדכי? צי גאָר אַ חלום, עפּעס אַ בייזער, אַ ווילדער חלום צו זייער עקפּ!?

....

....

....

....

....

אַ פּאָר ווערטער פונעם פאַרפאַסער צו זײַנע לעזער

איך רײַס איבער סאַמע אין רעכטן ברען פון דער מעשה — גלייבט מיר, אַז יעדער בעל־מלאכה ווייס זײַן אַרבעט און יעדער שריפטשטעלער פאַרשטייט זײַנע ביזנעס... איך זע אין אײַך, אַז עס האָט אַנגעצויגן. דאָס הייסט, אַז איר ווילט וויסן דעם סוף פון דער מעשה — דאָס איז דאָך באַ אײַך דער עיקר. אויב אַזוי, האָט אַ ביסל געדולד, ביז... איבער־אַ־יאָר פּורים. ניט קיין סך צו וואַרטן. מער ניט אַז איין יאָר. וואָס פאַר אַ ווערדע האָט אַ יאָר אין דער אייביקייט?...

געשריבן אין יאָר 1905 - 1916

לכבוד יום-טוב

צווייט בוך

אינהאַלט:

מה נשתנה — — — — — — — — — — — — — — 181

דער אתרוג — — — — — — — — — — — — — — 188

המן און זײַנע טעכטער — — — — — — — — — — — 203

געצל — — — — — — — — — — — — — — — 213

לאהניו — — — — — — — — — — — — — — 224

אַ פֿאַרשפּילטער ל״ג־בעומר — — — — — — — — — 229

צו דער סעודה — — — — — — — — — — — — 238

דער אורח — — — — — — — — — — — — — 249

אליהו הנביא — — — — — — — — — — — — 258

אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזעם — — — — — — — — — 263

דרײַ קעפּלעך — — — — — — — — — — — — 268

גזלנים — — — — — — — — — — — — — — 275

אַ פּסח אין דאָרף — — — — — — — — — — — 287

פּסח מיט אַ קל ־ וחומר׳ — — — — — — — — — 300

די וועלט גייט צוריק — — — — — — — — — — 303

שלח מנות — — — — — — — — — — — — — 307

די געפּערלעכע מצה — — — — — — — — — — 310

מה נשתנה

— טאַטע, איך וועל דיך פרעגן פיר קשיות.

ד י ע ר ש ט ע ק ש י ה וועל איך דיך פרעגן:

מ ה נ ש ת נ ה ה ל י ל ה ה ז ה מ כ ל ה ל י ל ו ת — וואָס איז פאַרענדערט געוואָרן די דאָזיקע נאַכט פון פסח פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר?

ש ב כ ל ה ל י ל ו ת — אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, אָ נ ו א ו כ ל י ן — עסן מיר וואָס מיר ווילן, סײַ אַ ייִדיש ראָסל־פלייש, סײַ אַ גויִישן קאָלבאַס, סײַ פיש מיט כריין, סײַ ראַקעס, סײַ לאָקשן־קוגל, סײַ מאַראָזשענע; ה ל י ל ה ה ז ה — די דאָזיקע נאַכט פון פסח, כ ו ל ו מ צ ה — זײַנען מיר אַלע מצהדיק: די מאַמע האָט אונדז אָנגעזאָגט, אויב מיר ווילן עסן חמץ, זאָלן מיר גיין אין דער „קאָלבאַסנע", וואָרעב ס'איז אין שטוב, זאָגט זי, פּסחיק. ס'איז אומעטום, אין יעדן ווינקעלע, כשר, ריין. סע שעמערירט און סע פינקלט. דאָס געפּעס האָט מען גע־קויפט שפּאָגל־נײַע, נאָר־וואָס פון קלייט. דאָס מעבל איבערגעפּוצט. די טירן געוואַשן. די פענצטער געקראַצט. דאָס דינסטמיידל געכשרט. עס לאָזט זיך הערן פון קיך אַ ריח פון שטאַרק־געפעפערטע פיש, אַ ריח פון געגזנשמאַלץ. מע האָט אָנגעמאַכט צו דער יויך לאַטקעס און בלינטשיקעס, קניידלעך און כרעמזלעך און פּאַלירטשיקעס. אונדז האָט מען פלוצעם גע־הייסן אָנטאָן די היטלען, אויסגעזעצט אַרום טיש, געגעבן אונדז אין די הענט אַרײַן סידורימלעך, מיר זאָלן אַ ר ײַ נ ק ו ק ן . — זיצן מיר, ווי די טאָקען, און קוקן, ווי אַ האָן אין „בני־אָדם"...

וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָמעדיע? ווי אַזוי הייסט דאָס שפּיל?

. . . .

האָב איך דיך, טאַטע, געפרעגט איין קשיה.

ד י א נ ד ע ר ע ק ש י ה וועל איך דיך פרעגן:

פאַר וואָס האָט עפּעס די מאַמע אָפּגעשיקט די באָנע אויף אַ גאַנץ פּסח? וואָס שעמען מיר זיך אַזוי מיט אונדזער יום־טוב? —

צי שעמען מיר זיך דערמיט, וואָס מיר האָבן זיך באַפרײַט פון גלות־מצרים און געוואָרן פון קנעכט, פון ציגײַנערס, אַ פאָלק?

צי מיר שעמען זיך מיט משה רבינוס תורה, וואָס דאָרטן, זאָגט מען, שטייט געשריבן: „דו זאָלסט ליב האָבן דײַן חבר ווי זיך אַליין"... „אויב דײַן שונא איז הונגעריק, זאָלסטו אים אָנזאַטן מיט ברויט, און אויב ער איז דאָרשטיק, זאָלסטו אים אָנטרינקען מיט וואַסער"...?

צי מיר שעמען זיך מיט אונדזער בית־המקדש, וואָס איז געווען, זאָגט מען, אַ בית־המקדש פ א ר א ל ע פ ע ל ק ע ר ?

צי מיט אונדזערע מלכים שעמען מיר זיך, מיט אונדזערע מלכים, וואָס האָבן זיך אויסגעפײַנט נישט נאָר מיט מלחמות אַליין; זיי האָבן, זאָגט מען, געשריבן זעלטענע ספרים און געזונגען הייליקע לידער?

צי מיר שעמען זיך מיט אונדזערע נביאים, וואָס זײַנען אַרומגעגאַנגען צווישן פאָלק און געזייט אמת, ערלעכקייט, יושר און גערעכטיקייט, נישט געלאָזט, מע זאָל באַליידיקן דעם אָרעמאַן, קוועטשן דעם שוואַכן, באַנעמען די אַלמנה, באַראַבעווען דעם יתום?... מיט די נביאים, וואָס האָבן זיך נישט געשעמט אויסזעצן פעלערן דעם גרעסטן פּאַרשוין, אַפילו דעם מלך אַליין, אים זאָגן דעם אמת גלײַך אין פּנים אַרײַן?

צי מיר שעמען זיך אפשר דערמיט, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן זיך געלאָזט, זאָגט מען, שנײַדן און בראָקן, בראָטן און ברענען, הענגען און טרינקען, קוקן, ווי מע קוילעט די קליינע קינדער פאַר זייערע אויגן און שווײַגן, שפּרינגען אין פײַער אויף קידוש־השם און שרײַען בשעת־מעשה: „שמע ישראל!" — אָט דערמיט שעמען מיר זיך???

. . . .

האָב איך דיך, טאַטע, געפרעגט צוויי קשיות.

ד י ד ר י ט ע ק ש י ה וועל איך דיך פרעגן:

פאַר וואָס האָסטו אונדז געלערנט אַלע לשונות, אַלטע און נײַע, נאָר איין שפּראַך האָסטו פאַרגעסן אונדז לערנען — אונדזער אייגענע יידישע

שפּראַך?... די שפּראַך, וואָס אַף איר איז געשריבן די תורה, די שפּראַך, וואָס אַף איר האָבן גערעדט די נביאים, די שפּראַך, וואָס אַף איר איז פאַראַן, זאָגט מען, אַ גרויסע, אַ רײַכע, אַ שיינע ליטעראַטור?

פאַר וואָס האָבן מיר אויסגעחזרט די היסטאָריע פון אַלע פעלקער, די אַלטע און די נײַע, נאָר די היסטאָריע פון איין פאָלק האָבן מיר דורכגעלאָזט — די היסטאָריע פון אונדזער אייגן ייִדיש פאָלק?

פאַר וואָס זײַנען מיר קלאָר אין דער געאָגראַפיע פון דער גאַנצער וועלט, נאָר די געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל איז אונדז פרעמד?

פאַר וואָס זײַנען מיר קלאָר אַף אויסווייניק מיט אַלע פּישטשעווקעס, אין וואָסער אַ יאָר איז געווען גאַסטיאַג און גאַרפּאַג און קאַמביז און דאַרי היסטאַספּ און איוואַן קאַליטאַ, און מיר הייבן נישט אָן צו וויסן, ווען איז געווען עזרא, און ווען איז געווען יהודה המכבי?

פאַר וואָס וויסן מיר, ווער איז געווען פּושקין, לערמאָנטאָוו, גאָגאָל, גאָרקי און טאָלסטאָי, און הייבן נישט אָן צו וויסן, ווער איז געווען יהודה הלוי, לעווינזאָן, לעוואַנדאַ, גאָרדאָן, אַבראַמאָוויטש?

פאַר וואָס וויים באַ אונדז אַ מינדסט קינד, וואָס פאַר אַ יום־טוב איז „מאַסלעניצאַ”, און אַז עס קומט צו אונדזער חנוכה, איז ער נישט קיין היגער?

. . . .

האָב איך דיך, טאַטע, געפרעגט דרײַ קשיות.

די פערטע קשיה וועל איך דיך פרעגן:

פאַר וואָס איז באַ דיר איוואַן איוואַנאָוויטש אַזוי טײַער, און רב יענקל אַזוי וואָלוול?

פאַר וואָס קלינגט־אָן איוואַן איוואַנאָוויטש באַ אונדז גלײַך אין דער פאָדערשטער טיר, און רב יענקל גייט אַף דער הינטער־טיר?

פאַר וואָס, אַז עס קומט אַרײַן צו אונדז איוואַן איוואַנאָוויטש, ווערט אַ הארמידער, אַ גערוקעריי פון בענקלעך, אַלע לויפן אים אַקעגן, מע וויים ניט ווו אים אַנידערצוזעצן, און רב יענקל, אַז ער קומט אַרײַן, שטייט ער באַ דער טיר און האָט מורא, טאָמער וועט מען אים ניט אַזוי אויפנעמען?

פאַר וואָס, אַז איוואַן איוואַנאָוויטש קרימט זיך נאָך, ווי אַזוי אַ ייִד

האָט מורא פאַר אַ ביקס און זאָגט: „אײ־װײ־מיר! שטרעליאַיעט!“, קאַ־טשען מיר זיך אַלע פאַר געלעכטער, און אַז יענקל װיל עפּעס דערציילן, קוקט ער פריִער אין די אויגן אַריין, צי מען איז אויפגעלעגט אים האָרכן?

פאַר װאָס האָט איוואַן איוואַנאָװיטש אַ עצה צוצוגיין גלייך צו מיין שװעסטער מאַטילדע, איר געבן אַ קניפּ אין בעקל און מאַכן איר װאָס פאַר אַ קאָמפּלימענט ער װיל, און אַז רב יענקל האָט זיך איינמאָל אַרױסגעכאַפּט מיט אַ װאָרט, אַז מאַטילדע איז אַ פיינע בתולה, האָט אים די מאַמע אָפּגעשאָטן מיט פייער: „פי, זשידאָװשטשינאַ! װאָס איז דאָס פאַר אַ נאָמען ב ת ו ל ה ?“...

פאַר װאָס, אַז דער רוסישער לערער קומט צו גיין צו אונדז לערנען, האָבן מיר פאַר אים דרך־ארץ, גיבן אים אָפּ כבוד און האָבן מורא פאַר אַ בייזן קוק, און אַז אונדזער ייִדישער „רבי“ קומט צו גיין איין מאָל אין װאָך פון יוצא װעגן לערנען מיט אונדז „סידור“, מאַכן מיר פון אים חוזק, טרייבן קאַטאָװעס, הערן אים, װי דעם קאָטער, באַהאַלטן אים דאָס היטל אונטערן בעט, אָדער מיר פאַרװאָרפן אים די קאַלאָשן אָפן בוידעם?

פאַר װאָס שרייבן מיר אויס אַלע יאָר די „ניװאַ“ מיטן „נאָװאָיע־װרעמיאַ“, פאַרכאַפּן מיט אַ חודש פריִער, מיר זאָלן, חס ושלום, נישט פאַרשפּעטיקן, און אַז מען האָט דיך אַ פרעג געטאָן עמעצער, למאי דו שרייבסט נישט אויס דאָס ייִדישע בלאַט, האָסטו זיך געפונען װי באַ־ליידיקט?...

פאַר װאָס קלינגט די װעלט מיט זייערע מחברים, מע שרייבט װעגן זיי גאַנצע ביכער, מע דרוקט זייערע בילדער, מע פייערט זייערע יובילייען, מע גיט־אַרויס זייערע ספרים, מע שטעלט זיי מאָנומענטן — סע טוט זיך חושך!... — און צו אונדז איז אַריינגעקומען נישט לאַנג אַ ייִדישער מחבר, האָסטו אים זייער פיין אויפגענומען פון פאָרנט באַ דער טיר און האָסט אים געזאָגט: „אַ נדבה קאָן איך אייך געבן, און אייער בוך באַ־דאַרף איך ניט“?...

פאַר װאָס דרוקט מען אַזױ אָפט אָף די בלעטער דיינע נדבות מיט דיינע נדרים מיט דיינע נישט־ייִדישע סטיפּענדיעס, װאָס דו שענקסט, און מע הערט עפּעס ניט, דו זאָלסט מנדר זיין אָף אַ ייִדישע זאַך?

פאַר װאָס ברענגט זיך אויס די מאַמע אָף אַלע זייערע בעלער, און

אַז עס קומט צו דער ייִדישער תלמוד־תורה, זאָגט זי, אַז ס'איז נישט אויסצושטיין פון די ייִדן, ווי זיי שלעפּן?

פאַר וואָס האָסטו מיר אַ נאָמען געגעבן „אַלקיוויאַד", ניט „עקיבאַ", ווי איך הייס באמת נאָכן זיידן עקיבאַ? מיט וואָס איז אַלקיוויאַד געווען אַ שענערער מענטש פון אונדזער גרויסן געלערנטן רבי עקיבאַ?

פאַר וואָס טאַנצט מײַן שוועסטער קלאַראַ אױף אַלע יאָלקעס, אַז איך האָב אַליין וויפל מאָל געהערט, אַז מע רופט זי הינטער די אויגן „כאַיקאַ" און „זשידאָווקאַ"?...

פאַרוואָס מישן זיך מאָטל דער שנײַדער, בערל דער שוסטער און חיים דער סטאָלער דאָרט, וווּ מע דאַרף נישט, און נעמען זיך אָן י ע נ ע מ ס קריוודע, אַז י ע נ ע ר בעט זיי ניט, אַז יענער איז גרייט אַלע מאָל מיט אַ שטעקן זיי ווײַזן דעם רעכטן וועג?...

פאַר וואָס, און פאַר וואָס, און פאַר וואָס, און פאַר וואָס?

....

האָב איך דיך שוין, טאַטע, געפרעגט אַלע פיר קשיות.

אַצינד בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר ענטפערן אַ תירוץ אױף מײַנע קשיות.

און אַז ד ו װעסט מיר ניט ענטפערן קיין תירוץ אױף מײַנע קשיות, וועל א י ך דיר ענטפערן אַ תירוץ:

ע ב ד י ם ה י י נ ו ...

געשריבן אין יאָר 1902

די פיר קשיות פון אַן „אַמעריקאַן באָי" *)

— טאַטע, איכ'ל דיך פרעגן פיר קשיות:

ד י ע ר ש ט ע ק ש י ה וועל איך דיך פרעגן: מ ה נ ש ת נ ה ה ל י ל ה ה ז ה — וואָס איז פאַרענדערט געוואָרן די דאָזיקע נאַכט פון פסח פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר?

ש ב כ ל ה ל י ל ו ת — אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר עסן מיר וואָס מיר ווילן, סיי אַ יידישן סטייק, סיי פאָרק טשאָפּס, סיי פיש מיט כריין, סיי אויסטערס, סיי לאָקשן־קוגל, סיי פּאָמפּקין־פּאַי. ה ל י ל ה ה ז ה — די דאָזיקע נאַכט פון פסח עסן מיר נאָר מצה און נאָר מרור. און אַז מיר ווילן עסן חמץ, האָט אונדז די מאַמע אָנגעזאָגט, קאָנען מיר גיין אין אַ רעסטאָראַן אַף בראָדוויי, וואָרעם אין שטוב איז באַ איר, זאָגט זי, סטריקטלי פּסחיק. ס'איז אומעטום, אין יעדן ווינקעלע, כשר און קלין. סע שעמערירט און סע פינקלט, דישעס האָט מען געקויפט שפּאָגל־נייע, נאָר־וואָס פון סטאָר. די פוירניטשור האָט מען איבערגעפּוצט. די טירן געוואַשן. די ווינדעס געקלינט. די וודוווירק איבערגעוואָרנישט. סיידי דאָס דינסטמיידל געכשרט. עס לאָזט זיך הערן פון קיך אַ ריח פון שטאַרק־געפּעפּערטע פיש, אַ געררוד פון געגנזנשמאַלץ. מע האָט געמאַכט צו דער יויך פענקייקס און בלינטשיקעס, היימישע קניידלעך און כרעמזלעך און פּאַלירטשיקעס. אונדז האָט מען פלוצעם געהייסן אָנטאָן די העטס, אויסגעזעצט אַרום טיש, געגעבן אונדז אין די הענט אַריין סידורימלעך מיט הגדות, מיר זאָלן אַריינקוקן.

— זיצן מיר, ווי די דאָמים, און מיר קוקן, ווי די האָנען אין „בני־אדם"...

וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָמעדיע? ווי אַזוי הייסט די פּליי?...

• •

האָב איך דיך, טאַטע, געפרעגט איין קשיה.

ד י אַ נ ד ע ר ע ק ש י ה וועל איך דיך פרעגן:

פאַר וואָס האָט עפּעס די מאַמע אָפּגעשיקט די קריסטלעכע קעכן אַף אַ גאַנץ פסח? וואָס שעמען מיר זיך אַזוי מיט אונדזער יום־טוב?

צי שעמען מיר זיך דערמיט, וואָס מיר האָבן זיך אַליין באַפרייט פון גלות־מצרים און געוואָרן פון שקלאַפן, פון ציגיינערס, אַ פאָלק?

צי מיר שעמען זיך מיט משה רבינום בייבעלן?

צי מיר שעמען זיך מיט אונדזער בית־המקדש, וואָס איז געווען, זאָגט מען, אַ טעמפּל, אַ גאָטס־הויז פאַר אַלע פעלקער?

צי מיט אונדזערע מלכים שעמען מיר זיך, מיט אונדזערע קעניגן, וואָס האָבן זיך

---

*) דער דאָזיקער אַמעריקאַנער וואַריאַנט פון „מה נשתנה" איז געשריבן געוואָרן פון שלום־עליכם אין ניו יאָרק, אין יאָר 1916.

אויסגעפיינט ניט נאָר מיט מלחמות, מיט בלוטפאַרגיסונגען אַליין. זיי האָבן, זאָגט מען, געשריבן זעלטענע ביכער און געזונגען הייליקע לידער׳ פסאַלמען?

צי מיר שעמען זיך מיט אונדזערע נביאים די פּראָפעטן, וואָס האָבן זיך ניט געזשעניִרט אויסצוזעצן פעלערן דעם גרעסטן פאַרשוין, אַפילו דעם קעניג אַליין, אים זאָגן דעם אמת גלייך אין פּנים אַריין?

צי מיר שעמען זיך אפשר דערמיט, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן זיך געלאָזט, זאָגט מען, שניידן און בראָטן, בראָטן און ברענען, הענגען און טרינקען, קוקן ווי מע קוילעט די קליינע קינדער פאַר זייערע אויגן, שפּרינגען אין פייער אַף קידוש־השם און שרייען בשעת־מעשה: „שמע ישראלן" — אָט דערמיט שעמען מיר זיך???

. . . .

האָב איך דיך, טאַטע, געפרעגט צוויי קשיות.

ד י ד ר י ט ע ק ש י ה וועל איך דיך פרעגן:

פאַר וואָס האָסטו אונדז אָפּגעגעבן אין סקול, מיר זאָלן לערנען נאָר ענגליש אַליין, און האָסט פאַרגעסן אונדז לערנען יידיש, אונדזער אייגענע שפּראַך?

אָדער די שפּראַך, וואָס אַף איר איז געשריבן די בייבעל, די שפּראַך, וואָס אַף איר האָבן גערעדט די נביאים, די שפּראַך, וואָס אַף איר איז פאַראַן, זאָגט מען, אַ רייכע, אַ שיינע ליטעראַטור?

פאַרוואָס האָבן מיר אויסגעחזרט די היסטאָריע פון אַלע פעלקער, די אַלטע און די נייע, נאָר די היסטאָריע פון איין פאָלק האָבן מיר דורכגעלאָזט — די היסטאָריע פון א ו נ ד ז ע ר א י י ג ן י י ד י ש פ אָ ל ק?

פאַר וואָס זיינען מיר קלאָר אין דער געאָגראַפיע פון דער גאַנצער וועלט, נאָר נישט אין דער באַשרייבונג פונעם לאַנד פון אונדזערע עלטערן, פון ארץ־ישראל?

. . . .

האָב איך דיך, טאַטע, געפרעגט דריי קשיות.

די פ ע ר ט ע ק ש י ה וועל איך דיך פרעגן:

פאַר וואָס ווייסן מיר, ווען איז כריסטמאַס, ווען איז וואַשינגטאָנס בוירטס־דעי, ווען איז לינקאָלנס בוירטסדעי׳ ווען איז דעקאָריישאָן־דעי און טהענקס־גיווינג דעי — און מיר ווייסן ניט, ווען איז חנוכה, וואָס איז פּורים, ווען איז סוכות און וואָס באַדייט פּסח?

פאַרוואָס ווייסן מיר, ווער איז געווען שעקספּיר, מילטאָן, לאָנגפעלאָו, דיקענס און טעקעריי, עדגאַר פּאָו און מאַרק טווין, און מיר ווייסן נישט, ווער איז געווען יהודה הלוי, לעווינזאָן, אַבראַמאָוויטש, ביאַליק און נאָך און נאָך אונדזערע אייגענע דיכטער און שריפטשטעלער?

פאַר וואָס, און פאַר וואָס, און פאַר וואָס?... פאַר וואָס זאָל איך דיך איבערהויפּט דאַרפן פרעגן קשיות?

. . . .

האָב איך דיך שוין, פאָטער, געפרעגט אַלע פיר קשיות.

אַצינד בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר ענטפערן אַ תירוץ אַף מיינע קשיות.

און אַז דו וועסט מיר נישט ענטפערן קיין תירוץ אַף מיינע קשיות, וועל איך דיר אַליין ענטפערן אַ תירוץ:

ע ב ד י ם ה י י נ ו ...

דער אתרוג

א

אַ מעשה לכבוד יום־טוב

הייסן הייס איך, זאָלט איר וויסן זײַן, אָרי־לייב, נאָר רופן רופט מען מיך לייבל, און אין חדר האָב איך אַ צונעמעניש „לייב־דרייב־אָבדיריק". אין חדר בײַ אונדז האָט איטלעכס ייִנגל זײַן צונעמעניש: מאָטל־קאַפּאָטל, מאיר־דרייער, מענדל־פּענדל, חיים־קלײַען, איציק־שפּיציק, בערל־צאַפּ... געפעלט אײַך אַ ביסל אַ גראַם? מילא, אַז איציק איז שפּיציק, מענדל איז פּענדל און חיים איז קלײַען — דאָס קאָן מען נאָך פאַרשטיין; אָבער וואָס פאַר אַ מחותן איז בערל מיט צאַפּ? — למאַי, וואָס פאַר אַ משל איז לייב־דרייב־אָבדיריק? פונדעסטוועגן וויל איך דאָס שטאַרק ניט לײַדן און קריך זיך שלאָגן, און כאַפּ פּעטש מיט קולאַקעס מיט סטוסאַקעס מיט בוכענצעס מיט שטשיפּאַלקעס פון אַלע זײַטן. מע מאַכט מיך ברוין און בלוי, וואָרעם איך בין דער קלענסטער בײַ אונדז אין חדר, דער קלענסטער און דער שוואַכסטער און דער אָרעמסטער. קיינער וועט זיך פאַר מיר נישט אײַנשטעלן, מײַן קריוודע ניט אָננעמען; אדרבה, אַז צוויי נגידישע ייִנגלעך בוכען מיך, איינער זיצט אַף מיר רײַטנדיק און דער אַנדערער דרייט מיר אַן אויער, שטייט דער דריטער, אַן אָרעמאַנס אַ ייִנגל, און פּאָדטאַקעוועט מיט אַ ניגון:

אָט אַזוי! אָט אַזוי!
בוכעט אים!
בוכעט אים!

די עווערלעך!
די עווערלעך!
אַט אַזוי! אַט אַזוי!

דעמאָלט ליג איך שטיל, ווי אַ קעצעלע, און אַז מע לאָזט מיך אָפּ, גיי איך מיר אַוועק אין אַ ווינקעלע און וויין זיך אויס שטילערהייט, וויש־אויס די אויגן, רוק זיך צוריק צו צו חברה און ווער ווידער אַ מענטש... בקיצור, אַז איר וועט באַגעגענען אין דער דאָזיקער מעשה אַ נאָמען לייבל, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס בין איך.

אַליין בין איך אַ געפּאַקטער פּוכלעק, אַ נידעריקער, נאָר אַ גראָבער. ניט אַזוי מחמת פעטקייט; איך בין אָפּן לײַב דווקא אַ מאָגערער. נאָר דערפאַר בין איך פּוכלעקוואַטע, ווײַל איך טראָג גראָבע וואַטאָווע הויז־לעך, אַ גראָב וואַטאָווע לײַבל מיט אַ גראָב וואַטאָווע קאַפּאָטקעלע. די מאַמע, פאַרשטייט איר מיך, וויל, עס זאָל מיר זײַן וואַרעם און איך זאָל מיך חלילה ניט פאַרקילן, האָט זי מיך אַרומגעוויקלט מיט וואַטע פון קאָפּ ביז פיס. נאָר זי מיינט, די מאַמע הייסט דאָס, אַז וואַטע קומט ניט צו־נויץ פאַר אַ יינגל. וואַטע קומט צו־נויץ אויף אַ מיאַטש, און נאָך אויף אַ מיאַטש, און נאָך אויף אַ מיאַטש — אַלע יינגלעך האָב איך אײַנגעטיילט מיט וואַטע, געשלעפּט פון די הייזלעך און פונעם קאַפּאָטקעלע, אַזוי לאַנג, ביז מע האָט דערזען, האָב איך געכאַפּט פּעטש מיט קולאַקעס, מיט סטור־סאַקעס, מיט בוכענצעס, מיט שטשיפּאַלקעס. נאָר לייבל טוט זיך זײַנס: ער טיילט וואַטע. ווער סע וויל, דער נעמט בײַ אים וואַטע, און ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, דער שלאָגט אים, הרגעט אים, ממיתט אים: „לייב־דרייב־אַבדיריק, אַ מצווה אויף אים!”...

אָפּן פּנים בין איך רויט, די באַקן זײַנען בײַ מיר בלווילעך און די נאָז תמיד פאַרקאָוועט, תמיד פול ווי אַן אויג. „אַן אוצר בײַ אים, צו אַלדי שוואַרצע יאָר!” — אַזוי זאָגט די מאַמע און רײַבט לייבלען די נאָז מיטן פאַרטעך גאָר אומברחמנות און שרײַט צו אים: „נאָך! נאָך!”... לייבל נעמט זיך אָן מיט אַלע כוחות, עס שפּאַרט אים שיר ניט אַרויס די אויגן פונעם קאָפּ מיט דער נשמה, און די מאַמע הערט נישט אויף צו שרײַען: „נאָך! נאָך! נאָך!”... נאַ דיר אַן אָנשיקעניש! אַ נאָז! עס זאָל אָבער נישט זײַן קיין נאָז, וואָלט דאָך געווען גוט. ערשטנס, פאַרשפּאָרט

מען דערקוטשען מיטן שנײַצן; און צווייטנס, איז ניטאָ ווער ס'זאָל פּרווּוען ווינטער אַפן פּראָסט. נישט איין מאָל פלעגט מיר איינפאַלן צו פרעגן אַ קשיה: צו וואָס טויג אַ נאָז? ווי וואָלט געווען, למשל, אַז אַלע מענטשן זאָלן ארומגיין אָן נעזער? אי, וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטן מיר דעמאָלט געהאַט? בלײַבט אַ קשיה!... נאָר איך האָב אײַך געוואָלט דער-ציילן, קינדער, עפּעס אַנדערש. איך האָב אײַך געוואָלט דערציילן אַ מעשה מיט אַן אתרוג, און אַרויף בין איך גאָר אַף ווייס איך וואָס!... לכן רײַס איך איבער אין מיטן אַ שמועס און קער זיך אום מיט אײַך צוריק צו דער מעשה מיטן אתרוג.

ב.

מײַן טאַטע, „משה־יענקל דער נאמן", דינט אין פּראָיעקט פון כמה וכמה יאָרן אַלס קאַסיר. ער באַקומט געהאַלט פינפטהאַלבן קאַרבן אַ וואָך און קוקט־אַרויס אַף אַ הוספה; אַז מע וועט אים געבן אַ הוספה, וועט ער, זאָגט ער, הײַנטיקס יאָר, אם ירצה השם, קויפן אַן אתרוג. נאָר די מאַמע (בתיה־ביילה די נאמנטע רופט מען זי) גלייבט ניט אין אַזעלכע זאַכן. גיכער, זאָגט זי, וועט אומפאַלן אַ קאַזאַרמע און מענטשן וועלן געהרגעט ווערן, איידער אַ בעל־טאַקסע וועט געבן אַ הוספה... איינמאָל פאַר ראש־השנה איז לייבל אָנגעקומען אַף אַזאַ מין שמועס צווישן טאַטע־מאַמע:

ע ר : עס זאָל זיך קערן די וועלט, מוז איך הײַנטיקן סוכות האָבן אַן אתרוג!

ז י : די וועלט וועט זיך נישט קערן, און דו וועסט קיין אתרוג נישט האָבן.

ע ר : אַזוי זאָגסטו? ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז מע האָט מיר צוגעזאָגט געבן צושטײַער אַף אַן אתרוג?

ז י : וועט מען דאָס דאַרפן פאַרשרײַבן אין ספר־פּראַלניק, אַז ראש־חודש קרעמעניץ האָט זיך געטראָפן אַ נס — עס איז געפּגרט אַ בער אין וואַלד. נאָר וואָס דען? אַז איך וועל נישט גלייבן, וועל איך אויך נישט זײַן קיין גרויסע אַפּיקורסטע.

ע ר : מעגסט דיר יאָ גלייבן און ניט גלייבן; איך זאָג דיר, אַז הײַנטיקן סוכות האָבן מיר אַן אייגענעם אתרוג.

ז׳: אָמן הלוואי, פון דײַן מויל און גאָטס אויערן!

— אָמן! אָמן! אָמן! — טראַכט לייבל באַ זיך אין האַרצן, און עס שטעלט זיך אים פאָר, אַז דער פאָטער זײַנער קומט אין שול אַרײַן, ווי אַן אַלטער שטאָט־בעל־הבית, מיט זײַן אייגענעם אתרוג און מיט זײַן אייגענעם לולב, און כאָטש משה־יענקל דער נאָמן איז אַ ייִד פון שפּיגל־באַנק, פונדעסטוועגן, אַז סע קומט צו הושענות און דער עולם מאַכט אַ שפּאַציר מיט די אתרוגים אַרום דער בימה, גייט משה־יענקל אויך אין קאָן, גלײַך מיט אַלע מזרח־לײַט, און לייבלס האַרץ קוועלט־אָן און פרייט זיך. פריִער, געוויינטלעך, גייט רב מלך דער חזן, ווי אַ פעלדמאַרשאַל, טריט באַ טריט, דעם קאָפּ פאַרריסן אַרויף מיט גרויס גדלות, און זינגט אַף זײַן שיין־ציקלדיקער שטימע: „הושע־נאַ, עניה סוערה, הושע־נאַ!" און תיכף נאָך אים גייט דער רב, אַ קליין אויסגעווייקט ייִדל, אָנגערוקט דעם טלית אין בערן פּנים. נאָכן רב — דער דיין, אַ ייִד מיט אַ געל פאַרמעט פּנים, נאָר מיט ברייטע אַקסלען און מיט אַ פעטן בויך, וואָס טרייסלט זיך אונטער דער גלאַנצנדיקער אַטלעסענער קאַפּאָטע. און נאָכן דיין — די „פּני העיר", די „מזרח־לײַט", די נגידים, דער סאַמע צימעס פון שטאָט: רב דאָדי רב הערשעלעס, רב שמחה רב יאָסעלעס, רב אהרן רב לייבעלעס. נאָכדעם — די דריי בערלס: בערל דער גרויסער, בערל דער רויטער, בערל מיט דער באַק. נאָכדעם — מיטלמעסיקע בעלי־בתים: מענדל ברוך נחמהס, אַלטער מינצי פעסלס, שעיה שלמה־דודים, וועלוול חיים־בער־טשיקס. און נאָכדעם גייען קליינוואַרג: משה קאַטער, חיים פלאַם, עזריאל קאַטשקע, מאיר ליפ, שלום סקריפּ, שמואליק פּעטרישקע, און נאָך און נאָך, איינס נאָך דאָס אַנדערע, אַ נגיד נאָך אַ נגיד, אַ בעל־הבית נאָך אַ בעל־הבית, איטלעכער לפי ערכו, נאָך זײַן פאַרמעגן, ווי, להבדיל, אין דער אַרמיע, בשעת דאָס חיל גייט אין דער מלחמה: פריִער טרעט־אַרויס דער פעלדמאַרשאַל, נאָכדעם גייען גענעראַלן, נאָכדעם פּאָלקאָווניקעס, אָפיצירן און יונקערס, אונטעראָפיצירן און פעלדפעבעלס, און ערשט נאָכדעם גייען די פּראָסטע סאָלדאַטן... לייבלען שטעלט זיך פאָר, אַז זײַן פאָטער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט מיטן אתרוג צווישן די שענסטע בעלי־בתים, אַ סך פריִער פאַר רב ישראל דעם שניידער, וואָס כאָטש ער איז אַ ייִד אַ בעל־מלאכה און אַ גרויסער אָרעמאַן, פונדעסטוועגן, קומט צו די הושענות,

גייט רב ישראל דער שניידער גלײַך מיט אלע בעלי־בתים מיט א פרעמדן אתרוג, וואס אן אויפגעקומענער בעל־מלאכה האט אים מיט דעם מכבד געווען אפשר דערפאר, ווײַל רב ישראל איז א שיינער ייִד א לײַטישער און א גאנץ ערלעכער. לייבל האט נישט איינמאל באמערקט, אז עס קומט צו הושענות און דער עולם הייבט־אן ארומצוגיין אין שול מיט די אתרו־גים, שטופן זיך די בעלי־בתים איטלעכער וואס פריִער, קוקן כלומרשט אין סידור ארײַן, העלפן דעם חזן זינגען די הושענות מיט א דין קולכל, מאכן בשעת־מעשה זייער א פרום פנים, און כאפן א קוק מן הצד, קליגן זיך צו פארנעמען א רעכט שטיקל ארט, נענטער צו די פני העיר, צו די מזרח־לײַט, צו די נגידים; און אז זיי קומען־אוים א ביסל ווײַטלעך, מאכן זיי פים און הייבן אן גיין גיכלעך, זיי זאלן חלילה ניט פארשפעטיקן און אן אנדערער, א קלענערער, זאל חלילה ניט פארכאפן זייער ארט. און אפטמאל טרעפט זיך, אז איינער א בעל־הבית האט א ביסל פארשפע־טיקט, רוקט ער זיך ארײַן בריהש מיט א זײַטל צווישן אנדערע צוויי בעלי־בתים, וואס וואלטן אים מכות ארײַנגעלאזט, עס זאל זײַן אין זיי געווענדט...

אז לייבל האט דערהערט דעם שמועס פון פאטער און מוטער מכח אן אייגענעם אתרוג, האט ער זיך נישט געקאנט אײַנהאלטן און האט אויסגעפויקט אין חדר, אז הײַנטיקן יום־טוב וועלן זיי האבן אן אתרוג, „אן אייגענעם אתרוג"; נאר קיינער האט אים נישט געוואלט גלייבן, וויפל ער האט זיך נישט געשווארן.

— וואס זאגט איר אף זײַן טאטן? — האבן חברה שקצים גע־רעדט צווישן זיך. — אזא קבצן שבקבצנים, פון די קבצניוועקער קבצנים, וועט קויפן אן אתרוג! ער מיינט, אפנים, ס'איז א לימענע, אן עפל פאר א גראשן!

און די קלענערע ייִנגלעך האבן צוגעזונגען:

לייב־דרייב־אבדיריק
האט אויסגעטראכט א ליגן!
אויסגעטראכט א ליגן!...

אזוי האָבן חברה שקצים געזונגען און מע האָט אים נאָך מכבד גע־וועזן, ווי אַלע מאָל, מיט שיינע עטלעכע פּעטש, קולאַקעס, סטוסאַקעס, בוכענצעס און שטשיפּאַלקעס. די דאָזיקע מעשה האָט אים, געוויינטלעך, פּאַרדראָסן, און לייבל הייבט־אָן גלייבן, אַז זײַן טאַטע איז אַ כתריליק, אַ קבצן שבקבצנים, און אַ קבצן טאָר זיך ניט גלוסטן... ווי איבעראַשט איז ער אָבער געוואָרן, אַז ער איז געקומען אַהיים און האָט געטראָפן הענזל דעם שוחט מיט דער נאַפּאַליאָנקע אַפן קאָפּ זיצן מיטן פּאָטער באַם טיש און פאַר זיי איז געשטאַנען אַ קעסטל מיט אתרוגים, וואָס האָבן זיך גע־לאָזט הערן מיט זייער גן־עדן־ריח איבער דער גאַנצער שטוב.

ג.

די נאַפּאַליאָנקע, וואָס הענזל דער שוחט טראָגט אַפן קאָפּ, איז אַזאַ מין שטרײַמעלע, אַ מיצל אַזעלכס, וואָס איז אונדז פאַרבליבן בירושה פון נאַפּאָליאָן דעם ערשטן. דאָרטן, באַ די פראַנצויזן, איז דאָס מיצל שוין לאַנג אויס מאָדע; נאָר באַ אונדז, אין כתרילעווקע, האָט זיך נאָך פאַר־וואַלגערט איין נאַפּאַליאָנקע, אָבער טאַקע מער נישט ווי איינס, באַ הענזל דעם שוחט. דאָס מיצל איז אַ לאַנגס און אַ שמאָלס, פון פאָרנט מיט אַ שפּעלטל, מיט אַ קנעפּל און מיט צוויי קאָטעסלעך. איך האָב תמיד חשק געהאַט צו די דאָזיקע קאָטעסלעך. ווען דאָס מיצל פאַלט־אַרײַן צו מיר אין די הענט כאָטש אַף צוויי מינוט, זײַנען די קאָטעסלעך מײַנע!... אַזוי האָב איך מיר געקלערט. הענזל דער שוחט טוט אָבער קיינמאָל ניט אויס דאָס מיצל פונעם קאָפּ, און מיר ווײַזט זיך אויס, אַז די קאָטעסלעך מיטן מיצל מיט די פאות מיטן קאָפּ זײַנען באַ אים עפּעס ווי צונויפגעוואַקסן אינאיינעם, און דערפאַר, אַז ער רעדט און מאַכט מיט די הענט, שאָקלען זיך די פאות און די קאָטעסלעך באַמבלען זיך. רב הענזל דער שוחט לייגט־פונאַנדער די גאַנצע קראָם זײַנע, קלײַבט אויס אַן אתרוג, טראָגט אים צו צו דעם טאַטן מיט צוויי פינגער און הייסט אים נעמען דעם דאָזיקן אתרוג.

— אָט דעם אתרוג זאָלט איר נעמען, רב משה־יענקל, וועט איר

האָבן הנאה, וואָרעם ער איז, זאָג איך אײַך, אַן אַנטיק! אַן אַנטיק שבאַנטיק!

— אָבער אַ קאַרפּירער? — פרעגט דער טאַטע און באַטראַכט דעם אתרוג פון אַלע זײַטן, ווי מע באַטראַכט אַ בריליאַנט, און די הענט ציטערן אים פאַר פרייד.

— נאָך אַ מין קאַרפּירער! — מאַכט דאָס מיצל מיט אַ געלעכטערל, און די קאָטעסלעך באָמבלען זיך. — אַ קאַרפּירער שבקאַרפּירער! צווישן קאַרפּירער אַ קאַרפּירער!

משה־יענקל דער נאמן שפּיגלט זיך אינעם אתרוג, קאָן זיך אין אים זאַט נישט אָנקוקן, רופט־צו בתיה־ביילעהן און ווײַזט איר מיט אַ גליקלעך שמייכעלע אָפן אתרוג, ווי מע ווײַזט־אָן אַף זייער אַ רײַכן פּערמואַר, אַ צירונג, אַן אבן־טוב, אָדער ווי אַף אַ שיין טײַער קינד, אַ טרייסט. בתיה־ביילע גייט־צו אָן ווערטער, ציט־אויס די האַנט פּאַוואָלינקע, וויל נעמען דעם אתרוג אין האַנט אַרײַן, גיט מען איר נישט: „פּאַוואָלינקע מיט די הענט! אַ שמעק, אויב דו ווילסט"... בתיה־ביילה באַגנוגנט זיך כאָטש מיט אַ שמעק, און מיר גיט מען אפילו קיין שמעק אויך נישט טאָן. מיך לאָזט מען אפילו נישט צו, איך זאָל ניט שטיין צו נאָענט, איך זאָל גאָר ניט קוקן אפילו, וואָרעם ס'איז מסוכן נפש!

— שוין, אָט איז ער דאָ! — זאָגט די מאַמע. — אָט לאָז אים נאָר צו, בײַסט ער אָפּ דעם פּיטום פונעם אתרוג!...

— לאָז גאָט היטן! — זאָגט דער טאַטע, איבערגעשראָקן פון אַ בייז וואָרט.

— שומר ומציל זײַן! — העלפט צו דאָס מיצל, און די קאָטעסלעך באָמבלען זיך. רב הענזל שענקט אַ ביסל קלאָטשע אַף אײַנצוּוויקלען דעם אתרוג, און דער ריח, דער גן־עדן־ריח, צעגייט זיך אין אַלע ווינקעלעך.

ווי אַ בריליאַנט, ווי אַ זעלטענעם שטיין, ווי אַ טײַערן פּקדון, וואָס מע האָט אים איבערגעגעבן באַהאַלטן און אָפּהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג, וואָס אַז טאָמער ווערט עס חלילה פאַרפאַלן, איז מען ניט זיכער מיטן לעבן, — אַזוי האָט מען גענומען דעם שמעקנדיקן אתרוג, אײַנגעהילט אין קלאָטשע, ווי מע הילט־אײַן אַ ציטעריק קינד, אַ בן־יחידל, ס'זאָל זיך חלילה ניט צוקילן דאָס העלזל, און מע האָט פּאַוואָ־

לינקע אויסגעבעט און באַלייגט אין אַ שענע קײַלעכיקע הילצערנע גע־מאָקטע געפּאַרבטע פּושקע פון צוקער. דעם צוקער האָט מען געבעטן מחילה, און דעם אתרוג האָט מען אַרײַנגעבעטן, ווי אַ ליבהאַרציקן גאַסט: ברוך הבא, רב אתרוג! אַרײַן, אַרײַן, אין פּושקע אַרײַן! רעכט אײַנגעדעקט מיט קלאָטשע, צוגעדעקט מיטן דעקל, אַרײַנגעשטעלט אין דער גלעזערנער שאַפע, צוגעמאַכט דאָס טירל — און אַ גוטן טאָג!

— איך האָב מורא, דער משומד (דאָס מיינט מען מיך) זאָל זיך ניט דאַביוועז צו דער שאַפע, חלילה, און נישט אָפּבײַסן דעם פּיטום פונעם אתרוג!... — אַזוי טוט אַ זאָג די מאַמע נאָך אַ מאָל און נעמט לייבלען פּאַר אַ האַנט און שלעפּט אים אָפּ פון דער שאַפע.

ווי אַ קאַץ, אַז זי דערשמעקט פּוטער, שפּרינגט זי אַראָפּ פונעם פּרי־פּעטשיק, גלײַכט זיך אויס דעם רוקן, הייבט זיך אָן אַרומדרייען, רײַבן זיך, קוקן איטלעכן באַזונדער אין די אויגן אַרײַן און באַלעקן זיך, — אַזוי האָט נעבעך לייבל אַ היפּשע צײַט זיך אַרומגעדרייט נעבן דער שאַפע, אַרײַנגעקוקט אינעם גלעזערן טירל, געשמייכלט צו דער פּושקע מיטן אתרוג, אַזוי לאַנג, ביז די מאַמע זײַנע האָט דאָס דערזען, האָט זי אַ זאָג געטאָן משה־יענקלען, אַז דער ווײַסער־חברהניק האָט חשק זיך דאַביוועז צום אתרוג. האָט משה־יענקל אָנגעשרײַען אויף אים: „אין חדר אַרײַן, דו שקאָץ איינער, ניט געדאַכט זאָלסטו ווערן!"... אַ קאָטאַ, הייסט דאָס, פון דער פּוטער!...

לייבל בייגט־אײַן דעם קאָפּ, לאָזט־אַראָפּ די אויגן און גייט־אַוועק אין חדר־אַרײַן.

ד.

אַז איך האָב געלערנט אין חומש די ערשטע סדרה פון בראשית, פלעג איך מיך ניט איין מאָל טראַכטן: וואָס וואָלט געווען, למשל, ווען גאָט האָט באַזעצט אָדם הראשונען מיט זײַן פרוי אין גן־עדן — ער זאָל זיי ניט געווען אָנזאָגן, פון וואָסערע פּירות זיי מעגן יאָ עסן און פון וואָ־סערע פּירות זיי טאָרן ניט עסן? די שלאַנג וואָלט דעמאָלט געווים קיין שליטה ניט געהאַט, זי וואָלט ניט אָנגערעדט חווהן, זי זאָל פאַרזוכן פונעם

עץ־הדעת, חווה וואָלט ניט אונטערגעטראָגן איר מאַן דאָס עפּעלע, גאָט וואָלט זיך נישט צעבייזערט אַף זיי, מע וואָלט זיי ניט אַרויסגעטריבן פונעם ווײַנגאָרטן, און מיר וואָלטן נאָך אפשר עד היום געשפּאַצירט אין גן־עדן. די טאַטעס וואָלטן געזעסן מסתמא און געלערנט, די מאַמעס וואָלטן געאַרבעט זאָקן, אָדער געפּליקט פּעדערן, און מיר, ייִנגלעך, ווײַסע־חברהניקעס, וואָלטן געקלעטערט אַף די בערג, אַף די הרי אררט, געריסן טייטלען, געגעסן מילגראָמען, אָנגעשטופּט פולע קעשענעס מיט באָקסערן און געבאָדן זיך גאַנצע טעג אינעם טײַך פּישון...

די עטלעכע ווערטער, וואָס בתיה־ביילה האָט אַ זאָג געטאָן צו איר מאַן: „אָט לאָז אים נאָר צו, בײַסט ער אָפּ דעם פּיטום פונעם אתרוג", זײַנען געווען פאַר לייבלען אַ סם־המוות, אַ גיפט אין די ביינער אַרײַן.

פון יענער מינוט אָן האָט זיך דער „פּיטום פונעם אתרוג" באַזעצט בײַ לייבלען אין מח, נישט אַרויסגעקראָכן פון זײַנע געדאַנקען אַף קיין מינוט, בײַנאַכט געקומען צו חלום, געטאָרעט אים, געשלעפּט בײַ די פּאַ־לעס: „דו האָסט מיך נישט דערקענט, נארישיו? דאָס בין איך, איך, פּיטום!"... לייבל קערט זיך איבער אַף דער אַנדערער זײַט, קרעכצט און ווערט אַנשלאָפן, טאָרעט מען אים ווידער: „שטיי אויף, נארישיו, גיי עפן אויף די שאַפע, נעם־אַרויס דעם אתרוג און בײַס מיך אָפּ, וועסטו זיך מחיה זײַן!"...

אין דער פרי, אַז לייבל שטייט־אויף און גיסט־אָפּ נעגל־וואַסער, כאַפּט ער זיך צום דאַווענען, נעמט דאָס אָנבײַסן מיט זיך, כאַפּט אַ קוק פאַרבײַגייענדיק אַהין, אין שאַפע, דורך דעם גלעזערנעם טירל, אַף דער פּושקע מיטן אתרוג, און עס דאַכט זיך אים אויס, אַז די פּושקע ווינקט צו אים, רופט אים, מאַכט מיט אויגן: „אַהער!... אַהער, בחורל!"... לייבל נעמט די פיס אַף די פּלייצעס און מאַרש אין חדר אַרײַן.

איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן, אַז לייבל איז אויפגעשטאַנען, האָט ער דערזען, אַז ער איז איינער אַליין, איינער אַליין אַף דער גאַנצער שטוב. דער טאַטע איז אין פּראָיעקט, די מאַמע — אין מאַרק, די דינסט־ייִדענע פּאָרעט זיך אין קיך, דאָס קליינע קינד אין וויגעלע ליגט פאַר־וואָרפן די הענטלעך אַרויף, שלאָפט און שמייכלט, לאַכט פונעם שלאָף. „מלאָכים שפּילן זיך מיט דעם" — טראַכט זיך לייבל, גיסט־אָפּ נעגל־

וואסער און כאַפּט אַ קוק אַהינצו, אין שאַפע אַריַין, דורך דעם גלעזערנעם טירל, און דערזעט די פּושקע. זי ווינקט צו אים, רופט אים, מאַכט מיט אויגן: „אַהער!... אַהער, בחור׳ל!״... פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע גייט לייבל צו צו דער שאַפע, עפנט־אויף דאָס גלעזערנע טירל, נעמט־אַרויס די פּושקע, די שיינע קיַילעכיקע הילצערנע געטאָקטע געפאַרבטע פּושקע, עפנט־אויף דאָס דעקל, און איידער ער דעקט נאָך אָפּ די קלאָטשע פונעם אתרוג, טוט אים אַ זעץ אין נאָז אַריַין אַ ריח, אַ שטאַרקער, שאַרפער ריח, אַ גן־עדן־ריח; און איידער ער קוקט זיך אַרום, איז שוין דער אתרוג באַ אים אין האַנט און דער פּיטום טוט אים אַ שפּרונג אין פּנים אַריַין:

— ווילסט האָבן הנאה? — ווילסט פילן אַ טעם גן־עדן? נעם בײַס מיך אָפּ! האָב קיין מורא נישט, נאַרישיו, קיינער וועט נישט וויסן! קיין בן־אָדם וועט נישט זען! קיין פויגל וועט נישט אויסזאָגן!...

....

וואָס איז געווען, ווילט איר וויסן? צי האָב איך אָפּגעביסן דעם פּיטום פונעם אתרוג, צי האָב איך זיך איַינגעהאַלטן און נ י ט אָפּגעביסן דעם פּיטום פונעם אתרוג?... איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס וואָלט איר געטאָן אַף מיַין אָרט, ווען מע זאָל איַיך אָנזאָגן צען מאָל, איר זאָלט זיך ניט דערוועגן אָפּבײַסן דעם פּיטום פונעם אתרוג? איר וואָלט ניט וועלן וויסן, וואָס פאַר אַ טעם עס האָט אַ פּיטום פון אַן אתרוג?...

ה.

משה־יענקל דער נאמן, וואָס דינט אין פּראָיעקט, איז ניט אימשטאַנד אַליין צו בויען זיך אַ סוכה. אַ סוכה לאָז בויען דער שכן, זלמן דער סטאָלער; ער איז ניט קליין. זלמן דער סטאָלער האָט אַ סך ברעטער, און מיר געבן צושטיַיער אַ צוויי ציגלעך מיט ליַילעכער און מיט קאָלדרעס אַף אַרומצושלאָגן די ווענט. בתיה־ביילה די נאמנטע וועט אים דערפאַר אָפּבאַקן חלה אַף יום־טוב — זלמן דער סטאָלער איז ניט לאַנג געבליבן אַן אַלמן מיט אַכט קינדער — און העלפן דער עלטערער טאָכטער צביה אָנפילן די פיש, וואָרעם אַזוי פילן פיש, ווי בתיה־ביילה די נאמנטע,

פילט קיינער ניט אין כתרילעווקע. היינט וואָס איז ווערט דאָס אתרוג־בענטשן?

— איר האָט אַ חלק אינעם אתרוג גלייך מיט אונדז, — זאָגט בתיה־ביילה די נאָמנטע צו זלמן דעם סטאָלער.

— אַף צו בענטשן, — פאַריכט איר משה־יענקל דער נאָמן.

— וואָס דען, אַף צו עסן? — רופט זיך אָן דער סטאָלער פון זיין זייט.

נישט נאָר זלמן אַליין האָט זיך אויסגעבעט אַ בעטל אתרוג בענטשן אין סוכה; דערויף האָבן אַרויסגעקוקט אויך די קינדער זיינע, ווי מע קוקט־אַרויס אַף משיחן: אַ קלייניקייט אַזאַ גליק — האַלטן אין איין האַנט דעם אתרוג, אין דער אַנדערער האַנט דעם לולב, מאַכן אַ ברכה „על נטילת לולב" און געבן אַ טרייסל: טררררר!... „וויפל טעג האָבן מיר נאָך צו סוכות?" — האָט איינער געפרעגט באַם אַנדערן און געציילט די טעג.

דעם טאָג וואָס ערב סוכות האָט דער טאַטע זיך פאַרנומען מיט אויסבינדן דעם לולב, צונויפקלייבן די פיר מינים און צוגרייטן אַלצדינג אַפן שענסטן אופן. דעם צוגעקליבענעם אויסגעפוצטן לולב האָט ער אַוועק־געשטעלט אויבן אַף דער שאַפע, אין אַ ווינקעלע, אַ ביסל צוגעשפּאַרט אַף אַ זייט, ווי אַ לעבעדיקער נפש שפּאַרט זיך צו אַ ביסל אָפּרוען. לייבלען האָט ער פאַרשפּאַרט אָנזאָגן, ער זאָל זיך נישט דערוועגן צורירן צום לולב, וואָרעם אַז לייבל זאָל אפילו וועלן, וואָלט ער נישט געקאָנט אַזוי הויך דערלאַנגען, און אַז ער זאָל אפילו וועלן צושטעלן אַ בענקל צו דער שאַפע און אַרויפקלעטערן, וואָלט דערפון אויך גאָרנישט געוואָרן: דאָס בענקל וואָלט נאָר אומגעפאַלן, און ער וואָלט געגעבן אַ פּראַל אין דער ערד אַריין, וואָלט זיך ברעכן האַלדז־און־נאַקן און וואָלט נאָך געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק, אַז ער וואָלט פאַרזאָגן קינדס קינדער!..

נאָך אַ זאַך איז געווען, פאַר וואָס לייבל האָט געלאָזט צורו דעם לולב: ס'איז אים אפילו אין קאָפּ אַריין נישט געקראָכן קיין לולב. אים האָט אַן אַנדער מחשבה געפּיקט אין קאָפּ: „וואָס וועט זיין, טאָמער, חלילה, כאַפּט מען זיך צום פּיטום פונעם אתרוג און מע דערזעט, אַז ער איז, מחילה, אַן אָפּגעביסענער?"... אמת, לייבל האָט אפילו דעם אָפּ־

געביסענעם פּיטום תיכּף ומיד צוגעקלעפּט צוריק צום אתרוג מיט שפּײַ־עכץ — נאָר װער װײס, צי װעט ער זיך אָפּ שפּײַעכץ װעלן האַלטן?... גװאַלד, גװאַלד, װאָס װעט זײַן? װאָס פאַר א תירוץ װעט ער זאָגן? װי אַזױ װעט ער גאָר קאָנען קוקן אין די אױגן אַרײַן דעם טאַטן און דער מאַמען און אָפּלײקענען, זאָגן, אַז ער װײס ניט פון קײן פּותר און פון קײן חלום? װער װעט אים גלײבן אױף זײַנע נאמנות? און צו װאָס האָט ער דאָס באַדאַרפט טאָן? װאָס איז אים דערפון אַרױסגעקומען? װאָס פאַר אַ טעם האָט אַ פּיטום פון אַן אתרוג, אַז בסך־הכּל איז ער — פּע, ביטער גאַל, אַ בײזע װיסטע חלשות! אומזיסט־אומנישט גענומען און קאַליע געמאַכט אַ פּרי, געפּסלט אַן אתרוג, אַזאַ שײנעם אתרוג! און אַז דער אתרוג איז געפּסלט — דאָס איז לײבל שױן געװאָר געװאָרן אין חדר פון זײַנע חברים. הײַנט צו װאָס האָט דאָס אים געטױגט? צו װאָס האָט ער דאָס באַדאַרפט?... עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַ „הורג־נפש”: גענומען אַ לעבעדיקע זאַך, אָפּגעביסן דאָס קעפּל און צוגענומען בײַ דעם דאָס חיות. פאַר װאָס? פאַר װען? װאָס האָט דאָס אים געטאָן?... אומעט־טום און אַלע מינוט האָט ער געזען פאַר זיך דעם אָפּגעביסענעם פּיטום, דעם טױטן אתרוג, געל װי װאַקס, אַן אַ טראָפּן חיות, אַ מת, אַ בר־מינן, אַ בר־מינן!...

באַנאַכט אין שלאָף איז דער אתרוג געקומען צו אים צו חלום, אים געטאָרעט און געשלעפּט פאַרן אָרבל, געװועקט אים: „װאָס האָסטו געהאַט צו מיר? פאַר װאָס האָסטו אָפּגעביסן מײַן פּיטום? איך בין דאָך שױן איצטער פּסול, פּסול, פּסול!”... לײבל קערט זיך איבער אױף דער אַנדערער זײַט, קרעכצט און װערט אַנטשלאָפן, טאָרעט מען אים װידער: „קױלער! װאָס האָסטו געהאַט צו מײַן פּיטום? צו מײַן פּיטום? צו מײַן פּיטום?”...

ז.

געקומען דער ערשטער טאָג סוכּות. נאָך דעם באַנאַכטיקן פּרעסטל איז אױפגעגאַנגען די זון אױפן לױטערן בלױען הימל און באַגאָסן די ערד מיט אַ פרײלעכער מחיהדיקער ליכטיקײט, װאָס צײגט זיך אין יעדן אבר און פּילט־אָן דאָס האַרץ מיט אַ משונה געפיל, מיט אַ מאָדנע בענקעניש

נאָך דעם איבערגעלאָפּענעם זומער. די זון לײַכט, נאָר ווארעמען ווארעמט זי נישט. „ווי א שטיפמאמע", זאָגט מען באַ אונדז אין כתרילעווקע. נישטאָ יענע ווארעמקייט, וואָס זומער־לעב! מע זעט נישט יענע גרינקייט, וואָס זומער־לעב! מע הערט ניט דאָס פּישטשען פון די פייגעלעך, וואָס זומער־לעב! אַלץ, אַלץ איז אוועק מיטן ערשטן בלאָז פון דעם ערשטן טאָג פון חודש אלול, און נישט אזוי גיך וועט זיך אומקערן יענע ווארעמקייט פון דער זון, יענע גרינקייט פונעם גראָז און יענע פּישטשען פון די פייגעלעך. די ערד וועט זיך נאָך גוט אָנפרירן ביז דעמאָלט; גענוג שנייען וועט נאָך זײַן ביז דעמאָלט, שנייען מיט ווינטן, מיט בורעס, מיט זאַ־ווערוכעס. עס וועט נאָך גענוג בלאָזן און דרייען און פּײַפן און קערן די וועלט, ביז די ערד וועט זיך אויפכאַפּן פון איר קאַלטן שלאָף, אראָפּ־ווארפן פון זיך די קאַלטע געפרוירענע קאָלדרע און באַנײַען זיך מיט א שפּאָגל־נײַ גרין קלייד און מחיה זײַן טאָלן און בערג, טײַכן און ימים, ביימער און בלומען, חיות און בהמות, מענטשן און עופות, און אַלצדינג, וואָס לעבט, געוועלטיקט און ווידמעט זיך אַף דער ערד...

דעם טאָג האָט זיך משה־יענקל דער נאמן געפעדערט אויפצושטיין, איבערקוקן די יום־טובדיקע קריאה, איבערזינגען זי מיט דעם באַקאַנטן שיינעם יום־טובדיקן ניגון. דעם טאָג האָט זיך בתיה־ביילה די נאמנטע געפעדערט צו די יום־טובדיקע פיש מיט די יום־טובדיקע פארפל מיטן יום־טובדיקן מערן־צימעס. דעם טאָג האָט זיך זלמן דער סטאָלער געפע־דערט אָפּבענטשן אתרוג אין דער סוכה פריִער פאר אַלעמען, בכדי ער זאָל קאָנען טרינקען טיי מיט מילך און זיך אָנטאָן וווילטאָג לכבוד יום־טוב.

— רב זלמן בעט דעם לולב מיטן אתרוג, — מאַכט די מאַמע צום טאַטן.

— עפן־אויף די שאַפע, נעם־ארויס די פושקע, נאָר פּאַוואָלינקע! — זאָגט צו איר דער טאַטע און אַליין שטעלט ער צו א בענקל צו דער שאַפע און נעמט־אראָפּ דעם לולב און איז זיך אַליין מטריח מיט אים אין סוכה ארײַן מכבד זײַן דעם סטאָלער מיט דער מצווה.

— נאָט בענטשט אתרוג, — מאַכט ער צום סטאָלער, — נאָר פּאַ־וואָלינקע, למען השם, פּאַוואָלינקע!...

זלמן דער סטאָלער איז, קיין עין־הרע, א ייִד א גבר און האָט צוויי

הענט, וואָס איטלעכער פינגער פון זיי וואָלט געקאָנט אַנידערלייגן דריַי אַזעלכע לייבלעך, ווי איך, אין איין קלאַפּ. אויף יעדן גראָבן פינגער איז בײַ אים פאַראַן אַ נאָגל, תמיד פאַרפּאַפּט און תמיד רויט פון לאַק, און מיט דעם נאָגל, אַז ער פירט דורך איבער אַ ברעט, בלײַבט אַ טיפער סימן אויסגעקריצט, ווי מיט אַ שאַרף פון אַן אייזן. לכבוד יום־טוב האָט זלמן אָנגעטאָן אַ ווײַס העמד מיט אַ נײַער קאַפּאָטע, און האָט אין באָד זיך לאַנג געזייפט די הענט מיט זייף און מיט אַש און מיט זאַמד, און נישט געקאָנט אָפּזייפן זיך. די הענט זײַנען געבליבן פאַרפּאַפּט און די נעגל רויט פון לאַק, ווי פריִער.

אָט אין די דאָזיקע הענט איז אַרײַנגעפאַלן דער ציטעריקער שמעקנ־דיקער אתרוג. נישט אומזיסט האָט זיך משה־יענקל דער נאָמן אַזש אַ וואָרף געטאָן, בשעת זלמן דער סטאָלער האָט אַ נעם געטאָן דעם אתרוג, אַ רעכטן קוועטש געטאָן אים און אַ גוטן טרייסל געטאָן מיטן לולב.

— פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע! — זאָגט צו אים דער טאַטע און ציַ־טערט איבערן אתרוג. — אָט הײַנט קערט, זײַט מוחל, איבער דעם אתרוג מיטן פּיטום אַראָפּ און זאָגט „שהחיינו", נאָר פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע, למען השם, פּאַוואָלינקע!

פּלוצעם האָט זיך משה־יענקל דער נאָמן געגעבן אַ וואָרף און אַ גע־שריי ניט מיט זײַן קול: „אוי!"... אויף זײַן געשריי איז געקומען צו לויפן אין סוכה אַרײַן בתיה־ביילה די נאָמנטע.

— וואָס איז, משה־יענקל? גאָט איז מיט דיר!

— גראָבער יונגאַטש! עם־הארץ! — האָט ער זיך צעשריִען אויפן סטאָלער און איז געווען גרייט אים דורס זײַן מיט דער ראיה. — ווי אַזוי איז מען אַזאַ גראָבער יונגאַטש? אַזאַ אַן עם־הארץ? אַן אתרוג איז דען אַ האַק? צי אַ דאָלעטע? צי אַן עקבויר? אַן אתרוג איז נישט קיין האַק, ניט קיין דאָלעטע, ניט קיין עקבויר! איר האָט דאָך מיר איבער־געקוילעט דעם האלדז אָן אַ מעסער! איר האָט מיר געפּסלט דעם אתרוג! אָט ליגט דער פּיטום — אָט נאָט זעט, גראָבער יונגאַטש! עם־הארץ וואָס איר זײַט!...

טויט זײַנען מיר געווען אַלע. זלמן דער סטאָלער איז געשטאַנען נעבעך אַ טויטער, ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי האָט זיך עס אים געטראָפן

אזא מין אומגליק? פון וואנען האט זיך דאס גענומען, וואס דער פּיטום איז אראָפּגעשפּרונגען? ער האָט, דאַכט זיך, געהאַלטן דעם אתרוג פון דער גרינג, קוים־קוים מיט די שפּיץ פינגער?... אַן אומגליק! אַזאַ אַן אומגליק!..· משה־יענקל דער נאָמען איז געווען טויט, ווי אַלע טויטע. נאָך נישט געווען מיטן אתרוג אין שול, נאָך נישט געמאַכט די ערשטע ברכה אפילו, און שוין געפּסלט! וואָס האָט ער גאָר באַדאַרפט געבן אַזאַ טײַע־רע, אַזאַ־נ־איידעלע פּרי אין אַזעלכע גראָבע הענט אַרײַן? קראַנק געווען בענטשן אין שול אַפן קהלשן אתרוג? „איר גראָבער יונגאַטש! איר עם־הארץ איינער!"... בתיה־ביילה די נאָמנטע איז געווען טויט, געבראָכן די הענט: „אַ מענטש, אַז סע גייט אים ניט, זאָגט זי מיט טרערן אין די אויגן, זאָל ער בעסער נעמען און באַגראָבן זיך לעבעדיקערהייט, אַ פרישער, אַ געזונטער אין דער ערד אַרײַן!"... לייבל איז געשטאַנען אַ טויטער פון ציטערניש און פון פּחדים און פון דעם טאַטנס יסורים און פון דער מאַ־מעס טרערן און פון זלמן דעם סטאָלערס בזיונות. לייבל ווייס ניט, צי זאָל ער טאַנצן פאַר פרייד, וואָס גאָט האָט מיט אים געטאָן אַזאַ נס, אויס־געלייזט פון אַזאַ צרה, פון אַזאַ אַן אומגליק, צי ער זאָל וויינען אַפן טאַטנס יסורים, אויף דער מאַמעס טרערן און אַפן סטאָלערס בזיונות? צי זאָל ער אַרומכאַפּן זלמן דעם סטאָלער און אויסקושן אים יעדן אבר, אים קושן די גראָבע הענט מיט די פאַרפּאַפּטע פינגער מיט די רויטע נעגל, דערפאַר, וואָס ער איז געווען זײַן גוטער שליח, זײַן מלאך הגואל, זײַן אויסלייזער?... לייבל טוט אַ קוק אַפן טאַטנס פּנים, אויף דער מאַמעס טרערן, אַפן סטאָלערס הענט, אַפן אתרוג, וואָס וואַלגערט זיך אַפן טיש אַ טויטער, געל ווי וואַקס, אַן אַ פּיטום, אָן אַ טראָפּן חיות, אַ מת, אַ בר־מינן, אַ בר־מינן!...

— אַ טויטער אתרוג! — זאָגט דער טאַטע מיט אַן אונטערגעבראָ־כענער שטימע.

— אַ טויטער אתרוג! — זאָגט אים נאָך די מאַמע מיט טרערן אין די אויגן.

— אַ טויטער אתרוג! — זאָגט זיי נאָך זלמן דער סטאָלער און קוקט זיך אין די הענט אַרײַן און טראַכט, אַפּנים, בשעת־מעשה: „אַ פּאָר ידים — אָפּגעדאַרט זאָלן זיי ווערן!"...

גערשריבן אין יאָר 1902.

המן און זיינע טעכטער

א.

פאַר וואָס מע האָט אים גערופן המן — ווייס איך נישט; נאָר גע־רופן האָט מען אים.

אפשר דערפאַר, ווײַל ער איז געווען אַ שלעכטער? — האָט פון אים קיינער באַ אונדז קיין שלעכטס נישט ארויסגעזען.

אפשר דערפאַר, ווײַל ער האָט געהאַט צען זין? — האָט ער נישט געהאַט, אַ חוץ צוויי טעכטער, איין זון אפילו.

אפשר דערפאַר, ווײַל ער האָט געהאַט אַ ווײַב זרש? — איז ערשטנס, באַ יידן נישטאָ אַזאַ נאָמען, און צווייטנס, האָט ער, פון זינט איך געדענק אים, קיין ווײַב נישט געהאַט.

פאַר וואָס זשע פאָרט האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן באַ אונדז אין כתרילעווקע אַזאַ מיאוסן נאָמען?

נאָר אַ קשיה, וואָס באַ אונדז אין כתרילעווקע קאָן מען אַ נאָמען געבן!

למאַי, ס'איז פאַראַן באַ אונדז אַ ייִד, — מיר דאַכט, ער לעבט נאָך — וואָס מע רופט אים „תרח"?

און ווי געפעלט אײַך אַזאַ נאָמען „גיהנם"? אַ נאָמען „האַרמידער"? אַ נאָמען „טעלעצע"? אַ נאָמען „מלאך־המוות"? אַ נאָמען „חלירע"? אַ נאָמען „קליפּה"?

צי, למשל, ס'איז געווען באַ אונדז אַ ייִדענע, האָט זי געהייסן „עטי־פעטי", און נאָך אַ ייִדענע — „צאינה־וראינה", און איינע אַ ייִדענע איז

באַ אונדז געווען מיט גאָר אַזאַ מין נאָמען: „חנה־שרה־פּייגע־פּעלצע־ליכעס"!

בקיצור, געהייסן האָט ער מרדכי, און גערופן האָט מען אים „המן". און געווען איז ער אַ הויכער, אַ טרוקענער, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט אַ לאַנגער נאָז, מיט אַ קורץ אויסגעפּליקט גרוילעך בערדל, וואָס ער האָט תמיד געפּליקט פון דעם איינציקוויַיז די האָר, נישט געלאָזט, ס'זאָל וואַקסן; די באַקן זיַינען געהאַנגען אַראָפּ מיט אַ סך קנייטשן אַפּן לאַנגן האַלדז, און די אונטערשטע ליפּ האָט געקוקט אַרויס; און געגאַנגען איז ער אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע, געקוקט אַף איטלעכן פון אויבן אַראָפּ, ווינציק גערעדט, קיינמאָל נישט געלאַכט און שטענדיק־שטענדיק פאַרטראַכט.

געהאַנדלט האָט ער תמיד מיט פּריצים, מיט די כתרילעווקער ייִדן נישט געהאַט קיין שום מגע־ומשא, אַ חוץ אַ נדבה, אַ נדר אין שול אַריַין; אי דאָס — שטיל, אָן ווערטער, נישט געדונגען זיך, נאָר געפרעגט „וויפיל" — און אַרויסגענומען, און געגעבן.

אויך די צוויי טעכטער זיַינע, צוויי שיינע מיידלעך, האָבן זיך נישט אָנגעקערט מיט קיינעם; תמיד געזעסן אין שטוב, מיט קיינעם נישט גע־רעדט, זיך באַהאַלטן אַפילו פאַר דער דינסט.

אין שטאָט האָט מען זיי גערופן „די המנטעס", און געהאַלטן פאַר שלעכטע מענטשן, אַזעלכע „רשעטעס", ווי דער טאַטע זייערער, ווי המן.

געוווינט האָבן זיי „נישט ווי געוויינטלעך", דאָס הייסט, נישט ווי אַלע כתרילעווקער ייִדן; זיי האָבן זיך געהאַט אַ באַזונדערן הויף מיט אַ גאָרטן גאָר, און מיט אַ גרויסן פּאַרקאַן, און אַ הונט איז געווען דאָרט אין הויף.

אַ פּחד איז אַף מיר אָנגעפאַלן אַלע מאָל, ווען איך בין דורכגע־גאַנגען פאַרביַי המנס הויף. נישט פאַרן הונט, וואָרעם אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער הונט איז אַף אַ קייט; נאָר פאַרן נאָמען „המן" אַליין האָב איך שוין געציטערט.

נאָך אַז איך בין געווען אַ קינד, פלעגט מען מיך שרעקן מיט דעם דאָזיקן נאָמען: „אָט רוף איך אַריַין המנען!" „אָט גיב איך דיך אָפּ צו המנען!"... שפּעטער, אַז איך האָב אָנגעהויבן גיין אין חדר אַריַין, האָט

מען מיר אָנגעוויזן המנס הויף און המנען אַליין, און אַלע מאָל, ווען איך האָב מיך מיט אים באַגעגנט, בין איך פון אים אַנטלאָפן.

איינמאָל, געגאַנגען פון חדר אַהיים, האָב איך אים דערזען כמעט נעבן אונדזער שטוב, בין איך דורכגעפלויגן פאַרביי און האָב מיך אומגעקערט ערשט דעמאָלט, אַז איך האָב געזען, אַז ער איז שוין נישטאָ.

דאָס אַנדערע מאָל בין איך געגאַנגען פאַרנאַכטלעך אין שול אַריין, געווען פאַרטיפט אין רעיונות, געטראַכט וועגן די קנעפּלעך, וואָס איך האָב פאַרשפּילט אין חדר, און וועגן דעם חומש מיט רש"י, וואָס איך קען נאָך נישט, און וועגן די שמיץ, וואָס איך וועל כאַפּן פונעם רבין... פּלוצעם — איך טו אַ קוק — ויבוא המן! ער גייט מיר אַקעגן און שטייט שוין כמעט נעבן מיר. האָב איך אָנגעהויבן שרייען נישט מיט מיין קול און האָב מיך געלאָזט לויפן אין דער וועלט אַריין. און איך בין געפאַלן, און מע האָט מיך אויפגעהויבן כמעט אַ טויטן.

— וואָס איז דיר? גאָט איז מיט דיר!

— איך האָב אים געזען... ער איז געשטאַנען נעבן מיר...

— וועמען האָסטו געזען? ווער איז געשטאַנען?

— המן... המן...

— וואָסער המן? אַ? „המן"?... וואָס זשע איז, נאַריש יינגל וואָס דו ביסט? ער איז דען אַ בער? ער וועט דיך אויפעסן? פע, שעמען מעגסטו זיך! אַ חדר־יינגל, וואָס לערנט שוין חומש מיט רש"י, זאָל מורא האָבן פאַר אַ מענטשן!...

פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָר געוואָרן, אַז המן איז אַ מענטש, און מע דאַרף פאַר אים קיין מורא נישט האָבן.

ב.

מיר זיינען שוין לאַנג אַרויס פונעם חדר, איך און מיין חבר. מיר האָבן שוין אַפילו ניט געלערנט מער מיט חברים אין בית־המדרש. אַ נייע תורה האָבן מיר מקבל געווען. נייע לערנונגען, אַ נייער רבי, נייע חברים. נייע האָפענונגען זיינען אויפגעשטאַנען.

„השכלה" האָט געהייסן די נייע תורה. „לערער" האָט געהייסן דער

נײַער רבי. גימנאַזיע, אוניווערזיטעט, דאָקטאָר — אָט דאָס זײַנען געווען די נײַע האָפֿענונגען.

ביכער, ביכער, ביכער — אָט דאָס איז געווען אונדזער עבודה, אונדזער יצר־הרע, אונדזער לעבן!

ביכער אין כּתריל־עווקע? פֿון וואַנען זאָלן זיך נעמען אין כּתריל־עווקע ביכער? וויפֿל ס'איז געווען ביכער בײַ באַקאַנטע האָבן מיר זיי אײַנגעשלונגען און האָבן זיך גענומען צו דער ביבליאָטעקע.

נאָר די כּתריל־עווקער ביבליאָטעקע האָט אונדז געקלעקט אויף איין צאָן.

ביכער, ביכער, ביכער! אונדזער מאָגן האָט געמאָנט מזונות: ביכער און ביכער!

האָט אונדז דער לערער איינמאָל אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן אַנטפּלעקט אַ סוד, אָנגעוויזן אַן אוצר — צוויי גרויסע שאַפֿעס, פֿול אָנגעשטופּט מיט ביכער. און שטעלט אײַך פֿאָר, בײַ וועמען? בײַ המנען!

פֿון דעמאָלט־אָן זײַנען מיר געוואָרן אָפֿטע־אָפֿטע געסט בײַ המנען! גענומען ביכער, אָפּגעבראַכט די ביכער און גענומען אַנדערע ביכער, אַלערליי ביכער. בײַ המנען זײַנען געווען ביכער און ביכער, פֿון כּל־טוב!

פֿון דעמאָלט־אָן האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער קענטשאַפֿט. און ווי ווײַט און ווי שטאַרק זײַנען מיר געווען נתפּעל, אַז מיר האָבן זיך באַקענט מיט המנען גופֿא!

ערשטנס, זײַנען מיר נתפּעל געוואָרן פֿון דעם, וואָס המן איז קלאָר אומעטום, „ווי אַ וואַסער". פֿון וואָס איר זאָלט מיט אים נישט ריידן — ווייס ער; וואָס פֿאַר אַ בוך איר זאָלט נישט אָנכאַפּן — האָט ער אים געלייענט.

צווייטנס — אַלס מענטש.

אַ מאָדנער, אַ משונה־מאָדנער מענטש, אָט דער המן! נישט גאָר קיין שלעכטער בטבע, נישט נאָר קיין בייזער, קיין טרוקענער, קיין אָנגעבלאָזענער; אדרבה — אַ צוגעלאָזטער, אַ ווייכער, אַ פֿרײַנטלעכער, און תּמיד גרייט אײַך צו דינען, גיין וווּהין איר וועט אים הייסן און טאָן וואָס איר ווילט.

אין שטוב — שטיל ווי אַ טויב. קלענער בײַ זיך פֿון אַלעמען. האָדע־

וועט אַליין די קאַץ, גיט אַכטונג, מע זאָל געבן עסן דעם הונט, גיט זיך אָפּ מיט פייגעלעך גאָר, טיילט־אַרויס די דינסטן אין קיך אַרײַן, נישט געהערט, ער זאָל עמעצן זאָגן אַ הויך וואָרט — אַ מאָדנער, אַ משונה־ כּאָדנער מענטש, אָט דער דאָזיקער המן!

— פאַר וואָס האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן המן? — האָב איך אַף אַ ציקאַוועסט אַ פרעג געטאָן איינמאָל אין דער היים, און האָב באַ־ קומען דערויף אַזאַ מין ענטפער:

— דערפאַר וואָס ער איז אַ המן.

איך האָב מיך געפּרוּווט איבערשפּאַרן:

— וואָס פאַר אַ המן איז ער? ער איז, דאַכט זיך, גאָר נישט קיין המן!

האָט מען מיר דערויף געענטפערט:

— רעדסט, ווי אַ קינד. דער מענטש איז איין המן! דער מענטש זיצט אַן אַלמן שוין אפשר פופצן יאָר און האָט נישט חתונה! גענוג? דער מענטש האָט צוויי טעכטער, דווקא שיינע מיידלעך, האַלט ער זיי אַף אַ יקרות און וויל קיין שידוך נישט טאָן. גענוג? דער מענטש האָט נאָך אַף זײַן לעבן קיין שמייכל נישט געטאָן. גענוג?

איך האָב מיך אָנגעהויבן צוקוקן צו המנען נענטער. אמת: מע זעט פון אים נישט קיין פריילעכע מינע, מע זעט פון אים קיין שמייכל נישט. תמיד פאַרטראַכט, שטענדיק ערנסט; ערנסט בשעת ער רעדט, ערנסט בשעת ער טוט עפּעס, ערנסט בשעת ער האָדעוועט די קאַץ, ערנסט בשעת ער גיט די פייגעלעך אַ טרונק, ערנסט בשעת ער טיילט־אויס אין קיך אַרײַן און נעמט־אָפּ חשבון פונעם מאַרק.

גלײַך, אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע, מיטן אויסגעפּליקטן בערדל, מיטן לאַנגן געקנייטשטן האַלדז, מיט דער אַרויסגעשטעלטער אונטערשטער ליפּ, שטענדיק ערנסט, קיינמאָל נישט קיין שמייכל טאָן — אַ המן, אַן אמתער המן, און דאָך אַ ווילער, אַ צוגעלאָזטער, אַ פרײַנטלעכער, אַ קלוגער, אַ מחיהדיקער מענטש!

— וואָס פאַר אַ המן איז ער?

אַזוי האָבן מיר זיך געפרעגט איינס דאָס אַנדערע, איך און מײַן חבר, און האָבן נישט געקאָנט געפינען קיין תירוץ.

מיט אַ מאָל איז אונדז פאַרענטפערט געוואָרן די קשיה.

ג.

איך מיין, אז איך וועל אײַך אפילו נישט זאָגן, וועט איר אַליין פאַרשטיין, אז פון אונדזער אָפּט אַרײַנקומען צו המנען האָבן מיר זיך סוף־כל־סוף צוגעשלאָגן צו זײַנע טעכטער, צו די „המנטעם".

פאַר וואָס זאָג איך „צוגעשלאָגן"? ווײַל ער האָט זיי געהאַלטן כמעט אונטערן שלאָס.

קיין בן־אָדם האָט זיי נישט געקאָנט זען. זיי האָבן זיך געהאַט זייער באַזונדער חדר. צום פאָטער קיינמאָל נישט אַרויסגעגאַנגען. מיט קיין זאַך אין שטוב זיך נישט אָפּגעגעבן, אַ חוץ ביכער. הײַנט פון וואַנען זאָל מען זיי קענען?

ויהי היום, מיר קומען איינמאָל צו גיין — נישטאָ המן אין דער היים. ערגעץ אַוועקגעגאַנגען.

זײַנען מיר אַרײַנגעקומען צו אים אין חדר אַרײַן, דאָרט וווּ דער אוצר פון ביכער. און אַזוי ווי מיר קומען אַרײַן — טרעפן מיר צוויי נקבות זיצן און לייענען, איינע שענער פון דער אַנדערער: איינע אַ הויכע, אַן איידעלע, מיט שוואַרצע אויגן און מיט שוואַרצע האָר; די אַנדערע אַ נידעריקע, אַ קײַלעכיקע, אַן אונטערגעשאָרענע, מיט קלוגע, לעבעדיקע, גרויע אויגן.

דאָס זײַנען געווען המנס טעכטער, די „המנטעם".

איך רעכן לחלוטין פאַר אַן איבעריקע זאַך באַשרײַבן, ווי ז׳ייז מיר האָבן זיך באַקענט מיט המנס טעכטער, פון וואָס מיר האָבן גערעדט, ווי אַזוי מיר האָבן גערעדט. דאָס איז אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס לאָזט זיך ציִען, ווי גומעלאַסטיק; אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס מע קאָן פון אים ציִען פּאָדעם אָן אַ שיעור און שרײַבן און שרײַבן.

נאָר וויפל מע זאָל נישט שרײַבן — אַ סוף מוז דאָך אַמאָל האָבן: דעם שפּיץ, דעם שפּיץ מוז מען אַרויסזאָגן.

דער שפּיץ — מיר האָבן זיך ביידע פאַרליבט.

מײַן חבר — אין דער עלטערער, דער הויכער מיט די שוואַרצע האָר, און איך — אין דער קלענערער, מיט די בלויע גרויסע אויגן.

מיר האָבן זיך ביידע פאַרליבט מיט דער אמתער, הייסער,

מסוכנער ליבע. פארליבט, ווי עס קאָנען זיך פארליבן צוויי כתרילעווקער בחורימלעך, וואָס זיינען אַף זייער לעבן נאָך נישט געזעסן נאָענט נעבן אַ מיידל, סע זאָלן זיך זיי ניט אָנצינדן די בעקלעך; וואָס האָבן געוווּסט, אַז אַ „כלה״ איז די, וואָס מע פירט זי צו דער חופּה; וואָס האָבן געוווּסט, אַז אַ ליבע איז די ליבע פון שיר־השירים, אַז אַ ראָמאַן איז הייליק, קודש־קדשים.

מיר האָבן זיך ביידע, איך מיט מיין חבר, „אַנטפּלעקט״, אויסגעזאָגט איינער דעם אַנדערן פונעם הייליקן סוד, און פון דעמאָלט־אָן איז צוגענומען געוואָרן אונדזער גליקלעך קינדערש לעבן.

פון דעמאָלט־אָן איז צוגענומען געוואָרן דער שלאָף פון אונדזערע אויגן, דער אַפּעטיט צום עסן, און אַפילו דער אַפּעטיט צום לערנען און דער חשק צו די ביכער.

דאָס הייסט, לערנען האָבן מיר אַפילו נישט אויפגעהערט צו לערנען. מיר האָבן זיך געגרייט אַוועקצופאָרן שטודירן. נאָר ס׳איז שוין געווען נישט דאָס; נישט דאָס פייער, נישט דער ברען, וואָס פריער.

פון דעמאָלט־אָן האָבן מיר געטשאַטעוועט קומען צו המנען פונקט דעמאָלט, ווען ער איז נישטאָ אין דער היים, און מיר זיינען געווען גליקלעך, אַז מיר האָבן געקאָנט ריידן כאָטש עטלעכע, עטלעכע ווערטער מיט די דאָזיקע „הויכע אידעלע נשמות״.

אַזוי האָבן זיי אויסגעזען בא אונדז אין די אויגן, ווייל געגרעדט האָבן זיי ווינציק, און נאָר געקוקט, געקוקט אַף אונדז. און יעדער קוק האָט אָנגעצונדן בא אונדז אַ פייער אין האַרצן, יעדער קוק איז געווען אַ שאָס פון אַ ביקס, אַ בליץ פונעם הימל.

און נאָכדעם, אַז המן האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר, האָבן זיי זיך פאַרבאָרגן בא זיך אין חדר און שוין מער נישט באַוויזן זיך פאַר אונדז ביזן אַנדערן מאָל.

אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן, ביז ס׳איז געקומען די צייט פון אונדזער אַוועקפאָרן צום עקזאַמען.

ד.

דאָס אַוועקפאָרן צום עקזאַמען איז געווען בא אונדז אַזאַ יום־טוב,

וואָס מיר האָבן זיך געגרייט צו אים עטלעכע יאָר כּסדר.

וויפל צרות און יסורים דאָס האָט געקאָסט! וויפל מלחמות איז מען אויסגעשטאַנען! וויפל טרערן זיינען פאַרגאָסן געוואָרן, איידער מיר האָבן געפּועלט, אַז מע זאָל אונדז לאָזן שטודירן, איידער מיר האָבן דערהערט דאָס גוטע וואָרט, אַז מע פירט אונדז אָפּ אין דער גרויסער שטאָט אַריין צום עקזאַמען!

און אַז ס׳איז געקומען די צייט פון פאָרן צום עקזאַמען, זיינען מיר געבליבן שטיין, איך און מיין חבר, ווי אין דער היהנער־פּלעט. נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

אַוועקפאָרן און נישט גערעדט מיט אונדזערע „הויכע איידעלע נשמות" פון גאָרנישט? ניט אויסגעזאָגט פאַר זיי פון יענעם הייליקן סוד קיין וואָרט אפילו?... נאָר ווי אַזוי רעדט מען? ווי אַזוי הייבט מען אָן צוריידן מיט אַזעלכע „הויכע איידעלע נשמות"?

און ס׳איז געבליבן בא אונדז ביידן, מיר זאָלן דאָס אַרויסזאָגן דורך בריוו, אויסגיסן אָף פּאַפּיר.

און מיר האָבן אויסגעגאָסן אונדזער האַרץ אָף פּאַפּיר.

וו אָ ס מיר האָבן דאָרט געשריבן — קאָן איך איצט נישט גע־דענקען. און אַפילו ווען איך זאָל געדענקען, וואָלט איך אייך נישט אויס־געזאָגט, וואָרעם איר וואָלט דאָס נישט פאַרשטאַנען און איר וואָלט געלאַכט.

און מיר האָבן נישט געלאַכט. ניין, דווקא נישט! מיר האָבן געוויינט.

מיר האָבן זיך געגעבן איינס דאָס אַנדערע איבערלייענען די דאָזיקע בריוולעך און האָבן געוויינט, געוויינט מיט טרערן, מיט הייסע, אמתע טרערן!

גוט אויסגעוויינט זיך, האָבן מיר אונדזערע צוויי שיינע מליצה־בריוו איבערגעגעבן מיט גרויס מי דורך המנס דינסטמיידל, און אָף מאָרגן, אַז מיר זיינען געקומען אין דער „געוויינלעכער צייט" צו המנען, אין דער צייט, ווען ער איז נישטאָ אין דער היים, האָט אונדז דאָס דינסטמיידל באַגעגנט מיט אַ מאָדנע שמייכל אָפּן פּנים און האָט אונדז אַריינגעפירט

אין המנס חדר אַרײַן און געהייסן צוואַרטן, ביז די „באַרישנעס" וועלן אַרײַנקומען פון גאָרטן.

און מיר האָבן זיך צוגעזעצט וואַרטן, ביז אונדזערע „הויכע אייד־דעלע נשמות" וועלן אַרײַנקומען פון גאָרטן.

ס'איז געווען אָפן דאָס פענצטער. אין דרויסן האָט געשײַנט, — אָנהייב זומער איז דאָס געווען — די זון האָט פריילעך אַראָפּגעקוקט פון איר הויכן געצעלט, פונעם לויטער־בלויען הימל, און פונעם גאָרטן — דער איינציקער יִדישער גאָרטן אין כתרילעווקע — האָט זיך געלאָזט הערן אַ זיסער ריח פון די ווײַנשל־ביימער, וואָס האָבן געהאַלטן אין רעכטן בליִען, און די קליינע ווײַסע שמעקעדיקע ווײַנשל־בלימעלעך האָבן זיך, ווי פליגעלעך, ווי קליינע ווײַסע לעבעדיקע פליגעלעך, פריילעך גע־טראָגן אין דער לופטן, און עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ זשומען, אַ פישטשען און אַ שמוצערן פון אַ סך־אַ סך פויגלען פונעם גאָרטן, פונעם איינציקן יִדישן גאָרטן אין כתרילעווקע.

עס האָט זיך געעפנט די טיר און עס זײַנען אַרײַנגעקומען אונדזערע „הויכע איידעלע נשמות".

און אַז אונדזערע „הויכע איידעלע נשמות" זײַנען אַרײַנגעקומען, האָבן מיר זיך ביידע, איך און מײַן חבר, אַ כאַפּ געטאָן פון די ערטער, זיך געגרייט האָרכן און ענטפער אַף אונדזערע טרויעריקע בריוו, אַף אונדזערע אומשולדיקע טרערן.

נאָר די „הויכע איידעלע נשמות", אַז זיי האָבן אונדז דערזען, האָבן זיי אַ קוק געטאָן איינס אַף דאָס אַנדערע און האָבן אויסגעשאָסן אַ גע־לעכטער אונדז גלײַך אין פּנים אַרײַן און זײַנען אַנטלאָפן צו זיך אין חדר אַרײַן.

און איך מיט מײַן חבר זײַנען געבליבן שטיין, ווי געליימט, געקוקט איינס אַף דאָס אַנדערע און נישט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט אפילו.

אַ גליק, וואָס דאָס דינסטמיידל איז אַרײַנגעקומען צו אונדז. און אַרײַנגעקומען איז זי צו אונדז מיט אַזאַ מינע, ווי איינער רעדט: „וואָס שטייט איר, ווי די ליימענע גולמס? גייט אײַך געזונטערהייט!"...

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר דאַרפן גיין; נישט גיין, נאָר לויפן, לויפן וווּהין די אויגן וועלן טראָגן! און מיר זײַנען געלאָפן, געלאָפן פון

דער דאָזיקער שטוב, גלײַך װי עמעצער האָט אונדז געיאָגט, גלײַך װי צען בײזע הינט זײַנען אונדז נאָכגעלאָפן, און יענער געלעכטער האָט זיך געלאָזט הערן, געקלונגען אין אונדזערע אויערן.

און די זון האָט געשײַנט, און די װײַנשל־בײמער האָבן געבליט. און די פויגלען האָבן געזשומעט און געפּישטשעט און געשמוצערט, און איך מיט מײַן חבר זײַנען געלאָפן, געלאָפן, און יענער געלעכטער האָט זיך נאָך געלאָזט הערן, געקלונגען אין די אויערן.

עס איז אונדז פאַרענטפערט געװאָרן די קשיה, פאַר װאָס מע האָט אים גערופן „המן" און זײַנע טעכטער — די „המנטעס".

געשריבן אין יאָר 1903.

ג ע צ ל

— זיצט, איך וועל אײַך דערציילן א מעשה מיט ניס.

— מיט וואָס? מיט ניס?

— מיט ניס!

— איצט? בשעת מלחמה?

— אדרבה: ווײַל מלחמה, ווײַל ס'איז אײַך לאַ־עליכמדיק אפן הארצן, וויל איך אײַך א ביסל צעשלאָגן די מחשבות. און אגב, אז מע צעבײַסט א נוס, געפינט מען א יאָדער.

1

געהייסן האָט ער געצל, נאָר גערופן האָט מען אים גויעצל, געהאלטן אים פאַר א פּרא־אָדם: ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין הארצן, דער האָט געטריבן מיט אים קאַטאָוועס, געמאַכט פון אים חוזק. געוועזן איז ער צווישן די קליינע יינגלעך אין חדר א בחורל א דערוואַקסענער שוין, א לעפּעשעוואַטער, מיט מגושם־גראָבע הענט און מיט מגושם־גראָבע ליפּן. א קול האָט ער געהאַט, ווי פון א פאַס, און געגאַנגען איז ער מיט ברייטע הויזן און מיט גרויסע שטיוול, ווי א בער. א קאָפּ איז אַף אים געזעסן א גרויסער, ווי א באַק־דייזשע, און אָנגעשטאָפּט איז ער געווען, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט קלאָטשע, היי אָדער פּעדערן. אזוי האָט געזאָגט אַף אים אין חדר דער רבי, רב יענקל, אים אויסגעוואָרפן אַלע מאָל זײַן וווקס: „גויעצל", „ווערגעלעץ", „גראָבער נפש", „טרפהנער ביין", „אָקסן־פּעל", וכדומה אזעלכע שיינע צונעמענישן. און ער? גאָר־נישט! ס'זאָל אים אפילו אָנהייבן רירן! פּאַרקלײַבן זיך אין א ווינקל, אָנ־

געשטאָפּט פּולע באַקן און געמעלה־גרהט, ווי אַ קאַלב. גויעצל האָט גע־האַלטן, פאַרשטייט איר מיך, פון דער אכילה. עסן איז בּאַ אים געווען טײַערער פון וואָס איר ווילט. „אַ קישקע אָן אַ דנאָ" — האָבן געזאָגט אַף אים זײַנע חברים. „אַ זולל־וסובאניק" — האָט געזאָגט אַף אים דער רבי. און גויעצל זאָל זיך דאָס אַפילו פאַרקרימען! דערטאַפּט דעם אָנבײַסן, אַרײַן אין מויל אַרײַן און געריבן אַף וואָס די וועלט שטייט. און אָנבײַ־סנס האָט מען אים געטראָגן אין חדר אַרײַן תמיד די בעסטע — קנישעס מילכיקע מיט וואַרעניקעס לרוב! אָט דער מגושמדיקער לעפּעשעוואַטער בחור איז נאָך געווען צו די צרות בּאַ זײַן מאַמע די נגידיתטע אַ ציטע־ריקער, אַ בן־יחידל, האָט זי אים געהאָדעוועט, געשטאָפּט טאָג ווי נאַכט, ווי מע שטאָפּט אַ גאַנדז, און כסדר געקלאָגט זיך, אַז „דאָס קינד עסט גאָרנישט".

— מע באַדאַרף אים אָפּשפּרעכן אַ גוט אויג, — פלעגט נאָכדעם זאָגן דערויף דער רבי רב יענקל, געוויינטלעך, הינטער די אויגן.

— אַ מכּה דער מאַמען! — פלעגט אים אונטערהעלפן די רביצין מיט אַ ניגון און מאַכן בשעת מעשה אַזאַ פּנים, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען, מע זאָל נישט לאַכן. — אין פּאָלעסיע אַזעלכע קינדערלעך וויקלט מען נאָך, אים זאָל זײַן פאַר מײַנע ביינער!

— נאָך זײַן קאָפּ זאָל איך בלײַבן! — לאָזט־אויס נאָך איר דער רבי און רוקט אים אָן דאָס היטל איבער די אויערן.

דער גאַנצער חדר לאַכט, און גויעצל זיצט אָנגעבלאָזן און שווײַגט; ברוגז איז ער טאַקע, נאָר ער שווײַגט. שווער אַרײַנצוברענגען אים אין כעס; נאָר האָט מען אים אַרײַנגעבראַכט אין כעס — איז נו־נו! אַ בער, אַז מע צערייצט אים, באַדאַרף נישט זײַן אַזוי מסוכן, ווי ער. פאַר כעס הייבט ער אָן טאַנצן און בײַסן זיך אַליין מיט די געזונטע ווײַסע ציין אין די הענט אַרײַן, און לאָזט ער אַראָפּ אַ פּאַטש, קאָן מען אים פילן, טאַקע האָבן הנאה. דאָס האָבן זײַנע חברים געוווּסט גאַנץ גוט, טאַקע פאַר־זוכט אַף זייערע פּלייצעס, און מהאי טעמא מורא געהאַט פאַר אים אימת־מוות, נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין מגע־ומשא. פאַר קלעפּ, פאַר־שטייט איר מיך, האָבן ייִדישע קינדער דרך־ארץ... און בכדי מע זאָל זײַן געוואָרנט פון געצלס קלעפּ, האָבן אַלע צען חדר־ייִנגלעך בחבֿרותא

געמוזט מאַכן אַקעגן אים יד־אחת, צען חברים אַקעגן איינעם, און אַט אַף אַזאַ־נ־אופן איז געוואָרן באַ יענקלען אין חדר צוויי כתות: פון איין זײַט אַלע תלמידים, פון דער אַנדערער זײַט געצל. די תלמידים האָבן גע־שאַרפט די מוחות, געצל — דעם קולאַק. די תלמידים האָבן געלערנט, געצל האָט געפרעסן קנישעס מיט וואַרעניקעס לרוב.

2

ויהי היום, ס'איז געקומען אונטער אַ יום־טוב, האָבן זיך חברה צו־נויפגעקליבן שפּילן אין נים. דאָס שפּילן אין נים איז אַ שפּיל, ווי אַלע שפּילן, נישט בעסער פון דריידל און נישט ערגער פון קאָרטן; דאָס שפּיל באַשטייט אין פאַרשיידענע שפּילן: אין „גריבל", אין „באַנק" און אין „יאַרמעלקע". און אויסלאָזן לאָזט זיך אוים דאָס שפּיל, ווי, געוויינטלעך, יעדער שפּיל: איינער פאַרשפּילט, דער אַנדערער געווינט. און, ווי אומע־טום, איז דער וואָס געווינט אַ חכם און אַ בריה און אַ ווילער יונג, און דער וואָס פאַרשפּילט — דער איז אַ טפּש און אַ בהמה און אַ שלים־מזלניק, פּונקט ווי, להבדיל, אין די גרויסע מקומות, אין די קלובן, דאָרט, ווו דער עולם זיצט יומם ולילה און איז זיך עוסק אין הלכות קאָרטן.

האָבן זיך, הייסט עס, חברה צונויפגעקליבן אין חדר, אַלע צען חברים, שפּילן אין נים. איבערגעקערט אַ באַנק, אויסגעלעגט אַ שורה נים אַף דער ערד און גענומען וואַרפן פון דער באַנק אַראָפּ צו דער שורה; ווער עס וועט מער אויסשלאָגן פון דער שורה, דער האָט געוווּנען. פּלוצעם עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן געצל, מיט פולע קעשענעס, געוויינטלעך.

— ברוך הבא, אַ ייִד! — רופט זיך אָן איינער.

— מע זאָל דערמאָנען משיחן! — מאַכט דער אַנדערער.

— ויבוא המן! — זאָגט דער דריטער.

— מאַכט רש"י: דער רוח האָט אים געבראַכט צו טראָגן!

— אין וואָס שפּילט איר, אין באַנק? שפּיל איך אויך מיט אײַך. איך האָב נים. — אַזוי זאָגט געצל און באַקומט באַלד אַ תשובה:

— לאַ מיט אַ ספּאָדיק!

— פאַר וואָס?
— דערפאַר!
— נו, וועל איך אײַך צעשלאָגן דאָס שפּיל!

און נישט לאַנג געטראַכט, גענומען מיט די בערישע פּיס און צע־שלײַדערט די שורה נים איבער דער גאַנצער שטוב. האָט דאָך עס חברה מסתּמא פאַרדראָסן. אַ העזה פון אַ יונגאַטש!

— קינדער, וואָס שווײַגט איר אים? — האָט זיך אָנגערופן איינער.
— הבה נתחכּמה! — רופט זיך אָן נאָך איינער.
— לאָמיר אים דורכברעכן די ביינער! — פאַרטײַטשט אַ דריטער.
— אַנו, פּרוּווט זיך! — מאַכט געצל און פאַרקאַטשעט די אַרבל, גרייט צו דער אַרבעט.

און ס'איז אַרויס אַ מלחמה, אַ געשלעג צווישן ביידע כּתּות: פון איין זײַט דער גאַנצער חדר, פון דער אַנדערער זײַט — געצל.

צען איז נישט איינער. זיי האָבן טאַקע געפּילט דעם טעם פון זײַנע געזונטע קולאַקעס; אַ צוויי־דרײַ סימנים: בײַלן אין שטערן און לאַנטער־נעס אונטער די אויגן האָבן טאַקע געכאַפּט זיי; דערפאַר האָבן זיי אָבער אויך אים געגעבן צו זען די וועלט מיט זייערע שאַרפע נעגל און מיט די ציין און מיט וואָס נאָר מע האָט געקאָנט, פון פאָרנט און פון הינטן און פון אַלע זײַטן, געדראַפּעט, געשטשיפּעט, געפּליקט, געריסן, געביסן — בקיצור, צען איז נישט איינער, גובר געווען האָבן זיי, און געצל האָט גע־מוזט, מחילה, נעמען דעם וועג און מאַכן פּליטה. און ערשט דאָ הייבט זיך אָן די רעכטע מעשׂה מיט די נים.

3

אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן אַ צעקאָשמעטער, אַ צעדראַפּעטער, מיט צעריסענע פּלודערן, איז געצל געבליבן שטיין אַ ווײַלע פאַרטראַכט. נאָכ־דעם האָט ער זיך געגעבן אַ פּאַטש מיט ביידע הענט איבער די קעשענעס, און עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ קלינגען פון אַ סך נים.

— ווילט איר, הייסט דאָס, מיט מיר נישט שפּילן אין נים? לאָז זיך

מיט אײַך שפּילן דער מלאך־המות! איך דאַרף אײַך אַף סים סאַט כּפּרות! איך קאָן באַשטיין, מיר זאָלן זיך אַליין אינצווייען שפּילן...

אַזוי האָט געצל אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין און האָט זיך געלאָזט גיין ווו די אויגן וועלן אים טראָגן. אָפּגעשטעלט זיך אין מיטן וועג, טוט ער אַ זאָג צו זיך, גלײַך ווי ער וואָלט דאָ געווען מיט עמעצן זאַלבאַנאַנד.

— וווּהין זשע, געצל, וועלן מיר גיין, אַשטייגער? — און טאַקע באַלד זיך אַליין געענטפערט:

— אַהין, ווײַט... הינטער דער שטאָט, אַף יענער זײַט מילן. דאָרט איז נישטאָ קיינער. דאָרט וועלן מיר זיך זײַן איינע אַליין אינצווייען, קיינער וועט אונדז נישט שטערן. און לאָז עמעצער פּרוּוון אונדז שטערן, וועלן מיר ברעכן ביינער, מאַכן אַ תּל...

און געצל, רײדנדיק אַזוי מיט זיך אַליין, פילט, אַז ער איז נישט איינער, נאָר צוויי, און כּח פילט ער אין זיך פאַר צוויי! אַנו, לאָזן נאָר קומען אַהער זײַנע חברים, מאַכט ער פון זיי אַ מאָטשינקע, אַ האַנטשירקע, אַ חורבן! און ער האָט דערפון שטאַרק הנאה און הערט נישט אויף צו ריידן מיט זיך אַליין, גלײַך ווי ער וואָלט דאָ געווען באמת זאַלבאַנאַנד.

— הער נאָר אויס, ביז וואַנען וועלן מיר, אַשטייגער, גיין? — מאַכט ער צו זיך אַליין און ענטפערט זיך טאַקע תּוך־כּדי־דיבור:

— נו, עס ווענדט זיך אין דיר.

— טאָמער וואָלטן מיר זיך גאָר דאָ צוגעזעצט שפּילן אין ניס? האָ? וואָס זאָגסטו, געצל?

— טאַ, באַ מיר האָסטו געפּועלט.

און געצל זעצט זיך צו אַף דער ערד, העט־ווײַט הינטער דער שטאָט, אַף יענער זײַט מילן. אַרויסגענומען און איבערגעציילט די ניס, צעטיילט זיי אַף דער האַלב, גלײַך אַף גלײַך; איין העלפט אַרײַנגעלייגט אין דער רעכטער קעשענע, די אַנדערע העלפט אין דער לינקער קעשענע, אויסגעטאָן דאָס היטל און אַרײַנגעוואָרפן אַהין פון דער רעכטער קעשענע עט־לעכע ניס און אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— זיי מיינען, אַז אָן זיי קאָן מען זיך גאָר נישט באַגיין... הער נאָר אויס, געצל, אין וואָס פאַר אַ שפּיל שפּילן מיר?

— איך ווייס? אין וואָס פאַר אַ שפּיל דו ווילסט.

— אפשר וועלן מיר שפּילן אין „אום צי גראָד"?

— באַ מיר האָסטו געפּועלט.

און ער טוט אַ טרייסל מיט דער יאַרמעלקע און אַ מאַך:

— אַצינד טרעף! אום, צי גראָד? נו, רייד ווערטער! — מאַכט ער צו זיך אַליין און טוט זיך אַ זעץ מיטן עלנבויגן אין זײַט אַרײַן און ענטפערט זיך אַליין:

— גראָד.

— גראָד, זאָגסטו? ווי לאַנג שמײַסט מען דיך! גיב אַהער. האָסט פאַרשפּילט דרײַ ניס.

און ער נעמט־אַרויס פון דער לינקער קעשענע דרײַ ניס, לייגט זיי איבער אין דער רעכטער. ווידער אַ מאָל אַ טרייסל מיט דער יאַרמעלקע און ווידער אַ מאָל אַ פרעג:

— נו, ווײַטער. אום, צי גראָד?

— אום!

— אום, זאָגסטו? ווי לאַנג קרענקסטו! גיב אַהער, דו האָסט פאַר־שפּילט פיר ניס!

און ער לייגט איבער פון דער לינקער קעשענע אין דער רעכטער פיר ניס, טוט אַ טרייסל מיט דער יאַרמעלקע און אַ מאַך צו זיך אַליין:

— נו, אפשר וועסטו איצט טרעפן? אום, צי גראָד?

— גראָד.

— גראָד, זאָגסטו? ווי לאַנג פוילן די ביינער דײַנע! גיב אַהער, דו פאַרליר איינער, פינף ניסלעך!

— גענוג איך פאַרשפּיל, שילטסטו זיך נאָך?

— ווער איז דיר שולדיק, אַז דו ביסט אַ בהמה און טרעפסט, ווי אַ בלינדער אין גרוב? נו, זאָג שוין ווײַטער, זאָג: אום, צי גראָד? איצט וועסטו שוין מסתמא געוויס טרעפן.

— גראָד.

— גראָד? לעבן זאָלסטו מיר אַזוי! גיב אַהער, דו פערד איינער, זיבן ניס, און טרעף נאָך אַמאָל: אום, צי גראָד?

— גראָד.

— ווידער אַ מאָל גראָד? איך זאָל דיך אַזוי האָבן פאַר אַ טאַטן!

גיב אהער, שלים־מזל, נאָך פינף ניסלעך, און טרעף שוין אצינד, אפשר וועסטו כאָטש איין מאָל טרעפן: אום, צי גראָד? נו, וואָס שווייַגסטו!

— איך האָב שוין נישט קיין ניס.

— ס'א ליגן! דו האָסט!

— ווי איך בין אַ ייִד, איך האָב נישט.

— טו נאָר אַ זוך גוט אין קעשענע אַפן דנאָ! אָט אַזוי.

— נישטאָ קיין סימן אפילו!

— נישטאָ? פאַרשפּילט אַלע ניס? נו? צו וואָס האָט דאָס דיר געטויגט? ביסטו נישט קיין בהמה?

— גענוג, האָסט אָפּגעוווּנען בײַ מיר אַלע ניס, רייצסטו זיך נאָך מיט מיר?

— אַ מצווה, זייער רעכט! האָסט געוואָלט בײַ מיר אָפּגעווינען, האָב איך בײַ דיר אָפּגעוווּנען.

און גייעצל איז העכסט צופרידן פון דער מעשה, וואָס געצל האָט פאַרשפּילט, און ער, גויעצל, האָט געוווּנען. ממש ער פילט, אַז עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט. ער פילט זיך איצטער בכח אָפּגעווינען בײַ דער גאַנצער וועלט אַלע ניס. „ווּ נעמט מען זיי איצטער, די חברים מײַנע פון חדר? וואָלט איך זיך מיט זיי צערעכנט! איך וואָלט זיי נישט איבערגעלאָזט קיין איינציק ניסל אפילו אַף אַ רפואה! זיי וואָלטן זיך אויסציִען בײַ מיר, אַ מיתה משונה אײַננעמען דאָ אַפן אָרט!“...

און געצל ווערט אין כעס, מלא רציחה, לייגט־צונויף די קולאַקעס און קריצט מיט די ציין און רעדט צו זיך אַליין, גלײַך ווי ער וואָלט דאָ באמת געווען זאַלבאַנאַנד:

— אַנו, פּרוּווט איצט זיך אָנהייבן מיט מיר! אצינד בין איך שוין נישט אַליין! אצינד זײַנען מיר שוין זאַלבאַנאַנד!... נו, געצל? וואָס ביסטו געבליבן זיצן עפּעס, ווי אַ חתן? לאָמיר נאָך שפּילן אַ ביסל אין ניס.

— אין ניס? ווּ האָב איך ניס? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך האָב שוין נישט קיין איינציק ניסל אפילו.

— אַך! איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז דו האָסט שוין נישט קיין ניס... ווייסטו וואָס? איך וועל דיר געבן אַן עצה, געצל.

— דהיינו?

— געלט האָסטו?

— איך האָב. נו, איז וואָס?

— קויף באַ מיר ניס.

— וואָס הייסט, איך זאָל באַ דיר קויפן ניס?

— בהמה, ווייסט נישט וואָס הייסט קויפן? גיב מיר געלט, נאַ דיר ניס. העַ?

— נו, מהכתיתי. באַ מיר האָסטו געפּועלט.

און ער נעמט אַרויס פון בײַטעלע אַ זילבערנע גריוונע, דינגט זיך אויס פאַרן מקח, ציילט־אָפּ אַ פּאָר צענדליק ניס פון דער רעכטער קעשענע אין דער לינקער, און דאָס שפּיל הייבט זיך אָן גאָר איבער אַ נײַס.

4

אַ געניטער קאָרטן־שפּילער, דערציילט מען, האָט גערופן אַ האַלבע שעה פאַרן טויט זײַן זון, אויך אַ קאָרטן־שפּילער, און רופט זיך אָן צו אים בזה הלשון:

— מײַן קינד! איך גיי־אַוועק פון דער וועלט, מיר וועלן זיך שוין מער נישט זען קיינמאָל. איך ווייס, אַז דו שפּילסט אין קאָרטן, דו האָסט מײַן חולאת... שפּילן מעגסטו וויפל דו ווילסט, נאָר אָפּשפּילן זיך — זאָל דיך גאָט שומר ומציל זײַן!

די דאָזיקע ווערטער זײַנען, להבדיל, אַ תורה. נישטאָ קיין ערגערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אָפּשפּילן זיך. דאָס טוט אויס, זאָגן געניטע מענטשן, ביז צו דעם לעצטן העמד! דאָס טרײַבט אַרײַן אין שאול־תחתיה אַרײַן, און מע קאָן שוין נאָכדעם קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין! אַזוי זאָגט די וועלט, און אַזוי איז געווען אויך מיט אונדזער חברה־מאַן. ער האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט מיטן היטל: אום, צי גראָד, געלייגט פון איין קעשענע אין דער אַנדערער, ביז די לינקע קעשענע איז געבליבן אָן איין ניסל.

— נו, פאַר וואָס שפּילסטו נישט?

— איך האָב שוין נישט מיט וואָס.

— ווידער א מאָל געבליבן אָן ניס, שלים־מזל?

— דו זאָגסט, איך בין א שלים־מזל, און איך זאָג, דו ביסט א שולער.

— זאָגסטו נאָך אמאָל דאָס וואָרט „שולער", גיב איך דיר איבער די פיסקעס.

— לאָז דיר גאָט געבן אזא זין!...

געצל בלײַבט זיצן עטלעכע מינוט שטיל, גראַבלט מיט די פינגער אין דער ערד, גראָבט א גריבל און ברומט שטילערהייט א לידל אונטער דער נאָז. נאָכדעם טוט ער א זאָג:

— סקוטשנע! לאָמיר שפּילן אין ניס.

— ווו האָב איך ניס?

— האָסט נאָך עפּעס געלט? איך וועל דיר פארקויפן נאָך א צענדליק.

— געלט? ווו האָב איך געלט? איך האָב שוין נישט א גראָשן.

— נישט קיין ניס און נישט קיין געלט? אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן! כאַ־כאַ־כאַ!

און דער „כאַ־כאַ־כאַ" צעשיט זיך איבערן גאַנצן פעלד, קלינגט זיך אָפּ מיט א ווידער־קול אינעם געדיכטן ווײַטן וואַלד, און געצל קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער.

— וואָס איז מיט דיר פאַר א געלעכטער, דו גויעצל איינער? — מאַכט ער צו זיך אַליין, און טאַקע תוך־כדי־דבור זיך אַליין אָפּגעענטפערט:

— דאָס לאַך איך פון דיר, שלים־מזל. גענוג דו האָסט מיר פאַר־שפּילט אַלע ניס — צו וואָס האָט דיר געטויגט נאָך נעמען און פאַר־שפּילן דאָס געלט אויך, אזוי פיל געלט, דו שוטה בן פּיקהאָלץ? אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן! כאַ־כאַ־כאַ!

— האָסט דאָך מיך אַליין ארויפגעפירט דערויף, דו רשע מרושע, דו שלעכטער יונג, דו טרפהנער ביין!

— חכם בלילה! — אז איך זאָל דיר זאָגן אָפּשנײַדן די נאָז, דאַרפסטו מיך פאָלגן? דו פעטאַך איינער! דו בהמה בצורת פערד! כאַ־כאַ־כאַ!...

— ווער כאָטש אנשטומט, דו גויעץ איינער, און לאָם איך דײַן טרפהנעם פּרצוף נישט אָנקוקן!

און ער קערעוועט זיך אוועק פון זיך אַליין, זיצט עטלעכע מינוט

אַן אָנגעברוגזטער, גראַבלט מיט די פינגער די ערד, פאַרשיט דאָס אויס־געגראָבענע גריבל און זינגט שטילערהייט אַ לידל אונטער דער נאָז.

5

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, געצל? — רופט ער זיך אָן צו זיך אַליין אין עטלעכע מינוט אַרום. — לאָמיר זיך שוין איבערבעטן, לאָמיר ווערן חבר. גאָט האָט מיר געהאָלפן, ס'האָט מיר אַזוי באַגליקט, איך האָב געוווּנען, קיין עין־הרע, אַזוי פיל ניס, — פאַר וואָס זאָלן מיר זיך נישט פאַרגינען צעקנאַקן עטלעכע ניסלעך? זיי באַדאַרפן זײַן, מיין איך, ניט שלעכט? האָ? ווי מיינסטו, געצל?

— יאָ, איך מיין אויך אַזוי, זיי באַדאַרפן זײַן ניט שלעכט. — ענטפערט ער זיך אַליין, און כאַפּט־אַרײַן אין מויל איין ניסל, דאָס אַנ־דערע ניסל, דאָס דריטע ניסל, טוט אַלע מאָל אַ זעץ מיטן האַנט איבער די ציין, דאָס ניסל טוט אַ טרישטשע, נעמט ער אַרויס אַ פעטן יאָדער, רייניקט אים אַרום, וואַרפט אים אַרײַן אין מויל און קײַט מיט די גרויסע ווײַסע ציין געשמאַק, כראָמקעט, ווי אַ פערד האָבער, און רופט זיך אָן:

— ביסט אפשר אויך אַ בעלן, געצל, אויף אַ יאָדער פון אַ ניסל? שעם דיך נישט, זאָג!

— מהכתיתי, פאַר וואָס נישט?

אַזוי ענטפערט ער זיך אַליין, ציט אויס די לינקע האַנט, נאָר טאַקע באַלד טוט ער זי אַ פּאַטש מיט דער רעכטער:

— און אַ מכה ווילסטו נישט?

— לאָז דיר זײַן אַ מכה.

— לאָז דיר זײַן צוויי.

און ער הערט נישט אויף צו קנאַקן ניסלעך און קײַען די פעטע יאָדערן, כראָמקען, ווי אַ פערד האָבער. ס'איז אים קאַרג, וואָס ער פרעסט און יענער זיצט און קוקט, רופט ער זיך אָן צו אים:

— הער נאָר, געצל, וואָס איך וועל דיך פרעגן: ווי אַזוי איז דיר, למשל, בשעת מעשה, אַז איך עס און דו קוקסט?

— ווי אַזוי מיר איז? אַזאַ יאָר אויף דיר!

— ע, ביסט, אפּנים, אין כעס? נאַ זשע דיר אַ יאָדער פון אַ ניסל.

און געצלס רעכטע האַנט גיט דער לינקער האַנט אַ יאָדער פון אַ ניסל. וויל די לינקע האַנט נעמען דעם יאָדער פונעם ניסל, גיט אים די רעכטע האַנט, מחילה, אַ פײַג... גייט די לינקע האַנט און טוט אַ פּאַטש דער רעכטער האַנט, נעמט די רעכטע האַנט און טוט אַ פּאַטש דער לינקער האַנט. גייט די לינקע האַנט און דערלאַנגט אַ פּראַסק אין דער רעכטער באַק, גייט די רעכטע האַנט און שטעקט־אָפּ דער לינקער באַק צוויי פּעטש. כאַפּט־אָן די לינקע האַנט בײַ דער רעכטער לאָץ, נעמט די רעכטע האַנט און רײַסט־אָפּ די לינקע לאָץ פון אויבן ביז אַראָפּ. גייט די לינקע האַנט און כאַפּט זיך אָן בײַ דער רעכטער פּאה, נעמט די רעכטע האַנט און פאַרפאַרט אין לינקן אויער.

— לאָז־אָפּ די פּאה, געצל פּאָלג מיך, לאָז־אָפּ די פּאה!

— לאָז־אָפּ דעם אויער, וועל איך דיר אָפּלאָזן די פּאה!

— אַ מכה!

— נו, בלײַבסטו אָן אַ פּאה, געציע!

— בלייבסטו, גויעץ, אָן אַן אויער!

— אײַ!

— אײַ־אײַ!!

....

עפּילאָג

עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זיך אַזוי געקאַטשעט אױף דער ערד אונדזער געצל. אָט איז ער געלעגן פון אויבן מיט דער רעכטער זײַט, אָט איז ער געלעגן פון אויבן מיט דער לינקער זײַט, צוגעהאַלטן מיטביידע הענט די קעשענע מיט ניס. אַ מינוט האָט גובר געווען גויעצל, אַ מינוט האָט גובר געווען געצל. ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער ערד, אָן אײַנגעקאַטשעטער אין בלאָטע, ווי אַ דבר־אחר, אַ צעפליקטער, מיט אַ צעבלוטיקטן אויער, מיט אַן אונטערגעריסענער פּאה, אַרויסגעכאַפּט אַלע ניס פון קעשענע און פאַרוואָרפן זיי אין בלאָטע אַרײַן, העט־ווײַט ביז אױף יענער זײַט מיל, און צוגעברומט מיט כעס:

— אָט אַזוי!... אַ מצווה!... נישט מיר, נישט דיר!...

געשריבן אין יאָר 1904.

לאהניו

אַ בילד

א.

פון יאָר צו יאָר, פּינקטלעך, ווי אַ זייגער, איז בײַ די בערנשטיינס אַ מנהג, אַז צו „שפוך המתך" עפנט מען אַלע טירן — מע לאָזט־אַרײַן אַ גאַסט אין שטוב אַרײַן, אַ ליבן טײַערן גאַסט, אליהו הנביא.

זיי גלייבן, אַז דער גוטער געטרײַער אליהו הנביא קומט־אַרײַן זיי בענטשן. שטילערהייט טרינקט ער אָפּ אַ טראָפּן פונעם כוס, וואָס שטייט אָנגעגרייט פון זײַנעטוועגן, און ווערט שטילערהייט פאַרשוווּנדן.

פּאַר אַזאַ אָן אָנגעלייגטן גאַסט שטייט־אויף די גאַנצע שטוב און רופט־אויס: „ברוך־הבא!"

און נאָכן „ברוך־הבא" זאָגט מען הויך, אױף אַ קול און מיט אַ ניגון:

— ש פ ו ך ה מ ת ך — גיס אויס דײַן צאָרן אױף די גישט־קולטור־רעלע פעלקער, וואָס ווילן דיך ניט קענען!...

אַ מאָדנע פרומע שטוב בײַ די בערנשטיינס! אַ פּאַטריאַרכאַלע, אַ כשרע, מיט מנהגים פּאַטריאַרכאַלע.

ערב־פּסח כשרט מען די פיסלעך פון די בענקלעך, די קייטלעך פון די טירן, די זאַסלינקעס פונעם קוימען, די קראָקוועס פונעם בוידעם.

מע כשרט די קינדער, מע כשרט די דינסט, מע כשרט די בהמה.

אויב בײַ דער גאַנצער וועלט איז כשר, איז בײַ זיי כשר שבכשר. אויב בײַ אַלע ייִדן איז פּסח, איז בײַ זיי פּסח שבפּסח.

און אַז בערנשטיין זעצט זיך אַוועק צום סדר מיטן ווײַסן קיטל, מיט

דער ווײַסער זײַדענער יאַרמעלקע, מיט די ווײַסע שיך און זאָקן, אַף דעם הסב־בעט, אַף דעם ווײַסן ווייכן הסב־בעט, — ג ע וו ע ל ט י ק ט ער.

דער סולטאַן פון מאַראָקע מיטן שאַך פון פערסיע, און אַפילו דער מלך פון קאָרעע, וואָס טראָגט אַ מגן־דוד אַפן קאָפּ, מעגן, כּלעבן, קומען אַהער זיך לערנען ג ע וו ע ל ט י ק ן.

אַז וואויל איז דעם מלך מיט דער מלכּה, וואָס אַרום טיש באַ זיי זיצן, ווי די אייַלבערט־פּלאַנצונגען, זייערע קינדער.

רייד איך פון דער מלכּה בערנשטיין, דערמאָן איך מיך אָן דער „אשת־חיל" פון שלמה המלך. רייד איך פון אירע קינדער, קומען מיר אָקעגן די ווערטער: „ה נ ה כ י כ ן י ב ו ר ך ג ב ר" — אָט אַזוי איז דאָס, אַז גאָט וויל איינעם בענטשן!

ב.

איין יאָר, סך־הכּל איין יאָר, איז איבערגעלאָפן — און וואָס פאַר אַן איבערקערעניש!

די אייגענע שטוב, די אייגענע כּשרע שטוב. די אייגענע מענטשן, די אייגענע פרומע כּשרע ייִדן, נאָר נישט דער גײַסט, נישט דער פּסח, נישט דאָס עפענען פון די טירן, נישט דער „ברוך־הבא", נישט דער „שפוך־המתך", וואָס פאַראיאָרן.

ווי איז אַהינגעקומען די פרייִלעכקייט, די ליכטיקייט, מיט דער היימלעכקייט, מיט דער ברייטקייט?

אַ זאָרג, אַ גרויסע טיפע זאָרג, ליגט אויסגעגאָסן אַף אַלע פּנימער. אַ פאַרבאָרגענער אומעט האָט זיך אַהער אַרײַנגעגנבעט. אַ שטילער־שטילער טרויער.

שוין באַלד אַ יאָר, זינט עס האָט זיך אויסגעגאָסן אַף זיי און אַף דער גאַנצער שטאָט אַ וואָלקענבראָך, אַ שטורעמווינט מיט אַ האָגל, און נאָך קלינגט זיי אין די אויערן דער דונער מיטן ציטערן פון די פענצטער, מיטן געשריי, מיטן געפילדער.

איין יאָר, סך־הכּל איין יאָר, איז איבערגעלאָפן — און וואָס פאַר אַן איבערקערעניש!

אַ זאָרג, אַ גרויסע טיפֿע זאָרג, ליגט אויסגעצויגן אויף אַלע פּנימער. אַ פֿאַרבאָרגענער אומעט האָט זיך אַהער אַרײַנגעגנבֿעט. אַ שטילער־שטי־לער טרויער.

דער אייגענער מלך מיטן ווײַסן קיטל, מיט דער ווײַסער זײַדענער יאַרמעלקע, אויף דעם אייגענעם ווײַסן ווייכן הסבֿ־בעט. די אייגענע שיינע מלכּה, די אשת־חיל. די אייגענע קינדער, ווי די איילבערט־פֿלאַנצונגען, אַרום טיש. נאָר נישט דער סדר, וואָס פֿאַראַיאָרן, נישט די פֿריילעכקייט, די ליכטיקייט, מיט דער הימלעכקייט, מיט דער ברייטקייט, וואָס פֿאַראַ־יאָרן.

די אייגענע הגדה, נאָר נישט דער ניגון. אַ פֿאַרבאָרגענער אומעט האָט זיך אַרײַנגעגנבֿעט אין דעם ניגון, אַ שטילער־שטילער טרויער.

און דער מלך און די מלכּה און די קינדער, די בני־מלכים, זינגען שטיל דעם שטילן טרויעריקן ניגון, גלײַך ווי אַ קראַנקער, אַ חולה מסוכּן, וואָלט דאָ געלעגן ערגעץ אין דער נאָענט, גלײַך ווי מע וואָלט באַווײנט אַ טויטן.

און שטילערהייט, בגנבֿה, באַהאַלטן איינס פֿון דאָס אַנדערע, טרייס־לען זיי אָפּ אַ שטילע טרער — נאָך לאַהניון.

ג.

לאַהניו — אַזוי האָט געהייסן דאָס קלענסטע קינד, דאָס קלענסטע און דאָס ליבסטע.

דאָס איז געווען זייער־זייער אַ געראָטן קינד, אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר זעקס, אַ מיידעלע מיט געקרײַזלטע פֿלאַקסענע הערלעך און מיט הימל־בלויע אויגלעך, און גערעדט האָט דאָס, ווי אַן אַלטער. אַלצדינג גערעדט און אַלצדינג פֿאַרשטאַנען, אַלצדינג געפֿילט און אַלצדינג געוווסט.

שוין צופֿיל געוווסט, צופֿיל געפֿילט, צופֿיל פֿאַרשטאַנען! וואָס וועט זײַן פֿון דעם קינד, אַז עס וועט אויסוואַקסן?

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: „דאָס קינד איז נערוועז; דאָס קינד דאַרף מען היטן”. וואָס איז דער חידוש, וואָס אַלע האָבן איבער דעם אַזוי געציטערט, געטרייסלט זיך? לאַהניו! לאַהניו!

פאַראיאָרן, אַז ס'האָט זיך אויפגעהויבן דער שטורעמווינט און אַלע האָבן אָנגעהויבן ארומלויפן איבער דער שטוב, ווי די פאַרסמטע מײַז, נישט געוווּסט, וווּ מע איז אין דער וועלט, האָט לאהניו פאַרשטאַנען און איז אַרויפגעשפּרונגען צו דער מוטער אויף די הענט, ארומגעכאַפּט זי באַם האַלדז און געציטערט און געטרייסלט זיך, און די צײַנדלעך האָבן זיך בײַ איר געשלאָגן, און די אויגלעך זײַנען איר געוואָרן משונה גרויס, און זי האָט געזאָגט:

— מאַמעניו, איך וועל דיך נישט לאָזן!...

פאַר שרעק, נאָר פאַר שרעק אַליין, איז דאָס קינד געשטאָרבן!...

....

ד.

אַך, ווי שיין איז געווען לאהניו, ליגנדיק אין בעטל, ווי חנעוודיק! די געקרײַזלטע פלאַקסענע הערלעך צעלאָזט, די שיינע הימל־בלויע אויגלעך האַלב־אָפן, די ווײַסע טויטע ליפּן צוגעשלאָסן אויף שטענדיק, אויף אייביק.

ניין, לאהניו וועט שוין מער נישט ריידן. קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט!

און דאָך מאָלט זיך אויס דער מוטער, אַז דאָס קינד קוקט אויף איר, רעדט צו איר, פרעגט בײַ איר:

— מאַמעניו! פאַר וואָס?...

קיינער גלייבט איר נישט, דער וויסטער מאַמע. זיי מיינען, אַז זי רעדט פון וועג, אַז זי איז, חלילה, ניט בײַ די געדאַנקען. כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!...

נאָר וואָס טראָגט אַ מענטש נישט איבער? לאהניון האָט מען באַהאַלטן, אין דער ערד באַהאַלטן, און די וויסטע מאַמע איז געזונט געוואָרן. און אָט זיצן זיי אַלע איצט באַם סדר, אַלע, נאָר אָן לאהניון. סאַמע דאָס קלענסטע, סאַמע דאָס ליבסטע פעלט! נישטאָ לאהניו!

און דער מלך און די מלכה און די קינדער, די בני־מלכים, זינגען שטיל דעם שטילן טרויעריקן ניגון פון דער הגדה, דערמאָנען זיך אָן לאהניון, ווי זי איז פאַראיאָרן דאָ געזעסן, און שטיל, בגנבה, באַהאַלטן איינס פון דאָס אַנדערע, פאַרלירן זיי אַ טרער.

און אַז עס קומט צו „שפוך־המתך”, עפנט מען די טירן ברייט, ווי אַלע מאָל, אַרײַנצולאָזן דעם גאַסט, אליהו הנביא, און מע שטייט־אויף, בכדי אים מקבל פנים זײַן, אים אָפּגעבן דעם „ברוך ־ הבא”.

נאָר, אוי־וויי, ס׳איז נישט דער „ברוך־הבא”, וואָס פאַראַיאָרן! ס׳איז נישט דאָס אויפנעמען דעם אָנגעליגטן גאַסט, אליהו הנביא, ס׳איז נישט דער „שפוך־חמתך”, וואָס אַלע יאָר!

טאָקע די אייגענע תפלה, די אייגענע ווערטער, נאָר דער נוסח, דער ניגון, דער טאָן איז אַן אַנדערער! עס לאָזט זיך הערן אינעם נוסח אַ נײַער טרויער, אין די ווערטער — אַ מין באַקלאָגן זיך פאַר דעם רבונו־של־עולם.

און ווי טרערן הערן זיך אינעם מלכס קול. און אויך די מלכה ווישט די אויגן. און די קינדער, די בני־מלכים, קוקן אויף די אָפענע טירן, גלייבן נישט אינעם גאַסט, גלייבן נישט, אַז אליהו קומט אַהער צו פליִען פאַרזוכן אַ טראָפּן פונעם כוס, וואָס שטייט אָנגעגרייט פון זײַנעטוועגן. זיי טראַכטן:

„ווי קאָן דאָס אַזאַ גוטער געטרײַער מלאך, ווי אליהו הנביא, דער־לאָזן אַזעלכעס, אַזאַ אומרעכט? ווי קאָן דאָס אַזאַ גוטער געטרײַער מלאך, ווי אליהו הנביא, דערלאָזן, מע זאָל צונעמען באַ זיי, אויסכאַפּן לאַהניון? סטײַטש, לאַהניון!”...

איין יאָר, סך־הכל איין יאָר, איז איבערגעלאָפן — און וואָס פאַר אַן איבערקערעניש!

געשריבן אין יאָר 1904.

אַ פאַרשפּילטער ל״ג - בעומר

אַ מעשה פון חדר

א.

אונדזער רבי, „ניסל דער קליינער" (אַזוי האָט מען אים גערופן, ווײַל ער איז געווען אַ קליינער), האָט זיך געלאָזט פירן בײַ דער גאַז פון זײַנע באַהעלפערס. וואָס די באַהעלפערס האָבן געוואָלט, האָבן זיי גע־פּועלט. געקומען דער ערשטער באַהעלפער און האָט געזאָגט: מע דאַרף הײַנט לאָזן די קינדער באַצײַטנס פרײַ. — האָט ער געהייסן לאָזן די קינדער פרײַ. געקומען דער אַנדערער באַהעלפער און גע־זאָגט: די קינדער וועלן איבערקערן די וועלט, מע דאַרף זיי האַלטן אין חדר — האָט ער געהייסן, מע זאָל זיי האַלטן אין חדר. ער זאָל אַליין עפּעס צוקלערן — דאָס נישט. דעריבער האָבן געוועלטיקט אויף אונדז די באַהעלפערס, נישט דער רבי. אין אַנדערע חדרים, למשל, ווייסן באַהעל־פערס, אײַנוואַשן די קינדער, זאָגן מיט זיי ברכה, טראָגן זיי אויף די פּלייצעס איבער דער בלאָטע, ברענגען זיי אין חדר אַרײַן אַ טעפּעלע אָנ־בײַסן. בײַ אונדז האָבן די באַהעלפערס געפּוילט זיך אײַנוואַשן אונדז. זאָגן מיט אונדז ברכה, טראָגן אונדז אויף די פּלייצעס. דערפאַר האָבן זיי אָבער ליב געהאַט ברענגען אונדז אין חדר אַרײַן די אָנבײַסנס און... טאַקע אַליין אויפעסן. אויסזאָגן דאָס דעם רבין האָבן מיר נישט געטאָרט: די באַהעלפערס האָבן אונדז געהאַלטן רעכט אין דער מורא, אונדז אָנגע־זאָגט, אַז טאָמער וועט עמעצער זיך דערוועגן זאָגן אַ וואָרט, אַ פּיפּס טאָן פאַר דעם רבין, וועט מען אים קאַטעווען, שינדן די הויט! איינער, אַ ווײַ־סער־חברהניק, האָט זיך יאָ געפּרוווט אַמאָל אַרויסשפּרינגען מיט אַ וואָרט,

האָבן אים די באַהעלפֿערס נאָכדעם אַזוי געטאָן, אַז ער האָט נעבעך גע־קרענקט אַ גאַנצן זמן, פֿאַרזאָגט אַ צענטן, מע זאָל אַ באַהעלפֿער פֿאַר רבין נישט מסרן.

יענע צײַט קאָן מען אָנרופֿן מיטן נאָמען „גלות הבהלפֿרים", אָדער „באַהעלפֿער־גלות".

ב.

ויהי בימי גלות הבהלפֿרים — און ס'איז געווען אין דער צײַט פֿון „באַהעלפֿער־גלות", האָט זיך געשטעלט בײַ אונדז אין כתרילעווקע אַ ל"ג־בעומר אַ נאַסער, אַ קאַלטער, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל תחילת מײַ קאַלטע, נאַסע טעג. די זון טאַקע כלומרשט באַווײַזט זיך, לײַכט און וואַ־רעמט; נאָר אַ שאַרפֿער ווינט בלאָזט ערגעץ פֿון ווײַטן, טראָגט־אָן כמאַ־רעס, רײַסט בײַ די פּאָלעס, וואַלגערט פֿון די פֿיס — גאָרנישט פּאַכאָזשע אויף וועסנע...

האָט זיך פֿאַרגלוסט גראָד דעמאָלט אונדזערע באַהעלפֿערס, מיר זאָלן מאַכן אַ שפּאַציר ל"ג־בעומר הינטער דער שטאָט און אַרויסגיין אויף מלחמה, ווי דער מנהג איז בײַ ייִדישע קינדער, מיט שווערדן און מיט פֿײַלנבויגנס און מיט צידה־לדרך, אַלערליי גוטע שפּײַזן, אין וועג אַרײַן.

ס'איז אַ מנהג בײַ ייִדישע קינדער פֿון קדמונים, אַז עס קומט ל"ג־בעומר, ווערט מען מלחמהדיק: מע וואָפֿנט זיך אָן פֿון קאָפּ ביז פֿיס מיט כלי־זיין, הילצערנע שווערדלעך, ראָדביקסלעך און פֿײַלנבויגנס, מע נעמט־מיט עסנוואַרג אין וועג אַרײַן און מע גייט־אַרויס אויפֿן פֿרײַען פֿעלד כלומרשט אויף מלחמה. ייִדישע קינדער, וואָס זיצן נעבעך אַ גאַנץ יאָר פֿאַרשפּאַרט אינעם ענגן פֿינצטערן חדר, אונטער דעם יאָך פֿון דער תורה, אונטער דער מורא פֿונעם רבין און אונטער די קאַנטשיקעס פֿון די באַהעלפֿערס, אַז עס קומט ל"ג־בעומר און זיי גייען אַרויס אויפֿן פֿרײַען פֿעלד, אָנגעוואָפֿנט פֿון קאָפּ ביז פֿיס מיט די הילצערנע שווערדלעך, ראָד־ביקסלעך און פֿײַלנבויגנס, מאָלט זיך זיי אויס, אַז זיי זײַנען גבורים, וואָס קאָנען אײַננעמען דעם שטאַרקסטן שונא, חרוב מאַכן די וועלט — און זיי באַקומען מיט אַ מאָל קוראַזש, און חברה הייבט־אָן מאַכן גרויסע שפּאַנען און זינגען לידלעך, מאָדנע לידלעך, האַלב־ייִדיש, האַלב גוייִש:

ראַז, דוואַ, טרי, טשעטירע!
ייִדישע קינדער
לערנען תורה,
גלייבן אין וווּנדער,
האָבן נישט מורא.
שמע ישראל, ניטשעוואָ!
ניע באָאימסיאַ ניקאַוואָ,
קראָמע באָגאַ אָדנאַוואָ...

און מיר האָבן געטאָן, ווי דער מנהג איז: אַראָפּגענומען אונדזערע פּאַראַיאַריקע הילצערנע שווערדלעך פונעם בוידעם, און פּײַלנבויגנס האָבן מיר אָנגעצויגן אַף רייפלעך פון פּסחיקע ווײַן־פּעסלעך, און ראָדביקסלעך האָבן אונדז געשאַפן די באַהעלפערס, געוויינטלעך, פאַר געלט, נאָר אַזעלכע ראָדביקסלעך קונציקע, וואָס מע קאָן שיסן מיט זיי אַ פליג, ווען זי זאָל, נאָפּשיקלאַך, וועלן שטיין און וואַרטן, ביז מע וועט זי שיסן... וכדומה נאָך אַזעלכע מינים כלי־זיין, ייִדיש געווער, וואָס מע קאָן מיט זיי איבער־שרעקן אַף טויט קליינע זוויגעדיקע קינדער. און מיט אָנבײַסן האָבן מיר זיך פאַרזאָרגט נישט אַף קאַטאָוועס — איטלעכער מיט וואָס גאָט האָט אים געבענטשט און מיט וואָס די מאַמע האָט אים באַוויליקט פון איר ברייטער האַנט. און מיר זײַנען געקומען דעם טאָג פון ל״ג־בעומר אין חדר אַרײַן, אָנגעוואָפּנט פון קאָפּ ביז פיס און מיט פולע קעשענעס פון כל־טוב, וואָס אַ מויל קאָן ריידן: בולקע, און קיכל, און אייער, און שמאַלץ, און בראָנפן, און ווישניק, און פערטלען עוף, און שטיקער קאַטשקע, און פּופּקעלעך, און לעבערלעך, און טיי מיט צוקער, מיט ניס מיט מאַראַנצן מיט איינגעמאַכטס, און אויך מיט מזומנע גראָשנס — איטלעכער פון אונדז האָט זיך געוואָלט אויספּײַנען. ברענגען וואָס מער און וואָס בעסער, יוצא זײַן פאַר די באַהעלפערס. און די באַהעלפערס האָבן אונדז געלויבט, געזאָגט, אַז מיר זײַנען וווילע, אויסגעצייכנטע ייִנגלעך, צונויפגענומען אונדזערע גוטע שפּײַזן צו זיך אין די טאָרבעס אַרײַן, און אונדז האָבן זיי אויסגעשטעלט שורות־ווײַז, ווי מע שטעלט־אויס חיל, און האָבן אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— נעמט זיך, ייִדישע קינדער, פאַר די הענט און מאַרש איבער דער בריק, גלײַך אַהין אויף מעזריטשער פּלאַץ. דאָרט וועט איר זיך באַגעגענען מיט די ים־קאַטערס און דאָרט וועט מען זיך שלאָגן!

— הוררא, ים־קאַטערס! — האָבן מיר אויסגעשריִען אַלע אין איין קול און האָבן זיך גענומען פאַר די הענט און האָבן זיך ראַפּטאַם אַ לאָז געטאָן אין וועג אַרײַן, שטאַרק האַפּערדיק און זיכערלעך, ווי אמתע גבורים.

ג.

די ים־קאַטערס — אַזוי האָבן מיר גערופן די דרדקי־תּלמידים, דערפאַר וואָס זיי זײַנען געווען קינדער קליינע, קורצע, אַלף־בית־ייִנגלעך, און האָבן אויסגעזען קעגן אונדז, חומש־בחורים, ווי פליגן, ווי מערעשקעס. עס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז מיט איין בלאָז — פו! — מאַכן מיר פון זיי אַ תּל. מיר זײַנען געווען בטוח, אַז זיי וועלן נאָר אונדז דערזען, ווי מיר זײַנען אָנגעוואָפנט פון אויבן ביז אַראָפּ מיט שווערדן, פײַלנבויגנס און ראָדביקסלעך, וועלן זיי גענוים כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס און וועלן גענוים מאַכן פּליטה. אַ קלייניקייט — אַזעלכע גבורים, ח ו מ ש ־ ב ח ו ר י ם , וואָס אַלע ייִנגלעך פון דרדקי־חדרים האָבן געציטערט פאַר אונדז אימת־מוות, מורא געהאַט אַרײַנטרעטן אין אונדזערע דל״ת־אַמות! איר שפּילט זיך מיט חומש־בחורים, ווערגעלצן, מיט לאַנגע פיס?!...

שלאָגן מיט די ים־קאַטערס האָבן מיר זיך, אייגנטלעך, קיינמאָל ניט געשלאָגן; נאָר על־פּי סברה האָבן מיר גערעכנט און געווען איבערצײַגט, אַז מיטן קוק מאַכן מיר מיט די דאָזיקע קליינע וועוורקעס אַ פאַרלענדונג, אַ סוף, אַ תּל־עולם. חוץ וואָס מיר וועלן זיי גוט אײַנטײלן, אָנברעכן אויף אַלע זײַטן, וועלן מיר נאָך נעמען בײַ זיי רויב, דאָס הייסט, מיר וועלן זיך צעטיילן מיט זייערע אָנבײַסנס, און לאָזן זיי אונדז לאָדן צום „ונתנה־תּוקף״.

און פאַר גרויס קוראַזש און התפּעלות פון זיך אַליין און פון אונדזער כּח האָבן מיר זיך אײַנגעס דאָס אַנדערע אונטערגעשטופּט, דערלאַנגט אַלע

מאָל א שטורך אין די פּלייצעס אַרײַן און אַ פּליאַסק פון הינטן, און אגב האָבן אונדז טאַקע אונטערגעטריבן די חברה באַהעלפערס, מיר זאָלן גיין אַ ביסל גיכער.

— וואָס קריכט איר, ווי די וואַנצן? — האָבן זיי צו אונדז געזאָגט, און אַליין האָבן זיי זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט, אויפגעבונדן די טאָרבעס און פאַרזוכט די אַנבײַסנס, שטאַרק געלויבט אונדזערע מאכלים מיט אונדזער ווישניק:

— אויסגעצייכנטער ווישניק! — האָבן זיי געזאָגט, איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן דאָס פלעשל און געבולקעט — בול־בול־בול — פאַר־נעם העלדזל גלײַך אין מויל אַרײַן.

— אַן אַנטיק פון ווישניק! הערט איר? טאַקע גאָר אַ חריפות!

אַזוי האָבן געזאָגט די חברה באַהעלפערס, געלעקט די פינגער און שטאַרק אָפּגעשטאַנען פון אונדז, באַוויזן אונדז פון דער ווײַטן מיט די הענט, מיר זאָלן גיין ווײַטער! ווײַטער!...

און מיר זײַנען געגאַנגען ווײַטער און ווײַטער איבער דעם גרויסן מעזריטשער פלאַץ, כאָטש דער ווינט האָט געבלאָזן אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער. דער הימל האָט זיך רעכט פאַרכמאַרעט, און אַ געדיכט קאַלט רעגנדל האָט געשמיסן גלײַך אין פּנים אַרײַן. פאַר קעלט האָבן אונדז די הענט געדראָלן, געוואָרן ברוין און בלוי, און די שטיוועלעך האָבן זיך צעווייקט, געקוואַטשעט אין דער בלאָטע. לידלעך האָבן מיר שוין לאַנג אויפגעהערט זינגען, און געפילט האָבן מיר זיך מיד און הונגעריק, זייער־זייער הונגעריק. און ס'איז געבליבן, מיר זאָלן זיך ערגעץ צוזעצן אַף אַ ווײַלע אָפּרוען זיך און טאַקע אין איינוועגס עפּעס איבערכאַפּן, נעמען אין מויל אַרײַן.

— ווו זײַנען דאָס אונדזערע באַהעלפערס? — האָט זיך אָנגערופן איינער פון אונדז.

— כאַפּט דעם רוח די באַהעלפערס! די אָנבײַסנס, די אָנבײַסנס ווו זײַנען?...

און דער עולם האָט שטאַרק אָנגעהויבן צו מורמלען אַף די באַהעל־פערס: „אַ בעלנות צונעמען אַלע אונדזערע פּופּקעס מיט אונדזערע לעבער־לעך, מיט די קיכלעך, מיט די אייער, מיטן ביסל ווישניק, מיט די מזומנע

עטלעכע גראָשנס, און אונדז איבערלאָזן דאָ אַליין אפֿן פּוסטן פּלאַץ, אף דער קעלט, הונגעריק, — פֿאַרכאַפּט מעגן זיי ווערן!"

— אַ מיתה משונה זאָל קומען אף אונדזערע באַהעלפֿערס!

— אַ חלירע זאָל קומען אף אַלע באַהעלפֿערס פֿון דער גאַנצער וועלט!

— די כפּרה זאָלן זיי זײַן פֿאַר אונדזער מינדסטן נאָגל!

— שאַ! שטיל זאָל זײַן! אָן גייט אונדזער שונא! אונדזער פֿײַנט!

— קליינע וועוויריקעס מיט גרויסע שטעקנס!

— די ים־קאָטערס! די ים־קאָטערס!

— הורראַ, ים־קאָטערס!...

ווי מיר האָבן זיי דערזען, אַזוי האָבן מיר זיך אַ לאָז געטאָן צו זיי, ווי די בייזע הונגעריקע וועלף, גרייט געווען זיי דורס זײַן, צערײַסן אף שטיקער. נאָר... עס האָט זיך געטראָפֿן מיט אונדז אַן אומגליק, אַ גרויסער אומגליק, וואָס קיינער האָט דאָס בשום אופֿן נישט געקאָנט אַרויסזען פֿריִער.

אַז ס'איז ניט באַשערט, העלפֿן נישט קיין חכמות מיט קיין גבורה מיט קיין בריהשאַפֿטן. הערט אַ מעשה, וואָס עס קאָן זיך טרעפֿן.

ד.

די ים־קאָטערס, כאָטש זיי זײַנען קליינע קורצע וועוויריקלעך, אַלף־בית־יִינגלעך, נאָר, אַפּנים, נישט קיין נאַרישע יִינגלעך: איידער זיי זײַנען אַרויס צו אונדז אַקעגן אפֿן פֿעלד, אף דעם גרויסן מעזריטשער פּלאַץ, אף מלחמה, האָבן זיי זיך אין דער היים פֿריִער גוט צוגעלערנט, געמאַכט רעפּעטיציע הייסט עס. נאָכדעם האָבן זיי זיך אונטערגעפּיטערט, איבערגעביסן הייסט עס, מיטגענומען מיט זיך וואַרעמע מלבושימלעך מיט גרמענע קאַלאָשן, אָנגעוואָפּנט זיך פֿון קאָפּ ביז פֿיס נישט ערגער פֿון אונדז, און אפשר נאָך בעסער פֿון אונדז, אויך מיט שווערדלעך און מיט פֿײַלנבויגנס און מיט ראָדביקסלעך, און האָבן גאָרנישט געוואָלט וואַרטן, ביז מיר וועלן אָנפֿאַלן אף זיי, נאָר זיי זײַנען בעסער אָנגעפֿאַלן אף אונדז, און האָבן אונדז גענומען ברעכן די ביינער — ווי אַזוי מיינט איר, אַ

שטייגער? פון אַלע זײַטן און אַזוי געשמעיהדיק, אַז מיר האָבן גאָר קיין צײַט געהאַט אפילו זיך אַרומקוקן, ווו מיר זײַנען אין דער וועלט, גאָרניט באַמערקט תחילת, אַז זיי זײַנען אַף אונדז נישט אַליין, נאָר מיט זייערע באַהעלפֿערס, וואָס האָבן זיי אונטערגעגעבן היץ:

— רעכנט זיך מיט די חומש־בחורים! קלאַפּט זיי, די ווערגעלעצן מיט די לאַנגע פּיס!

סע פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אויך נישט געשוויגן. ווי די גבורים, געבראַקט זיי מיט די שווערדלעך, אָנגעצויגן די פײַלנבויגנס און אָנגעשטעלט אַף זיי די ראָדביקסלעך. נאָר — אוי־וויי! — אונדזערע שווערדלעך זײַנען געווען טעמפּ, ווי האָלץ, און ביז מיר האָבן זיך אַ ריר־געטאָן מיט די פײַלנבויגנס, האָבן מיר שוין אָנגעהויבן כאַפּן קלעפּ, ווי האָלץ... פון די ראָדביקסלעך שמועסט מען נישט: וואָס קאָן מען טאָן מיט אַ ראָדביקסל, אַז דער שונא וויל נישט וואַרטן, ביז מען וועט אים אַמאָל טרעפן, און פליט־אונטער און שלאָגט דאָס אײַך אַרויס פון די הענט — און גייט טוט אים עפּעס!?

שלעכט. מיר האָבן געמוזט אַוועקוואַרפן דאָס גאַנצע כלי־זיין, די שווערדלעך מיט די פײַלנבויגנס מיט די ראָדביקסלעך, און נעמען זיך צום געשלעג, ווי גאָט האָט געבאָטן, דאָס הייסט, מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן פּשוט מיט די הענט, מיט די קולאַקעס. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס מיר, אויסגעמידטע, אויסגעהונגערטע און איבערגעפּרווירענע, האָבן זיך געשלאָגן אָן אַ טאָלק, אָן אַ פּלאַן און אָן אַ שום אויבערהאַר, וואָרעם אונדזערע באַהעלפֿערס זײַנען דאָך געבליבן פון הינטן: זיי זײַנען, מחילה, געווען אונטערן גלעזל און טאַקע שטאַרק בגילופין פון אונדזער ביסל ווישניק, פאַרכאַפּט זאָלן זיי ווערן!... און זיי, די קליינע ווערוריקעס, גוט אָנגעטאָן און רעכט פּאַרביסן, זײַנען געקראָכן גלײַך אַף אונדז פון דרײַ זײַטן, אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער, גע־שאָטן אַף אונדז קלעפּ מיט קולאַקעס מיט בוכענצעס — טאַקע די זעל־ביקע בוכענצעס, וואָס מיר האָבן גערעכנט אײַנטייל ן זיי, האָבן זיי א ו נ ד ז אײַנגעטיילט... און ז יי ע ר ע באַהעלפֿערס זײַנען געגאַנגען דווקא אַף צופֿריִער און האָבן נישט אויפֿגעהערט אונטערצוגעבן זיי היץ:

— רעכנט זיך מיט די חומש.בחורים, קלאַפּט זיי, קלאַפּט זיי, די ווערגעלעצן מיט די לאַנגע פּיס!...

ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט מיטן הינטן צום פּײַנט? — דאָס איז שווער צו זאָגן. איך ווייס נאָר, אַז מיר זײַנען געלאָפן, שטאַרק געלאָפן, הענדום־פּענדום, צוריק אַהיים, אַהיים, קיין כתרילעווקע; און זיי, די קליינע ווערוויקעס, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, זײַנען אונדז נאָכגעלאָפן משוגענערווײַז, געהוקעט און געטיור־קעט און נישט אויפגעהערט צו לאַכן און צו שרײַען הינטער אונדזערע פּלייצעס:

— הוררראַ, חומש־בחורים! הוררראַ, ווע־געלעצן!...

ה.

געקומען אַהיים מידע, הונגעריקע, שלעפּעריקע, אָפּגעריסענע, אָפּגע־שליסענע, צעשלאָגענע, צעהרגעטע, האָבן מיר, גבורים, גערעכנט, אַז טאַטע־מאַמע וועלן געוויס לייגן אַף אונדז רחמנות, שענקען אַ לעקעכל פּאַר די קלעפּ, וואָס מיר האָבן געכאַפּט. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז מיר האָבן געלעבט אין טעות: מע האָט אונדז אין זינען געהאַט אין דער לינקער פּיאַטע. דאַנקען גאָט, מיר זײַנען אַרויס גליקלעך אָן פּעטש פּאַר די צעריסענע קאַפּאָטקעלעך און פּאַר די אויסגעדרייטע שטיוועלעך, פֿון דער מאַמע באַזונדער און פֿונעם טאַטן באַזונדער. און ערשט אַף מאָרגן האָט אונדז רעכט מכבד געווען דער רבי, ניסל דער קליינער, פּאַר די בײַלן, וואָס זײַנען געשטאַנען באַ אונדז אַף די שטערנס, און פּאַר די בלויע לאַנ־טערנס, וואָס אונטער די אויגן. מע האָט אונדז — ס'איז אַ בזיון צו דערציילן — אַנידערגעלייגט איינציקווײַז, און דווקא מיטן פּנים אַראָפּ, און מע האָט אונדז אַרײַנגעצימבלט, מחילה, אַהין, ווו עס דאַרף צו זײַן. דאָס הייסט, נאַט אייך אַ פּאַרבײַסונג, טאָמער איז קאַרג!... אונדז האָט אָבער אַף קיינעם אַזוי נישט פּאַרדראָסן, ווי אַף די באַהעלפערס אונד־זערע, ימח שמם וזכרם! טאַטע־מאַמע, אַז זיי באַשטראָפן אַ קינד, טוען זיי דאָס אפשר מחמת געטרײַשאַפט. אַ רבי לייגט אַוועק און שמײַסט־אָפּ מיטן קאַנטשיק — דערויף איז ער אַ רבי און דערויף איז דאָס אַ קאַנ.

טשיק... אָבער די באהעלפערס, ימח שמם! נישט גענוג זיי האָבן אויפ־געפרעסן אונדזערע אַלע אָנבײַסנס, אויסקרענקען זאָלן זיי דאָס נאָר, רבונו שול עולם! נישט גענוג זיי האָבן איבערגעלאָזט אונדז איינע אַליין אין מיטן פעלד אַף גאָטס באַראָט, — האָבן זיי אונדז בשעת שמײַסן נאָך צוגעהאלטן, מיר זאָלן נישט דריגען מיט די פיס!...

✡ ✡ ✡

אָט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט אונדזער יענער ל"ג־בעומר. דאָס איז געווען אַ ווִיסטער, אַ פינצטערער, אַ פ א ר ש פ י ל ט ע ר ל"ג־בעומר.

געשריבן אין יאָר 1904.

צו דער סעודה

אַ בילד פון מײַנע קינדערשע יאָרן

א.

— איך ווייס נישט, וואָס פון דעם קינד וועט זײַן, וואָס פון דעם קינד וועט אויסוואַקסן? עפּעס אַ קוואַטש, אַ נאַסע האַנטשירקע, אַ ווײַנענדיקע קלאַגמוטער, צו אַלדי גוטע יאָר! אַ קינד זאָל האַלטן אין איין וויינען!

אַזוי זאָגט די מאַמע מײַנע צו זיך אַליין, טוט מיך אָן יום־טובדיק און דערלאַנגט מיר אַלע מאָל אָדער אַ בוכענצע אין זײַט, אָדער אַ סטור־סאַק אין פּלייצע, אָדער אַ נעם באַם אויער, אָדער אַ ציפּצאָפּ באַ די האָר, אָדער אַ רײַס־אויס אַ שטיק פלייש, און זי וויל נאָך, אַז איך זאָל פון אַזעלכע עובדות לאַכן, ניט וויינען. און זי פאַרקניפּלט מיך פון אויבן ביז אַראָפּ אין מײַן שבתדיק קאַפּאָטקעלע, וואָס איז שוין לאַנג אױף מיר אַזוי ענג, אַז עס שפּאַרט מיר אַרויס די אויגן פון קאָפּ, און דערצו זײַנען די אַרבל עפּעס מאָדנע קורץ, און מײַנע תמיד רויט־בלויע הענט זײַנען עפּעס ווי אַרויסגעוואַקסן פון די אַרבל און זעען אויס, ווי געשוואָלן, און דאָס קאָן די מאַמע מײַנע נישט איבערטראָגן.

— זע נאָר אַ פּאָר ידים! — זאָגט זי און דערלאַנגט מיר אַ פּאַטש איבער די הענט, איך זאָל זיי אַראָפּלאָזן אַראָפּ, מע זאָל זיי ניט אַרויסזען.
— באַם פּעטער הערש באַם טיש, אַז דו וועסט מיר זיצן, זאָלסטו מיר די ידים האַלטן פון אונטן, דו הערסט וואָס איך זאָג דיר? און דאָס פּנים דײַנס זאָל מיר ניט זײַן אַזוי רויט, ווי, להבדיל, באַ יאַוודאָכע דער שיקסע,

און מיט די עינים זאָלסטו מיר נישט גלאָצן, ווי אַ קאָטער, דו הערסט וואָס מע רעדט צו דיר? און זיצן זאָלסטו מיר, ווי אַ מענטש, און דער עיקרשט — די נאָז, אוי אַ נאָניע! גיב נאָר אהער די נאָניע דײַנע, לאָם איך זי דיר נאָר צורעכט מאַכן!

כל זמן די נאָז איז אַ נאָז, איז נאָך צו דערלײַדן, נאָר אַז די נאָז מײַנע ווערט בײַ דער מאַמע אַ „נאָניע" און זי נעמט זיך צו איר זי „צורעכט מאַכן" — איז שוין אַז אָך און אַז ווײ צו איר, צו מײַן נאָז הייסט עס. איך ווייס נישט, וואָס האָט מײַן נאָז בײַ איר אַזוי פאַרזינדיקט מער פון אַלע אברים, וואָס זי איז איר אַזאַ בלוטיקער שונא? דאַכט זיך, אַ נאָז, ווי אַלע נעזער, אַ ביסל אַ גראָבלעכע, אַ ביסל אַ רויטלעכע און אַ ביסל פאַררים אַרויף, און אַ ביסל האָט זי ליב זײַן פאַרנעצט. נו, איז וואָס? באַדאַרף מען זי אַזוי טרײַבן אין דער ערד אַרײַן? איר מעגט מיר גלייבן, עס זײַנען געווען צײַטן, וואָס איך פלעג בעטן גאָט, ר'זאָל זי בײַ מיר צונעמען, זי זאָל מיר נאָר עפּעס אָפּפאַלן, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, און אַ סוף! עס פלעגט זיך מיר פאָרשטעלן אין דער פאַנטאַזיע, אַז אָט שטיי איך אויף אין אַ שיינעם פרימאָרגן אָן אַ נאָז און גיי־צו צו דער מאַמע נאָך איבערבײַסן, טוט זי מיך אַ כאַפּ: „ווײ איז מיר! וווּ איז דײַן נאָז?" זאָג איך: „וואָסער נאָז?" און איך טאַפּ מיך מיט דער האַנט איבערן גאַנצן פּנים און קוק אַף דער מאַמע, ווי זי איז אַזים מענטש, און האָב אַ נקמה: „אַ מצווה! לאָז זי זען, וואָס פאַר אַ פּנים איר זון האָט אָן אַ נאָז!"... קינדערשע מחשבות! נאַרישע פאַנטאַזיעס! גאָט הערט נישט מײַן געבעט; די נאָז וואַקסט, די מאַמע מאַכט זי אַלע מאָל צורעכט, און איך ווער פאַרשוואַרצט מיט איר אינאיינעם. און מער פון אַלע מאָל קומט זי נעבעך אָפּ, די נאָז מײַנע, אַז עס קומט אונטער אַ יום־טוב, למשל, אַ מין פּורים. און מיר קלייבן זיך צום פעטער הערץ צו דער סעודה.

ב.

דער פעטער הערץ איז נישט נאָר דער גביר אין דער משפּחה — ער איז דער ראש וראשון בײַ אונדז אין שטעטל, און אין אַלע שטעטלעך

אָרום און אַרום איז הערץ און הערץ און הערץ. איך קאָנט פּאַרשטײן, אַז ער האָט פערד אַ פּאָר ברענענדיקע מיט אַ טאַראַנטאַס אָן אײגענעם, וואָס אַז ער פאָרט, טראַסקען די רעדער אַזוי שטאַרק, אַז דאָס גאַנצע שטעטל לויפט־אַרויס זען, ווי דער פעטער הערץ פאָרט; און דער פעטער הערץ זיצט גאַנץ אויבן־אָן אין טאַראַנטאַס מיט דער שײנער מעשענער קײַלעכיקער באָרד און מיט די בײזע גרויע אויגן, און שאָקלט זיך הין און הער, און קוקט אַף אַלעמען דורך די זילבערנע ברילן פון אויבן אַראָפּ, ווי אײנער רעדט: „ווי קומט איר, פּאַרכעס, צו מיר? איך בין הערץ דער נגיד און פאָר מיר אין קאַרעטע, און איר זײַט כתריליקעס, האָלעדראַנצעס, קבצנים, און טיאָפּקעט זיך אין דער בלאָטע!"

איך ווײס נישט, ווי אַזוי דער איבעריקער עולם, נאָר איך האָב דעם פעטער הערץ אַזוי פײַנט, אַז איך קאָן נישט אָנקוקן דאָס רויטע פּנים זײַנס מיט די פעטע באַקן, מיט דער מעשענער באָרד, מיט די זילבערנע ברילן, מיטן גראָבן בויך, מיט דער מאַסיווער גאָלדענער קײט, וואָס ער טראָגט אַפן בויך, און מיטן קײַלעכיקן זײַדענעם יאַרמעלקעלע. וואָס ער טראָגט אַפן קאָפּ, און ועל כולם — דאָס הוסטעלע זײַנס: ער האָט זײַן אײגענעם אַ הוסטל, וואָס גײט בײַ אים מיט אַ קנײטש מיט די פּלײצעס און מיט אַ מאַך מיטן קאָפּ אַרויף און מיט אַ פּאַרשק מיט די ליפּן, ווי אײנער רעדט: „דרך־ארץ! דאָס האָב איך, הערץ, געגעבן אַ הוסטל. נישט מחמת, חס ושלום, איך האָב מיך צוגעקילט, נאָר גלאַט אַזוי, איך וויל מיר הוסטן — הוסט איך"...

איך קאָן נישט פאַרשטײן אונדזער געזינדל: וואָס כאַפּט זײ אַזוי דער גוטער יאָר, אַז עס קומט פּורים און מע קלײַבט זיך צום פעטער הערץ צו דער סעודה? עס דאַכט זיך מיר, אַז זײ האָבן אים אַלע ליב, אַזוי ווי אויגנווײטיק, און די מאַמע אַלײן, וואָס זי איז אים אַן אײגענע שוועסטער, גײט אויך נישט אויס אַזוי שטאַרק נאָך אים, וואָרעם אַז די עלטערע קינדער זײַנען נישטאָ אין דער הײם (פאַר מיר שעמט זי זיך ווינציק־וואָס, אַפּנים), בענטשט זי דעם פעטער הערץ מיט מאָדנע ברכות; זי ווינטשט אים: „ער זאָל איבערגײן איבעראײאָר, אם ירצה השם, אַף איר שטאַנד"... און לאָז אָבער אָן אַנדערער פּרוּוון זאָגן אַפן פעטער הערץ אַ שלעכט וואָרט, וועט זי יענעם אַרויסרײַסן די אויגן. איך בין

איינמאָל געווען אַן עדות, ווי דער טאַטע האָט זיך אַמאָל אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט. איך מיינט, ער האָט עפּעס, חס ושלום, אים פּוגע בכבוד געווען? ער האָט נאָר אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמע: „וואָס הערט זיך? דײַן העריץ איז שוין געקומען, צי נאָך נישט?” האָט זי אים אָפּגעשפּילט אַ דאָבראַנאָץ, דעם טאַטן נעבעך, אַז ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען.

— וואָס איז עפּעס „מײַן” העריץ? וואָס פאַר אַ לשון? וואָס פאַר אַן אויסשפּראַך? וואָס פאַר אַ „מײַנער”, וואָס?

— דײַנער, ווּעמעס דען איז ער? מײַנער? — פּרוּווט זיך דער טאַטע מיט מלחמה, נאָר עס גילט אים נישט, וואָרעם די מאַמע פּאַלט־אָן אַף אים פון אַלע זײַטן:

— נו, און אַז מײַנער, איז וואָס? נו, מײַנער! לווינט דיר אפשר נישט? שטייט דיר אפשר נישט אָן דער יחוס? האָסט מסתמא דערלייגט צו אים דעם טאַטנס ירושה, איאָ? האָסט דאָך מסתמא פון אים קיינמאָל קיין טובה נישט געהאַט, איאָ?

— ווער זאָגט דען, אַז ניין? — פּרוּווט זיך דער טאַטע שוין מיט גוטן, ווײַל זיך אונטערגעבן, נאָר עס גייט נישט; די מאַמע הערט נישט אויף צו טרעטן אַף אים.

— דו האָסט דאָך מסתמא בעסערע ברידער, ווי איך, איאָ? שענע־רע, בעסערע, פײַנערע, לײַטישערע, רײַכערע, איאָ?

— אָבער שאַ! אָבער לאָז זײַן איין עק! אָבער לאָז מיך צו־רו! — זאָגט דער טאַטע, רוקט אָן דאָס היטל און מאַכט אַ ויברח. דער טאַטע האָט פאַרשפּילט די מילחמה, און מנצח געווען האָט די מאַמע, אַזוי ווי אַלע מאָל. זי איז תמיד מנצח. זי פירט־אויס אַלע מאָל, נישט מחמת זי גייט באַם טאַטן אין ספּאָדיק, נאָר טאַקע ווידער אַ מאָל דער פעטער העריץ: דערפאַר, ווײַל דער פעטער העריץ איז אַ נגיד און מיר זײַנען זײַנע אָרעמע קרובים, זײַן „משפּחה”.

ג.

וואָס קער זיך אָן מיט אונדז דער פעטער העריץ? צי לעבן מיר פון אים? אָדער מיר האָבן גלאַט פון אים גרויסע טובות? דאָס קאָן איך אײַך

נישט זאָגן, וואָרעם איך ווייס נישט. איך זע נאָר, אַז אַלע באַ אונדז אין שטוב, פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן, ציטערן פאַרן פעטער הערץ אימת־מות. און אָט איז געקומען פורים, און מיט צוויי וואָכן פריִער הייבט מען זיך שוין אָן גרייטן צום פעטער הערץ צו דער סעודה. מײַן עלטערער ברודער, משה־אברהם, א בחורל מיט בלאַסע אײַנגעפאַלענע באַקן און מיט שוואַרצע פאַרטראַכטע אויגן, גלעט זיך די פאות אַלע מאָל, ווען מע דערמאָנט אים „באַם פעטער הערץ צו דער סעודה”. און ווער שמועסט מײַנע צוויי שוועסטער, מרים־רייזל און חנה־רחל, וואָס איינע פון זיי איז שוין א כלה, — די האָבן זיך געלאָזט נייען קליידלעך נאָך דעם לעצטן פאַסאָן צוליב דער סעודה, וואָס באַם פעטער הערץ, און האָבן זיך געקויפט שיינע קעמעלעך מיט סטיינגעלעך צו די האָר, און האָבן געוואָלט אויך די שיך מע זאָל זיי געבן פאַרריכטן, האָט די מאַמע אָפּגעלייגט שוין אַף פסח, כאָטש עס האָט זי גוט געקרענקט, וואָס זיי גייען נעבעך באָרוועס. און איבערהויפּט פון מרים־רייזלען האָט זי געהאַט יסורים, דער חתן זאָל חלילה נישט דערזען, אַז זי טראָגט צעריסענע שיך. זי האָט אַזוי אויך געגנוג צרות פון דעם חתן, וואָס לאַ די ער איז א גראָבער יונג, כלומרשט א שטיקל בוכהאַלטער, דאָס הייסט, מחילה, א קאָמי אין א געוועלב, פּערעבענדעוועט ער נאָך און וואָלט א בעלן געווען, אַז די כלה זײַנע, מײַן שוועסטער הייסט עס, זאָל גיין אויסגעפּוצט נאָכן לעצטן פאַסאָן, ווי א פּרינצעסן. אַלע שבת באַטאָג קומט צו אונדז דער דאָזיקער קאָמי צו גאַסט, זעצט זיך אַוועק מיט מײַנעביידע שוועסטער באַם פענצטער, און מע רעדט, צום מיינסטן, פון שיינע קליידער, נײַע קאָסטיומען, לאַקירטע שטיוול מיט קאַלאָשן, מאָדנע היטעלעך מיט פעדערן, זאַנטיקלעך מיט שפּיצלעך, און אויך פון ציכלעך רעדט מען פון געשטיקטע, מיט רויטע אײַנשיטלעך און מיט א ווײַס לײַלעכל איבערגע־צויגן און פון אויבן א קאָלדרע א גוטע, א וואַרעמע, אַן אמתע, א בײַענע, און ס׳איז ווינטער, און אַז מע לייגט זיך שלאָפן, איז מחיה. און איך זע, ווי מײַן שוועסטער, מרים־רייזל, ווערט מיט א מאָל רויט, ווי א צוויק... מרים־רייזל האָט א טבע: באַלד עפּעס, טוט איר א זעץ דאָס בלוט אין פּנים אַרײַן. און טאַמער טוט ער א קוק איר אַף די פיס, באַהאַלט זי זיי

אונטערן בענקל, האָט מורא, אפּנים, ער זאָל חלילה ניט דערזען די אויסגעטראָטענע אָפּצאָסן און די אויסגעריבענע פינגער.

ד.

— ביסט שוין גרייט צו דער סעודה? — פרעגט די מאַמע באָם טאַטן אַפן אַנדערן טאָג נאָך דער מגילה.

— וואָס איז שייך גרייט? — ענטפערט איר דער טאַטע און טוט־אָן די שבתדיקע בעקעשע. — ווו זיינען די קינדער?

— די קינדער זיינען שוין באַלד גרייט. — ענטפערט די מאַמע, כאָטש זי ווייס גאַנץ גוט, אַז די קינדער, דאָס הייסט מיינע שוועסטער, זיינען נאָך ווייט פון גרייט. זיי צוואָגן זיך ערשט די קעפּ, שמירן זיך די האָר מיט מאַנדל־אייל, פאַרקענען זיך איינס דאָס אַנדערע, פּוצן זיך אויס און טוען־אָן די נייע קליידלעך, באַשמירן די שיך מיט פלאָסטערן־שמאַלץ, זיי זאָלן גלאַנצן, אויסזען ווי נייע, נאָר וואָס קומט אַרויס פון זייער גלאַנצן, אַז די אָפּצאָסן, אוי די אָפּצאָסן, האָבן זיך אָפּגעזעצט, און פון פאָרנט כמעט וואָס מע זעט־אַרויס די פינגער... וואָס טוט מען, דער חתן זאָל דאָס, חלילה, נישט דערזען? און, אַף צו־להכעיס, טראָגט אים אָן דער רוח, דעם קאַמי, אין אַ פרישן אַנצוג מיט אַ שטאַרק־אָנגעקראָכמאָלטן קאָלנער און מיט אַ גרינעם מאָדן־שניפּס, און פון די שטאַרק־אָנגעקראָכמאָלטע ווייסע מאַנשעטן קוקן־אַרויס צוויי געזונטע רויטע הענט מיט שוואַרצע נעגל, און די פריש־אונטערגעשאָרענע האָר באַ אים שטייען קאַפּויר, און אַ ווייס שטאַרק־אָנגעקראָכמאַלט נאָזטיכל שלעפּט ער אַרויס פון קעשענע, און עס שמעקט פון דעם אַ שטאַרקער ריח פון בשמים. נעגעלעך און געווירצן, וואָס פאַרגייט אין נאָז אַריין, און איך הייב־אָן צו ניסן, און פונעם ניסן פּלאַצט מיין קאַפּאָטקעלע און עס שפּרינגען־אָפּ פון דעם צוויי קנעפּלעך. דערזעט די מאַמע און גיט מיר אַ וויסטן פּעטשאַטעק.

— אַ יונגאַטש זאָל ניט קאָנען איינהאַלטן אַף זיך קיין קנעפּל. צעשפּרונגען זאָלסטו ניט ווערן! — אַזוי זאָגט די מאַמע, כאַפּט אַ נאָדל־פאָדעם, נייט מיר צו די אָפּגעשפּרונגענע קנעפּלעך, און אַז אַלע ווערן פאַרטיק, לאָזן מיר זיך גיין צום פעטער הערץ צו דער סעודה.

פריִער פאַר אַלע, אויפגעהויבן די פּאָלעס, גייט דער טאַטע; נאָך אים, אין אַ פּאָר מאַנצבילשע שטיוול, — די מאַמע, מחמת די בלאָטע איז זייער גרויס; נאָך איר — ביידע שוועסטער מיט זאָנטיקלעך אין די הענט (טאָמער ווייסט איר, אַף וואָס דאַרף מען פּורים זאָנטיקלעך?); נאָר זיי שפּרייַזט מייַן עלטערער ברודער משה־אַברהם איבער דער בלאָטע, האַלט מיך פאַר אַ האַנט און זוכט אַ טרוקן שטיקל אָרט, אַ סטעזשקע, און טרעפט אַקוראַט אין דער רעכטער בלאָטע אַרייַן און טוט זיך אַלע מאָל אַ כאַפּ, ווי אַן אָפּגעבריטער: „איף־אַ!" בא דער זייַט גייט אונדזער חתן, דער קאָמי, אין אַ פּאָר נייַע טיפע קאַלאָשן, דער איינציקער, וואָס טראָגט קאַלאָשן, און שרייַט־אויס אַלע מינוט הויך אַף אַ קול, אַלע זאָלן הערן: „איך זאָל כאָטש נישט אָננעמען קיין בלאָטע אין די קאַלאָשן!"... און אָט אַזוי קומען מיר צום פעטער הערץ צו דער סעודה.

ה.

כאָטש עס איז נאָך אַ גרויסער טאָג, דאָך ברענען שוין באַם פעטער הערץ אין שטוב ליכט אַ סך מיט לאָמפּן אַף די טישן און מיט אַ העסעס אַף די ווענט. דער טיש איז געגרייט; אַ מוראַדיקער פּורים־קוילישט, ווי אַ שור־הבר די גרויס, פאַרנעמט אַ שטיק טיש, און אַרום און אַרום טיש שטייט די גאַנצע משפּחה אונדזערע, אַלע פעטערס מיט אַלע מומעס מיט אַלע אונדזערע געשוועסטערקינדערלעך — אַלע, ברוך השם, אָרעמעלייַט, ווער מער און ווער ווינציקער, און מע רעדט צווישן זיך שטילערהייט און מע וואַרט, ווי אַף אַ ברית, בשעת קוואַטער באַדאַרף אַרייַנטראָגן דאָס קינד. דעם פעטער הערץ זעט מען ניט, און די מומע הערצעליכע, אַ ייִדענע מיט ווייַסע פּערל און מיט שוואַרצע ליפּן און מיט אַרייַנגעשטעלטע ציין, דרייט זיך אַרום פאַרטאַראַמט אַרום טיש, שטעלט־אויס די טעלער, ציילט אונדז אויס איטלעכן באַזונדער מיט דער לינקער האַנט, האָט גאָר קיין מורא נישט פאַר קיין עין־הרע... און אָט עפנט זיך די טיר און עס באַווייַזט זיך דער פעטער הערץ אַליין, אָנגעטאָן יום־טובדיק, אין אַ זייַדענער גלאַנצנדיקער בעקעשע מיט שטאַרקברייטע אַרבל און מיט אַ שטרייַמל אַפן קאָפּ, וואָס ער טוט דאָס אָן נאָר פּורים צו דער סעודה און פּסח צום סדר, און די גאַנצע משפּחה טוט

זיך צו אים א בייג, די מאַנצבילן שמייכלען עפּעס זייער מאָדנע, רייַבן א האַנט אָן א האַנט, די ווייַבער גיבן אים אָפּ גוט יום־טוב, און מיר, יונגוואַרג, בלייַבן שטיין, ווי די גולמס, ניט צו וויסן, וואָס מע טוט מיט די הענט... דער פעטער הערץ באַטראַכט אונדז אַלעמען, די גאַנצע משפּחה, מיט א ברייטן קוק, פון אויבן אַראָפּ, מיט זייַנע בייזע גרויע אויגן, דורך די זילבערנע ברילן, טוט בשעת מעשה א הוסטל און א מאַך צו אונדז מיט דער האַנט:

— נו, פאַר וואָס זיצט איר ניט? זעצט זיך אַוועק, אָט שטייען בענקלעך.

די גאַנצע משפּחה זעצט זיך אַוועק, איטלעכער אַף אַן עק בענקל. האָט מורא זיך צורירן צום טיש, עס זאָל חלילה נישט זייַן קיין שאָדן, און א מוראדיק שטילשווייַגן הערשט אין זאַל. מע הערט די ליכט, ווי זיי ברענען, עס שעמערירט אין די אויגן און אָפּן הארצן איז קאַלע־מוטנע. מען איז אי הונגעריק, אי עס ווילט זיך נישט עסן; עס האָט אָפּ־געגומען מיט א מאָל דעם אַפּעטיט, ווי מיט די הענט.

— וואָס שווייַגט איר? זאָגט עפּעס, דערציילט עפּעס! — מאַכט דער פעטער הערץ און טוט א הוסטעלע מיט א קנייטש מיט די פּלייצעס און מיט א מאַך מיטן קאָפּ אַרויף און מיט א פּאַרשק מיט די ליפּן.

די משפּחה שווייַגט. קיינער וואַגט נישט צו זאָגן א וואָרט באַם פּע־טער הערץ באַם טיש. מאָדנע נאַריש שמייכלען די מאַנצבילן, ווילן עפּעס זאָגן און ווייסן נישט וואָס; משונה־ווילד קוקן זיך דורך די ווייַבער, ריידן מיט די אויגן; און מיר, יונגוואַרג, ברענען, ווי אַף פּאָקן. מייַנע בײדע שוועסטער קוקן זיך אָן איינס דאָס אַנדערע, גלייַך ווי זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געזען. מייַן ברודער משה־אַברהם קוקט אַף דער וועלט מיט א בלאַס איבערגעשראָקן פּנים. קיינער, קיינער וואַגט נישט צו זאָגן א וואָרט באַם פעטער הערץ באַם טיש. נאָר איינער פילט זיך דאָ גוט, ווי אומעטום און ווי אַלע מאָל; דאָס איז מייַן מרים־רייזלס חתן, דער קאָמי. ער ציט אַרוים די גרויסע אָנגעקראָכמאָלטע און שטאַרק־שמעקע־דיקע פּעטשיילע פון דער הינטערשטער קעשענע, שנייַצט־אוים די נאָז גאַנץ ברייטלעך, ווי באַ זיך אין דער היים, און רופט זיך אָן:

— פורים זאָל זײַן אַזאַ בלאָטע! איך האָב געמיינט, איך נעם־אָן פּולע קאַלאָשן...

— ווער איז דער יונגערמאַן, האַ? — טוט אַ פרעג דער פעטער הערץ, הייבט־אויף די זילבערנע בריל און טוט אַ הוסטל, אַ קנייטש מיט די פּלייצעס און אַ מאַך מיטן קאָפּ ארויף און אַ פּאָרשק מיט די ליפּן.

ס'איז מײַן... מײַן חתן... מײַן מרים־רייזלס חתן. — מאַכט דער טאַטע מיט אַ שטיקל קול, ווי אַ מענטש, וואָס איז זיך מודה, אַז דאָס האָט ער געהרגעט אַ מענטשן, און מיר אַלע בלײַבן זיצן, ווי געליימט, און מרים־רייזל — וויי, וויי! — מרים־רייזל ברענט, ווי אַ שטרויענער דאַך!

דער פעטער הערץ באַטראַכט די גאַנצע משפחה מיט אַ ברייטן קוק פון זײַנע בייזע גרויע אויגן, שענקט אונדז נאָך אַ הוסטל און אַ קנייטש מיט די פּלייצעס און אַ מאַך מיטן קאָפּ ארויף און אַ פּאָרשק מיט די ליפּן, און טוט אַ זאָג צו אונדז:

— נו? פאַר וואָס גייט איר זיך נישט וואַשן? גייט וואַשט זיך, אָט שטייט וואַסער.

ו.

געוואַשן זיך און אָפּגעזאָגט דעם „שאו־ידיכם“, זעצן מיר זיך אויס. די גאַנצע משפחה, אַרום טיש, און וואַרטן, ביז דער פעטער הערץ וועט מאַכן „המוציא“, וועט אויפשנײַדן דעם מוראדיקן פּורים־קוילעטש, וואָס איז גרויס ווי אַ שור־הבר, און דערווײַלע זיצן מיר אָן לשון, ווי די שטומע, וואָלטן וועלן שוין טאַקע עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, נאָר דער פעטער הערץ, ווי אַף צו־להכעיס, מאַכט לאַנגע שהיות, ווי אַ גוטער ייִד, ווי אַ רבי. קוים־קוים דערלעבט זען דעם שור־הבר אַ גע־קוילעטן, און איידער מיר שלינגען־אַראָפּ דעם ערשטן ביסן, טוט שוין דער פעטער הערץ אַ קוק מיט די בייזע גרויע אויגן אַף דער גאַנצער משפחה מיט אַ הוסטל און מיט אַ קנייטש מיט די פּלייצעס און מיט אַ מאַך מיטן קאָפּ אַרויף און מיט אַ פּאָרשק מיט די ליפּן און אַ זאָג:

— נו, פאַר וואָס זינגט איר עפּעס נישט? זינגט עפּעס אַ ניגון צו דער סעודה, ס'איז דאָך הײַנט עפּעס פּורים אױף דער וועלט!

די גאַנצע משפּחה קוקט זיך איבער מיט די אויגן, שושקען זיך עפּעס, ריידן שטילערהייט, הייסן איינער דעם אַנדערן זינגען, דינגען זיך: „זינג עפּעס". „זינג דו". „וואָס עפּעס איך? פאַר וואָס נישט דו?" אַזוי לאַנג, ביז עס כאַפּט זיך נישט אַרויס מיט אַ ניגון איינער פון אונד־זער משפּחה, אַברהמל דעם פעטער איציקס, אַ יונגערמאַן, וואָס סע וואַקסט אים נישט קיין באָרד און ער פינטלט מיט די אויגן און האָט אַ קוויטשיק קול און מיינט, אַז ער קאָן זינגען.

וואָס פאַר אַ מין ניגון אַברהמל דעם פעטער איצעס האָט געוואָלט אויסזינגען — ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז ער האָט זיך געגעבן אַ נעם באַם גאָרגל און אַ שטעל־אָוועק אַ פאַלשן טאָן און — אַ קוויטשע־אויס אױף אַ פאַרדומפּענער צו־הויכער שטימע אַ משונה־ווילדע טרויעריקע זאַך, און געמאַכט האָט ער דערבײַ אַזאַ מאָדנע טרויעריק־לאַכנדיק פּנים, אַז מע האָט באַדאַרפט זײַן אַ גאָט אָדער אַ מלאך, מע זאָל זיך אײַנהאַלטן און נישט צעגיין פון געלעכטער, ובפרט אַז קעגן מיר איז געזעסן יונגוואַרג און געקוקט מיט אַזעלכע אויגן, אַז מע האָט באַדאַרפט זײַן שטאַרקער פון אײַזן און נישט געבן אַ שאָס־אויס קיין געלעכטער.

דער ערשטער שאָס איז געווען פון מיר, און דעם ערשטן פּאַטש פון דער מאַמע האָב געכאַפּט איך. דער פּאַטש האָט מיך אָבער נישט אָפּגעקילט; אדרבה, ער האָט אַרויסגערופן באַ דער גאַנצער חברה יונג־וואַרג, און אויך באַ מיר, אַ פרישן געלעכטער, און דער פרישער געלעכ־טער האָט אַרויסגערופן אַ פרישן פּאַטש, און נאָכן פּאַטש — ווידער אַ געלעכטער, און נאָכן געלעכטער — ווידער אַ פּאַטש, אַזוי לאַנג, ביז מע האָט מיך אַרויסגעפירט פון זאַל אין קיך אַרײַן, פון קיך אין דרויסן אַרויס, פון דרויסן האָט מען מיך געבראַכט אַהיים אַ צעהרגעטן, אַ צעשלאָגענעם, אַ באַגאָסענעם מיט טרערן, מיט בלוטיקע טרערן — און איך האָב מיר יענעם אָוונט פאַרשאָלטן דאָס געביין, געשאָלטן דעם פּורים, געשאָלטן די סעודה, געשאָלטן אַברהמל דעם פעטער איצעס, און מער פון אַלע דעם פעטער הערץ — זאָל ער מיר מוחל זײַן, ער איז

שוין לאנג אױף דער אמתער וועלט. אױף זײַן קבר שטייט א מצבה, די שענסטע מצבה בײַ אונדז אױפן בית־עולם, און אױף דער מצבה שטייען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות אַלע זײַנע מעלות, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין זײַן לעבן:

„פּה נקבר — דאָ ליגט א מאַן אַן ערלעכער, א גוטער, א הארצי־קער, א ליבלעכער, א ברייטע האַנט, א גרויסער בעל־צדקה, א צוגעלאָ־זענער, א געטרײַער, א פריינטלעכער, און נאָך, און נאָך. תנצב"ה.

געשריבן אין יאָר 1906.

דער אורח

א.

— איך האָב פון אייערטוועגן, רב יונה, אַן אורח אויף פסח, האָט איר נאָך אַזאַ אורח נישט געהאַט זינט איר זייט אַ בעל־הבית.

— דהיינו?

דהיינו, אַן אתרוג, נישט קיין אורח.

— דהיינו, וואָס הייסט אַן אתרוג?

— דהיינו, אַן אתרוג הייסט — אַ ייִד פון סאַמע זייִד, און אַ שיי־נער ייִד אַ פּאַרשוין. איין חסרון נאָר, וואָס ער פאַרשטייט נישט אונד־זער לשון.

— וואָסער דען לשון פאַרשטייט ער?

— לשון־קודש.

—פון ירושלים?

— פון וואַנען ער איז — ווייס איך נישט, נאָר אַז ער רעדט, רעדט ער מיט סאַמע פּתחן.

אָט אַזאַ געשפּרעך איז פאָרגעקומען צווישן טאַטן מיט עזריאל דעם שמש אַ פּאָר טעג פאַר פסח, און איך בין זייער נייגעריק געווען אָנצו־קוקן דעם דאָזיקן „אתרוג", וואָס פאַרשטייט נישט אונדזער לשון און רעדט מיט סאַמע פּתחן. שוין אין שול האָב איך באַמערקט עפּעס אַ מאָדנעם נפש מיט אַ שטריימל און מיט אַ טערקישן כאַלאַט פון געלע, בלויע און רויטע פּאַסן. אַרום דעם דאָזיקן פּאַרשוין האָבן מיר, יונג־וואַרג, אַרומגעשטעלט זיך פון אַלע זייטן און גענומען אים באַטראַכטן, און האָבן געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק פון עזריאל דעם שמש: קינדער זאָלן

נישט האָבן קיין טבע קריכן אַ פּרעמדן מענטשן אין פּנים אַרײַן. נאָכן דאַווענען האָט דער גאַנצער עולם אָפּגעשטעקט דעם פּאַרשוין שלום און געזאָגט אים אַ גוט יום־טוב, און דער פּאַרשוין האָט אַלעמען אָפּגע־ענטפֿערט מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די רויטע בעקלעך, פֿאַרברעמט מיט אַ גרוי בערדל: „שאַלאָם! שאַלאָם!" דער „שאַלאָם־שאַלאָם" האָט אַרויס־גערופֿן באַ אונדז, קליינוואַרג, זייער אַ גרויס געלעכטער. און דאָס האָט עזריאל דעם שמש שטאַרק פֿאַרדראָסן; האָט ער זיך געלאָזט צו חברה מיט אַ פּאַרטיקער האַנט אויף צו געבן פּעטש. חברה האָט זיך פֿון עזריאלס האַנט אויסגעגליטשט, ווידער פֿאַרגנבֿעט זיך צום פּאַרשוין, הערן ווי ער זאָגט „שאַלאָם־שאַלאָם", אויסגעשאָסן אַ געלעכטער און ווידער זיך אויסגעגליטשט פֿון עזריאלס האַנט... מיט גרויס גדלות לאָז איך מיך גיין נאָכן טאַטן מיטן דאָזיקן פּאַרשוין צו אונדז אויף יום־טובֿ און פֿיל, אַז אַלע חברים זײַנען מיר מקנא אויף דעם אורח. זיי קוקן אונדז נאָך אַלע פֿון דער ווייטן, און איך דריי־אויס צו זיי דעם קאָפּ און שטעל זיי אַרויס אַ צונג. אַ גאַנצן וועג שווייגן מיר אַלע דרײַ, און אַרײַנגעקומען אין שטוב אַרײַן, זאָגט דער טאַטע צו דער מאַמע: „אַ גוט יום־טובֿ"! און דער אורח טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און דאָס שטרײַמל טוט זיך אַ טרייסל: „שאַלאָם! שאַלאָם!" איך דערמאָן מיך אָן מײַנע חברים און באַהאַלט דאָס פּנים אונטערן טיש, איך זאָל נישט אויסשיסן קיין געלעכטער. איך כאַפּ אַ קוק אַלע מאָל אָפּן אורח, און ער געפֿעלט מיר: עס געפֿעלט מיר זײַן טערקישער כאַלאַט, וואָס מיט די געלע, בלויע און רויטע פּאַסן; עס געפֿעלן מיר די רויטע פֿריש־בלוטיקע בעקלעך זײַנע, וואָס זײַנען אַרומגעברעמט מיט אַ שיין קײַלעכיק גרוי בערדל; עס געפֿעלן מיר זײַנע שוואַרצע שיינע אויגן, וואָס קוקן־אַרויס שמייכלענדיק פֿון אונטער די געדיכטע גרויע ברעמען. אויך דעם טאַטן, זע איך, איז ער געפֿעלן. ד'ער טאַטע איז זיך מיט אים משמח, און די מאַמע קוקט אויף אים, ווי אויף אַ געטלעכן מענטשן, און קיינער רעדט נישט מיט אים אַ וואָרט. דער טאַטע אַליין מיט זײַן כּבֿוד בעט אים אויס דאָס הסבֿ־בעט. די מאַמע איז פֿאַרטאַרעראַמט מיטן גרייטן צום סדר, און ריקל די מויד העלפֿט איר אונטער. ערשט אַז עס קומט צום קידוש מאַכן, שמועסט זיך דורך דער טאַטע מיטן אורח אויף לשון־קודש, און איך בין מלא גדולה, וואָס איך

פאַרשטיי כמעט איטלעכס וואָרט. איך גיב דאָ איבער זייער לשון־קודשן שמועס מלה במלה:

דער טאַטע: נו? (אַף אונדזער לשון זאָל דאָס הייסן: מאַכט, זײַט מוחל, קידוש!).

דער אורח: נו־נו! (אַף אונדזער לשון זאָל דאָס הייסן: מאַכט, מאַכט!).

דער טאַטע: נו־אָ? (פאַרוואָס ניט איר?).

דער אורח: אָ־נו? (איר פאַר וואָס נישט?).

דער טאַטע: אי־אָ! (פריִער איר!).

דער אורח: אָ־אי! (איר פריִער!).

דער טאַטע: ע־אָ־אי! (איך בעט אײַך, מאַכט איר!).

דער אורח: אי־אָ־ע! (מאַכט איר, איך בעט אײַך!).

דער טאַטע: אי־אָ־נו? (וואָס ווערט אײַך אַרן, אַז איר וועט מאַכן פריִער?).

דער אורח: אי־אָ־ע־נו־נו! (אַז איר ווילט דווקא איך, לאָז זײַן איך!).

און דער אורח נעמט דעם כוס פונעם טאַטנס הענט און לייגט־אוועק אַ קידוש, נאָר אַזאַ קידוש, וואָס מיר האָבן אַזעלכס נישט געהערט און וועלן שוין נישט הערן קיינמאָל. ערשטנס, די עברי, וואָס מיט סאַמע פּתחן: „ברשוט מאַראַנאַן ראַבאַנאַן וראַבאַטאַי"... און צווייטנס — דאָס קול, וואָס גייט בײַ אים נישט פונעם האַלדז, נאָר ווי פונעם טערקישן כאַלאַט, וואָס מיט געלע, בלויע און רויטע פּאַסן. איך האָב מיך דער־מאָנט אָן מײַנע חברים, וואָס פאַר אַ געלעכטער דאָ וואָלט אויסגעבראָכן און וואָס פאַר אַ פּעטש דאָ וואָלטן געפלויגן, ווען זיי זאָלן, אַשטייגער, זײַן בײַ דעם קידוש! נאָר אַזוי ווי איך בין דאָ אַליין, האַלט איך מיך אײַן און פרעג דעם טאַטן די פיר קשיות, און מיר זאָגן די הגדה אַלע אינאיינעם, און איך בין שטאָלץ, וואָס דער דאָזיקער פאַרשוין איז אונדזער אורח, נישט קיינעמס.

ב.

דער תנא, וואָס האָט געזאָגט: „אין משיחין בסעודה" — מע זאָל נישט ריידן, הייסט עס, באַם עסן, זאָל ער מיר מוחל זײַן, האָט נישט געקענט דאָס ייִדישע לעבן. איך בעט אײַך, ווען האָט א ייִד, למשל, צײַט צו ריידן, אַז נישט באַם עסן? ובפרט פּסח צום סדר, וואָס ס'איז פאַראַן אַזוי פיל צו זאָגן פאַר דער סעודה און נאָך דער סעודה? ריקל די מויד האָט דערלאַנגט דאָס וואַסער, מע האָט זיך נאָר געוואַשן, גע־מאַכט המוציא, געזאָגט „על אכילת מצה", און די מאַמע האָט אויסגע־טיילט די פיש, — אַזוי האָט דער טאַטע פאַרקאַטשעט די אַרבל און האָט זיך אַרײַנגעלאָזט מיטן אורח אין א לאַנגן שמועס אַף לשון־קודש. דאָס ערשטע, וואָס דער טאַטע האָט אים געפרעגט, איז געווען די געוויינלעכע שאלה, וואָס איין ייִד פרעגט באַם אַנדערן ייִדן:

— מה שמכם?

דערויף האָט אים דער אורח געענטפערט מיט סאַמע פּתחן און אין איין אָטעם, ווי מע זאָגט די עשרת בני־המן אין דער מגילה:

— איק בכר גלש דמת הנך וסם זען חפץ טצץ.

דער טאַטע איז געבליבן זיצן מיטן ביסן אין מויל און געקוקט פאַרוווּנדערט אַפן פאַרשוין, אַפּנים, דערפאַר, וואָס ער טראָגט אַזא לאַנגן נאָמען, און איך האָב מיך פאַרהוסט און געקוקט אַראָפּ, אונטערן טיש. האָט מיר די מאַמע א זאָג געטאָן: „פאַוואָלי ווי דו עסט פיש, קאָנסט זיך ווארגן, חלילה, מיט א ביינדל". און אַפן פאַרשוין האָט זי א קוק געטאָן מיט גרויס רעשפּעקט. עס ווײַזט אויס, אַז זי איז פונעם נאָמען גאָר נתפעל געוואָרן, כאָטש זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדײַט. און אַזוי ווי דער טאַטע האָט יאָ פאַרשטאַנען, האָט ער געפוּ־נען פאַר נייטיק איר די זאַך אויפצוקלערן:

פאַרשטייסטו מיך, א י ק ב כ ר — דאָס איז אונדזער איבער־געקערטער אלף־בית, און דאָרט איז באַ זיי, אַפּנים, אַזא מנהג, אַז איט־לעכער הייסט באַ זיי על־פּי אלף־בית.

אלף־בית! אלף־בית! — כאַפּט אונטער דער פאַרשוין מיט א זיס שמייכעלע אַף די בלוט־רויטע בעקלעך, און די שיינע שוואַרצע אויגן

קוקן אױף אונדז אַלע, און אַפֿילו אױף ריקל די מויד, מיט גרויס פֿרײַנטשאַפֿט.

געוואָר געוואָרן דעם נאָמען זײַנעם, איז דער טאַטע נײַגעריק געװען צו װיסן, אויך פֿון װאַנען, פֿון װאָסער אַ לאַנד ער קומט צו פֿאָרן. דאָס האָב איך פֿאַרשטאַנען לויט די נעמען פֿון שטעט און מדינות, װאָס האָבן זיך געלאָזט הערן, און װאָס דער טאַטע האָט דאָס נאָכדעם איבערגעזעצט פֿאַר דער מאַמע, געגעבן כמעט אױף איטלעכס װאָרט אַ פּירוש, און די מאַמע איז פֿון איטלעכס װאָרט געװען נתפּעל, און אויך ריקל די מויד איז געװען נתפּעל, און ס'איז טאַקע געװען פֿון װאָס נתפּעל צו װערן: אַ קלייניקייט, אַ פֿאַרשוין קומט צו פֿאָרן אפֿשר פֿאַר צען טויזנט מײַל פֿון אַ מדינה, װאָס אײדער מע קומט־צו צו איר, מוז מען אריבערשווימען זיבן ימים מיט אַ מדבר, און װאָס צו דעם מדבר אַליין דאַרף מען גיין נישט װינציקער, װי פֿערציק טעג מיט פֿערציק נעכט, און אַז מע קומט שוין צו גאָר נאָענט, באַדאַרף מען אַרויפֿקלעטערן אױף אַזאַ הויכן באַרג, װאָס דער שפּיץ גרייכט ביז צו די װאָלקנס, און באַדעקט איז ער מיט אײַז, און װינטן שרעקלעכע בלאָזן דאָרטן, װאָס איז סכנת נפֿשות!... דערפֿאַר אָבער, אַז מע קומט־איבער בשלום דעם דאָזיקן באַרג און מע טרעט־אַרײַן אין זײַער לאַנד, זעט מען פֿאַר זיך דעם אמתן גן־עדן התחתון: בשׂמים, נעגעלעך, געװירצן, כּל המינים פּירות, עפּל און באַרן און פּאָמעראַנצן, װײַנטרויבן, טײטלען און אײל־בערטן, נים און פֿײַגן לרוב. און די הײַזער זײַנען דאָרטן געבויט פֿון סאַמע טענענהאָלץ און געדעקט מיט ריין זילבער, די כּלים זײַנען פֿון גיין־גאָלד (בשעת מעשׂה טוט דער אורח אַ קוק אױף די זילבערנע כּוסות אונדזערע מיט די זילבערנע לעפֿל, גאָפּלען און מעסערס), און בריליאַנטן, פּערלען און דימענטן װאַלגערן זיך דאָרטן אױף דער גאַס, קיינער װיל זיך נישט געבן די מי זיך אָנבייגן זיי אויפֿצוהייבן, װאָרעם זיי האָבן דאָרטן קיין שום װערט (און בשעת מעשׂה קוקט דער אורח אױף דער מאַמעס דימענטענע אוירינגלעך מיט די געלע פּערעלעך, װאָס אױף איר װייסן האַלדז).

— דו הערסט? — מאַכט דער טאַטע צו דער מאַמע מיט אַ גליקלעך פּנים.

— איך הער. — ענטפערט אים די מאמע און פרעגט א קשיה: — למאי ברענגען זיי דאס ניט צו פירן אהער, זיי וואלטן דאך דא געמאכט דערפון גאלד! אנו, טו אים אקארשט אומיסטן א פרעג, יונה.

דער טאטע פרעגט אים די דאזיקע קשיה און באקומט פון אים א תשובה, און גיט איבער דער מאמע אף אונדזער לשון:

— פארשטייסטו, ער זאגט, אז דו קומסט צו פארן אהינצו, קאנסטו דיר נעמען וויפל דו ווילסט, פולע קעשענעס, נאר פארסטו פון דארטן ארויס, מוזטו אפגעבן אלצדינג צוריק, און טאמער טרייסלט מען אויס בא דיר וואס ניט איז, ביסטו חייב מיתה.

— וואס הייסט דאס? — פרעגט די מאמע, דערשראקן.

— דאס הייסט, מע הענגט דיך אויף אף א בוים, אדער מע פאר־שטיינערט דיך מיט שטיינער.

ג.

וואס ווייטער ווערן די מעשיות פונעם דאזיקן פארשוין אלץ מער אינטערעסאנט, און אז עס האלט שוין נאך די קנידלעך און מיר נע־מען נאך צו ביסלעך וויין, פרעגט אים דער טאטע: ווע‏מען געהער דאס אלצדינג, און צי ס'איז פאראן דארטן א מלך? און באלד באקומט ער א קלארע תשובה, און גיט דאס איבער דער מאמע מיט גרויס חדוה אף אונדזער לשון:

— ער זאגט, אז געהערן געהער דאס אינגאנצן צו די דארטיקע יידן, וואס מע רופט זיי „ספרדים", און א מלך איז בא זיי פאראן, זאגט ער, אויך א ייד, זייער א פרומער ייד מיט א שטריימל, זאגט ער, און רופן רופט מען אים יוסף־בן־יוסף. ער איז א כהן־גדול, זאגט ער, בא די „ספרדים" און פארט ארויס, זאגט ער, אין א גילדענער קארעטע מיט זעקס ברענענדיקע פערד, און אז ער קומט, זאגט ער, אין שול אריין, גייען אים, זאגט ער, אקעגן די לויים מיט א געזאנג...

— בא אייך זינגען לויים אין שול? — פרעגט אים דער טאטע פארוואונדערט און באקומט באלד א תשובה און גיט דאס איבער דער מאמע אף אונדזער לשון, און דאס פנים בא אים שיינט, ווי די זון:

— וואס זאגסטו דערויף? ער דערציילט, אז בא זיי איז פאראן א בית־המקדש מיט כהנים מיט לויים מיט אן ארגל...

— נו, און א מזבח? — טוט אים דער טאטע א פרעג און בא־קומט א תשובה, און גיט דאס איבער דער מאמע אף אונדזער לשון:

— ער זאגט, ס'איז דא בא זיי א מזבח מיט קרבנות, זאגט ער, מיט גילדענע כלים, אלצדינג ווי אמאל, זאגט ער, בא אונדז אין ירושלים.

און בא די ווערטער לאזט ארויס דער טאטע א טיפן זיפץ, און אף אים קוקנדיק, זיפצט אויך די מאמע. און איך פארשטיי אים נישט, וואס דארף מען דא זיפצן? אדרבה, מע באדארף זיין שטאלץ, מע באדארף זיין פריילעך, וואס מיר האבן אזא לאנד, ווו עס געוועלטיקט א יידישער מלך און א כהן גדול און ווו עס געפינט זיך א בית־המקדש מיט כהנים, מיט לויים, מיט אן ארגל, מיט א מזבח, מיט קרבנות... און גוטע, ליב־טיקע מחשבות כאפן מיך אויף און טראגן מיך אוועק גלייך אהינצו, אין יענעם גליקלעכן יידישן לאנד, ווו די הייזער זיינען געבויט פון סאמע טענענבוימער, געדעקט מיט ריין זילבער, ווו די כלים זיינען פון גין־גאלד, און ווו בריליאנטן, פערלען, דימענטן וואלגערן זיך אף דער גאס. און עס גנבעט זיך ארײַן צו מיר א מחשבה, אז ווען איך זאל דארטן זיין, וואלט איך שוין געוווּסט וואס איך האב צו טאן; איך וואלט שוין געוווּסט, ווו צו באהאלטן; בא מיר וואלט מען שוין נישט אויס־געטרייסלט גארנישט... איך וואלט שוין געבראכט פון דארטן דער מאמע און א שיינע מתנה: אוירינגלעך בריליאנטענע און פערל עטלעכע שניר־לעך. און בשעת מעשה טו איך א קוק אף דער מאמעס דימענטענע אוי־רינגלעך מיט די געלע פערעלעך, וואס אף איר ווייסן האלדז, און איך באקום א שטארקן חשק צו זיין אינעם דאזיקן לאנד, און עס פאלט מיר איין א געדאנק, איך זאל נאך פסח זיך דורכפארן אהין מיטן דאזיקן אורח. געווייגטלעך, בסוד, אז קיינער זאל נישט ווייסן. איך וועל דעם סוד אנטפלעקן פארן אורח, אויסגיסן פאר אים מיין הארץ, אויסזאגן אים דעם גאנצן אמת, און בעטן אים, ער זאל מיך נעמען מיט זיך אהינצו כאטש אף א קליינער צייט. ער וועט דאס מיר געוויס טאן. ער איז זייער א גוטער, א צוגעלאזטער פארשוין. ער קוקט אף איטלעכן בא־זונדער, און אפילו אף ריקל די מויד, אזוי פריינטלעך, אזוי פריינטלעך!

אזוי טראַכט איך מיר און קוק אַף אונדזער אורח, און עס מאַלט זיך מיר אויס, אַז ער טרעפט מײַן מחשבה, מחמת ער קוקט אַף מיר מיט זײַנע שיינע שוואַרצע אויגן, און עס דאַכט זיך מיר, אַז ער ווינקט צו מיר און זאָגט צו מיר אַף זײַן לשון:

— שווײַג, ווײַסער־חברהניק איינער, לאָז נאָר איבערגיין דער פּסח, וועט שוין זײַן רעכט!...

ד.

אַ גאַנצע נאַכט פּלאָנטן זיך מיר חלומות: אַ מדבר, אַ בית־המקדש, אַ כהן גדול און אַ באַרג אַ הויכער, און איך קלעטער ארויף אַפן באַרג, און דאָרט וואַקסן בריליאַנטן, פּערלען, דימענטן, און מײַנע חברים קריכן ארויף אַף דיביימער און טרייסלען זיי, און עס פאַלן פון דאָרטן אַף דער ערד גוזמי גוזמאות בריליאַנטן, פּערלען, דימענטן, און איך שטיי פון הינטן און קלײַב די בריליאַנטן, פּערלען, דימענטן, און שטופּ אין די קעשענעס — און מערקווערדיק! וויפל איך שטופּ — און עס גייט נאָך! וויפל איך שטופּ — און עס גייט נאָך! לייג איך ארײַן די האַנט אין קעשענע און נעם־ארויס פון דאָרטן אָנשטאָט בריליאַנטן, פּערלען, דימענטן — נאָר פּירות אַלערליי: עפּל און באַרן, און פּאָמעראַנצן און איילבירטן, און טייטלען און נים און פײַגן... און איך האָב דערפון גרויסע אנגסטן, קאַטשע מיך פון איין זײַט אַף דער אַנדערער, און עס חלומט זיך מיר דאָס בית־המקדש, און איך הער די כהנים דוכענען און די לויים זינגען און דעם אָרגל שפּילן, און עס ווילט זיך מיר ארײַנגיין אינעווייניק אין בית־המקדש, און איך קאָן נישט — ריקל די מויד האַלט מיך צו און לאָזט מיך נישט, און איך בעט זיך בײַ איר, איך שרײַ, איך וויין, איך האָב דערפון גרויסע אנגסטן, קאַטשע מיך פון איין זײַט אַף דער אַנדערער, און כאַפּ מיך אויף און... דערזע פאַר זיך דעם טאַטן מיט דער מאַמען שטייען האַלב אָנגעטאָן, ביידע בלאַס, ווי דער טויט, דער טאַטע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, די מאַמע ברעכט די הענט און אירע שיינע אויגן שטייען טרערן. מײַן קינדעריש האַרץ דערפילט, אַז דאָ איז עפּעס געשען ניט קיין גוטע זאַך, זייער ניט קיין גוטע זאַך, — נאָר וואָס מײַן קינדעריש קעפּל האָט נישט צוגעטראַכט פאַר

אָן אומגליק — איז דאָס געווען אַ גאָרנישט קעגן דעם, וואָס ס'איז געשען.

און געשען איז אָט־וואָס: אונדזער אורח, דער פּאַרשוין פון יענער ווײַטער מדינה, פון יענעם גליקלעכן לאַנד, וואָס די הײַזער זײַנען דאָרט געבויט פון סאַמע טענענביימער און געדעקט מיט ריין זילבער אא"וו, איז נעלם געוואָרן, און אינאיינעם מיט אים איז נעלם געוואָרן בײַ אונדז אַ סך זאַכן: אַלע זילבערנע כוסות, אַלע זילבערנע לעפל, גאָפּלען און מעסערס, דאָס גאַנצע ביסל צירונג דער מאַמעס, און אויך מזומן געלט, וויפל עס האָט זיך געפונען בײַ אונדז אין קאַסטן. און אויך ריקל די מויד איז מיט אים אַנטרונען געוואָרן...

און עס נעמט מיך אָן באַם האַרצן, נישט אַף די זילבערנע כוסות מיט די זילבערנע לעפל, גאָפּלען און מעסערס, וואָס זײַנען נעלם גע־וואָרן, און נישט אַף דער מאַמעס צירונג, און נישט אָפן מזומן געלט, און נישט אַף ריקל די מויד — כאַפּט זי דער רוח! — נאָר אַף דעם גליקלעכן־גליקלעכן לאַנד, וואָס סע וואַלגערן זיך דאָרטן בריליאַנטן, פּערלען, דימענטן, און אַף דעם בית־המקדש, מיט די כהנים, מיט די לויים, מיטן אָרגל, מיטן מזבח, מיט די קרבנות און מיט די אַלע איבע־ריקע גוטע זאַכן, וואָס מע האָט בײַ מיר אַוועקגערויבט, צוגענומען, צו־גענומען, צוגענומען.

און איך קער מיך אום מיטן פּנים צום וואַנט און וויין, וויין שטילערהייט.

געשריבן אין יאָר 1906.

אליהו הנביא

א פאַנטאַסטישע געשיכטע מיט אַ רעטעניש לכבוד פסח, ספּעציעל פון קינדער וועגן.

א.

ניִשט גוט צו זיַין אַ בן־יחיד, אַ ציטעריקער באַ טאַטע־מאַמע. „פון זיבן איינער געבליבן". דאָ — ניִשט שטיי, דאָרט — ניִשט גיי. דאָס — ניִשט עס, יענץ — ניִשט טרינק. דעם קאָפּ — דעק צו. דעם האַלדז — פאַרבינד. די הענט — באַהאַלט. די נאָז — שנייַץ־אויס. אַך, ניִשט גוט, ניִשט גוט צו זיַין אַ בן־יחיד. און נאָך אַ נגידס אַ יִינגל דערצו. מיַין טאַטע איז אַ נגיד. אַ חלפן איז ער. גייט־אַרום מיט אַ טאָרבע מינץ איבער די קלייטן. ביַיט זילבער אַף מינץ און מינץ אַף זילבער. זיַינען דערפאַר באַ אים די פינגער תמיד שוואַרץ און די נעגל צעטריסקעט. האָרעוועז האָרע־וועט ער אַפילו זייער שטאַרק. אַלע טאָג אַז ער קומט אַהיים, איז ער אויס געמידט און צעבראָכן. „נישטאָ קיין פּיס — קלאָגט ער זיך פאַר דער מאַמע, — נישטאָ קיין פּיס, קיין סימן פון קיין פּיס"...

נישטאָ קיין פּיס — עס קאָן זיַין. דערפאַר האָט ער אָבער „פּרנסה בשפע". אַזוי זאָגן אַלע, און אַלע זיַינען אונדז מקנא, וואָס מיר האָבן פּרנסה, און נאָך בשפע. די מאַמע איז צופרידן. איך אויך. „אַ פּסח באַ מיר היַינטיקס יאָר — אַף אַלע ייִדישע קינדער, רבונו של עולם"...

אַזוי זאָגט די מאַמע און דאַנקט גאָט, וואָס מיר האָבן אַזאַ פּסח. איך אויך. נאָר ווי דערלעבט מען אים שוין, אָט דעם פּסח?...

ב.

קוים דערלעבט פּסח. דעם ליבן טײַערן פּסח. אויסגעקליידט האָט מען מיך — בגדי־מלכות, ווי עס פּאַסט פאַר אַ נגידס אַ יינגל. וואָס קומט מיר אָבער אַרויס? אַז איך טאָר נישט אַרומשפּרינגען אין דרויסן — איך וועל זיך פאַרקילן. אַז איך טאָר נישט אַרומלויפן מיט אַלע קבצנישע קינדער — איך בין אַ נגידס אַ יינגל. אַזעלכע שיינע מלבושים — נישטאָ פאַר וועמען צו באַרימען זיך. אַ פולע קעשענע מיט נים — נישטאָ מיט וועמען צו שפּילן.

נישט גוט צו זײַן אַ בן־יחיד, אַ ציטעריקער, וואָס פון זיבן איינער געבליבן, און נאָך אַ נגידס אַ יינגל דערצו.

ג.

דער טאַטע האָט אָנגעטאָן די בעסטע קאַפּאָטע און איז אַוועק אין שול דאַווענען. זאָגט צו מיר די מאַמע: „ווייסטו וואָס? לייג זיך צו. שלאָף דיך אויס. וועסטו קאָנען זיצן באַם סדר. וועסטו פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות". משוגע בין איך? פאַרן סדר וועל איך גיין שלאָפן? „געדענק זשע, פּסח צום סדר טאָר מען נישט שלאָפן. וואָרעם טאָמער חלילה, ווערסטו אַנשלאָפן באַם סדר, אַזוי קומט אליהו־הנביא מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס... פּסח באַנאַכט גייט־אַרום אליהו־הנביא און קוקט, ווער עס שלאָפט באַם סדר, דעם נעמט ער צו אין זאַק אַרײַן"... כאַ־כאַ! איך וועל אַנטשלאָפן ווערן באַם סדר? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט? און אַפילו ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן? ווי אַזוי איז געווען, מאַמע, פאַראַיאָרן? „פאַראַיאָרן ביסטו אַנטשלאָפן געוואָרן באַלד נאָך קידוש"... פאַר וואָס־זשע איז נים געקומען צו מיר דעמאָלט אליהו־הנביא מיטן זאַק? „דעמאָלט ביסטו נאָך געווען אַ קלייניטשקער, הײַנט ביסטו אַ גרויסער. הײַנט דאַרפסטו פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות. הײַנט דאַרפסטו זאָגן מיטן טאַטן „עבדים היינו". הײַנט דאַרפסטו עסן מיט אונדז פיש און יויך און קניידלעך...

שאַ — אָט גייט דער טאַטע פון שול".

— גוט יום טוב!

— גוט יום טוב!

ד.

דאנקען גאָט. דער טאַטע האָט אָפּגעמאַכט קידוש. איך אויך. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטן כוס. איך אויך. און דווקא א פולן כוס. און דווקא ביזן דנאָ. „זע נאָר, ביזן דנאָ!" — זאָגט די מאַמע צום טאַטן, און מיר זאָגט זי: „אַ פולן בעכער מיט ווײַן? וועסט אַנט־שלאָפן ווערן"... כאַ־כאַ! איך וועל אַנטשלאָפן ווערן? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט? אפילו ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן? אַנו, פרעגט דעם טאַטן, ווי אַזוי האָב איך אָפּגעקלאַפּט די פיר קשיות? ווי אַזוי זאָג איך די הגדה? ווי אַזוי שאָקל איך זיך איבערן סידור און זינג מיטן טאַטן דעם „עבדים היינו"?... און די מאַמע לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון מיר און שמייכלט און זאָגט צו מיר: „וועסט אַנטשלאָפן ווערן.. אַנטשלאָפן ווערן"... עך, מאַמע! מאַמע! מיר דאַכט זיך, מע זאָל זײַן מיט אַכצן קעפּ, קאָן מען פון דעם אַליין אַנטשלאָפן ווערן! אַנו, לאָז מען זיך אַוועקזעצן אײַך אַקעגן און זינגען אײַך אין אויער: „אַנטשלאָפן ווערן, אַנטשלאָפן ווערן".

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

ה.

אַנטשלאָפן געוואָרן — חלומט זיך מיר, אַז דער טאַטע האַלט שוין בײַ „שפוך חמתך". די מאַמע אַליין שטייט אויף פון טיש, גייט עפענען די טיר, מקבל פנים זײַן אליהו־הנביאן. שיין וועט זײַן, טאָמער קומט טאַקע אליהו־הנביא, ווי די מאַמע זאָגט, מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, און זאָגט צו מיר: „קום, בחור"... און ווער וועט זײַן שולדיק אין דעם, אַז נישט די מאַמע אַליין מיט איר: „שלאָף נישט! שלאָף נישט!"?... און אַזוי ווי איך טראַכט מיר די דאָזיקע מחשבות — אהאָ! — הער איך אַ סקריפּ פון דער טיר, און דער טאַטע שטייט־אויף און רופט־אויס אויף אַ קול: „ברוך הבא!" איך קוק מיך אײַן צו דער טיר — יאָ, ס'איז ער. ער גייט, ער גייט. פּאַוואָלינקע, קוים וואָס מע הערט. אַ שיינער ייִד אליהו־הנביא. אַן אַלטער מאַן. אַ זקן מיט אַ גרײַז־גרויער באָרד ביז די קני. דאָס פּנים אַלט, געל, גע־

קנייטשט, נאָר שיין און גוט איז דאָס אָן אָן עק. און אויגן — אַך, אויגן! גוטע, ווייכע, פֿרײַנטלעכע, ליבע, געטרײַע אויגן. אײַנגעבויגן אָנגעלענט אַף אַ גרויסן־גרויסן שטעקן, מיט אַ זאַק אַף די פּלייצעס — און שאַ, שטיל, אָן ווערטער, און גלײַך צו מיר.

ו.

— נו, יינגעלע, אַרײַן צו מיר אין זאַק אַרײַן און קום! — אַזוי זאָגט צו מיר אָט דער אַלטיטשקער, און דווקא מיט גוטן, דווקא אַזוי ווייך, אַזוי זיס.

פֿרעג איך אים: „וווּהין?" מאַכט ער צו מיר: „וועסט שוין נאָכדעם זען"... וויל איך נישט, זאָגט ער מיר נאָך אַמאָל. בעט איך מיך בא אים: „ווי קאָן איך מיט דיר גיין, אַז איך בין אַ נגידס אַ יינגל?" זאָגט ער: „און אַז אַ נגידס אַ יינגל, וואָס ביסטו פֿאַר אַ מיוחס?" זאָג איך: „איך בין בא טאַטע־מאַמע אַ בן־יחיד"... זאָגט ער: „בא מיר ביסטו נישט קיין בן־יחיד". זאָג איך: „אַ ציטעריקער — פֿון זיבן איינער געבליבן. זיי וועלן, זאָג איך, דערזען, אַז איך בין נישטאָ, וועלן זיי דאָס נישט אויס־האַלטן. זיי וועלן שטאַרבן, און דערהויפּט — די מאַמע"... קוקט ער אַף מיר, דער אַלטיטשקער, מיט גוטן און מאַכט צו מיר ווייך און זיס, ווי פֿריער: „גייסטו נישט מיט מיר, טאָ שלאָף געזונט, נאָר ווער אַנטשלאָפֿן אַף שטענדיק, אַף אייביק"... הייב איך אָן צו וויינען: „הייסט דאָך עס, איך זאָל שטאַרבן? זיי וועלן דאָס נישט אויסהאַלטן... דערהויפּט — די מאַמע"... „ווילסטו נישט שטאַרבן, טאָ קום מיט מיר. געזעגן זיך אָפּ מיט טאַטע־מאַמע און קום"... „סטײַטש, ווי קאָן איך גיין, אַז איך בין אַ בן־יחיד, פֿון זיבן איינער געבליבן?"... מאַכט ער צו מיר שוין שטאַרקער: „צום לעצטן מאָל, יינגעלע, קלײַב דיר אויס איינס פֿון די צוויי: אָדער גע־זעגן זיך אָפּ מיט טאַטע־מאַמע אַף שטענדיק און קום מיט מיר, אָדער בלײַב דאָ, נאָר ווער אַנטשלאָפֿן אַף אייביק. אַף אייביק"...

ז.

אָפּגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, טרעט ער אָפּ פון מיר אַף איין שפּאַן און וויל שוין אויסקערעווען זיך צו דער טיר. וואָס טוט מען דאָ? אַוועק־גיין מיטן אַלטן, גאָט ווייס וווּהין, פאַרפאַלן ווערן — וועלן טאַטע־מאַמע שטאַרבן. אַ בן־יחיד, פון זיבן איינער געבליבן... בלייַבן דאָ און אַנט־שלאָפן ווערן אַף אייביק — הייסט דאָס דאָך, איך אַליין זאָל שטאַרבן... צי איך אויס צו אים ביידע הענט מיט טרערן אַף די אויגן: „אליהו הנביא"! גוטער, ליבער, האַרציקער אליהו! גיב מיר איין מינוט אַף צו באַטראַכטן זיך!" דרייט ער אויס צו מיר דאָס שיינע אַלטע, געלע, גע־קנייטשטע פּנים מיט דער גרייַז־גרויער באָרד ביז די קני, קוקט אַף מיר מיט זיינע שיינע גוטע ליבע געטרייַע אויגן און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכל: „איין מינוט אַף צו באַטראַכטן זיך גיב איך דיר, מייַן קינד, אָבער נישט מער אַז איין מינוט"...

און דער אַלטיטשקער לעגט זיך אָן אַף זייַן גרויסן־גרויסן שטעקן און וואַרט...

....

....

פרעגט זיך: וואָס האָב איך באַדאַרפט אין דער מינוט צוטראַכטן אַזעלכעס, אַז איך זאָל נישט דאַרפן נישט גיין מיטן אַלטן און נישט אַנטשלאָפן ווערן אַף אייביק? — אַנו, ווער וועט טרעפן?...

געשריבן אין יאָר 1908.

אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם

אַ טראַגעדיע כשר לפסח, דעקאַדענטיש - סימבאָליסטיש געשריבן

די פּאַרשוינען:

מצות	קאָכלעפל.
אַרבע כוסות.	דייזשע באַרשט.
פּסחיקע שמאַלץ.	בעזעם.
אייער.	קאַץ.
ריבאייזן.	בעל-הבית.
	בעל-הביתטע.

אָרט — אין שפּיזאַרניע, אין דער פּסחיקער שאַפע.
צייט — ערב פּסח.

אייער (צו די מצות) זייט זשע מוחל, ווען האָבן מיר פּסח?

מצות: (צו די אייער) וואָס איז דען?

אייער: גאָרנישט, גלאַט אַזוי. עס איז אונדז נמאס געוואָרן צו ליגן אָט דאָ, אין דער שפּיזאַרניע. מיר וואָלטן שוין גערן דערלעבן פּסח.

מצות: ציקאַווע ביצים! מיר ליגן דאָ פון נאָך פּורים אָן.

שמאַלץ: פון נאָך פורים? אַ טײַערע מציאה! איך שטיי נאָך פון פאַר חנוכה.

באָרשט: און מיך האָט מען דאָ אַוועקגעשטעלט באַלד נאָך סוכות. ס׳איז מיר שוין אַזוי אומעטיק, אַז איך האָב, דאַכט מיר, געכאַפּט אַ שימל.

כוסות: למאַי אָט שטייען מיר דאָ פון פאַראַיאָרן?

קאָכלעפל: הײַנט וואָס זאָל איך שוין זאָגן? איך בין עלטער פון אײַך אַלעמען. איך בין דאָ אַ קאָכלעפל פון זינט דער בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע האָבן חתונה געהאַט.

ריבאײַזן: אָבער טאָקע נישט מער ווי אַ „קאָכלעפל"...

קאָכלעפל: (בייז) הער נאַר, דו בלעכענע כלי, וואָס ביסטו דאָ פאַר אַ מאַכער?

ריבאײַזן: מער מאַכער פון דיר. ווען נישט איך, ווו וואָלט מען נעמען מרור צום סדר?

בעזעם: (ציט־אויס אַ געלעכטער פון ווינקעלע) כי־כי־כי!

כוסות: (איינס צו דאָס אַנדערע) ווער כיכיקעט דאָס?

מצות (צו די סוכות) ס׳איז דער בעזעם. דאַכט זיך, אַזאַ בעזעם וואָלט געמעגט האָבן דרך־ארץ כאָטש פאַר אונדז, מצות?

אייער: וואָס עפּעס פאַר אײַך? און ווו זײַנען מיר?

מצות: (מיט גדלות) וואָס איז מיט אײַך דער יחוס? מע עסט אײַך דען נישט אַ גאַנץ יאָר?

אייער: פרעגט זשע אָבער די בעלי־בתים, וואָס פאַר אַ טעם האָבן מצות אָן אייער?

שמאַלץ: און וואָס איז מצות מיט אייער אָן שמאַלץ?

באָרשט: מאָלט אײַך, אַז איך בין אַ ביסל נייטיקער פון אײַך אַלעמען. אײַך, אייער און שמאַלץ, באַנוצט מען נאָר פון יוצא וועגן, און אָן מיר קאָן מען פּסח זיך ניט באַגיין. פרעגט אַף אַ ציקאַוועסט די מצות, וואָס פאַר אַ טעם האָבן זיי, אַז מע בראָקט זיי אין באָרשט אַרײַן.

מצות: וואָס אמת איז אמת. מיר וואָלטן אָבער וועלן וויסן, וואָס פאַר אַ טעם וואָלט געהאַט אַ פּסח־באָרשט אָן אונדז, אָנגעבראָקטע מצה?

א י י ע ר : אָדער ווען מע זאָל דעם באָרשט נישט פאַרוויַסן מיט אַן איי?

ש מ אַ ל ץ : און מע זאָל נישט אַריַינטאָן קיין לעפל שמאַלץ?

ק אָ כ ל ע פ ל : און מיך האָט איר פאַרגעסן?

ר י ב אַ יַ ז ן : קאָכלעפל איז אומעטום אַ קאָכלעפל!...

ק אָ כ ל ע פ ל : (אין כעס) בלעכענער שלים־מזל! ווערסט נישט אַנשטומט ווערן?

ב ע ז ע ם : (לאַכט פון ווינקעלע אַרויס) כי־כי־כי!...

כ ו ס ו ת : ווידער כיכיקעט ער, דער בעזעם?

מ צ ו ת : אַ אידיאָט!

א י י ע ר : ניט אַזאַ אידיאָט, ווי אַן עזות־פּנים!...

ש מ אַ ל ץ : אַף וואָס דאַרף מען, אַשטייגער, אַ בעזעם אַף פּסח?

ב אָ ר ש ט : אַף פּים סאָט כּפּרות!

ר י ב אַ יַ ז ן : פאַרנעמסט אומזיסט אַן אָרט אין שאַפע.

ק אָ כ ל ע פ ל : טאָמער איז דאָ קאַרג ענג... מע ווערט דערשטיקט אָט דאָ באַ זיי אין שפּיזאַרניע... איך וועל פּרוּוון עפענען די טיר... (עפנט אַ האַלב טירל).

ש מ אַ ל ץ : (צום קאָכלעפל) וואָס טוט איר? איר ווילט, ס'זאָל אַריַין די קאַץ? זי וועט חלילה מאַכן פון אונדז אַלעמען אַ תל!

מ צ ו ת : מיר האָבן קיין מורא נישט פאַר קיין קאַץ.

א י י ע ר : מיר אויך נישט.

כ ו ס ו ת : מיר אַוודאַי נישט...

ר י ב אַ יי ז ן : און איך אַוודאַי און אַוודאַי נישט!

ק אָ כ ל ע פ ל : איך הער זי, ווי די קאַץ!...

ב אָ ר ש ט : אַפילו איך הער זי אויך אין טראָק. אָט איז זי, די מחותניתטע! (עס קומט אַריַין די קאַץ, קוקט זיך אַרום און מרוקעט).

ק אַ ץ : מורררר...

מ צ ו ת : ברוך הבא, אַ גאַסט!

כ ו ס ו ת : סקאָצל קומט.

א י י ע ר : מע זאָל דערמאָנען משיחן.

ר י ב אַ יַ ז ן : זעט נאָר, זי גייט אין זאָקן!...

ק אַ כ ל ע פ ל: דאָס האָט איר די בעל־הביתטע אָנגעטאָן זאָקן, זי זאָל חלילה נישט חמצדיק מאַכן דאָס זאַלץ־ברעטל.

ב אָ ר ש ט: בעסער געווען פאַרשליסן די קאַץ אין אַ באַזונדער חדר, איידער אָנטאָן איר זאָקן אויף די פיס. אַ נאַרישע בעל־הביתטע בײַ אונדז!...

מ צ ו ת: זעט נאָר, ווי זי שמעקט מיט דער נאָז, די גנבטע!...

כ ו ס ו ת: אינטערעסאַנט צו זען, וווּהין וועט זי גיין פריִער.

א יי ע ר: נישט קיין נאַרישע קאַץ, כלעבן. זי קריכט גלײַך צו דער שמאַלץ, ווי מיר זײַנען ביצים אויף דער וועלט! אָבער גלײַך צו דער שמאַלץ!

ר י ב א ײַ ז ן: זעט נאָר, זי לעקט שוין! זי פרעסט, די זולל־וסובאניצע!

ק אָ כ ל ע פ ל: אַ חידוש, וואָס די שמאַלץ לאָזט זיך אַזוי אומפאַר־שעמט באַהאַנדלען...

ב אָ ר ש ט: וואָס זאָל זי נעבעך טאָן? שולדיק איז די בעל־הבית־טע. זי האָט געזאָלט פאַרשליסן די שאַפע פון יענער זײַט. נישט אומזיסט זאָגט די וועלט אַ ווערטל: אַז די בעל־הביתטע איז אַ שלים־מזלניצע, איז די קאַץ אַ נאַשערן.

ב ע ז ע ם: (שיט־אויס אַ געלעכטער). כאַ־כאַ־כאַ! (פאָרן געלעכ־טער שרעקט זיך די קאַץ איבער, טוט אַ שפּרונג, קערט־איבער דעם טאָפּ מיט שמאַלץ, וועלכער פאַרטשעפּעט די אייער, די כוסות מיט די מצות, און צוזאַמען מיט זיי פאַלט־אום די גאַנצע שאַפע, און עס ווערט אויף דער ערד אַ מישמאַש פון פּסחיקן באָרשט, מיט פאַרנעצטער מצה, מיט צעשלאָגענע אייער, מיט צעבראָכענע כוסות, מיט שמאַלץ, מיט אַ ריבאײַזן און אַ קאָכ־לעפל אויך בתוכם. געבליבן איז בײַ דער זײַט נאָר דער בעזעם. — דער קלאַפּ פון דער שאַפע לאָזט זיך הערן אין שטוב. עס קומען צו לויפן, ניט טויט, ניט לעבעדיק, די בעל־הביתטע מיטן בעל־הבית).

ב ע ל ־ ה ב י ת: וואָס איז דאָ געשען? (בלײַבט שטיין, ווי אַ געליימטער).

ב ע ל־ה ב י ת ט ע: (ברעכט די הענט). אַ דונער האָט מיך דער־שלאָגן! דער גאַנצער פּסח איז חרוב געוואָרן! (וויינט. דער בעל־הבית

זיפצט. אין דרויסן פּײַפט דער ווינט. דורכן פענצטער גנבעט זיך אַרײַן
אַ טויטער שטראַל פון דער קאַלטער לבנה. אין ווינקעלע זיצט די קאַץ
און באַלעקט זיך. די שטימונג איז אַ העכסט־דעקאַדענטישע).

ב ע ל־ה ב י ת : (מיט אַן אונטערערדישער שטים, ווי פון קבר)
וואָס טוט מען?

ב ע ל־ה ב י ת: (ווישט־אויס די אויגן) קודם דאַרף מען נעמען
דעם בעזעם און אויפראַמען דעם הקדש... (נעמט דעם בעזעם און קערט).

ב ע ז ע ם : (צום גאַנץ ביסל מיסט) נו? הײַנט זעט איר שוין?
אז גאָט וויל, שיסט א בעזעם!...

פ אָ ר ה א נ ג .

געשריבן אין יאָר 1908.

דריי קעפּלעך

I

אַ פּען פון אַ שרײַבער זאָל זײַן אַ פּענזל פון אַ מאָלער, אָדער, ווײַ־ניקסטנס, אַן אַפּאַראַט פון אַ פאָטאָגראַף, וואָלט איך דיר, פרײַנט, געטראָגן אַ מתנה, אַ בילד לכבוד שבועות, אַ זעלטענע גרופּע: דרײַ יונגע, שיינע, פּרעכטיקע קעפּלעך פון דרײַ אָרעמע, נאַקעטע, באָרוועסע ייִדישע קינדער. אַלע דרײַ קעפּלעך זײַנען שוואַרץ, די הערלעך געקרײַזלט, די אויגלעך גרויסע, גלאַנצנדיקע, ברענענדיקע, און גלײַך ווי פאַרוווּנדערט קוקן זיי אַף אײַך און פרעגן בײַ דער וועלט אַ קשיה: למאי? איר קוקט אַף זיי, ווי פאַרזינדיקט, גלײַך ווי איר זײַט טאַקע שולדיק אין דעם, וואָס מע האָט זיי באַשאַפן — באַשאַפן נאָך דרײַ איבעריקע נפשות אַף דער וועלט!...

די דרײַ שיינע קעפּלעך — אבראַמטשיק, מאָיסייטשיק און דבורהקע — זײַנען צוויי ברידער מיט אַ קליין שוועסטערל. אבראַמטשיק און מאָי־סייטשיק — דאָס האָט זיי דער פאָטער, פּייסי דער אײַנבינדער, אַזוי פאַר־צויגן, אַפן רוסישן שטייגער. ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר זײַן ווײַב פּע־סיע און ער זאָל נישט זײַן אַזאַ ביטערער אָרעמאַן, וואָלט ער זיך אַליין אויך איבערגעמאַכט דעם נאָמען פון „פּייסי דעם אײַנבינדער" אַף „פּעטיע פּערעפּליאָטשיק". נאָר אַזוי ווי ער האָט אַ ביסל מורא פאַר זײַן ווײַב פּע־סיע און אַזוי ווי ער איז, נישט דאָ געדאַכט, אַ גרויסער אביון, איז ער דערווײַל פאַרבליבן באַם אַלטן נאָמען „פּייסי דער אײַנבינדער", ביז ס'וועט קומען אַמאָל די גוטע צײַט, יענע גליקלעכע צײַט, ווען עס וועט אַלצדינג ווערן אַנדערש, אַזוי ווי בעבעל זאָגט, און אַזוי ווי קאַרל מאַרקס זאָגט, און אַזוי ווי אַלע גוטע קלוגע לײַט זאָגן — דעמאָלט, אָ, דעמאָלט וועט אַלצדינג

אַנדערש זײַן!... נאָר ביז די גוטע גליקלעכע צײַט װעט אַמאָל קומען, מוז מען דערװײַל שטיין פֿון כאָוד ביז שפּעט אין דער נאַכט און שנײַדן קאַר־טאָן־פּאַפּיר, און קלעפּן קעסטלעך, שאַכטלען... און פּײסי דער אײַנבינ־דער שטייט דעם גאַנצן טאָג אױף די פֿיס און שנײַדט קאַרטאָן־פּאַפּיר, און קלעפּט שאַכטלען, און זינגט בעת־מעשה אַלטע און נײַע ייִדישע און נישט־ייִדישע לידלעך, צום מײסטן פֿריילעך־טרויעריקע, מיט אַ פֿריילעך־טרויע־ריקן ניגון.

— טאָמער װאָלסטו אויפֿגעהערט אַמאָל דײַנע גויִישע לידלעך? אַ מענטש האָט זיך עס אַ ביסל פֿאַרליבט אין גויִים! זינט מע איז אַרויס אין דער גרויסער שטאָט, איז ער געװאָרן אַ גאַנצער גוי, משטײנס געזאָגט!...

II

אַלע דרײַ, אַבראַמטשיק, מאָיסייטשיק און דבורהקע, זײַנען געבוירן און געװאַקסן אַלע אױף איין אָרט — צװישן װאַנט און צװישן אויװן. אַלע דרײַ זעען פֿאַר זיך אַלע טאָג איינס און דאָס זעלבע: דעם פֿריילעכן טאַטן, װאָס שנײַדט קאַרטאָן, קלעפּט שאַכטלען און זינגט ניגונים, און די פֿאַר־זאָרגטע אויסגעטריקנטע מאַמע, װאָס קאָכט און באַקט און קערט און רוימט, און איז קײנמאָל נישט פֿאַרטיק, בײדע זײַנען זײ שטענדיק אין דער אַרבעט: די מאַמע באַם אויװן, דער טאַטע באַ די שאַכטלען. אױף װאָס דאַרף מען אַזױ פֿיל שאַכטלען? װער דאַרף עס אַזױ פֿיל שאַכטלען? אַפֿנים, אַז די גאַנצע װעלט איז פֿול מיט שאַכטלען?... אַזױ טראַכטן זיך די דרײַ שײנע קעפּלעך און קוקן שױן אַרױס, אַז באַם טאַטן זאָלן זיך שױן אָנקלײַבן אַ סך, אַ סך שאַכטלען און ער זאָל זײ נעמען אַלע אַפֿן קאָפּ און אין בײדע הענט — אפֿשר טויזנט שאַכטלען — און זאָל מיט זײ אַרױסגײן אין מאַרק אַרײַן און קומען צוריק אָן שאַכטלען, נאָר מיט געלט פֿאַר דער מאַמע און מיט בולקעלעך, בײגעלעך אָדער צוקערקעס פֿאַר די קינדער... אַ גוטער, אױ, אַ גוטער טאַטע באַ זײ, אַ גאָלד! די מאַמע איז אױך אַ גוטע, נאָר אַ בײזע. מע כאַפּט פֿון איר אָפּט אַ זעץ, אַ שטורך אין זײַט, אַ דרײ פֿאַר די אויערן. זי האָט פֿײַנט, אַז מע מאַכט איר אָן אַ „הקדש". זי װיל נישט, אַז די קינדער זאָלן זיך שפּילן אין „טאַטע־מאַמע". זי װיל נישט.

אז אבראַמטשיק זאָל שנײַדן די אראָפּגעפּאַלענע שטיקלעך קאַרטאָן, אז מאָיסייטשיק זאָל גנבֿהנען פּאַפּ באַם טאַטן און אז דבֿורהקע זאָל באַקן ברויט פֿון זאַמד מיט וואַסער. די מאַמע וויל, אז די קינדער זאָלן זיצן שטיל, סטאַטעטשנע. די מאַמע ווייס ניט, אַפּנים, אז יונגע קעפּלעך אר־בעטן, אז יונגע נשמות רײַסן זיך, רײַסן זיך, רײַסן זיך — וווּהין?... אין דרויסן! צום ליכט! צום פֿענצטער! צום פֿענצטער!

III

סך־הכּל איין פֿענצטער, איין שטיקל פֿענצטער. אַלע דרײַ קעפּלעך שלאָגן זיך פֿאַרן שטיקל פֿענצטער. און וואָס זעט מען דאָרט? אַ וואַנט, אַ הויכע, אַ ברייטע, אַ גרויע, אַ נאַסע וואַנט. שטענדיק, אייביק איז זי נאַס. אַפֿילו זומער!... קומט אַמאָל אַהער די זון? געווים קומט אַמאָל אַהער די זון. און דעמאָלט איז אַ יום־טובֿ. אַלע דרײַ שיינע קעפּלעך שפּאַרן זיך צום שטיקל פֿענצטער, קוקן אַרויף, גאַנץ אויבן, און זעען אַ לאַנגן שמאָלן בלויען פּאַס, ווי אַ לאַנגע בלויע סטענגע.

— אָ! זעט איר, קינדער? אָט דאָס איז הימל!

אַזוי זאָגט אבראַמטשיק. אבראַמטשיק ווייס. אבראַמטשיק גייט אין חדר. ער לערנט שוין קמץ־אַלף. דער חדר איז טאַקע דאָ נישט ווײַט, די צווייטע שטוב, דאָס הייסט, די צווייטע טיר. אַך! וואָס אבראַמטשיק דערציילט זיך אָן פֿאַר חידושים פֿונעם חדר! אבראַמטשיק דערציילט, אז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס, אַ גרויסן מויער פֿון סאַמע פֿענצטער פֿון אויבן ביז אַראָפּ. אבראַמטשיק שווערט, אז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס, אַ קוימען, אַ הויכן קוימען, און פֿונעם קוימען גייט אַ רויך. אבראַמטשיק דערציילט, אז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס, אַ מאַשינע, וואָס מע גייט אויף איר אָן הענט. אבראַמטשיק דערציילט, אז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס, אַ וואָגן, וואָס פֿאָרט אָן פֿערד. און נאָך אַזעלכע נסים ונפֿלאות דערציילט זיי אבראַמטשיק פֿונעם חדר, און שווערט זיך, ווי די מאַמע שווערט זיך — ער זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס... און מאָיסיי־

טשיק און דבורהקע הערן אים און זיפֿצן און זײַנען אים מקנא, וואָס אַלצדינג ווייס אַבראַמטשיק, אַלצדינג!

למשל, אַבראַמטשיק ווייס, אַז אַ בוים וואַקסט. אמת, ער אַליין האָט נאָך, גלײַך מיט זיי, קיינמאָל נישט געזען, ווי אַזוי עס וואַקסט אַ בוים, נישטאָ קיין ביימער אַף דער גאַס. נישטאָ! ער ווייס אָבער (אין חדר האָט ער עס געהערט), אַז אַף אַ בוים וואַקסן פּירות — און דערפֿאַר מאַכט מען אַף אַ פּרי „בורא פּרי העץ”. אַבראַמטשיק ווייס (וואָס ווייסט ער דען ניט?), אַז קאַרטאָפֿלעס, למשל, אָדער אוגערקעס, אָדער ציבעלעס, אָדער קנאָבל וואַקסן אַף דער ערד — און דערפֿאַר מאַכן מיר אַף זיי „בורא פּרי אדמה”. אַלצדינג ווייס אַבראַמטשיק! ער ווייס נאָר נישט, ווּ און ווי אַזוי דאָס וואַקסט, וואָרעם ער האָט דאָס נאָך, גלײַך מיט זיי, קיינמאָל נישט געזען, וואָרעם אַף זייער גאַס איז נישטאָ קיין פֿעלד, נישטאָ קיין גאָרטן, נישטאָ קיין ביימער, נישטאָ קיין גרעזל — נישטאָ! נישטאָ! אַף זייער גאַס זײַנען דאָ גרויסע מויערן, גרויע ווענט, הויכע קוימענס, וואָס סע גייט פֿון זיי אַ רויך, און פֿענצטערלעך אַ סך אין יעדן גרויסן מויער, טויזנטער, טויזנטער פֿענצטערלעך, און מאַשינעס וואָס גייען אָן העגט, און וואָגנס, וואָס פֿאָרן אָן פֿערד — און ווײַטער גאָרנישט! גאָרנישט!

אַפֿילו אַ פֿייגעלע זעט מען דאָ זעלטן. עס פֿאַרבלאָנזעט אַמאָל אַהער אַ וואָראָבייטשיק, איז ער גרוי. אַזוי ווי די גרויע וואַנט. פּיק־פּיק די גרויע שטיינער, הייבט זיך אויף און פֿליט אַוועק... פֿון עופֿות זעען זיי אַמאָל אַף שבת אַ פֿערטל עוף מיט אַ בלאַס אויסגעצויגן פֿיסל. וויפֿל פֿיסלעך האָט אַ עוף? — זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, פֿיר! עלעהיי אַ פֿערד! אַזוי פּסקנט דער עלטערער, אַבראַמטשיק, און אַבראַמטשיק ווייס דאָך אַלץ!... אַמאָל ברענגט די מאַמע פֿונעם מאַרק אַ קעפּל פֿון אַן עוף מיט אַרויפֿגעגלאָצטע אייגעלעך, איבערגעצויגן מיט אַ דין ווײַס הייטל. „ס'איז טויט” — זאָגט דער עלטערער, אַבראַמטשיק, און אַלע דרײַ קעפּלעך קוקן איינס אַפּס אַנ־דערע מיט גרויסע שוואַרצע אויגן און זיפֿצן... געבוירן און אויפֿגעצויגן געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט. אינעם גרויסן מויער, אין גרויסער ענג־שאַפֿט, עלנט און אָרמוט, האָבן אַלע דרײַ קינדער קיינמאָל נאָך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זען פֿאַר זיך לעבעדיקערהייט נישט קיין עוף.

נישט קיין חיה, נישט קיין בהמה, אויסער א קאץ. א קאץ האָבן זיי אַן אייגענע, א לעבעדיקע, א גרויע קאץ, גרוי ווי די גרויסע גרויע נאָסע וואַנט. די קאץ איז זייער גאַנץ פאַרגעניגן. מיט דער קאץ שפּילן זיי זיך שעהן־לאַנג, טוען איר אָן א פעטשיילע אַפן קאָפּ, רופן זי „מחותנתטע" און לאַכן, לאַכן, לאַכן אָן א שיעור! דערזעט די מאַמע און טיילט זיי איַין: שענקט זיי — דעם א זעץ, דעם א שטורך אין זייַט, דעם א דריי באַם אויער. די קינדער צעגייען זיך אַף זייערע ערטער, הינטערן אויוון. דער עלטערער, אַבראַמטשיק, דערציילט עפּעס, און די קלענערע, מאָיסיי־טשיק און דבורהקע, האָרכן. קוקן אַף זייער עלטערן ברודערל מיט גרויסע אויגן און האָרכן. אַבראַמטשיק זאָגט, אַז די מאַמע איז גערעכט. אַבראַמ־טשיק זאָגט, אַז מיט א קאץ טאָר מען זיך נישט שפּילן, ווייַל א קאץ איז א טמא זאַך און א מזיק. אַלצדינג ווייס אַבראַמטשיק, אַלצדינג! ס'איז דען דאָ א זאַך אַף דער וועלט, וואָס אַבראַמטשיק זאָל נישט וויסן?

IV

אַלצדינג ווייס אַבראַמטשיק. אַבראַמטשיק ווייס, אַז ס'איז דאָ א לאַנד, א וויַיט לאַנד, זייער א וויַיט לאַנד, וואָס מע רופט דאָס אַמעריקע. דאָרט, אין דעם אַמעריקע, האָבן זיי פריַינט א סך און באַקאַנטע. דאָרט, אין דעם אַמעריקע, איז ייִדן, קיין עין־הרע, גוט און פריילעך. אַהינצו, אין דעם אַמעריקע, וועלן זיי אַריבערפאָרן, אם ירצה השם, איבער־אַ־יאָר, אַז זיי וועלן באַקומען פון דאָרטן שיפסקאַרטן. אָן שיפסקאַרטן קאָן מען אין אַמעריקע נישט פאָרן, ווייַל ס'איז א ים און אַפן ים איז א שטורעמווינט און עס וואַרפט מיט סכנות־נפשות — אַלצדינג ווייס אַבראַמטשיק!

אַלצדינג! אַפילו וואָס אַף יענער וועלט טוט זיך. למשל, ער ווייס, אַז אַף יענער וועלט איז דאָ א גן־עדן, פון ייִדנס־וועגן, געוויינלעך. אין גן־עדן איז דאָ ביימער א סך מיט די שענסטע פּירות. טייַכן, וואָס פליסן בוימל. דימענטן און בריליאַנטן וואַלגערן זיך אין די גאַסן. בייג זיך אָן, נעם און שטופּ אָן פולע קעשענעס. און ערלעכע ייִדן זיצן דאָרטן טאָג ווי נאַכט און לערנען און האָבן הנאה פון דער שכינה...

אַזוי דערציילט אַבראַמטשיק. און באַ מאָיסייטשיקן און באַ דבורהקען

ברענגען די אייגעלעך, און זיי זײַנען מקנא זייער עלטערן ברודערל, וואָס ער ווייס אַלצדינג. אַלצדינג ווייס ער! אַפּילו וואָס אויפן הימל טוט זיך. אבראַמטשיק שווערט, אַז צוויי מאָל אין יאָר: הושענא־רבה אויף דער נאַכט און שבועות אויף דער נאַכט, שפּאַלט זיך דער הימל. אמת, ער אַליין האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, ווי דער הימל שפּאַלט זיך, ווײַל ס׳איז נישטאָ בא זיי קיין הימל. דערפאַר האָבן אָבער זײַנע חברים געזען. זיי שווערן, אַז זיי האָבן אַליין געזען, זיי זאָלן אַזוי זען אַלדאָס גוטס. זיי וועלן דאָך נישט שווערן אויף אַ ליגן. ווי טאָר מען שווערן אויף אַ ליגן? אַן עבירה, וואָס בא זיי אויף דער גאַס איז נישטאָ קיין הימל. ס׳איז דאָ אַ לאַנגער שמאָלער בלויער פּאַס, ווי אַ לאַנגע שמאָלע בלויע סטענגע. וואָס קאָן מען אין אַזאַ שטיקל הימל זען, אַ חוץ צוויי דרײַ קליינע שטערנדלעך מיט אַן אָפּשײַן פון דער לבנה?... און בכדי צו איבערצײַגן זײַן יִינגערן ברודער מאָיסייטשיק און זײַן קליין שוועסטערל דבורהקע, אַז סע שפּאַלט זיך דער הימל, גייט אבראַמטשיק צו דער מאַמע, שלעפּט זי פאַרן קליידל:

— מאַמע! איאָ, הײַנט שבועות ארום האַלבע נאַכט שפּאַלט זיך דער הימל?

— דעם קאָפּ וועל איך דיר שפּאַלטן!

געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק פון דער מאַמע, וואַרט אבראַמטשיק אויפן טאַטן. דער טאַטע איז אַוועק אין מאַרק מיט אַ גאַנצן אוצר שאַכטלען.

— קינדער! אַנו, טרעפט, וואָס וועט הײַנט דער טאַטע ברענגען אַ מתנה פונעם מאַרק?

אַזוי זאָגט אבראַמטשיק, און די קינדער הייבן אָן טרעפן, וואָס וועט דער טאַטע זיי ברענגען אַ מתנה פונעם מאַרק. זיי רעכענען־אויס אויף די פינגער אַלצדינג, וואָס ס׳איז דאָ אין מאַרק, אַלצדינג, וואָס אַ מענטשנס אויג קאָן זען און וואָס אַ מענטשנס האַרץ קאָן גלוסטן: בולקעלעך און בייגעלעך און צוקערקעס — און קיינער האָט נישט געטראָפן. און איר וועט, האָב איך מורא, אויך נישט טרעפן. פּייסי דער אײַנבינדער האָט געבראַכט צו טראָגן איצטיקס מאָל נישט קיין בולקעלעך, נישט קיין בײַ־געלעך, נישט קיין צוקערקעס. גראָז האָט ער געבראַכט צו טראָגן, אַ פּאַק מיט גראָז. מאָדנע, לאַנגע, גרינע, שמעקנדיקע גראָזן.

און אַלע דרײַ שיינע קעפּלעך, אבראַמטשיק, מאָיסייטשיק און דבור־רהקע, האָבן ארומגערינגלט דעם פאָטער.

— טאטע! וואָס איז דאָס, אָט דאָס אָ?

— דאָס איז גרינס.

— וואָס הייסט דאָס גרינס?

— גרינס אױף יום־טוב. ייִדן דאַרפֿן יום־טוב גרינס.

— ווי נעמט מען דאָס, טאַטע?

— ווי מע נעמט דאָס? המ... אין מאַרק קויפֿט מען דאָס, אין מאַרק...

אַזוי זאָגט דער טאַטע, און ער צעוואַרפֿט דאָס גרינע שמעקנדיקע גראָז איבער דער נאָר־וואָס אויסגעקערטער שטוב, און ער קוועלט וואָס ס׳איז גרין און סע שמעקט, און ער זאָגט צו דער מאַמע פֿריילעך, ווי זײַן שטייגער איז:

— פּעסיע, אַ גוט יום־טוב דיר!

— מזל־טוב, אַ נײַער הקדש! די ממזרים זײַנע וועלן שוין האָבן וואָס צו מיסטיקן!...

אַזוי ענטפֿערט אים די מאַמע, נישט צופֿרידן, ווי אַלע מאָל, און שענקט, ווי אַלע מאָל, די קינדער — דעם אַ זעץ, דעם אַ שטורך אין זײַט, דעם אַ דריי באַם אויער. אַ מאָדנע מאַמע באַ זיי! קיינמאָל איז זי נישט צופֿרידן, תּמיד פֿאַראומערט, שטענדיק פֿאַרזאָרגט, פּונקט דער היפּך פֿונעם טאַטן!

און די דרײַ שיינע קעפּלעך קוקן אױף דער מאַמע, קוקן אױפֿן טאַטן, קוקן איינס אױף דאָס אַנדערע. און אַז טאַטע־מאַמע קערעווען זיך אָפּ אַ ווײַלע אױף אַ זײַט, טוען זיי זיך אַ וואָרף אַלע דרײַ אױף דער ערד, פֿאַלן־צו מיטן פּנים צום שמעקנדיקן גראָז, קושן דאָס שמעקנדיקע גראָז, וואָס מע רופֿט דאָס גרינס, און וואָס ייִדן דאַרפֿן דאָס אױף יום־טוב, און וואָס מע קויפֿט דאָס אין מאַרק...

אַלצדינג איז דאָ אין מאַרק, אַפֿילו גרינס. אַלצדינג קויפֿט דער טאַטע. אַלצדינג דאַרפֿן ייִדן און אַלצדינג האָבן ייִדן. אַפֿילו גרינס! אַפֿילו גרינס!...

געשריבן אין יאָר 1908.

גזלנים

אַן אויסערגעוויינלעכע, נאָר אַן אמתע מעשה פון חדר, ווי אַזוי תלמידים האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט אַ רבין. דערציילט לכבוד לג־בעומר

א.

— ער פּאָפּט נאָך?

— נאָך אַ מין פּאָפּן!

— טפו זאָל ער ווערן!

— וועקט אים אויף! וועקט אים אויף!

— לייב־דרייב־אָבדיריק!

— שטיי־אויף, מײַן פייגעלע!

— עפן־אויף דײַן אייגעלע!

קוים וואָס איך רײַס דורך די אויגן, הייב אויף דעם קאָפּ, קוק מיך אַרום אַף אַלע זײַטן און דערזע אַ גאַנצע כאַליאַסטרע ווײַסע־חברהניקעס, מײַנע חברים פונעם חדר. דאָס פענצטער איז אָפן, און צוזאַמען מיט זייערע גלאַנצנדיקע אייגלעך רײַסן זיך אַרײַן מיט אַ פרייד און מיט אַ געלעכטער די ערשטע שטראַלן פון דער ליכטיקער וואַרעמער פרימאָרגנדיקער זון. איך קוק מיך אַרום אַף אַלע זײַטן.

— זעט נאָר, ווי ער קוקט!

— ווי אַ זינדיקער מענטש!

— האָסט אונדז נישט דערקענט?

— האָסט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן הײַנט ל״ג־בעומר?

אָך! ל"ג־בעומר?... ווי אַ בליץ פֿליט דורך דאָס וואָרט איבער אַלע מײַנע אבֿרים. עס טוט מיך אַ ברי און אַ טראָג־אויף פֿון בעט. אין איין כהרף־עין בין איך אַף די פֿיס. נאָך אַ מינוט — בין איך אַן אָנגעטועגער, אַן אײַנגעוואַשענער, אַ פּאַרטיקער, און זוך אויף די מאַמע. זי איז פֿאַר־טראָגן מיטן אָנבײַסן און מיט די קלענערע קינדער.

— מאַמע, הײַנט איז ל"ג־בעומר.

— אַ גוט יום־טובֿ דיר. וואָס זשע ווילסטו?

— זאָלסט מיר געבן צושטײַער אַף דער סעודה.

— וואָס זאָל איך דיר געבן? מײַנע צרות? צי מײַנע ווייטיקן?

אַזוי זאָגט צו מיר די מאַמע און איז גרייט פֿונדעסטוועגן מיר געבן צושטײַער אַף דער סעודה. מיר דינגען זיך אַפֿילו: איך וויל וואָס מער; זי גיט מיר וואָס ווינציקער. איך וויל צוויי אייער; זאָגט זי: אַ קרענק אין די ביינער. הייב איך אָן מיט בייזן; שענקט זי מיר צוויי פֿעטש. וויין איך; בעט זי מיך איבער מיט אַן עפּל. וויל איך אַ מאַראַנץ; זאָגט זי: „טרפֿהנער האַלדז, וואָס נאָך וועסטו אויסטראַכטן?"

און מײַנע חבֿרים פֿון יענער זײַט פֿענצטער זעצן די נשמה:

— וועסט אַמאָל גיין, צי ניין?

— לייב־דרייב־אַבדיריק!

— דער טאָג שטייט נישט!

— גיכער! גיכער!

—ווי אַ וויכער!

מיט גרויסע צרות קום איך דורך מיט דער מאַמע, כאַפּ דעם אָנבײַסן מיט מײַן חלק צושטײַער אַף דער סעודה און לויף־אַרויס, אַ פֿרישער, אַ לעבעדיקער, אַ פֿריילעכער, צו מײַנע חבֿרים, אין ליכטיקן וואַרעמען אינ־דרויסן אַרויס, און אַלע אינאיינעם לאָזן מיר זיך באַרג־אַראָפּ אין חדר אַרײַן.

ב.

אין חדר איז אַ טומל, אַ יריד, אַ געשריי ביזן הימל. צוויי צענדליק העלדזער ריידן אַלע אַף איין מאָל. דער טיש איז פֿול מיט כּל־טובֿ. אַזאַ

סעודה, ווי הײַנטיקן ל״ג־בעומר, האָבן מיר נאָך נישט געהאַט קיינמאָל נישט. אַ סעודה מיט בראָנפן און מיט ווײַן. דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אונדזער חבר בערל יאָסל דעם ווײַנערס. אַ פלעשל בראָנפן האָט ער געבראַכט צו טראָגן, גוטן בראָנפן. און צוויי פלעשלעך ווײַן האָט ער אויך געבראַכט צו טראָגן, אמתן ווײַן, ווימאַראַזיג, יאָסל דעם ווײַנערס אייגענע אַרבעט. דעם בראָנפן — דאָס האָט אים דער טאַטע געגעבן, און די צוויי פלעשלעך ווײַן האָט ער אַליין גענומען.

— וואָס הייסט, אַליין גענומען?

— וואָס פאַרשטייסטו נישט, גויִשער קאָפּ? גענומען פון דער פּאָליצע שטילערהייט, אַז קיינער זאָל נישט זען.

— סטײַטש! הייסט דאָך עס געגנבהט?

— חכם בלילה! נו, איז וואָס?

— וואָס הייסט, איז וואָס? נו, און „לא תגנוב״?

— צוליב דער יום־טובדיקער סעודה, בהמה!

— איז אַ מצווה גנבהנען?

— אוודאי! וואָס זאָגט איר אַף דעם חכם פון דער מה נשתנה?

— ווו שטייט עס?

— ער וויל, איר זאָלט אים זאָגן, ווו סע שטייט?

— זאָג אים, אַז סע שטייט אין ספר פּראַלניק.

— אין פּרק „ויקח״.

— דף למד בים־באָם!

— ראש־חודש קרעמעניץ.

— כאַ־כאַ־כאַ!

— שאַט, קינדער, מאַזעפּע גייט!

מיט אַ מאָל ווערט שטיל, ווי צו דער שטילער שמונה־עשרה. אַלע זיצן מיר אַרום טיש, ווי די סטאַטקעס, ווי די נעבעכלעך, שטילע, גאָלדענע קינדער, קאָנען קיין צוויי נישט ציילן, גאָט די נשמה שולדיק.

ג.

מאַזעפּע — אַזוי הייסט דער רבי אונדזערער. דאָס הייסט, דער אמתער נאָמען זײַנער איז גאָר ברוך־משה, נאָר מחמת ער איז אַראָפּגע-

קומען צו אונדז נישט לאַנג פון מאַזעפּעווקע, האָט אים די שטאָט אַ נאָמען געגעבן „דער מאַזעפּעווקער", און מיר, חדר־יִנגלעך, האָבן אים פאַרקירצט, און ס'איז געוואָרן פון „מאַזעפּעווקער" — „מאַזעפּע". איבעריקנס, תּלמידים, אַז זיי קרויגען אַ רבין מיט אַזאַ שיינעם נאָמען, האָט ער דאָס מסתּמא כשר פאַרדינט. לאָם איך אים פאָרשטעלן:

אַ קליינס, אַ טרוקנס, אַ דאַרס, אַ פאַרזעעניש. איר זאָלט זאָגן — אַ סימן פון אַ באָרד, צי פון וואָנצעס, צי פון ברעמען. נישט, חלילה, מחמת ער גאָלט זיי, נאָר גלאַט אַזוי, זיי ווילן נישט וואַקסן. זיי האָבן זיך אָנגעגעדט. דערפאַר אָבער האָט ער אַ פּאָר ליפּן, און אַ נאָז — אײַ, אַ נאָז! אַ קווילעטש, אַ האָרן, אַ שופר. און אַ קול האָט ער, ווי אַ גלאָק, אַ שאגת ארי, ברומט ווי אַ לייב! פון וואַנען נעמט זיך צו אַזאַ מין באַשעפעניש אַזאַ מוראַדיקע געמבע? און כח ווו נעמט זיך צו אים אַזוי פיל? אַז ער נעמט אײַך אָן מיט די דאַרע קאַלטע פינגער בײַ דער האַנט, דערזעט איר יענע וועלט, און אַז ער לאָזט אײַך אַראָפּ אַ פּאַטש, פילט איר אים דרײַ מעת־לעת דורכאַנאַנד. לאַנג שמועסן מיט אײַך האָט ער פײַנט. פאַר דער מינדסטער זאַך, שולדיק נישט שולדיק, איז בײַ אים איין משפּט: לייג זיך!

— רבי! יאָסל־יעקב־יאָסלס האָט מיר אַ זעץ געטאָן.

— לייג זיך!

— רבי, ס'אַ ליגן! ער האָט מיר פריִער דערלאַנגט מיטן פּוס גלײַך אין זײַט אַרײַן.

— לייג זיך!

רבי! חיים־בערל־לאַפּעס האָט מיר אַרויסגעשטעלט אַ צונג.

— לייג זיך!

— רבי, שקר וכזב! אדרבה, ער האָט מיר געשטעלט אַ פײַג.

— לייג זיך!

און איר מוזט זיך לייגן. עס וועט אײַך נישט העלפן קיין זאַך. אַפילו אלי דער רויטער, וואָס איז שוין אַ בר־מצווה־יִנגל, און אַ חתן, און טראָגט אַ זילבערנעם זייגער — נו, מיינט איר, אַז ער ווערט נישט געשמיסן? אַהאָ, נאָך אַ מין! אלי זאָגט: אַז אָט דאָס שמײַסן, וואָס ער שמײַסט זיך, וועט אים אויספאַלן באָקאָם. ער וועט זיך מיט אים אַמאָל,

זאָגט ער, אָפּרעכענען, מיט מאַזעפּען, אַזוי, אַז ער וועט אים, זאָגט ער, האָבן צו געדענקען אַף קינדס־קינדער! — אַזוי זאָגט אונדז אַלי אַלע מאָל נאָך די שמיץ, און מיר געבן אים צו:

— אָמן הלוואי, פון דײַן מויל און גאָטס אויערן.

ד.

אָפּגעדאַוונט מיטן רבין, ווי דער שטייגער איז (אַליין דאַוונען לאָזט ער אונדז נישט; ער ווייס, אַז אָן אים וועלן מיר העכער האַלב איבערהיפּן), רופט זיך אָן צו אונדז מאַזעפּע מיט זײַן לייבן־שטימע:

— נו, קינדער, אַצינד וואַשט אײַך און זעצט אײַך צו דער סעודה, און נאָכן בענטשן וועל איך אײַך לאָזן פרײַ אַפּן שפּאַציר.

מיר זײַנען אַפילו געוווינט ל"ג־בעומר צו מאַכן די סעודה אַף יענער זײַט שטאָט, אַף דער פרײַער לופט, אַף דער הוילער ערד, אונטער גאָטס הימל, וואַרפן די פייגעלעך ברעקלעך ברויט, לאָזן זיי אויך וויסן, אַז ס'איז ל"ג־בעומר אַף דער וועלט. נאָר מיט מאַזעפּען מאַכט מען נישט קיין לאַנגע מחזקות. מאַזעפּע, אַז ער זאָגט: „זעץ דיך" — דאַרף מען זיך זעצן, אַניט — קאָן ער הייסן זיך לייגן...

— ברוכים היושבים! — זאָגט אונדז דער רבי נאָכדעם, ווי מיר האָבן געמאַכט המוציא.

— קומט מיט עסן! — זאָגן מיר אים פון יוצא וועגן.

— עסט געזונט! — מאַכט ער צו אונדז. — עסן וויל איך נאָך נישט, נאָר „שהכל נהיה בדברו" וואָלט איך, מהיכא־תיתי, אפשר מאַכן. וואָס איז דאָס בא אײַך דאָרטן אין פלעשל? בראָנפן? — זאָגט ער און ציט אויס די טרוקענע האַנט מיט די דאַרע פינגער צום פלעשל בראָנפן און גיסט זיך אָן אַ גלעזל, פאַרזוכט און פאַרקרימט זיך מיט די ליפּן אַזוי, אַז מיר זײַנען שטאַרקער פון אײַזן, וואָס מיר שיסן נישט אויס קיין געלעכטער.

— וועמענס איז דאָס אַזאַ הארבע זאַך? — פרעגט ער און נעמט נאָך אַ ביסל. — נישט קיין שלעכט ביסל משקה, כלעבן. — און נעמט נאָך אַ ביסל און טרינקט צו אונדז לחיים.

— לחיים, קינדער, גאָט זאָל געבן, מיר זאָלן דערלעבן איבער־אַ־יאָר

און... און... און נישטאָ באַ אײַך, וואָס צו איבערכאַפּן, פאַרבײַסן? מילא, איך וועל זיך שוין וואַשן און לכבוד ל"ג-בעומר שוין מיט אײַך אינאײנעם עפּעס צובײַסן...

וואָס איז דאָס געוואָרן מיט אונדזער רבין? גאָר נישט דער מאַזעפּע! אויפגעלייגט, באַרעדעוודיק, די בעקלעך פאַרצוויקלט, די נאָז רויט און די אויגן גלאַנצן. ער קײַט און רעדט און ווײַזט אַף די פלעשלעך ווימאַראָזיג.

— וואָס איז דאָס דאָרט באַ אײַך פאַר אַ ווײַן? פּסחיקער, אפנים? (ער פאַרזוכט, ציט-אויס די ליפּן). פּססס! איין חריפות אין דער וועלט! (טרינקט). שוין לאַנג נישט געטרונקען אַזאַ ווײַן, כלעבן! (צו יאָסל דעם ווײַנערס זון מיט אַ געלעכטערל). אַ רוח אין דײַן טאַטנס קעלער אַרײַן, בע-בע! פאַראַן באַ אים, האָב איך געזען, פעסלעך, אָן אַ שיעור פעסלעך, על הגפן ועל פּרי הגפן, און דווקא פון ריינע ראָזינקעס, בע-בע! לחיים, קינדער!... לאָז גאָט געבן, איר זאָלט זײַן ערלעכע פרומע יידן און איר זאָלט... איר זאָלט... אויפעפענען דאָס צווייטע פלעשל... נעמט צו קאַפּלעך, פאַר וואָס נעמט איר נישט? און טרינקט לחיים. לאָז גאָט געבן, אַז... (ער באַלעקט זיך און די אויגן קלעפּן זיך אים). אַז... אַז... אַלדאָס גוטס מיט כל ישראל...

ה.

אָפּגעגעבן און אָפּגעבענטשט מזומן, רופט זיך אָן צו אונדז מאַזעפּע און די צונג בעת-מעשה פּלאָנטעט זיך באַ אים:

— האָבן מיר, הייסט עס, מקיים געווען, האַ? די מצווה פון סעודת ל"ג-בעומר. נו, און ווײַטער? האַ?

— ווײַטער וועלן מיר גיין אָפּן שפּאַציר.

— האַ? אָפּן שפּאַציר? אויסגעצייכנט. למשל, וווהין?

— אין שוואַרצן וועלדל אַרײַן.

— האַ? אין שוואַרצן וועלדל? אויסגעצייכנט גוט! איך גיי אויך מיט אײַך. אין אַ וואַלד שפּאַצירן גיין איז זייער גוט, זייער געזונט, מחמת אַ וואַלד... האַ? אָט וועל איך אײַך געבן צו פאַרשטיין דעם שכל פון אַ וואַלד...

און מיר לאָזן זיך גיין אַלע מיטן רבין הינטער דער שטאָט. תּחילת איז אונדז אַ ביסל פֿריקרע, וואָס דער רבי גייט מיט אונדז. נאָר פּתח שין — שאַ! און דער רבי גייט אין מיטן, מאַכט מיט די הענט און גיט אונדז צו פֿאַרשטיין דעם שׂכל פֿון וואַלד:

— די טבע פֿון וואַלד, פֿאַרשטייט איר מיך, דאָס הייסט, דער אײבערשטער האָט אים שוין אַזוי באַשאַפֿן, אַז ער זאָל זײַן פֿול מיט ביימער, און אַף זיי, אַף די ביימער הייסט דאָס, זאָלן זײַן צווײַגן, און די צווײַגן זאָלן זײַן באַוואַקסן מיט בלעטלעך, גרינע הייסט דאָס, און זיי זאָלן שמעקן, די בלעטלעך הייסט דאָס, אַרויסלאָזן פֿון זיך אַ ריח־ניחוח, אַ געשמאַקן זױערן־פּיקאַנטן ריח...

און בעת־מעשׂה ציט דער רבי מיט דער נאָז דעם געשמאַקן זױערן־פּיקאַנטן ריח, כאָטש מיר זײַנען נאָך ווײַט פֿונעם וואַלד, און דער ריח איז דערווײַלע נאָך עפּעס נישט אַזוי געשמאַק און זױערן־פּיק..

— האַ? וואָס שווײַגט איר? — מאַכט צו אונדז דער רבי. — זאָגט עפּעס אַ גוטע זאַך, זינגט עפּעס אַ לידל. האַ? איך בין אויך געווען אַמאָל אַ יינגל אַ קונדס, ווי איר, כע־כע, אויך געהאַט אַ רבין, ווי איר, כע־כע...

דאָס, וואָס מאַזעפּע איז געווען אַמאָל אַ קונדס, ווי מיר, און געהאַט אַ רבין, ווי מיר, קומט אונדז אויס מאָדנע ווילד און כמעט שווער צו גלייבן: מאַזעפּע — אַ קונדס?! מיר קוקן זיך איבער און כיכיקען שטילערהייט. מיר שטעלן זיך פֿאָר אַ בילד, ווי אַזוי אונדזער רבי מאַזעפּע איז געווען אַמאָל אַ קונדס, געהאַט אַ רבין, און דער רבי פֿלעגט אים... מיר האָבן גאָר מורא טראַכטן אַזאַ זאַך... נאָר איין אַלי שטעלט זיך אײַן און גיט אים אַ פֿרעג:

— רבי! אײַער רבי פֿלעגט אויך אַזוי שמײַסן, ווי איר שמײַסט אונדז?

— האַ? נאָך אַ מין שמײַסן, כע־כע!

מיר קוקן אַפֿן רבין און איינס אַף דאָס אַנדערע, און מיר פֿאַרשטייען זיך... מיר העלפֿן אים לאַכן „כע־כע” אַזוי לאַנג, ביז מיר זײַנען שוין ווײַט הינטער דער שטאָט, אינעם ברייטן פֿרײַען פֿעלד, נישט ווײַט פֿונעם שוואַרצן וועלדל.

ו.

אין פעלד איז מחיה, א גן־עדן. גרין שמעקנדיק גראָז. וויַסע קווייט־לעך. געלע שפּרינקעלעך. גרינגע פליגעלעך. און אויבן די בלויע יאַרמעלקע האָט זיך פאַרשפּרייט אָן אָן עק. און אַקעגן דער וואַלד, אַנגעטאָן יום־טובהדיק. און אַף די ביימער די פייגעלעך שפּרינגען פון איין צווייַגל אַפן אַנדערן און פּישטשען. דאָס גיבן זיי אונדז אָפּ א ברוך־הבא, סקאָצל קומט, באַגריסן אונדז מיטן ליבן פרייַען ל״ג־בעומר. מיר זוכן אויס א שאָטן אונטער א געדיכטן בוים, א שוץ פון דער ברענענדיקער זון, און זעצן זיך אויס אַלע אַף דער ערד, און דער רבי אין מיטן.

דער רבי איז מיד פונעם וועג. ער טוט א פאַל־אַנידער אַף דער ערד, ציט זיך אויס מיטן פּנים אַרויף. די אויגן קלעפּן זיך אים. די צונג קוים וואָס זי פּלאָנטעט:

— איך זע‌ט טײַערע גאָלדענע קי־קינדער... יידישע קינדער... צדי־קים... איך האָב אייַך ליב, און איר האָט מיך ליב... איא, איר האָט מיך לי־ליב?

— אזוי ווי אוּגנוּוויטיק! — ענטפערט אים אלי.

— האַ? איך וויס, אז איר האָט מיך לי־ליב... — זאָגט אים דער רבי.

— גאָט זאָל אייַך אַזוי ליב האָבן! — זאָגט אים אלי.

מיר ווערן דערצימערט און רופן זיך אָן צו אלין:

— גאָט איז מיט דיר!

— נאַראָנים! — ענטפערט אונדז אלי מיט א געלעכטער. — וואָס האָט איר מורא? איר זעט דען נישט, אז ער איז בגילופין?...

— האַ? — זאָגט צו אים דער רבי מיט איין אויג (דאָס אַנדערע אויג שלאָפט שוין). — וואָס זאָגסטו עפּעס אַזעלכעס? צדיקים?... אַלע צדיקים... אדרבה... מהיכא־תיתי... דער שומר ישראל... חל־חל־חל. חררררססססס...

און אונדזער רבי ווערט אַנטשלאָפן געשמאַק, און זייַן כראָפּען לאָזט זיך הערן פון זייַן נאָז, ווי א קול פון א שופר, ווייַט אין וואַלד אַרייַן. און מיר זיצן אַלע אַרום אים און עס ווערט אונדז סומנע אַף דער נשמה:

„אַט דאָס איז אונדזער רבי? אַט דאָס איז דער, וואָס מיר ציטערן פאַר זײַן קוק? אַט דאָס איז מאַזעפּע?"...

ז.

— קינדער! — מאַכט צו אונדז אלי. — וואָס זיצן מיר, ווי די נאַפּודרעלעס? לאָמיר עפּעס צוטראַכטן א שטראָף פאַר מאַזעפּען.

עס פאַלט־אָן אַף אונדז א פּחד.

— וואָס האָט איר מורא, נאַראָנים? — זאָגט צו אונדז נאָך א מאָל אלי. — איצטער איז ער געגליכן צו א מת, צו א בר־מינן.

מיר ווערן נאָך מער דערציטערט, און אלי דרשנט ווײַטער:

— איצט קאָנען מיר מיט אים טאָן וואָס מיר ווילן. א גאַנצן ווינ־טער האָט ער אונדז געשמיסן, ווי די שעפּסן. לאָמיר זיך כאָטש איין מאָל אין אים נוקם זײַן.

— וואָס ווילסטו איר טאָן?

— גאָרניט. איך וויל אים נאָר איבערשרעקן.

— מיט וואָס ווּעסטו אים איבערשרעקן?

— אַט וועט איר באַלד זען. — זאָגט צו אונדז אלי און שטייט־אויף פון דער ערד און גייט־צו צום רבין און נעמט־אַראָפּ פון אים דעם גאַרטל און רופט זיך אָן צו אונדז:

— זעט איר? אַט מיט זײַן אייגענעם גאַרטל וועלן מיר אים צוביגדן צום בוים אַזוי, אַז ער זאָל זיך אַליין נישט קאָנען אויפבינדן! נאָכדעם וועט איינער פון אונדז צוגיין צו אים נאָענט און אַרײַנשרײַען אים גלײַך אין אויער אַרײַן: „רבי, גזלנים!"

— וואָס־זשע וועט זײַן?

— גאָרנישט. מיר וועלן אַנטלויפן, און ער וועט שרײַען „שמע־ישראל".

— ביז וואַנען וועט ער שרײַען?

— ביז ער וועט געוווינט ווערן.

און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט אלי דעם גאַרטל און בינדט אים א א האַנט אַף א האַנט און ביידע הענט צום בוים, און מיר שטייען און קוקן און א שווידער גייט אונדז איבער איבערן לײַב:

„אַט דאָס איז אונדזער רבי? אַט דאָס איז דער, וואָס מיר ציטערן פאַר זײַן קוק? אַט דאָס איז מאַזעפּע?"

— וואָס שטייט איר, ווי די לײמענע גולמס? — זאָגט צו אונדז אלי. — אַז גאָט האָט אונדז געטאָן אַ נס און מאַזעפּע איז בײַ אונדז אין די הענט, טאָ לאָמיר כאַפּן אַ טענצל!

און מיר נעמען זיך אַלע בײַ די הענט און מיר דרייען זיך, ווי די ווילדע מענטשן, אַרום אונדזער רבין, און טאַנצן און שפּרינגען און זינ־גען, טאַקע נאָר ווי די משוגעים.

עד כאן אומרים בשבת הגדול! — זאָגט אלי. און מיר שטעלן זיך אָפּ, און אלי גייט־צו צום רבין, בייגט זיך אָן איבער אים גאַנץ נאָענט און שרײַט אים אַרײַן אין אויער אַרײַן הויך, אויף אַזאַ קול, וואָס קאָן אויפוועקן אַ טויטן:

— גוואַלד! רבי! גזלנים! גזלנים!! גזלנים!!!...

ח.

פֿײַל אויסן בויגן לאָזן מיר זיך לויפן אַלע, ווי איין מענטש, האָבן מורא זיך אָפּשטעלן אפילו אויף איין רגע, מורא אפילו אַ קוק טאָן צוריק. אַ פּחד איז געפאַלן אויף אונדז אַלע און אפילו אויף אלין, כאָטש ער הערט גיט אויף צו שרײַען אויף אונדז:

— שוטים! נאַראָנים! בהמות! וואָס לויפט איר?

— וואָס לויפסטו?

— איר לויפט, לויף איך אויך.

אין שטאָט זײַנען מיר אַרײַן מיט אַן אומפעט און מיט אַ געשריי:

— גזלנים!... גזלנים!!...

מענטשן האָבן דערזען אונדז לויפן, לויפן זיי אונדז נאָך. דערזען, אַז מענטשן לויפן, האָבן אַנדערע מענטשן זיך געלאָזט נאָך יענע מענטשן.

— וואָס לויפט מען?

— פֿון וואַנען זאָלן מיר וויסן? אַלע לויפן, לויפן מיר אויך.

קוים מיט צרות האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּשטעלן איינעם פֿון אונדז, און אויף אים קוקנדיק זײַנען מיר שוין אַלע שטיין געבליבן און נישט אויפגעהערט צו שרײַען: גזלנים! גזלנים!...

— וווּ? ווו? ווו?

— דאָרט, אין שוואַרצן וועלדל, זײַנען אָנגעפאַלן אַף אונדז גזלנים, געבונדן דעם רבין צו אַ בוים, גאָט ווייס, אויב ער לעבט נאָך...

ט.

אויב איר זײַט אונדז מקנא, וואָס מיר זײַנען פרײַ, וואָס מיר גייען נישט אין חדר (דער רבי ליגט קראַנק), איז אומזיסט. אומזיסט! קיינער ווייס נישט, וועמען דער שוך קוועטשט... קיינער, קיינער ווייס נישט, ווער זײַנען די אמתע גזלנים... מיר זעען זיך כמעט נישט איינס מיט דאָס אַנ־דערע. און אַז מיר באַגעגענען זיך, איז דאָס ערשטע: „וואָס מאַכט דער רבי?" (שוין אויס „מאַזעפּע"!). און אַז מיר דאַווענען, בעטן מיר גאָט פאַרן רבין און וויינען, וויינען שטילערהייט: „רבונו של עולם"! רבונו של־עולם!"... און אלי? — פרעגט אונדז נישט אַף אלין. ימח שמו זאָל ער אײַך ווערן, אָט דער אלי!...

עפּילאָג

אַז דער רבי איז געזונט געוואָרן (אַ וואָך זעקס איז ער געלעגן אין היץ און גערעדט מיט גזלנים) און מיר זײַנען געקומען אין חדר אַרײַן, האָבן מיר אים קוים דערקענט. אַזוי שטאַרק האָט ער זיך איבערגעביטן. ווו איז אַהינגעקומען זײַן לייבן־שטימע? דעם קאַנטשיק האָט ער ערגעץ פאַרוואָרפן. אויס „לייג זיך". אויס „מאַזעפּע". און אַפן פּנים האָט זיך אויסגעצויגן בײַ אים אַ שטילע ווייכע מרה־שחורה. אַ געפיל פון חרטה גנבעט זיך אַרײַן צו אונדז אינעווייניק און מאַזעפּע ווערט אונדז מיט אַ מאָל טײַער, אײַנגעבאַקן אין האַרצן. אָך, ער זאָל דאָס פירהאַלטן, אַ קרום וואָרט אונדז זאָגן! גלײַך ווי גאָרנישט געווען... נאָר פּלוצעם שטעלט ער זיך אָפּ אין מיטן לערנען און בעט אונדז, מיר זאָלן אים נאָך אַמאָל דערציילן, ווי אַזוי איז געווען די מעשה דעמאָלט, ל"ג־בעומר, מיט די גזלנים. מיר פוילן זיך נישט און דערציילן אים איבער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל די אײַנגעחזרטע מעשה אַף אויסווייניק, ווי אַזוי גזלנים זײַנען מיטאַמאָל אַרויס פון וואַלד, האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אַף אים, געבונדן, געוואָלט

קוילען מיט א מעסער, האָבן מיר זיך געלאָזט לויפן אין איין אימפּעט אין שטאָט אַרײַן און מיט אונדזער גוואַלד האָבן מיר אים גערעטעוועט...

דער רבי הערט אונדז אויס ביזן סוף מיט צוגעמאַכטע אויגן. נאָכדעם טוט ער א זיפץ און א פרעג מיט א מאָל:

— ווייסט איר פאַר געוויס, אַז דאָס זײַנען געווען גזלנים?

— וואָס דען זײַנען דאָס געווען?

— אפשר בת־ליצנים?...

און דעם רבינס אויגן קוקן ערגעץ ווײַט אין דער וועלט אַרײַן, און עס מאָלט זיך אונדז אויס, אַז אָף זײַנע משונה גראָבע ליפּן שוועבט א מאָדנע ביטרע שמייכעלע...

גע‌שריבן אין יאָר 1909.

א פסח אין דאָרף

א.

לאָזן ווינטן בלאָזן· לאָזן שטורעמס פײַפן. לאָז די וועלט זיך קערן. אַן אַלטער דעמב, וואָס שטייט מששת ימי־בראשית, וואָס זײַנע וואָרצלען דערגרייכן מי יודע וווהין — וואָס הערט ער ווינטן? וואָס הערט ער שטורעמס?...

דער אַלטער דעמב — דאָס איז נישט קיין סימבאָל. דאָס איז א לע־בעדיקער מענטש, וואָס זײַן נאָמען איז נחמן ווערעבייווקער פון ווערע־ביווקע. א ייִד פון הויכן וווקס, א ברייטבייניקער, א „גבר". די שטאָט־ייִדן קוקן אַף אים און זײַנען אים מקנא, און צו גלײַכער צײַט מאַכן זיי פון אים חוזק: „שלום עליכם, וואָס מאַכט עפּעס א ייִד אין געזונט?"... נחמן וויים, אז מע לאַכט פון אים און פון זײַן „גדלע", בייגט ער זיך אײַן, ער זאָל אויסקוקן א ביסל מער ייִדישלעך. נאָר עס העלפּט ווינציק. צו גרוים אויסגעוואַקסן.

אין ווערעביווקע איז נחמן ווערעביווקער אַן אַלטגעזעסענער· „נאַש לאַכמאַן" — אַזוי הייסט ער בא די ווערעביווקער גוייִם, וואָס האַלטן אים פאַר נישט קיין שלעכטן מענטשן, פאַר א בר־שכל, האָבן ליב זיך דורכ־שמועסן מיט אים אַמאָל גלאַט אַזוי פון בעל־הבתישקייט. מע האַלט זיך מיט אים אַן עצה: וואָס טוט מען מיטן ברויט? — „לאַכמאַן" האָט א לוח, וויים ער, צי ברויט וועט הײַנטיקס יאָר זײַן וואָלוול, צי טײַער. און אַמאָל — פון וועלט־זאַכן: „לאַכמאַן" פאַרט אין שטאָט, זעט ער זיך מיט מענטשן, וויים ער, וואָס אַף דער וועלט טוט זיך...

עס איז שווער גאָר פאָרצושטעלן זיך ווערעביווקע אָן נחמן ווערעביווקער. נישט נאָר דער טאַטע זײַנער, פּײַטל ווערעביווקער, איז געבוירן און געשטאָרבן אין ווערעביווקע, נאָר אַפילו דער זיידע, אַריה עליו־השלום, געווען אַ ייִד אַ חכם און אַ ווערטל־זאָגער, פלעגט זיך באַרימען, אַז דערפאַר הייסט דאָס דאָרף ווערעביווקע, ווײַל אַריה ווערעביווקער וווינט דאָרטן, וואָרעם איידער ווערעביווקע איז נאָך געווען ווערעביווקע, איז ער, אַריה ווערעביווקער, שוין געווען אַ ווערעביווקער... אַזוי פלעגט זאָגן דער זיידע זיינער. אַמאָליקע ייִדן!

און געזאָגט האָט עס אַריה ווערעביווקער, מיינט איר, גלאַט אַזוי? אַריה איז נישט געווען קיין פּראָסטער ייִד, וואָס זאָל זאָגן אַ גלײַכוועֿרטל אָן אַ מיין. געמיינט האָט ער דאָס די „גזירות". אין זײַנע צײַטן זײַנען אויך געווען גזירות אַף ייִדן· מע האָט נאָך דעמאָלט געהאַט געשמועסט, אַז מע וועט טרײַבן ייִדן פון די דערפער. און נישט נאָר געשמועסט, נאָר טאַקע געטריבן. אַלעמען האָט מען געטריבן און אַרויסגעטריבן. און דעם אַלטן אַריה ווערעביווקער — אַזאָס. אַ סברה, אַז דער גובערנאַטאָר אַליין האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכן, וואָרעם אַריה ווערעביווקער האָט אויסגעוויזן על־פּי „זאַקאָן", אַז אים קאָן מען פון ווערעביווקע אַזוי גרינג נישט רירן. אַמאָליקע ייִדן!

ב.

אַוודאי, אַז מע האָט אַזאַ פּריווילעגיע אַף צו זײַן אין ווערעביווקע, אַ מין „זכות־אָבות", איז מען באַ זיך תקיף און מע לאַכט פון דער גאַנצער וועלט. וואָס האַרט אונדזער נחמן ווערעביווקער „גזירות"? „טשערטאַ"? „צירקוליאַרן"?... וואָס הערט, אַשטייגער, נחמן אַ גוי אַ רשע, קורעטשקאַ, מיט זיינע פּזמונות, וואָס ער ברענגט אים אַלע מאָל פון וואָלאָסט? קורעטשקאַ איז אַ גויעץ אַ נידעריקער מיט קורצע פינגער, גייט אָנגעטאָן אין אַ פּאָדיאָווקע, הויכע שטיוול, אַ זילבערנע קייט מיט אַ זייגער -- מעשה פּריץ. ער איז אַ שרײַבער אין וואָלאָסט. דעריבער וויים ער פון אַלע שווערע הערצער. דערצו לייענט קורעטשקאַ אַלע גוטע גאַזעטן, וואָס שרײַבן הײַנט מסירות אַף ייִדן — פּעך און שוועבל!...

קורעטשקא איז, אזוי זיך, דווקא נישקשה פון א גוי. ער איז נחמנס א שכן און כלומרשט א גוטער־ברודער. אז קורעטשקאן טוט ווי א צאָן, גיט אים „לאַכמאַן" א שוויינקעבץ. אָדער אז קורעטשקאס ווײַב, למשל, גייט צו קינד און דאַרף געלעגן ווערן, איז „לאַכמאַנקע" בא איר די הויבאַם. נאָר עפּעס פון א צײַט, דער רוח זאָל אים וויסן, זינט ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט די שיינע גאַזעטן, איז קורעטשקא געוואָרן גאָר אַן אַנדער גוי. „עשו האָט זיך אין אים צערעדט"... אַלע מאָל קומט ער צום ייִדן מיט א נײַס: „א נײַער גובערנאַטאָר"... „א נײַער צירקוליאַר פון מיניסטער"... „א נײַע „ראַספּאָריאַזשעניע" וועגן ייִדן"... דעם ייִדן רײַסט זיך טאַקע בעת מעשה אָפּ אין האַרצן און עס ווערט אים פאַרקילט אינעווייניק דער מאַמעס מילך, נאָר א מכה דאַרף א גוי וויסן. און דער ייִד הערט אים אויס מיט א שמייכעלע און ווײַזט אים אָפּ דער האַנט. ווי איינער רעדט: „ווען דאָ וועט אויסוואַקסן האָר"...

לאָזן גובערנאַטאָרן זיך בײַטן, לאָזן מיניסטאָרן שרײַבן צירקוליאַרן. וואָס גערער זיך עס אָן מיט נחמן ווערעביוווקער פון ווערעביוווקע?

ג.

לעבן לעבט נחמן ווערעביוווקער אין ווערעביוווקע גאַנץ נישקשהדיק. דאָס הייסט, צו די פריִערדיקע יאָרן קומט דאָס נישט. אוודאי אז דער זיידע אריה האָט געלעבט, איז געווען אַנדערע יאָרן. אוי, יאָרן! גאַנץ ווערעביוווקע איז דעמאָלט, קאָן מען זאָגן, געווען זײַערס. נישט איינע, נאָר עטלעכע פּרנסות האָבן זיי געהאַט: א שענק, א קלייט, א מיל, א קאַמער פון תבואה. און פּרנסה איז געווען, טאַקע ווי מע זאָגט, מיט טעלער און מיט לעפל. דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַמאָל. הײַנט האָבן זיך די אַלע זאַכן אויסגעלאָזט. אויס שענקן, אויס קלייטן, אויס קאַמערן פון תבואה. גאָר־נישט. גאָלע גאָרנישט. פרעגט זיך א קשיה: וויבאַלד אזוי, הײַנט וואָס זיצט א ייִד אין ווערעביוווקע? — ווו זשע דען זאָל ער זיצן? אין דער ערד? אַנו, לאָז נאָר נחמן א פּרווו טאָן פאַרקויפן די דירה — ווערט ער שוין אויס ווערעביוווקער. ער וועט שוין הייסן דעמאָלט אַן אײַנגעבעטענער. א פרעמדער. און אזוי איז פּאָרט אַן אייגן ווינקל. א שטוב אַן אייגענע. א דירה אָפּ צו זיצן. און בא דער שטוב א גאָרטן. דאָס ווײַב און די

טעכטער ארבעטן אַליין דעם גאָרטן, און אַז גאָט העלפֿט, עס איז אַ גערעט, איז פֿאַראַן גרינס אַ גאַנץ זומער און קאַרטאָפֿלעס אַפֿן גאַנצן ווינטער. ביז העט־העט נאָך פּסח. פֿון קאַרטאָפֿלעס אַליין קאָן מען אָבער נישט לעבן. צו קאַרטאָפֿלעס, זאָגט מען, דאַרף מען האָבן ברויט. און קיין ברויט איז נישטאָ. נעמט מען דעם שטעקן און מע גייט זיך דורך איבערן דאָרף עפּעס האַנדלען. און אַז נחמן גייט זיך דורך איבערן דאָרף עפּעס האַנד־לען, קומט ער שוין נישט אַהיים מיט ליידיקע הענט. וואָס גאָט גיט, דאָס קויפֿט ער: אַ ביסל אײַזנבערעך, אַ טאָפּ הירזש, אַן אַלטן זאַק, אַניט — איז גאָר אַ פּעלכל. דאָס פּעלכל ציט מען אויס, מע לופֿטערט דאָס דורך און מע טראָגט דאָס אַוועק צו אברהם־אליה דעם קירזשנער אין שטאָט אַרײַן. און פֿון די אַלע גליקן — איז אָדער מע פֿאַרדינט, אָדער מע דער־לייגט. דערויף איז מען אַ סוחר. „קופּעץ קאַק סטרעלעץ" — זאָגט נחמן, וואָס האָט ליב אַ גוייִש ווערטל. און אברהם־אליה דער קירזשנער, אַ ייִד מיט אַן אונטערגעבלויטער נאָז און מיט שוואַרצע פֿינגער, ווי אײַנגעטונקטע אין טינט, לאַכט פֿון אים, וואָס ער איז אַזוי ווײַט פֿאַר־גרעבט געוואָרן אין דאָרף, צווישן גויִם, אַז אַפֿילו אַ ווערטל איז בײַ אים אויך אַ גוייִש...

ד.

יאָ, פֿאַרגרעבט געוואָרן. נחמן פֿילט אַליין, אַז וואָס ווײַטער — ווערט מען אַלץ מער פֿאַרגרעבט. אַוודאי, ווען זײַן זיידע אריה ווערע־ביוווקער, עליו־השלום, זאָל אויפֿשטיין און אַ קוק טאָן אויף זײַן אייניקל! אײַ־אײַ־אײַ! דאָס איז געווען אַ ייִד! אויך אַ גוואַרדיאַן, נאָר אַ ייִד פֿון תּורה. געקענט פּרק און מחזור און תּהלים אויף אויסווייניק. אַמאָליקע ייִדן! און ער, נחמן, וואָס קען? עס זאָל אײַך צו קיין חרפּה נישט זײַן — קוים־קוים דאַוונען. נאָר גוט איז דאָס. זײַנע קינדער וועלן דאָס אויך ניט קענען... און טוט ער אַ קוק אויף די קינדער, ווי זיי וואַקסן אַלע אין שטוי־בער אַרײַן, הויך און ברייט, אַזוי ווי ער, און „נע טשיטאַטע, נע פּיסאַטע", אויך אַזוי ווי ער, — ווערט אים צען לעבער אין האַרצן. און מער ווי אויף אַלעמען טוט אים וויי דאָס האַרץ אויף דעם סאַמע ייִנגסטן, אַפֿן מיזיניק. פֿײַטל הייסט ער. אַ נאָמען נאָך זײַן טאַטן, פֿײַטל ווערעביוווקער, עליו־

השלום. א גראָטן קינד אָט דער פײַטל, מיט אַלע מעלות. אַפילו דער וווקס אויך א קלענערער, אָן איידעלער, מער יִדישלעך. א יִדיש קינד... הײַנט האָט דאָס א קעפּעלע — א מיניסטערשן קאָפּ. סך־הכּל איין מאָל נאָר האָט מען אים באַוויזן אין סידור אַף א ציקאָוועסט אָן „אַלף” מיט א „בית”, ווייס ער שוין, וועלכער איז אָן „אַלף” און וועלכע איז א „בית”. קיינמאָל וועט ער אײַך נישט זאָגן אַף אָן „אַלף” — א „בית”. און אַף א „בית” — אָן „אַלף”. וואַקסט אַזאַ גאָלד אין דאָרף, משטיינס געזאָגט, צווישן קעלבלעך און חזירים, שפּילט זיך מיט קורעטשקאַס זונדל פעדקאַ, פאָרט מיט אים רײַטנדיק אַף איין שטעקן, יאָגן זיך ביידע נאָך איין קאָץ, גראָבן ביידע איין גריבל און טוען ביידע אַלצדינג, וואָס קליינע קינדער קאָנען טאָן. זעט נחמן, ווי זײַן קינד שפּילט זיך מיטן „שרץ”, פאַרדריסט דאָס אים, און ער טריקנט, ווי אָן אונטערגעהאַקטער בוים...

ה.

און פעדקאַ איז דווקא א „גראָטענער שייגעץ”, א „מחירהדיק פּנים מיט א חנעוודיקער מאָרדע”, מיט ווײַסע פלאַקסענע האָר, אין איינע יאָרן מיט פײַטלען. און איז נאָך פײַטלען די כּפּרה. און פײַטל אים האָט אויך נישט פײַנט. א גאַנצן ווינטער ליגן די ביידע קינדער, יעדער בײַ זײַן טאַטן אַפן אויוון, ציִען זיך צום פענצטער און בענקען איינס נאָך דאָס אַנדערע. זעלטן־זעלטן, ווען זיי האָבן די זכיה צו זען זיך. נאָר אָט איז אַוועק דער ווינטער, דער לאַנגער בייזער ווינטער. אָט האָט זיך אויפגעדעקט די שוואַרצע ערד פון איר ווייסן קאַלטן שלייער. און א שײַן האָט געטאָן די זון. און א טריקן האָט געטאָן דאָס ווינטל. און א גרעזל האָט זיך באַוויזן. און דאָרטן, באַרג־אַראָפּ, דאָס טײַכל ושומעט. און דאָס קעלבל האָט צעלאָזט די נאָזלעכער און נישטערט. און דער האָן האָט צוגעמאַכט איין אייגל און שטייט א פאַרטראַכטער. און אַלץ אַרום און אַרום האָט אויפגעלעבט, אַלץ גרינט, אַלץ פרייט זיך: ס'איז ערב פּסח! — דעמאָלט קאָן מען שוין מער נישט אײַנהאַלטן אין שטוב נישט פײַטלען, נישט פעדקאָן. ביידע כאַפּן זיך אַרויס אַף גאָטס וועלט, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר זיי ביידן גלײַך. און ביידע נעמען זיי זיך פאַר די הענט און

מע לאָזט זיך לויפן אַהין, צום באַרג, וואָס שמייכלט צו זיי ביידן גלײַך: „קינדער, אַהער!"... און מע שפּרינגט אַקעגן דער זון, וואָס גריסט זיי ביידן גלײַך און רופט זיי ביידן צו זיך: „קינדער, אַהער!" און אַז זיי מידן זיך אײַן לויפנדיק, זעצן זיי זיך ביידע אַוועק אויף גאָטס ערד, וואָס ווייס נישט קיין ייִדן, וואָס ווייס נישט קיין גוי: „קינדער, צו מיר, צו מיר!"...

ו.

ביידע האָבן זיי וואָס צו דערציילן — אַזאַ לאַנגן ווינטער נישט געזען זיך. פײַטל באַרימט זיך פאַר זײַן חבר פעדקאַ, אַז ער קען שוין כמעט דעם גאַנצן אַלף־בית. און פעדקאַ באַרימט זיך, אַז ער האָט אַ בײַטש. באַרימט זיך פײַטל, אַז בײַ זיי איז הײַנט באַנאַכט פּסח. בײַ זיי איז שוין דאָ מצות אויף אַלע אַכט טאָג פּסח און ווײַן אויף אַרבע כוסות. „געדענקסט, פעדקאַ, פאַראַיאָרן האָב איך אַרויסגעטראָגן אַ מצה?" „מאַצאַ?" — זאָגט פעדקאַ און איבער זײַן חנעוודיקער מאָרדע צעגיסט זיך אַ ברייט שמייכעלע. אַפּנים, ער האָט זיך דערמאָנט אינעם טעם פון דער פאַראַיאָריקער ייִדישער מצה... „ביסט אַ בעלן, פעדקאַ, פאַרזוכן איצט אַ שטיקל מצה? פרישע מצה?" — אַ שאלה אַ ביסל, אויב פעדקאַ איז אַ בעלן! מע דאַרף נאָך פרעגן? „נו, קום זשע אַהין", זאָגט אים פײַטל און ווײַזט אים אָפּן באַרג, וואָס גרינט צו זיי און ווינקט צו זיי: „אַהער, קינדער, אַהער!"... און ביידע דראַפּען זיך אַרויף אַ באַרג, בלײַבן שטיין אַ ווײַלע פאַרכשופט, קוקן דורך די פינגער אויף די שפּילנדיקע שי־טערע שטראַלן פון דער ליבער זון און טוען זיך אַ וואָרף ביידע אויף דער נאָך פײַכטלעכער ערד, וואָס שמעקט שוין מיט גרינעם. און פײַטל שלעפּט־אַרויס פון אונטערן לײַבסערדאַק אַ פרישע, אַ ווײַסע, אַ קײַלעכיקע מצה, אָנגעשטאָכן אין דער לענג און אין דער ברייט פון ביידע זײַטן מיט קליינע לעכעלעך. און פעדקאַ באַלעקט זיך שוין באַצײַטנס, נאָך איידער פײַטל האָט צעשפּאַלטן די מצה פונקט אויף דער האַלב און צעטיילט זיך מיט זײַן חבר. „וואָס וועסטו זאָגן, פעדקאַ, אויף דער מצה?" — וואָס זאָל פעדקאַ זאָגן, אַז ס'איז בײַ אים אַ פול מויל מיט מצה, וואָס טרישטשעט אונטער די ציין און צעגייט אויף דער צונג, אַזוי ווי שניי? נאָך איין מינוט — און

אוים מצה. „מער נישטאָ?"... — טוט אים פעדקאַ אַ קוק אַרײַן מיט די גרויע אויגן אונטערן לײַבסערדאַק און באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ נאָך פוטער.
„דו וואָלסט דען געגעסן נאָך?" — פרעגט אים פײַטל תמעוואַטע, קײַענדיק דאָס לעצטע שטיקל מצה, און קוקט אַף אים שעלמיש, מיט כיטרע שווארצע אויגלעך. אַ שאלה אַ ביסל, אויב פעדקאַ וואָלט געגעסן נאָך!
„טאָ וואָרט אַ ביסל, זאָגט אים פײַטל, איבעראיאָר וועט זײַן נאָך"... ביידע צעלאַכן זיך פון דער המצאה און, נישט געזאָגט איינער דעם אַנדערן קיין וואָרט, גלײַך ווי מען האָט זיך צונויפגערעדט פריִער, טוען זיך ביידע אַ וואָרף און אַ קאַטשע־אַראָפּ, ווי צוויי קנוילן, גיך־גיך, באַרג־אַראָפּ.

ז.

אַף יענער זײַט באַרג שטעלט מען זיך אַף די פיס און מע באַטראַכט דאָס זשומענדיקע טײַכל, וואָס לויפט־אָפּ אין אַ זײַט, לינקס, און אַליין לאָזט מען זיך רעכטס, ווײַטער און ווײַטער איבערן ברייטן פרײַען פעלד, וואָס איז נאָך נישט אומעטום גרין, נאָר גיט האָפענונג גאָר אין גיכן גרין צו ווערן, וואָס שמעקט נאָך נישט מיט גראָז, נאָר גיט האָפענונג גאָר אין גיכן מיט גראָז צו שמעקן. און זיי גייען און גייען, שוין אָן ווערטער, נאָר פאַרטראַכט און פאַרכשופט, איבער דער ווייכער שמעקנדיקער ערד, אונטער דער לײַכטנדיקער שמייכלענדיקער זון. נישט זיי גייען, נאָר זיי שווימען. און נישט זיי שווימען, נאָר זיי פליִען. זיי פליִען גלײַך מיט די פויגלען, וואָס שוועבן פאַר זייערע אויגן, וואָס טוקען זיך און טראָגן זיך אין דער גרינער לופט פון דער דאָזיקער ליבער וועלט, וואָס דער ליבער גאָט האָט באַשאַפן פאַר אַלע, וואָס לעבט. שאַ, זיי זײַנען שוין בײַ דער מיל. דאָס איז דאָך דעם סטאַראָסטעס ווינטמיל. אַמאָל איז דאָ געווען נחמן ווערעביווקערס מיל. הײַנט געהערט זי צום סטאַראָסטע. אָפאַנאַס הייסט ער. אַ כיטרע גוי מיט אַן אוירינגל, און האָט שוין אַ סאַמאָוואַר אין שטוב. אָפאַנאַס דער סטאַראָסטע איז אַ רײַכער בעל־גוף. אַ חוץ דער מיל, האָט ער נאָך אַ קלייט אויך. טאַקע די קלייט, וואָס האָט געהערט אַמאָל צו נחמן ווערעביווקער. מיט כיטראָסט האָט ער אויסגעדונגען דעם ייִדן, צוגענומען בײַ אים די קלייט מיט דער מיל... אַלע מאָל, אַז עס קומט אין דער צײַט, גייט זי, די מיל. נאָר הײַנט נישט. הײַנט איז שטיל, נישטאָ קיין ווינט.

אַ מאָדנער פּאָר פּסח. אַ פּאַר־פּסח אָן ווינטן. דעריבער שטייט זי, די מיל. פּאַר אונדזערע חברים, פּיניטל און פעדקאַ, איז דאָס דווקא אַ מעלה. אַז די מיל שטייט, קאָן מען זי בעסער באַטראַכטן. אין אַ מיל איז דאָ וואָס צו זען. די מיל אַליין איז נאָך נישט אַזאַ־נ־נאַנטיק, ווי דער באַלעק, דער קלאָץ, וואָס איז געלייגט געוואָרן, מיט אַ רעדל באַם שפּיץ, אַף צו קערעווען די מיל אַהין, וווּ דער ווינט בלאָזט. און אָט אַף דעם באַלעק האָבן זיך די צוויי חברים אַוועקגעזעצט, און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן באַ זיי אַ געשפּרעך, איינס פון די געשפּרעכן, וואָס האָבן נישט קיין אָנהייב און האָבן נישט קיין סוף. פּיניטל דערציילט חידושים פון שטאָט. דער טאַטע האָט געהאַט אָנומעלטן אים מיטגענומען אין שטאָט. געווען מיט אים אין מאַרק, געזען קלייטן. נישט אַ ייִ ן קלייט, ווי באַ זיי אין ווערעביוֹוקע, נאָר אַ ס ך קלייטן. און נאָכדעם, פאַרנאַכט, אַזוי דערציילט פּיניטל, זיינען זיי געגאַנגען אין שול. דער טאַטע האָט געהאַט יאָרצייט נאָך זיין טאַטן. „נאָך מיין זיידן, הייסט עס. דו פאַרשטייסט, פעדקאַ, צי דו פאַרשטייסט נישט?”

עס קאָן זיין, אַז פעדקאַ פאַרשטייט, נאָר ער הערט נישט. וואָרעם ער פאָרט אַריין פלוצעם מיט אַ מעשה, וואָס עס קלעפּט זיך, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. פעדקאַ דערציילט פּיניטלען, ווי אַזוי ער האָט פאַראַיאָרן דערזען אַ פויגל־נעסט אַף אַ הויכן בוים. האָט ער געוואָלט אַרויף, האָט ער נישט געקאָנט. האָט ער געוואָלט דערלאַנגען מיט אַ שטעקן, האָט ער נישט געקאָנט. האָט ער גענומען וואַרפן שטיינדלעך, און האָט אַזוי לאַנג געוואָרפן, ביז ער האָט אַראָפּגעוואָרפן צוויי קליינע פאַרבלוטיקטע פייגעלעך.

— דערהרגעט? — זאָגט פּיניטל מיט שרעק און פאַרקרימט זיך.

— יונגעטשקע. — פאַרענטפערט זיך פעדקאַ.

— אָבער דערהרגעט?

— אָן פעדערלעך, געלע פּיסקעלעך, גראָבע בייכעלעך.

— אָבער דערהרגעט? דערהרגעט?..

ח.

ס'איז שוין געווען נישט פרי, אַז אונדזערע יונגע חברים, פײַטל און פעדקאָ, האָבן, נאָך דער זון אין הימל, זיך אַרומגעקוקט, אַז ס'איז שוין צײַט צו גיין אַהיים. פײַטל האָט שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז הײַנט אַף דער נאַכט איז פּסח. האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די מאַמע דאַרף אים נאָך אויסצוואָגן דאָס קעפּל און אָנטאָן נײַע הויזן. און ער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף, און פעדקאָ נאָך אים, און ביידע האָבן זיי זיך געלאָזט מיט דער זעלבער פרישקייט און מיט דער זעלבער פרייד צוריק אַהיים. און בכדי איינער זאָל נישט קומען פריִער און דער אַנדערער שפּעטער, האָט מען זיך, ווי אמתע חברים, גענומען פאַר די הענט און מע איז געפלויגן פײַל אויסן בויגן אין דאָרף אַרײַן. און אַז זיי זײַנען געקומען אין דאָרף אַרײַן, איז פאַר זייערע אויגן אַרויסגעטראָטן אַזאַ מין בילד:

נחמן ווערעביוזקערס שטוב איז באַלאַגערט מיט גויִים און גויעס, שקצים און שיקסעס. קורעטשקאָ דער שרײַבער און אָפּאַנאַס דער סטאַ־ראָסטע, דער סטאַרשינאַ און דער סאָטסקע און דער אוראַדניק — אַלע דאָ. אַלע ריידן, אַלע פּילדערן. און נחמן מיט דער נחמנקע שטייען אין מיטן, טענהן עפּעס און מאַכן מיט די הענט. נחמן האָט אײַנגעבויגן זיך, ווישט דעם שווייס מיט ביידע הענט. בײַ דער זײַט שטייען די עלטערע קינדער נחמנס, פינצטער ווי די ערד... פּלוצעם בײַט זיך איבער דאָס גאַנצע בילד. איינער טוט אַ וויַז אַף די צוויי יונגע חברים, און דער גאַנצער עולם מיטן שרײַבער, מיטן סטאַרשינאַ, מיטן סטאַראָסטע, מיטן סאָטסקע, מיטן אור־ראַדניק בלײַבן שטיין, ווי געליימטע. נאָר איין נחמן טוט אַ קוק אַפן עולם, גלײַכט זיך אויס מיט זײַנע ברייטע גוואַרדיאַנסקע פּלייצעס: „נו???" — און צעלאַכט זיך. און די נחמנקע טוט אַ פּלעסק מיט די הענט און הייבט גאָר אָן צו וויינען... דער סטאַראָסטע מיטן סטאַרשינאַ מיטן סאָטסקע מיטן אוראַדניק טרעטן אַרויס און גלײַך אַף זיי:

— ווו זײַט איר געווען, אַזעלכע און אַזעלכע?

— ווו מיר זײַנען געווען? בײַ דער מיל זײַנען מיר געווען.

. . . .

. . . .

. . . .

ט.

ביידע חברים, אי פײַטל, אי פעדקאַ, האָבן געהאַט נאָכדעם זייער ערלעך אויסקומעניש. און ביידע האָבן נישט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס?

פײַטלען האָט דער טאַטע, ראשית חכמה, אָפּגעשמיסן מיט דער יאַר־מעלקע: „אַ ייִנגעלע זאָלן וויסן". וואָס זאָל אַ ייִנגעלע וו׳סן?... און, אַפּנים, פאַר רחמנות האָט אים די מאַמע צוגענומען פונעם טאַטנס הענט, אים אײַנגעטיילט פון איר זײַט אַ פּאָר סטוסאַקעס און טאַקע באַלד גע־נומען אים אויסצוואַשן דאָס שוואַרצע קעפּל אויף יום־טוב און האָט אַרײַנ־געזעצט אים אין אַ פּאָר נײַע הויזלעך — דער איינציקער גאַרדעראָב זײַ־נער אויף פּסח — און זי זיפצט. וואָס זיפצט זי?... און נאָכדעם הערט ער, ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטן: „אוי, גאָט זאָל העלפן, מע זאָל שוין אי־בערקומען אָט דעם יום־טוב! עס זאָל כאָטש אָפּלויפן גלאַט... עס וואָלט געמעגט אַוועק דער פּסח נאָך איידער ער איז געקומען!"... און פײַטלס קאָפּ קאָן נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס זאָל אַוועק דער פּסח איידער נאָך ער איז געקומען?... און פײַטל ברעכט זיך דעם מח. ער פאַרשטייט נישט דעם טאַטנס שמיץ. ער פאַרשטייט נישט דער מאַמעס קלעפּ. ער פאַרשטייט נישט, וואָס פאַר אַ מין ערב־פּסח הײַנט איז אויף דער וועלט...

י.

און וויבאַלד אַז פײַטלס ייִדיש קעפּל פאַרשטייט נישט, פאַרשטייט דאָך שוין פעדקאַ אוודאי נישט, וואָס דאָ טוט זיך. פריִער האָט אים דער טאַטע קורעטשקאַ אָנגענומען פאַר דער גריווע, גוט אָנגעריסן אים די ווײַסע פלאַקסענע האָר און נאָך געשענקט אַ פּאָר פּאַטילעטשניקעס אַ פרידאַטאָק. די פּאַטילעטשניקעס האָט פעדקאַ צוגענומען, ווי אַ פילאָזאָף: ער איז שוין דערצו געוווינט געוואָרן. און ער הערט זיך צו, ווי זײַן מאַמע רעדט מיט די גויעס און ווי יענע דערציילן עפּעס מאָדנע מעשיות. אַ מעשה פון אַ קינד, וואָס ייִדן האָבן פאַרנאַרט צו זיך אין שטאָט ערב פּסח, אָפּגעהאַלטן אין אַ קעלער אַ טאָג מיט אַ נאַכט און געוואָלט אים נעמען צו דער אַרבעט. האָט מען דערהערט דאָס געשריי, איז מען זיך צונויפגעלאָפן, און מע האָט אַרויסגעראַטעוועט דאָס קינד. איז שוין גע־

ווען באַ דעם סימנים אַפּן לייַב — פּיר שטעך אין פּיר זייַטן, ווי אַ צלם...
אַזוי דערציילט איינע אַ כוואַטסקע גויע מיט אַ ברייטן אַטשיפּעק און מיט אַ רויט פּנים. און די איבעריקע גויעס הערן זי אויס און שאָקלען מיט די פאַרבונדענע קעפּ און צלמען זיך: „אוי, האָרענקאָ! אוי, ליי־שענקאָ!"... און פּעדקאַס קאָפּ קאָן נישט פאַרנעמען, וואָס קוקן אָף אים בעת מעשה די גויעס? און וואָס פאַר אַ שייכעס האָט די מעשה צו אים און צו פּייַטלען? און פאַר וואָס האָט אים דער טאַטע קורעטשקאַ אָנגע־נומען באַ דער גריווע, אָנגעריסן באַ די ווייַסע פלאַקסענע האָר און גע־שענקט אַ פּאָר פּאַטילעטשניקעס אַ פּרידאַטאָק? עס אַרט אים נישט אַזוי די גריווע, עס אַרט אים נישט אַזוי די פּאַטילעטשניקעס. דאָס איז ער ניט זשעדנע קיינמאָל, ער וואָלט נאָר אַ בעלן זייַן וויסן: פּאַר וואָס עפּעס הייַנט אַזאַ־נ־אָרנטלעכע פּאָרציע — אי געטראָגן פאַר דער גריווע, אי גע־ריסן באַ די האָר, אי פּאַטילעטשניקעס אַ פּרידאַטאָק? פּאַר וואָס?... פּאַר וואָס?...

יא.

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

— נו? — הערט פּייַטל, ווי דער טאַטע זאָגט צו דער מאַמע באַלד נאָך פּסח מיט אַ שייַנענדיק פּנים, גלייַך ווי עס וואָלט אים געטראָפן מי־יודע וואָס פאַר אַ גליק. — איאָ? דו האָסט דאָך אייַנגעלייגט די וועלט? דו האָסט דאָך מורא געהאַט?... אַ ייִדענע בלייַבט אַ ייִדענע. אַוועק אונד־זער פּסח און זייער פּסח, און גאָרנישט!..

— דאַנקען גאָט! — ענטפערט אים די מאַמע, און פּייַטל פאַר־שטייט ווידער נישט, וואָס האָט די מאַמע מורא געהאַט?... און וואָס איז דאָ די גדולה, וואָס דער פּסח איז אַוועק?... וואָלט דען נישט בעסער געווען, דער פּסח זאָל זיך נאָך ציִען און ציִען?...

פײַטל באַגעגנט זיך מיט פעדקאַן אין דרויסן בײַ זײער שטוב, קאָן ער זיך נישט אײַנהאַלטן און גיט אים באַלד איבער אַלצדינג, װי אַזױ מע האָט בײַ זײ געדאַװנט, און נאָכדעם — װי מע האָט בײַ זײ געגעסן. אױ, געגעסן! און ער גיט אים איבער דעם טעם פון אַלע פּסחדיקע מאַכלים, װאָס מע האָט בײַ זײ געגעסן, און פון דעם זיסן װײַן, װאָס מע האָט בײַ זײ געטרונקען. און פעדקאַ הערט זיך צו מיט קאָפּ און פאַר־קוקט צו פּײַטלען אונטערן לײַבסערדאַק. אים חלומט זיך נאָך אַלץ „מאַצאַ"... פּלוצעם לאָזט זיך הערן איבער דער גאַנצער גאַס אַ קװיטש מיט אַ ניגון אױף אַ סאָפּראַן־שטימע:

— כװעד־קאַ! כװעד־קאַ!

דאָס רופט די מאַמע אַהײם דעם קלײנעם פעדקאַ, ער זאָל גײן עסן װאַרעמעס. נאָר פעדקאַ כאַפּט זיך נישט. איצט װעט מען אים שױן נישט טראָגן פאַר דער גריװע! ערשטנס, זײַנען זײ דאָך נישט בײַ דער מיל. און צװײטנס, איז שױן „נאָך פּסח"... נאָך פּסח איז נישטאָ װאָס מורא צו האָבן פאַר די ייִדן... ליגט ער זיך דאָ אין דרױסן אױפן בױך מיטן װײַסן קעפּל אױף די הענט, און אַקעגן אים ליגט פּײַטל אױך אױפן בױך מיטן שװאַרצן קעפּל אױף די הענט. און דער הימל איז בלױ, און די זון װאַרעמט. און דאָס װינטל גלעט און שפּילט זיך. און דאָס קעלבל איז בײַ דער זײַט, און דער האָן איז דאָ מיט אַלע זײַנע װײַבער. און בײדע קעפּלעך, דאָס װײַסע מיטן שװאַרצן, ליגן אָנגעשפּאַרט אױף די הענט, און מע רעדט, און מע רעדט, און מע רעדט, און מע קאָן זיך גאָרנישט אָנריידן...

יב.

און נחמן װערעבײװקער איז נישטאָ אין דער הײם. ער האָט זיך גענומען דעם שטעקן און האָט זיך פון גאַנץ פרי אָן געלאָזט גײן איבער דעם דאָרף עפּעס האַנדלען. בײַ יעדן הױף שטעלט ער זיך אָפּ. גיט־אָפּ יעדן גױ דעם גוט־מאָרגן, רופט אָן יעדן באַזונדער באַם נאָמען, רעדט זיך דורך פון אַלצדינג אין דער װעלט, נאָר נישט פון דער פּסחדיקער מעשה... נאָר נישט פון די פּסחדיקע פּחדים... און פאַרן אַװעקגאַנג שױן טוט ער אַ טאַפּ אין װאָגן: „געפינט זיך נישט בײַ דיר, גױ, עפּעס אַ זאַך,

וואָס דו דאַרפסט נישט?" „נישטאָ, לאַכמאַן". „אײַזנבערעך, אַ ביסל הירזש, אַן אַלטע זאַך, אָדער גאָר אַ פעלכל?" „האָב קײן פּאַראיבל נישט, לאַכמאַן, נישטאָ גאָרנישט. אַ ביטערע צײַט". „אַ ביטערע צײַט? פאַר־שכורט מן הסתם? אַזאַ יום־טוב!"... „ווער מיר שכורט? וואָס מיר יום־טוב? אַ ביטערע צײַט!"...

דער גוי זיפצט, און נחמן זיפצט אויך. און נאָכדעם רעדט מען אַ ביסל פון זײַטיקע זאַכן, אַזוי עס זאָל נישט אויסזען, אַז ער איז געקומען האַנדלען. גייט ער אַוועק פון דעם גוי צום אַנדערן, צום דריטן — ביז ער טרעפט אָן עפּעס וואָס, און קומט אַהײם נישט מיט ליידיקע הענט.

און נחמן וועדעביוווקער, אַן אָנגעלאָדענער און אַ דערשוויצטער, שפּאַנט מיט זײַנע גרויסע גוואַרדיאַנסקע פיס אַהיים און קלערט איצט נאָר פון איין זאַך: וויפל שטייט אים דאָ צו פאַרדינען, אָדער צו דער־לייגן? פון דער ערב־פסחדיקער מעשה האָט ער שוין פאַרגעסן. פון די פסחדיקע פחדים האָט ער שוין פאַרגעסן. און דער שכן קורעטשקאָ מיט זײַנע גובערנאַטאָרן און מיט די צירקוליאַרן זײַנען אין דער מינוט אַרויסגעפלויגן פונעם קאָפּ. ער האָט אים אין דער לינקער פּאָה!...

לאָזן ווינטן בלאָזן. לאָזן שטורעמס פײַפן. לאָז די וועלט זיך קערן. אַן אַלטער דעמב, וואָס שטייט משטת ימי־בראשית, וואָס זײַנע וואָרצ־לען דערגרייכן מי יודע וווהין — וואָס הערט ער ווינטן? וואָס הערט ער שטורעמס?...

געשריבן אין יאָר 1910

פסח מיט אַ קל - וחומר

בין איך שוין ווידער אין דער היים — אין כתרילעווקע. אַ שאָק מיט יאָרן נישט געווען. איצט בין איך געקומען צו פאָרן אַף פסח צו־גאַסט צו מײַנע „קליינע מענטשעלעך".

דער ערשטער, וואָס איז מיר געקומען אַקעגן, איז געווען מנשה רב יחיאל דעם בעל־הגלהס זונדל, אויך אַ בעל־עגלה.

איבערגעלאָזט האָב איך אים אַ בחורעץ אָן אַ באָרד, נאָר מיט אַ שוואַרצער, עטוואָס באַוואַקסענער גראָבער ליפּ. שבת און יום־טוב אין שול פּלעגן מיר, קונדייסים, אים פאַרשטופּן אין אַ ווינקעלע און געבן בוכענצעס אָן אַ שיעור, און ער פּלעגט שווײַגן. איצט טראָגט ער שוין אַ קלאָטשעוואַטע באָרד, ווי דער טאַטע זײַנער, אים צו לענגערע יאָר, און אַ לאַנגע, מיט סמאָלע אויסגעשמירטע, נאַקידקע, ווי דער טאַטע, אים צו לענגערע יאָר. און אַ באַרעדעווודיקער, אַ דירעוודיקער און אַ פרייליכבער איז ער אויך, ווי דער טאַטע, אים צו לאַנגע יאָר. זײַן טאַטע יחיאל, אים צו לענגערע יאָר, איז געווען ניט גלאַט אַ בעל־עגלה, נאָר אַ בעל־עגלה אַ בן־תורה, אַ בעל־עגלה אַ למדן, אַ בעל־עגלה מיט אַ פּרק משניות, מיט אַ מעשה, מיט אַ משל און מיט אַ מדרש. אַף זייער בעל־עגלהשן לשון ווערט דאָס אָנגערופן „אַ ב ע ל־ע ג ל ה מ י ט כ ר י י ן" ... פאַר אים האָט אַ בעל־הבית געהאַט דרך־ארץ. אים האָט קיינער נישט געוואַגט זאָגן „דו", נאָר „זײַט זשע מוחל, רב יחיאל!"

איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז רב יחיאל דער בעל־עגלה, אים אָפּ־געגעבן שלום און געוואונדערט זיך, וואָס ער איז גאָרנישט געעלטערט געוואָרן, קיין קאָפּ אפילו. לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז רב יחיאל איז שוין לאַנג אַף יענער וועלט, אים צו לענגערע יאָר, און ער איז זײַן זון מנשה, אָט אַ יענער בחור, וואָס מיט דער שוואַרצער, גראָבער, עטוואָס

באַוואַקסענער ליפּ. אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע. ווי אַזוי רעדט מען מיט אים? אַף „דו", אָדער אַף „איר"?... איך זאָג אים ניט „דו" און נישט „איר".

— וואָס זשע מאַכט מען? — פרעג איך.

— וואָס זאָל מען מאַכן? — ענטפערט ער מיר. — מע בעל־עגלה־ וועט... ווי דער טאַטע, מיר צו לענגערע יאָר.

— און מע לעבט?

— מע מוטשעט זיך און מע לעבט, וויאָ! ווי דער טאַטע פלעגט זאָגן, מיר צו לענגערע יאָר... מע פאָרט־אַרום צום וואָקזאַל צוויי מאָל אַ טאָג, טאָמער וועט גאָט צושיקן פאַרשוינען, און קיין פאַרשוינען זיינען ניטאָ, כאָטש גיב זיי אַ קרענק, ווי דער טאַטע, מיר צו לענגערע יאָר, פלעגט זאָגן, אַ חליה זאָל אַף זיי קומען, מיר צו לענגערע יאָר!...

איך האַק אים איבער די קללות און טו אים אַ פרעג:

— און וואָס הערט זיך עפּעס מיטן פּסח?

— וואָס זאָל זיך הערן? — מאַכט ער צו מיר פריילעך, ווי זיין טאַטע, אים צו לענגערע יאָר. — דער פּסח וועט זיין מיט אַ קל־וחומר, ווי דער טאַטע, מיר צו לענגערע יאָר, פלעגט זאָגן.

— מיט וואָסער אַ קל־החומר?

— מיט אַ קל־וחומר ווייסט איר ניט? — און ער דרייט אויס צו מיר דעם קאָפּ, ווי זיין טאַטע, אים צו לענגערע יאָר, און שמייכלענדיק דערציילט ער מיר אַ לאַנגע מעשה, וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן, אים צו לענגערע יאָר, אַ מעשה מיט אַ רבין, ווי אַזוי דער רבי איז גע־ פאָרן אַף שבת אַהיים מיט אַ קל־וחומר:

„איינמאָל פאָרט זיך דער רבי אַהיים מיט זיין אייגענעם בעל־עגלה. וויאָ!... פריַיטיק איז דאָס געווען, ערב שבת. פּלוצעם — טרראַך! גע־ פּלאַצט אַ ראָד. שטעלט זיך אָפּ דער בעל־עגלה: „רבי, וויאָ! וואָס טוט מען?"... מאַכט צו אים דער רבי מיט אַ קל־וחומר: „מה־דאַך אַ בידקע איז נאָר אַף צוויי רעדער, פונדעסטוועגן פאָרט מען אַף איר, היינט בפרט דיין וואָגן איז אַף דריַי רעדער, וועט ער אוודאי פאָרן"...

„אָפּגעפאָרן נאָך אַ ביסל — טרראַך! געפּלאַצט נאָך אַ ראָד. „רבי, וויאָ! וואָס טוט מען איצט?" מאַכט צו אים דער רבי מיט אַ קל־וחומר: „מה־דאַך אַ ליסעפּעד, וואָס האָט איין ראָד אַ גרויסע, די אַנדערע אַ קליי־

נע, פונדעסטוועגן פּאַרט מען אַף אים, הײַנט בפרט דײַן וואָגן, וואָס האָט צוויי גלײַכע רעדער, וועט ער אוודאי פאָרן"...

„אָפּגעפאָרן נאָך אַ ביסל — טרראַך אַ ראָד! „רבי, וויאָ! וואָס טוט מען איצט?" מאַכט צו אים דער רבי ווידער מיט אַ קל־וחומר: „מה־דאָך אַ שליטן, וואָס האָט גאָר קיין רעדער ניט, פונדעסטוועגן פּאַרט מען אַף אים, הײַנט בפרט דײַן וואָגן, וואָס האָט אַ ראָד, וועט ער אוודאי פאָרן"...

אָפּגעפאָרן נאָך אַ ביסל — טרראַך די לעצטע ראָד! „וויאָ, רבי! וואָס טוט מען איצטער?" מאַכט צו אים דער רבי מיט אַ קל־וחומר: „מה־דאָך אַ לופט־באַלאָן, וואָס איז ניט אָפּן הימל, ניט אַף דער ערד, פונדעסטוועגן פּאַרט מען אַף אים, הײַנט בפרט דײַן וואָגן, וואָס איז אינגאַנצן אַף דער ערד, וועט ער אוודאי פאָרן"...

— גוט, — זאָג איך צו מנשהן. — וואָס געהער זיך אָבער אָן דער קל־וחומר מיטן פּסח?

— עס געהער זיך זייער אָן! — מאַכט צו מיר מנשה שוין גאַנץ ערנסט. — מה־דאָך גוייִם, וואָס האָבן ניט קיין מצה און עסן אַכט טאָג בסדר גאָלע חמץ, שטאַרבן זיי ניט, הײַנט בפרט מיר, להבדיל, כּתרילעווקער ייִדן, וואָס פאַרמאָגן ניט קיין מצה און ניט קיין ברעקל חמץ, וועלן מיר אוודאי ניט שטאַרבן!... טפּררו! אָט זײַנען מיר שוין אין כּתרילעווקע. ווגהין וועט איר זיך הייסן אָפּוואַרפן, רב שלום־עליכם, ווי מײַן טאַטע פלעגט זאָגן, מיר צו לענגערע יאָר?...

איך קוק אַף מנשהן און טראַכט מיר:

„רבונו של עולם! ווי איז דאָס מעגלעך? איינס פון די צוויי: אָדער דאָס איז נישט מנשה, נאָר זײַן פאָטער רב יחיאל, אים צו לענגערע יאָר, מיט אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק צוריק, בעת איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל אַ קונדס און מנשה אַ בחורעץ מיט אַ שוואַרצער, גראָבער, עט־וואָס באַוואַקסענער ליפּ, וואָס מיר פלעגן אים פאַרשפּאַרן אין ווינקעלע און געבן בוכעצעס, אָדער... דאָס איז אינגאַנצן אַ חלום!"

געשריבן אין יאָר 1912

די וועלט גייט צוריק

אַ סינעמאַ ־ פאַנטאַזיע לכבוד חנוכה

א.

רב אַברהמעלע ווייראַך בענטשט חנוכה־ליכטלעך

אַפן לײַוונט אַ נגידיש הויז פון אַלטפרענקישן שטאַט. אַלטפרענקיש, נאָר רײַך מעבל. אַלטמאָדישע בילדער, צווישן זיי נאַפּאָלעאָן דער ער־שטער, קייסער אַלעקסאַנדער, אויך אַלטע ייִדישע גדולים און גאונים, מעשענע העסעס אַף די ווענט מיט סטריגעווע ליכט. פון דעם גלעזערנעם אַלטן שראַנק קוקן־אַרויס גאָלדענע און זילבערנע כלים. צווישן זיי אַן אַלטער בעכער, אַן אַלטער הדס. גאַנץ פאָרנט בײַ דער טיר אַ גרויס זיל־בערן חנוכה־לעמפּל, פיליגראַנע אַרבעט, אונטערגעהאַלטן מיט צוויי לייבן; אויבן פויגלען מיט מאָדנע אויסגעדרייטע קעפּ. אַלץ איז פאַרטיק צו בענטשן חנוכה־ליכטלעך. דער בעל־הבית אַליין, רב אַברהמעלע ווייראַך, אַ גבירשער יונגערמאַן, אַ טאַטע פון קינדער, שטייט גרייט מיטן וועקסן ליכטל (דער שמש) אין האַנט; ער וואַרט נאָר אַף דער בעל־הביתטע מיט די דינסטן — זיי זאָלן אַרײַנקומען פון קיך הערן אים חנוכה־ליכטלעך בענטשן. עס עפנט זיך די טיר און עס קומט ־אַרײַן פריִער די בעל־הביתטע, נחמה ווייראַך, אַ ווײַבל אַ יפת־תואר, אַ סך צירונג; איר גייט־נאָך אַ קינד, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר זיבן־אַכט, מיט אַ זײַדן העמדעלע און מיט אַ גאָלדגעאַרבעט סאַמעטן יאַרמעלקעלע אַפן קאָפּ. בײַם קומען־אָן אויך די דינסטן, אַ ייִדענע אַ קעכן, אַ מיידל אַ

פּאָקאָיוואָע, אַ יונג אַ משרת מיט פּעטע באַקן און אַ ציקאַווע ייִדל אַ מלמד אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע מיט אַ פּעלצן קאַפּעלוש אויפֿן קאָפּ. רב אַבֿרהמעלע ווייראַך מאַכט די ברכה, בייגט זיך צו, צינדט־אָן די ליכטלעך, אַ ליכטל נאָך אַ ליכטל. דער גאַנצער עולם ענטפֿערט אָמן. אַלע פּנימער זאָגן אַרויס פֿרייד, אַלע אויגן פֿינקלען. רב אַבֿרהמעלע ווייראַך נעמט־אַרויס דאָס בײַטעלע, גיט דעם קינד חנוכּה־געלט. די דינסטן גייען־אָפּ. עס ווערט אַ באַוועגונג אויפֿן עקראַן — עס קומען־אָן איינס נאָך איינס געסט, קרובֿים, שכנים און גלאַט ייִדן בעלי־בתּים פֿון שטאָט. אַלע באַגריסן די בעלי־בתּים, גיבן דעם קינד חנוכּה־געלט. די געסט זעצן זיך אויס דערווײַל בײַ די קליינע טישלעך. מע שפּילט ווער אין דאָמינאָ, ווער אין שאָך. מע גרייט צום טיש. מע שטעלט־אויס שטולן. דער בעל־הבית זעצט זיך אויבן־אָן. די בעל־הביתטע בעט דעם עולם צום טיש. די דינסטן טראָגן אַרײַן אין גרויסע פּאָלומעסקעס געבאַקענע לאַטקעס, שמאַלץ און גריוון און אַנדערע גוטע זאַכן. עס גיסט זיך ווײַן, אַזוי ווי וואַסער. דאָס קליינע איציקל כאַפּט זיך אַלע מאָל אַרויס פֿון טיש, שפּילט אין דריידל. אויפֿן עקראַן שפּיגלט זיך אָפּ דאָס דריידל מיט די אותיות: נ. ג. ה. ש. דער עולם קלייבט נחת פֿונעם קינד. מע טרינקט לחיים.

ב.

בײַ איסאַק אַבֿראַמאָוויטשן בענטשט מען חנוכּה־ליכטלעך

אויפֿן עקראַן דאָס זעלבע הויז — באַנײַט. נײַע בעלי־בתּים. אין די שטריכן פֿונעם בעל־הבית איז צו דערקענען דעם קליינעם איציקל. ער איז אויסגעוואַקסן. ער איז שוין אַליין אַ גבֿיר, אַ גרויסער גבֿיר. זײַן נאָמען איז שוין איצט איסאַק אַבֿראַמאָוויטש. ער האָט אַ ווײַב אַ גרויסע אַריסטאָקראַטקע. קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָווגאַ רופֿט מען זי — זי פֿירט די שטוב קוממיותדיק, הויך־הויך אַריסטאָקראַטיש. דאָס הויז איז דאָס זעלבע נאָר אַנדערע מעבל, אַנדערש באַפּוצט, מאָדערן־סטיל. פֿון די אַלטע העסעס איז נישטאָ קיין זכר. די אַלטע בילדער אַראָפּ. אויף זייער אָרט הענגען נײַע, מאָדערנע בילדער. מע וואַרט אויף געסט. עס שטייען טישלעך, גרינע טישלעך. אויף די טישלעך ליגן צוגעגרייט פּעשלעך קאָרטן, שטיק־

לעך קרײַד מיט בערשטעלעך — דער גאַנצער קלאַפּערגעצײַג. אין ווינקל באַ דער טיר הענגט דאָס אַלטע זילבערנע חנוכה־לעמפּל — פון יוצא־וועגן, צוליבן טאַטן — אַן אַלטע טראַדיציע פאַרבליבן פון אַמאָליקע יאָרן.

איסאַק אַבראַמאָוויטשעס בן־יחידל, י אַ ש ע נ ק ע , שפּילט זיך דאָרט ערגעץ מיט דער באָנע (אַ קריסטן). אַלע מינוט קומט יאַשענקע אַרײַן און אַרויס. די באָנע לויפט אים נאָך און שלעפּט אים אַוועק. אײנציקווײַז קומען זיך צונויף די געסט. לויטער אַריסטאָקראַטן, מיט זייערע ווײַבער, דאַמען אַריסטאָקראַטקעס. אַלץ איז אויסגעפּוצט אַפן שענסטן אָרט. קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ נעמט־אויף די געסט. עס קומט־אַרײַן פון אַ זײַטיק חדר דעם בעל־הביתס פאָטער, רב אַברהמעלע ווייראַך, שוין רעכט ווײַס, גייט־צו צום לעמפּל, וואָס באַ דער טיר, בייגט זיך צו, בענטשט חנוכה־ליכטלעך. עס רײַסט זיך אַרײַן דער קליינער יאַשענקע. קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ קוקט בייז אַף דער באָנע; יענע שלעפּט אים אַרויס.

אַף אַ מינוט טוט דער עולם אַן די היטלען. דער אַלטער בענטשט־אָפּ חנוכה־ליכטלעך, גייט באַלד אַוועק. דער עולם איז איבערגעקומען. דאַנקען גאָט... מע טוט־אויס די היטלען, מע זעצט זיך אַוועק אַרום די גרינע טישלעך, מע נעמט זיך צו דער אַרבעט.

ג.

קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ האָט געהייסן!

אַפן עקראַן — אַ קינדער־חדרל. אַ סך שפּילעכלעך און צאַצקעס. אין ווינקל צוגעגרייט אַ בוים — אַ יאָלקע — באַצײַטנס, לכבוד קריסטמאַס, פײַן צוגעקליבן, שוין מיט ליכטלעך, און ווי מיט שניי באַדעקט. יאַשענקע רײַסט זיך צו דער טיר. ער וויל דווקא אַהין, אין זאַל, וווּ די געסט. די באָנע האַלט אים דווקא צו, לאָזט אים דווקא ניט. ער רײַסט זיך, און זי לאָזט אים נישט. יאַשענקע דאַרף ניט זען, ווי מע בענטשט חנוכה־ליכטלעך. קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ האָט אַזוי געהייסן!...

ד.

ווער ווייסט, וואָס מיר וועלן נאָך דערלעבן?

אפֿן לײַוונט די זעלבע זאַל. איסאַק אַבראַמאָוויטש ווייראַך שוין אויך ווײַסלעך געוואָרן. קלעאָפּאַטרא דאַווידאָוונאַ ווייראַך איז די זעלבע קלעאָפּאַטרא דאַווידאָוונאַ, נאָר שוין נישט אַזוי גײַציק, ווי פֿריִער. אַ שטילע מרה־שחורה ליגט אױף זייערע פּנימער, ווי אויך אױף די פּנימער פֿון די געסט, וואָס קומען שוין נישט מיט אַזאַ אימפּעט און זעצן זיך ניט אַזוי האַסטיק צו די גרינע טישלעך. קענטיק, אַז יעדער טראָגט אַ זאָרג בײַ זיך אין האַרצן, טיף פֿאַרבאָרגן. דאָס אַלטע זילבערנע חנוכה־לעמפּל הענגט זיך אַלץ אױפֿן זעלבן אָרט, בײַ דער טיר. נאָר נישט דער אַלטער רב אַברהמעלע ווייראַך גייט־צו בענטשן חנוכה־ליכטלעך. דער אַלטער רב אַברהמעלע ווייראַך איז שוין לאַנג אױפֿן הייליקן אָרט. דאָ אין זאַל, אין אַ שוואַרצער ראָם געפּאַסט, הענגט זײַן בילד — אַ גרײַז־גרויער מאַן מיט טיף־פֿאַרזאָרגטע אויגן. חנוכה־ליכטלעך בענטשט אַ יונגער בחור, אַ סטודענטל מיט רויטע בעקלעך. נאָכן פּנים איז צו דערקענען, ווער דאָס איז. דאָס איז יאַשענקע אַזוי אויסגעוואַקסן. אַרום אים — נאָך עטלעכע סטודענטלעך, אַלע אין די היטלען. נאָך די סימנים פֿון זייערע פּנימלעך און באַוועגונגען איז צו דערקענען, אַז די געסט זײַנען טיילווײַז איבעראַשט, טיילווײַז צופֿרידן: „ווייראַכס זונדל שײַנט אַ ציוניסט"... טאַטע־מאַמע קוקן זיך איבער אַביסל פֿאַרשעמט. קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ פּײַערט. זי האָט זיך קיינמאָל נישט געריכט, אַז בײַ זיי זאָל אויסוואַקסן אַזעלכעס... אַזעלכעס... זי קנייטשט מיט די פּלייצעס, זי ברעכט די הענט, זי קוקט פֿאַרזאָרגט אױף איר קינד און אױף די געסט, האַלב געשמייכלט, האַלב גרייט צו בעטן בײַ זיי מחילה, גלײַך ווי זי וואָלט זיך פֿאַרזינדיקט קעגן עמעצן.

אירע אויגן זאָגן:

— די וועלט גייט צורייק!... ווער ווייס, ווער ווייס, וואָס מיר וועלן נאָך דערלעבן?!...

געשריבן אין יאָר 1913

שלח-מנות

אַ בילד

האַלב וואָכעדיק, האַלב יום-טובדיק, מיט אַ זײַדענער פּעטשיילע און מיט אַ פֿאַרטוך, שטייט די מאַמע באַם טיש, שטאַרק צעטראָגן. עפּעס אַ ווערטעלע אויסצורײדן — כמעט אַ מאה שלח-מנותן אָפּנעמען און כמעט אַ מאה שלח-מנותן אָפּשיקן. קיינעם נישט אָנזעצן, חלילה קיין טעות נישט האָבן, געדענקען ווען וועמען וואָס פֿאַר אַ שלח-מנות מע באַדאַרף אָפּ-שיקן. צום בײַשפּיל: אַז יענער שיקט אײַך איין פֿלעדל, צוויי קישעלעך, איין מאָהינדל, צוויי שטיקלעך טאָרט, איין האָניק-טייגל מיט צוויי צוקער-לעקעכלעך, — באַדאַרפֿט איר אים אָפּשיקן, געוויינלעך, צוויי פֿלעדלעך, איין קישעלע, צוויי מאָהינדלעך, איין שטיקל טאָרט, צוויי האָניק-טייגלעך מיט דרײַ צוקער-לעקעכלעך. מע באַדאַרף האָבן אַ קאָפּ פֿון אַ מיניסטער, חלילה נישט אָנמאַכן אַ חתונה, ווי עס האָט זיך אַמאָל שוין געטראָפֿן באַ אונדז אַזאַ אומגליק, דאָס הייסט, מע האָט אָפּגעשיקט איינער אַ נגידיתטע צוריק איר אייגענעם שלח-מנות, האָט זיך דאָס געטאָן! עס איז אַרויס אַ מחלוקת צווישן די מאַנען, מיט סקאַנדאַלן, מיט פּעטש, מיט מסירות, מיט רדיפֿות, ווי געוויינלעך... הײַנט די מענטשן, וואָס ברענגען דעם שלח-מנות, באַדאַרף מען אויך עפּעס שענקען, וועמען אַ קאָפּיקע, און וועמען צוויי, און וועמען נאָך מער ווי צוויי... אָט עפֿנט זיך די טיר און סע קומט אַרײַן אַ מיידל מיט שטאַרק-דרויטע האָר און מיט אַ סך קלײַען אויפֿן פּנים — דאָס איז מײַן רבינס אַ מיידל. זי גייט-אַרום פֿון איין בעל-הבית צום אַנדערן און נעמט-צונויף די שלח-מנותן מיט אַ טישטעכל. אינעם שעלעכל ליגט אַ לעקעכל, אינעם לעקעכל שטעקט אַ ראָזינקע, און אויף דער

ראָזינקע ליגט אַ זילבערנע מטבע. די מאַמע דעקט־אויף דאָס טישטעכל און לייגט־צו צו יענער מטבע נאָך אַ מטבע. און אויך דעם מיידל רוקט זי עפּעס אין האַנט אַרײַן. דאָס רויטע מיידל ווערט נאָך רויטער און ווינטשעוועט, ווי אַן אַלטע: „דערלעבט איבער־אַ־יאָר מיט אײַער מאַן און מיט אײַערע קינדער"... נאָך דעם רויטן מיידל קומט־אַרײַן אַ געשוואָלן בחורל מיט אַן אויפגעטראָגענער באַק, אונטערגעבונדן מיט אַ בלויער פּעטשיילע. איין אויג אַ קליינס, דאָס אַנדערע אַ ביסל גרעסער. אין האַנט האַלט ער אַ מעשן טעצל. אַף דעם טעצל ליגט אַ פלעדל, אַפן פלעדל איז אויסגעוויקלט אַ פּישעלע. דאָס פּישעלע איז אָנגעפילט מיט האָניקפּאַרפל. און בײַ דער זײַט ליגן עטלעכע זילבערנע מטבעות און אַ פּאָר קערבלעך פּאַפּירענע. דאָס געשוואָלענע בחורל גייט צו גלײַך צו דער מאַמע און שיסט אויס אין איין אָטעם, ווי אויסגעלערנט אַף אויסווייניק: „אַ גוט יום־טוב, דער רב האָט אײַך געשיקט שלח־מנות און דערלעבט איבער־אַ־יאָר מיט אײַער מאַן און מיט אײַערע קינדער"... דאָס געשוואָלענע בחורל נעמט־אָפּ זײַן רח"ש און גייט־אַוועק אָן אַ „זײַט־געזונט", וואָרעם די ווינטשעוואַניע האָט ער על־פּי טעות אויסגעכאַפּט פריִער. און עס קומען־אָן אַלע מאָל נײַע פּאַרשוינען מיט נײַע שלח־מנות: פונעם דײַן, פונעם חזן, פון די שוחטים, פונעם סופר, פונעם תלמוד־תורה־מלמד, פונעם בעל־תוקע, פונעם בעל־מגילה, פונעם מנקר, פונעם וואַסער־פירער, פונעם בעדער (אויך כלי־קודש!), און נאָך די דאָזיקע אַלע קומט צו גיין וועלוול דער שמש אליין, נעבעך אַ קראַנקער, אַ הייזעריקער, אַ יאַדעשליוועך. ער בלײַבט שטיין אַ ווײַלע בײַ דער טיר, כאַפּט זיך בײַם האַרצן און פּאַרהוסט זיך.

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס? — פרעגט אים די מאַמע שוין רעכט מיד פון דער אַרבעט.

— מע האָט אײַך געשיקט שלח־מנות — מאַכט וועלוול און באַווײַזט אַ לעקעכל אין האַנט. — דערלעבט איבער־אַ־יאָר מיט אײַער...

— פון וועמען איז? — פרעגט אים ווידער די מאַמע און לייגט־אַרײַן די האַנט אונטערן פאַרטעך; זי זוכט אַ מטבע.

— פון מיר טאַקע אליין, דערלעבט איבער־אַ־יאָר מיט אײַער...

— מאַכט וועלוול און פאַרהוסט זיך. — האָט קיין פּאַראיבל נישט, וואָס אליין... נישטאָ מיט וועמען צו שיקן... געווען איין מיידל, איז זי, נישט

דאָ געדאַכט... איר געדענקט דאָך מײַן פּראַדלען, עליה השלום?...

װעלװל דער שמש פֿאַרהוסט זיך אױף אַ גאַנצער מינוט, און די מאַמע טוט זיך אַ כאַפּ צו דער קעשענע, נעמט־אַרױס עטלעכע מטבעות מיט אַ מאָל און רוקט אים אַרײַן אין האַנט אַרײַן, און איז אים מכבד, אױסער דעם, מיט אַ שטיק טאָרט און מיט אַ פּאָר פֿלעדלעך. װעלװל שטופּט דעם טאָרט מיט די פֿלעדלעך אין בוזעם אַרײַן, דאַנקט און װינטשעװעט: „דערלעבט איבער־אַ־יאָר מיט אײַער מאַן און מיט אײַערע קינדער", און פֿאַרהוסט זיך װידער אַ מאָל. איך טו אַ קוק אױף דער מאַמע — און דערזע, אױף אירע שײנע אױגן הענגט אַ טרער.

װעלװל דער שמש האָט מיט זײַן שלח־מנות, װאָס ער האָט געבראַכט „פֿון זיך אַלײן", אַ ביסל פֿאַרשטערט אונדז דעם יום־טוב. אָבער נישט אױף לאַנג. באַלד נאָך זײַן אַװעקגאַנג קומען־אָן נײַע פֿאַרשװינען מיט נײַע שלח־מנותן. און די מאַמע האַלט אין אײן טײלן געלט: אַ גראָשן אױף צװײיען, צװײ גראָשן אױף דרײַען. און איטלעכער באַזונדער באַקומט אַ שטיקל טאָרט, אַ פֿלעדל, אָדער אַ לעקעכל — לאָז אַן אָרעמאַן אױך װיסן פֿונעם הײליקן יום־טוב...

— דערלעבט איבער־אַ־יאָר מיט אײַער...

— גם אתם! דערלעבט אױך איבער־אַ־יאָר!...

געשריבן אין יאָר 1916

די געפערלעכע מצה

מעשהלעך פאַר ייִדישע קינדער

אַמאָל איז געווען אַ מלך. דער מלך איז געווען אַ גרויסער און אַ שטאַרקער, נאָר ער האָט נישט ליב געהאַט קיין ייִדן. האָט ער אַרויסגע־געבן אַלע מאָל אַף זיי נײַע גזירות, ווי פּרעה מלך מצרים.

איינמאָל — פּסח איז דאָס געווען — האָבן זיך צונויפגעקליבן בײַ אים אין סענאַט אַלע מיניסטאָרן און מע האָט זיך אָנגעזעצט טראַכטן, וואָס פאַר אַ נײַע גזירה זאָל מען אַרויסגעבן אַף די ייִדן?

ייִדן זאָלן נישט טאָרן זיצן אומעטום — איז שוין דאָ. ייִדן זאָלן ניט טאָרן זײַן קיין אָפיצירן — איז שוין דאָ. ייִדישע קינדער זאָלן נישט טאָרן לערנען אין די גימנאַזיעס — איז שון דאָ.

איז איינעם אײַנגעפאַלן, ער זאָל אַרויסטרעטן קעגן מצה. איז ער אַרויס מיט אַ מסירה — אַזוי און אַזוי. דײַנע ייִדעלעך, אַז עס קומט פּסח, באַקן זיי אָן אַף אַכט טאָג כסדר אַזעלכע טרוקענע קײַלעכיקע קאָרזשעק־לעך, וואָס מע רופט זיי מצה. ווער ווייס, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין מאכל! עס וואָלט געווען מער ווי רעכט, מע זאָל זיי פאַרבאָטן עסן מצה.

האָט זיך דער מלך פאַרטראַכט און האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפויל, מע זאָל אים ברענגען אַ מצה.

האָט מען זיך צעלאָזט איבער דער הויפּטשטאָט זוכן אַ ייִדן, נאָר מע האָט נישט געקאָנט געפינען קיין ייִדן. און אַז מע האָט געפונען אַ ייִדן און געפאָדערט פון אים אַ מצה פאַרן מלך, האָט ער געשוואָרן, אַז ער עסט נישט קיין מצה. (די ייִדן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָ מוז זײַן אַ נײַע גזירה).

קוים מיט צרות, מיט לייד האָט מען געפונען אַ ייִדן, וואָס האָט נישט מורא געהאַט אויסצוזאָגן, אַז ער עסט מצה. און מע האָט געננ־מען בײַ אים אַ מצה און מע האָט געבראַכט די מצה אין סענאַט פאַרן מלך.

דערזען די מצה, איז זי דעם מלך געפעלן געוואָרן, און ער האָט זי פאַרזוכט און שטיקלעכווײַז געגעסן, ביז ער האָט זי אויפגעגעסן.

און אַז ער האָט זי אויפגעגעסן, האָט זיך דער מלך געפילט נישט גוט. און אַלע מאָל ערגער און ערגער. און אַז ס'איז אים געוואָרן גוט שלעכט, האָט מען אַראָפּגעבראַכט די בעסטע דאָקטוירים מיט די גרעסטע פּראָפע־סאָרן פון לאַנד, און זיי האָבן אויסגעפונען, אַז באַם מלך אין בויך גע־פינט זיך עפּעס אַ זאַך, וואָס טוט אים צום טויט.

האָט דער גרעסטער פון די פּראָפעסאָרן צוגעלייגט אַן אויער צום מלכס בויך און גענומען זיך צוהערן. הערט ער, ווי עמעצער זינגט דאָרטן. רופט ער זיך אָן צום מלך: „אדוני קיניג! אויב דו וועסט מיר דערלויבן, וועל איך זיך דורכריידן מיט דעם, וואָס געפינט זיך בײַ דיר אין בויך". זאָגט צו אים דער מלך: רייד. רופט זיך אָן דער פּראָפעסאָר צו דעם וואָס באַם מלך אין בויך: „זאָג מיר, ווער ביסטו?" ענטפערט אים יענער: „איך בין אַ ייִד". „וואָס טוסטו דאָ?" „גאָרנישט". „אפשר וואָלסטו ארויס?" „איך וויל נישט". „פאַר וואָס?" „דאָס איז מײַן עסק". „גייסטו ארויס, באַקומסטו אַ מתנה". „מיר ווייסן שוין, וואָ־סער אַ מתנה: מע שיקט מיך ארויס אין פיר און צוואַנציק שעה". „פאַר וואָס?" „דערפאַר, וואָס איך בין אַ ייִד, און אַ ייִד טאָר דאָ נישט זײַן". „אָבער אַז מע וועט דיר צוזאָגן, אַז דו מעגסט דאָ זײַן?" „מיר אַליין איז בלאָטע; איך וויל, אַז אַלע ייִדן זאָלן דאָ מעגן זײַן".

פונעם דאָזיקן שמועס האָט דער מלך זיך געפילט זייער נישט גוט. דער ייִד האָט גערעדט מיט הענט און מיט פיס און מיט אַלע אברים, און דער מלך האָט געמיינט, אַז ס'איז אַן עק פון זײַן לעבן. האָט ער אָנ־געהויבן בעטן בײַ די פּראָפעסאָרן, זיי זאָלן זען מאַכן אַן עק. רופט זיך אָן דער עלטסטער פון די פּראָפעסאָרן צו דעם וואָס באַם מלך אין בויך: „דער מלך זאָגט דיר צו, אַז דו וועסט דאָ מעגן זײַן וויפל דו ווילסט". „האָב איך דאָך געזאָגט שוין, אַז פאַר מיר אַליין איז בלאָטע; איך וואָלט וועלן, אַז אַלע ייִדן זאָלן מעגן". „גוט, אַלע ייִדן וועלן מעגן, אַבי גיי־

ארויס וואָס גיכער. „ווער זאָגט דאָס?" „דאָס זאָגן מיר, דאָקטוירים, נאָר אַזוי איז דער ווילן פונעם מלך". „פון וואַנען ווייס איך דאָס?" „האָסט דאָך געהערט, ווי דער מלך זאָגט". „דער מלך זאָגט — דאָס איז נאָך אַלץ ווייניק. איצט, אַז סע טוט אים ווי, זאָגט ער; שפּעטער, אַז ס'וועט אים אויפהערן ווײ־טאָן, וועט ער זאָגן עפּעס אַנדערש. אַזוי ווי פּרעה מלך מצרים". „וואָס זשע ווילסטו?" „וויל איך, ער זאָל עס חתמענען, ארויס־געבן אַף פּאַפּיר, דורכפירן דורכן סענאַט"...

און דער ייִד, וואָס באַם מלך אין בויך, האָט גענומען אַזוי שטאַרק וואַרפן מיט הענט און מיט פיס, אַז דער מלך האָט שוין מער נישט גע־קאָנט איבערטראָגן די ווייטיקן. האָט ער געהייסן, מע זאָל צונויפרופן די מיניסטאָרן און מע זאָל אָנשרײַבן אַ פּאַפּיר, צולייגן דעם מלכס חתימה און דורכפירן דורכן סענאַט אַ נײַעם געזעץ, אַז ייִדן מעגן וווינען דאָ אין דער קרוינשטאָט און אומעטום אינעם גאַנצן לאַנד פראַנק און פרײַ — והכל שריר וקיים.

און ווי נאָר דער ייִד האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך געגעבן אַ שפּאַר־ארויס דורכן מינדסטן פינגערל פונעם מלכס לינקער האַנט, זיך פאַרנייגט פאַרן גאַנצן סענאַט און איז גלײַך אַוועק צו זײַנע ברידער זוכן געשעפטן.

ניט באַוווּסט ווען ס'איז געשריבן.

(געדרוקט פון אַן איבערגעבליבענעם כתב־יד)

Este libro se terminó de imprimir
el día 3 de marzo de 1955 en los
Talleres Gráficos "Optimus" S.R.L.,
Valentín Gómez 2715-19 - Bs. As.